STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02358

HAYNRIKH HAYNES VERK

Heinrich Heine

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



הײנריך הײנעס
װערק

מיט זײן ביאָגראַפיע

איבערזעצט דורך לעאָן.

1-טער באַנד.

פערלאג "װעלט-ביבליאָטעק"
װארשא
תרס"ט.

Типографія „Гацефира" Панская 40.

היינריך היינע.

(אַ ביאָגראַפישע סקיצע).

— ווער איז היינריך היינע?

וועגען איינעם אַ ענגלישען פּאָעט שטערן האָט אַמאָל היינריך היינע געשריבען פאָלגענדע ווערטער:

„ער איז געוועזען דאָס שוים־קינד פון דער בלייכער טראַגישער מוזע. איין מאָל, ווען עס איז אויף איהר אָנגעפאַלען אַ גרויזאַמע צערטליכקייט, האָט איהם די מוזע געקושט דאָס האַרץ אַזוי געוואַלדיג, אַזוי ליעבעס־שטאַרק, אַזוי היציג־זויגענד, אַז זיין האַרץ האָט אָנגעהויבען צו בלוטען און האָט פּלוצלונג פערשטאַנען אַלע שמערצען פון דער וועלט און איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אונענדליכען מיטלייד. אָרעמעס, יונגעס פּאָעטישעס האַרץ! נאָר מנעמאָזינעס יונגערע טאָכטער, די ראָזיגע געטין פון לאַכען, איז שנעל צוגעשפּרונגען און האָט גענומען דאָס ליידענדע יונגעל אין איהרע אָרעמס, און האָט זיך בעמיהט איהם פרעהליכער צו מאַכען מיט לאַכען און זינגען, און האָט איהם אַלס צאַצקע געגעבען די קאָמישע מאַסקע און די נאַרישע גלעקעלעך, און האָט וויך געקושט זיינע ליפּען, און האָט איהם אויף זיי אַרויפגעקושט איהר גאַנצען לייכט=

זין, איהר גאַנצען טראָציגען פערלאַנג, איהר גאַנצע וויצינגע אָנרייצונג. און פון דעמאָלט אָן זענען זיין האַרץ און זיינע ליפּען אַריינגעפאַלען אין אַ שרעקליכע סתירה; ווען זיין האַרץ איז אָפט אויפגערעגט זעהר טראַגיש, און ער וויל אַרויסרעדען זיינע טיעפסטע בלוטענדע געפיהלען פון האַרצען, דאַן, צו זיין אייגענער פערוואונדערונג, פלאַטערען אַראָב פון זיינע ליפּען די לאַכעדיגסטע, וויצינגסטע ווערטער".

מיט די דאָזיגע ווערטער קאָן מען צום בעסטען האַראַקטעריזירען טאַקי היינע'ן אַליין.

היינריך היינע איז געבאָרען געוואָרען אין דער ענדע פון אַכצעהנטען יאָהרהונדערט ביי יודישע עלטערן אין דיסעלדאָרף דעם 13־טען דעצעמבער; נאָר דאָס יאָהר פון זיין געבורט איז נישט גענוי בעוואוסט: אַ טייל זאָגען, אַז דאָס איז געווען אין יאָהר 1797, אַנדערע ווידער זאָגען, אַז אין יאָהר 1799.

זיין פאָטער שמשון היינע, וועלכער איז געבאָרען געוואָרען אין האַנאָווער אין יאָהר 1765, איז אין יאָהר 1796 געקומען קיין דיסעלדאָרף, וואו ער האָט געגרינדעט אַ טוךגעשעפט. ווי היינע אַליין דערצעהלט, איז זיין פאָטער געווען אַ גאַנץ פרעהליכער מענש, „זיין שטימע האָט אַריינגעדרונגען גלייך אין האַרצען אַריין, אַזוי ווי זי וואָלט גאָרנישט געדאַרפט האָבען קיין וועג דורכ'ן אויער". ער איז געווען אַ גאַנץ פעהיגער, געשיקטער מענש, און עס איז איהם געלונגען צו בעקומען אַלס פרוי די איינציגע טאָכטער פון דעם יודישען דאָקטאָר פאָן־געלדערן, די שענע פּעירא, וועלכע מען האָט שפּעטער גערופען בעטי.

דאָס קינד, וואָס איז זיי געבאָרען געוואָרען, האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען האַררי (אַהרן); דעם נאָמען היינריך האָט היינע אָנגענומען ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זיך געטויפט. די מוטער האָט איהם זעהר זאָרגפעלטיג ערצויגען און האָט אויף איהם געהאַט אַ געוואַלדיגען איינדרוק. צום ערשטען האָט האַררי בעזוכט אַ קריסטליכע שולע, וואָס איז געווען בעשטימט דערהויפּט פאַר מיידלעך, ערשט דערנאָך איז ער אַריינגעטרעטען אין אַ יודישע פּריוואַט שולע. פון יאָהר 1807

ביז 1814 האָט ער בעזוכט דאָס דיסעלדאָרפער ליצעאום. היינע איז נישט געוועזען קיין גוטער שילער, ווי מען איז געוועהנט דאָס אָנצורופען, האָטש ער איז געוועזען זעהר פעהיג און איז גאַנץ פריה רייף געוואָרען.

זיין פאָטער האָט נישט געוואָלט, ער זאָל זיך אָבגעבען מיט שטודירען, נאָר ער זאָל בעסער ווערען אַ סוחר. אמת, ער אַליין האָט אין זיינע געשעפטען נישט געהאַט קיין גליק, דערפאַר אָבער איז זיין ברודער, שלמה היינע'ן, געגאַנגען זעהר גוט און ער האָט אין האַמבורג געהאַט אַ אייגענע באַנק־קאַנטאָר. לויט זיין פאָטערס וואונש האָט ער געזאָלט אָנהויבען זיין קאַריערע אין פראַנקפורט אַם מאַין. אַהין האָט איהם דער פאָטער געבראַכט אין יאָהר 1815 און איהם אָבגעגעבען צו אַרבייטען ביי אַ באַנקיר אין געשעפט. היינע האָט אין געשעפט פערבראַכט פיערצעהן טעג, נאָר אין פראַנקפורט איז ער געבליבען צוויי מאָנאַטען, כדי „צו שטודירען גאַנץ אַנדערע זאַכען", ווי ער האָט אַליין געזאָגט. דאַן איז ער צוריקגעפאָהרען צו זיינע עלטערן און האָט איינינגע מאָל ווידער געפרובט זיך נעהמען צו עפּעס אַ געשעפט. אין יאָהר 1816 איז ער געקומען קיין האַמבורג און מיט דער הילף פון זיין פעטער שלמה היינע, האָט ער געעפענט אַ אייגען געשעפט אונטערן נאָמען „האַררי היינע עט קאָמפּ."; דאָס איז געוועזען אין יאָהר 1818, נאָר נאָך איידער עס איז פערביי אַ יאָהר האָט ער דאָס געשעפט געמוזט ליקווידירען.

אין יענער צייט האָט היינע דורכגעלעבט זיין ערשטען ראָמאַן, וועלכען ער האָט זיין גאַנץ לעבען נישט פערגעסען. ער האָט זיך שטערבליך פערליעבט אין זיין קוזינע אַמאַליע, זיין פעטערס טאָכטער. צו'ם ערשטען האָט עס אויסגעזעהן, ווי זי ליעבט איהם אויך, אָבער דערנאָך איז זי פערלאָבט געוואָרען מיט אַנ'אַנדערן. היינע'ס ליעבע צו איהר איז געוועזען זעהר אַ טיעפע און אַ שטאַרקע, און אַ דאַנק דיעזער ליעבע האָט ער אָנגעהויבען שרייבען זיינע ערשטע געדיכטע.

עפענטליך איז היינע אַרויסגעטרעטען אַלס דיכטער צו'ם ערשטען מאָל אין דעם זשורנאַל „האַמבורגער וועכטער", אין וועלכען ער האָט אין יאָהר 1817 אָבגעדרוקט איינינגע ליע־דער אונטער דעם פסיידאָנים „סי פריידהאָלד ריזענהאַרף"

(צוזאַמענגעשטעלט פון די אותיות „דיסעלדאָרף" און „האַרדי היינע). אין דיזע לידער האָט מען שוין דערקענט דעם קינסטלערישן גרויסען טאַלענט.

זיין רייכער פעטער האָט אָבער נישט שטאַרק געהאַלטען פון פּאָעזיע און האָט גאָרנישט געוואָלט וויסען פון האַררי'ס פּאָעטישען טאַלענט. ער האָט ערקלערט, אַז ער איז בערייט אויסצוהאַלטען האַררי'ן אויף זיין חשבון דריי יאָהר, נאָר מיט דעם תנאי, אַז ער זאָל אַריינטרעטען אין אוניווערזיטעט, ענדיגען יוריספּרודענץ און זאָל דערנאָך קומען אין האַמבורג פּראַקטיצירען אַלס אַדוואָקאַט.

דעם עקזאַמען ביי'ם אַריינטרעטען אין אוניווערזיטעט האָט ער אַפילו נישט זעהר גוט אָבגעגעבען, דאָך איז ער אָנגענומען געוואָרען אין דער באָנער אוניווערזיטעט צו שטודירען די רעכטס־וויסענשאַפטען. נאָר וועגען די דאָזיגע וויסענשאַפטען, וואָס האָבען געזאָלט ווערען זיין פאַך, האָט זיך היינע גאַנץ וועניג געקימערט, ווייל זיי האָבען זיין האַרץ גאָרנישט צוגעצויגען. דערפאַר אָבער האָט ער זעהר פלייסיג שטודירט היסטאָרישע, ליטעראַרישע און קונסט־וויסענשאַפטען. אין באָן האָט זיך היינע בעקאַנט מיט איניגע בעריהמטע לייט פון יענער צייט, און איינינגע פון זיי האָבען אויף איהם געהאַט זעהר אַ גרויסען איינפלוס. צו יענער צייט איז זיין פּאָעטישע טעטיגקייט נאָך גרעסער געוואָרען; ער האָט פערענדיגט איינינגע לידער, וועלכע ער האָט אָנגעהויבען אין האַמבורג, און געשריבען נייע. אין באָן האָט היינע אויך אָנגעהויבען זיין זשורנאַליסטישע טעטיגקייט. אין דעם סטודענטישען לעבען האָט זיך היינע אויך בעטייליגט, נאָר אַ ביסעל אָב־געהאַלטענער; ער איז געווען אַ מיטגליעד פון דער „בורשענשאַפט" און האָט געטראָגען דאָס שוואַרץ־רויט־גאָלדענע באַנד און די רויטע מיץ, נאָר ער האָט זיך נישט אָבגעגעבען מיט די צו גרויסע סטודענטישע אַוואַנטורען. ער האָט נישט גערויכערט און נישט געטרונקען.

די פריינד זיינע האָבען זיך אָבער אַרומגעזעהן, אַז היינע'ס שטודיום אין באָן געהט גאַנץ שוואַך, און דעריבער האָבען זיי איהם געצוואונגען אין הערבסט פון יאָהר 1820 פערלאָזען די באָנער אוניווערזיטעט. אַ קורצע צייט האָט ער פערווײלט

ביי זיינע עלטערן, און דאן האט ער מעהרערע וואכען געמאכט א רייזע צו פוס דורך וועסטפאלען ביז געטינגען. די איינדריקען, וואס ער האט געהאט פון דער דאזיגער רייזע, האט ער געשילדערט אין זיין בערידמטען בוך „די הארצרייזע“.

אין געטינגען איז היינע ווידער אנגעקומען אין אוניווערזיטעט, נאר דא איז עס אויך נישט געגאנגען בעסער ווי אין באן. אנשטאט צו שטודירען דאס, פון וואס ער דארף שפעטער ציהען פרנסה, ד. ה. די רעכטס-וויסענשאפטען, האט ער זיך בעשעפטיגט מיט היסטאריע און ליטעראטור. נאר אין געטינגען האט ער נישט לאנג פערבראכט: איין מאל, ווען היינע איז געזעסען ביי'ם מיטאגס-טיש האט ער זיך צעווערטעלט מיט איינעם א סטודענט און האט איהם ארויסגערופען אויף א דועל. אלס דער פראָרעקטאר האט זיך דאס דערוואוסט האט ער איהם ארויסגעטריבען פון געטינגען אויף א משך פון א האלב יאהר.

דאן, אין יאהר 1821, איז היינע אוועק קיין בערלין. דאס איז פאר איהם געווען א זעהר וויכטיגער שריט, ווייל אין דער הויפטשטאדט בערלין האט ער געהאט די געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט די בערידמטעסטע מענשען פון יענער צייט, מיט'ן גייסטיגען לעבען, מיט אלערליי נייע אידעען און שטרעמונגען, וועלכע האבען אויף איהם שטארק געווירקט, און ער איז אין גיכען געווארען זעהר ענטוויקעלט.

אין בערלין האט ער פערבראכט דריי יאהר, אלץ שטודירענדיג כלומרשט די יוריספרודענץ, נאר אין אמת'ען האט ער גאנץ ווייניג זיך אינטערעסירט מיט זיין שטודיום. אנשטאט דעם האט ער אונטער דיזער צייט געשאפען פיעל פון זיינע בערידמטעסטע פאעטישע ווערק, און ער האט שוין אנגעהויבען צו ווערען בערידמט.

ווי אין באן אזוי אויך אין געטינגען האט זיך היינע אפילו גאנץ ווייט געהאלטען פון די יודישע קרייזען, נאר דאך האט זיין יודישע אבשטאמונג און זיין ערציהונג געהאט אויף איהם א גרויסע ווירקונג און ער האט זיי גאנץ טיעף אין הארצען געפיהלט, בפרט נאך ווען ער האט איינגעזעהן, אז צוזאמען מיט אלע איבעריגע יודען איז איהם אויך אויסגעקומען צו ליידען פון אונגערעכטיגער בעדריקונג. אין בערלין איז איהם אויס=

געקומען זיך געהנטער צו בעקענען מיט די יודישע קרייזען, בעזונדערס מיט עדוארד גאנז, לעאָפּאָלד צונץ און משה מאָזער, וועלכע האָבען געשטרעבט איינצופירען רעפאָרמען אין יודישען לעבען, כדי עס צוצופאסען צו די פאָדערונגען פון דער נייער צייט. צו דעם צוועק האָבען זיי אין יאָהר 1819 געגרינדעט א „פעראיין פאר קולטור און וויסענשאפט פון די יודען". פון יאָהר 1822 איז היינע געוואָרען א פלייסיגער מיטגליעד פון דעם דאָזיגען פעראיין; א געוויסע צייט האָט ער זאָגאר זיך אונטערגענומען צו זיין א לעהרער פאר היסטאָריע אין א בערלינער שולע פאר יודישע יונגלעך.

דערווייל אָבער האָט מען איהם געדרונגען, ער זאָל וואס גיכער ענדיגען זיין שטודיום. די לאגע פון זיינע עלטערן איז ערגער געוואָרען, דאס געשעפט איז געגאנגען שלעכט און זיין פאָטער האָט עס געמוזט אָבלאָזען. פונ'ם קליינעם קאפּיטאל, וואס איז איהם געבליבען, האָט ער קוים געקאָנט ערנעהרען די פאמיליע. היינע איז דאן אוועקגעפאָהרען צו זיינע עלטערן, כדי זיך דאָרט צוגרייטען אָבצוגעבען א עקזאמען אויף א אדוואָקאט, נאָר אפילו אין דער צייט, ווען ער האָט געמוזט זיין אינגאנצען פערטהון מיט זיין שטודיום, האָט ער זיך אויך מעהר אינטערעסירט מיט דער פאָעזיע און האָט אונטער דער צייט געשאפען פיעל בעריהמטע ווערק.

נאָר דאך האָט ער געמוזט זעהן ענדיגען וואס גיכער זיין שטודיום, אויב ניש, וואָלט איהם אויסגעקומען זיך צו צעקריגען מיט זיין רייכען פעטער, וועלכער האָט איהם אויסגעהאלטען. ער איז ווידער געפאָהרען אין געטינגען ענדיגען זיין שטודיום, און דאך האָט ער נישט אויפגעהערט צו שאפען אין ליטעראטור, צו וועלכער עס האָט איהם געצויגען אָהן אויפהער. צו יענער צייט האָט ער צווישען די איבעריגע בעקלערט און אנגעהויבען צו בעארבייטען זיין בעריהמטען ראמאן „דער רבי פון באכאראך".

ענדליך האָט היינע דעם 3־טען מערץ פון יאָהר 1825 אָבגעלעגט א עקזאמען. נאָר ער האָט דאן געקלערט, אז כל זמן ער וועט בלייבען א יוד, וועט ער קיין צוטריט ניט האָבען אין די נויטיגע ערטער, און עס וועט איהם זעהר שווער זיין

צו מאַכען אַ קאַריערע, און טראָץ דעם, וואָס היינע איז געווען אַ יוד מיט'ן גאַנצען האַרצען, האָט ער דאָך איינגעשטימט איבערצוגעהן פלומרשט צום קריסטליכען גלויבען, און דאָס האָט איהם זיין גאַנץ לעבען פערשאַפט געוואַלדיגע געוויסענס־ביסען און שאַרפע ליידען.

געטויפט האָט ער זיך צוליעב זיין אַדוואָקאַטען־קאַריערע, נאָר מיט דער דאָזיגער קאַריערע איז איהם געגאַנגען ווי מיט זיין סוחרישער קאַריערע: ער האָט נישט געהאַט קיין הצלחה, און ענדליך האָט ער געמוזט מודה זיין, אַז ער איז צו דעם אַלעם נישט פעהיג און האָט בעשלאָסען זיך אָבצוגעבען נאָר מיט ליטעראַטור. אין די יאָהרען 1826 און 1827 האָט ער אָנגעהויבען אַרויסגעבען זיינע פּאָעטישע און פּראָזאַאישע ווערק. דער ערפאָלג, וואָס דיעזע ווערק האָבען געהאַט, איז געווען אונגעהויער גרויס. מען האָט באַלד אַנערקענט, אַז מען האָט דאָ צו טהון מיט אַ פּאָעט און אַ שריפטשטעלער פון דער ערשטער מדרגה.

דאַן האָט היינע פאָרגעלעגט דעם פערלעגער קאַמפּע אַרויסצוגעבען זיינע ליעדער אין איין בוך. דער פערלעגער האָט צום ערשטען גאָרנישט געוואָלט הערען וועגען דעם, נאָר נאָך אַ לאַנגען צורעדען האָט ער איינגעשטימט אַרויסצוגעבען דאָס בוך אויף זעהר שלעכטע בעדינגונגען פאַר היינע'ן: פאַר 50 לואידאָרען, און דאָס אויך נישט באַרע געלד, האָט היינע פערלאָרען דאָס רעכט אויף אַלע אויפלאַגען פון דיעזען בוך.

דאָס איז געווען דאָס „בוך דער ליעדער", וועלכעס האָט געווירקט אויף אַלעמען ווי אַ פייער און האָט אויסגעהאַלטען אָהן אַ שיעור אויפלאַגען. קאַמפּע, דער פערלעגער, איז פון דאָס דאָזיגע קליינע ביכעל רייך געוואָרען, נאָר היינע איז געבליבען דער זעלבער קבצן ווי פריהער.

צו דער זעלבער צייט האָט ער אַרויסגעגעבען זיינע „רייזע־בילדער", אין וועלכע ער בעריהרט די פּאָליטישע פראַגען און האָט געהאַט אַ גרויסען ערפאָלג אַלס פּאָליטישער פּובּליציסט. אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט ער רעדיגירט מינכען אַ פּאָליטישע צייטונג, וועלכע איז אָבער אין אַ האַלב יאָהר אַרום אָבגעשטעלט געוואָרען. אין מינכען האָט ער זיך

בעקאַנט מיט אַ מיניסטער, און האָט פון איהם געהאָפט צו בעקומען אַ רעגיערונגס־שטעלע. ער האָט צו דעם צוועק געמאַכט אַ רייזע קיין איטאַליען, נאָר איידער ער איז נאָך געקומען קיין רוים האָט ער דערהאַלטען אַ ידיעה, אַז זיין פאָטער איז געשטאָרבען (אין יאָהר 1828).

זיין האָפנונג צו בעקומען אַ רעגיערונגס־שטעלע האָט איהם אָבגענאַרט. היינע האָט זיך ווייטער בעשעפטיגט מיט פּאָליטיק און פּובּליציסטיק. ער איז געוואָרען איינער פון די הויפּט־קעמפפער פאַר דער פרייהייט. אין יענער צייט האָבען אָנגעהויבען אָנקומען ידיעות וועגען דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. היינע האָט בעשלאָסען צו פאָהרען קיין פּאַריז. איידער ער איז אָבגעפאָהרען אין פּאַריז האָט ער פערבראַכט אַ קורצע צייט אין האַמבּורג, וואו איהם איז אויסגעקומען איבערצולעבען אַ פּאָגראָם אויף יודען, פון וועלכען עס האָט אויך געליטען זיין פעטער, שלמה היינע. דעם 3־טען מאַי פון יאָהר 1831 איז היינע אָנגעקומען אין פּאַריז.

אין פּאַריז האָט ער געשריבען אין דייטשע צייטונגען וועגען פּאָליטיק; זיינע פּאָליטישע אַרטיקלען זענען אויך געדרוקט געוואָרען אין בעזונדערע בראָשורען. נאָר באַלד אין גיכען האָט די דייטשע רעגירונג אָנגעהויבען איהם שטאַרק רודפ'ן, ווייל ער האָט געלויבט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און קריטיקירט די דייטשע רעגיערונג. נאָך פריהער זענען אַלע זיינע פּאָליטישע ווערק פערבאָטען געוואָרען; איצט איז עס דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז היינע'ן איז פערבאָטען געוואָרען צוריקצוקומען אין דייטשלאַנד. נאָר וואָס מעהר די רעגיערונג האָט איהם פערפאָלגט, אַלץ בעריהמטער איז ער געוואָרען. יעדעס פון זיינע ווערק איז געלעזען געוואָרען נאָך פיעל מעהר גראַדע, ווייל זיי זענען געווען פערבאָטען. צו דער זעלבער צייט איז מען אויך אין פראַנקרייך געוואָרען זעהר אויפמערקזאַם אויף איהם; מען האָט איהם דאָרט גערופען „אַ כמעט פראַנצויזישער זשעניע". באַלד האָבען איהם איינגעלאַדען די בעסטע פראַנצויזישע זשורנאַלען מיטצואַרבייטען אין זיי, און היינע האָט געדרוקט אין זיי אַ גאַנצע רייהע אַרטיקלען פון ליטעראַרישען, היסטאָרישען און פילאָזאָפישען אינהאַלט.

אויך אין דייטשלאנד איז אונטער דער דאזיגער צייט ערשיענען א גאנצע רייהע פון זיינע פאעטישע און פאליטישע ווערק, פון וועלכע מיר וועלען בעזונדערס דערמאהנען זיין בוך „איבער בערנע“. צום ערשטען איז היינע געווען זעהר בעפריינדעט מיט דעם בעריהמטען פאליטישען קעמפפער לודוויג בערנע (אויך א געטויפטער יוד), און זייערע מיינונגען איבער פאליטיק האבען געשטימט מיט איינאנדער. נאר מיט דער צייט זענען זיי זיך פאנאנדערגעגאנגען און האבען געפיהרט א שארפע פאלעמיק. אין דער בראשורע „איבער בערנע“ האט היינע צו שארף ארויסגעטרעטען קעגען איהם, און פיעל פון זיינע דייטשע פריינד זענען איהם דעריבער געווארען שונאים. היינע האט אין דיעזער בראשורע געהאט גערעדט אויך וועגען בערנע׳ס א פריינדין מיט א זעהר מיאוס׳ען טאן, און דער מאן פון דיעזער פרוי, שלמה שטרויס פון פראנקפורט, האט היינע׳ן דעריבער ארויסגערופען אויף א דועל, וועלכער איז פארגעקומען דעם 7־טען סעפטעמבער פון יאהר 1841.

אכט טאג פאר דעם האט זיך היינע פערהייראטעט מיט מאטילדע קרעסצענצע מיראט. זי איז געווען א איינפאכע, אונגעבילדעטע דארפס־מיידעל, וועלכע איז אנגעקומען צו איהרער א מוהמע אין פאריז אלס פערקויפערין אין איהר שוך־געוועלב. היינע האט זיך מיט איהר בעקאנט, און זיי האבען זיך פערליעבט. זי איז געווען א גוטע, טיכטיגע פרוי, וועלכע האט זיך בעטייליגט אין זיין פרייד און לייד, און בעזונדערס איז זי איהם געווען איבערגעגעבען און געטריי שפעטער, ווען ער איז קראנק געווען און האט אזוי געדארפט האבען א וועכטערין און א פערזארגערין.

איצט אבער איז פאר איהם אנגעקומען א שווערע צייט פון נויט און דלות. טראץ דעם, וואס ער איז שוין געווען אזוי בעריהמט, האט איהם זיין פעדער גאנץ ווייניג איינגעבראכט, האטש זי האט רייך געמאכט זיינע פערלעגער. פון יאהר 1837 ביז יאהר 1848 האט היינע בעקומען שטיצע פון דער פראנצויזישער רעגיערונג 4800 פראנק א יאהר, אלס איינער פון די יעניגע, וועלכע האבען צוליעב זייערע איבערצייגונגען געליטען אין זייער פאטערלאנד און צוגעשטאנען צו דער פראנ־

צוויזישער רעוואלוציע. אזא סומע פלעגט היינע אויך בעקומען פון זיין פעטער שלמה היינע יעדעס יאהר, און האטש היינע איז געוועהנט געוועזן ברייט צו לעבען, דאך איז ער ווי אן געוועהן א נערווען־קרענקליכער, און דערצו נאך האט זיין עס איז אויסגעקומען. נאר אין יאהר 1843 איז זיין פעטער געשטארבען, און דער יורש קארל היינע האט נישט געוואלט ווייטער געגעבען די שטיצע, ווייל זי איז נישט געוועזן בפירוש דערמאהנט אין דער צואה. היינע האט געמוזט פערפיהרען א פראצעס, וועלכען ער האט אין א לאנגע צייט ארום אפילו יא געוואונען, נאר דערווייל האט ער איהם פערשאפט זעהר פיעל קרענקונג, און פון גרויס עגמת נפש האט זיך מיט איהם אין יאהר 1845 געטראפען א נערווען־שלאג.

ווי עס ווייזט אויס איז היינע שוין פון געבארען טאג לעבען, וואס איז נישט געוועזן קיין גאנץ נארמאלעס, פערשאפט זיין נערווען־שוואכקייט און אויך האט ער געליטען פון אנדערע זאכען. פון אנהויב יאהר 1848 איז זיין געזונדצושטאנד זעהר שלעכט געווארען. אין מאי פון יענעם יאהר האט ער זיך געמוזט צו בעט לעגען און איז פון זיין קראנקען־בעט שוין מעהר נישט אויפגעשטאנען ביז זיין טויט, וואס איז ערשט געקומען אין אכט יאהר ארום. גאנצע אכט יאהר איז ער געלעגען ווי א געבונדענער אין שרעקליכע ליידען און שמערצען.

אונטער דער דאזיגער צייט האט היינע נאך ארויסגעגעבען א גאנצע רייהע פאעטישע ווערק. אין דער זעלבער צייט האט ער אויך פיעל געארבייט ביי זיינע „מעמוארען", וועלכע זענען אבער נאך זיין טויט פערשוואונדען געווארען, ווי עס ווייזט אויס האבען זיינע קרובים זיי פערניכטעט, ווייל היינע האט זיי אין די „מעמוארען" געשילדערט נישט אין זעהר העלע פארבען.

4 דעם זייגער פארטאג דעם 17־טען פעברואר פון יאהר 1856 איז היינע געשטארבען. עס איז בעוואוסט, אז פאר זיין טויט האט היינע חרטה געהאט אויף זיין איבערגאנג צום קריסטענטום און ער האט שטאלצירט מיט דעם, וואס ער איז א יוד. אז היינע איז אין הארצען געבליבען א געטרייער יוד,

היינריך היינע.

קאָן מען אויך אַרויסזעהן פון זיינע ווערק, בעזונדערס פון זיינע יודישע ווערק.

עס איז נישט דאָ דער אָרט, אין אַזאַ קורצגעפאַסטער ביאָגראַפיע, צו שילדערן היינע׳ס בעדייטונג אין דער וועלט-ליטעראַטור, בפרט נאָך, אַז דער יודישער לעזער האָט נישט פאַר זיך קיינע ביישפּילען פון היינע׳ס שאַפען. מיר פיהרען דעריבער דעם לעזער גלייך איבער צו היינע׳ן גופא, און, נאַטירליך, קודם-כל — צו זיין יודישעס ווערק „דער רבי פון באַכאַראַך“.

דער רבי פון באכאראך.

(א פראגמענט).

קאפיטעל 1.

ניעדעריגער אראב־צו פון רהיין־שטראם, דארט וואו די בערגען פון שטראם פערליערען זייער לאכענדע מינע, די בערג און די פעלזען מיט זייערע אונגעוועהנליכע חורבות פון פעסטונגען און שלעסער שטעלען זיך פאר מורא'דיגער און ארום הערשט א ערנסטערע, ווילדערע הערליכקייט, דארט ליעגט אזוי ווי א פורכטבארע לעגענדע פון פארצייטען, די פינסטערע, אוראלטע שטאדט באכאראך. ניט שטענדיג זענען געוועזען אזוי צעפוילט און איינגעפאלען די דאזיגע מויערן מיט זייערע בלינדע וועכטער־טורעמס, וואס אין זייערע שפאלטען פייפט איצט דער ווינד און די שפאצען האלטען זייערע נעסטען; אין די דאזיגע ארעמע, בלאטיגע, מיאוס'ע גאסען, וועלכע מען דערזעהט דורכ'ן צעשטערטען טויער, האט ניט שטענדיג געהערשט יענע וויסטע שטילקייט, וועלכע ווערט נאר פון צייט צו

צײַט איבערגעריסען פון שרײַענדע קינדער, שילטענדע ווײַבער, און ברומענדע קיה. די דאָזיגע מויערן זענען אַמאָל געווען שטאָלץ און שטאַרק, און אין די דאָזיגע גאַסען האָט זיך אַמאָל בעוועגט פרישעס, פרײַעס לעבען, מאַכט און פראַכט, פרעהליכקײַט און טרויער, פיעל ליעבע און פיעל שנאה. באַכאַראַך איז אַמאָל געווען איינע פון יענע שטעדט, וואָס די רוימער האָבען געגרינדעט אין דער צײַט פון זייער הערשאַפט איבערן רהיין, און די אײַנוואָהנער, האָטש עס זענען דערנאָך געקומען אויף זיי זעהר שטירמישע צײַטען און האָטש זיי זענען שפּעטער אַרונטערגעפאַלען אונטער דער הערשאַפט פון האָהענשטויף און צום לעצטען אונטער דער הערשאַפט פון וויטעלסבאַך, דאָך איז זיי געלונגען, לויט דעם בײַשפּיעל פון פיעל אַנדערע רהיינישע שטעדט, אײַנצוהאַלטען פאַר זיך אַ פרײַ לעבען. די פיהרונג פון דער שטאָדט איז געווען איבערגעגעבען צו אַ פערא־יינ׳גונג פון איינצעלנע קאָרפּאָראַציעס; די קאָרפּאָראַציע פון די פּאַטריצישע אַלטבירגער און די קאָרפּאָראַציע פון די צעהען, וועלכע איז ווידער צעטיילט געווען לויט די פערשיעדענע פראָפעסיעס, פלעגען זיך געשטענדיג אַרומקריגען צווישען זיך, ווײַל יעדע פון זיי האָט געוואָלט בעקומען די מאַכט אין איהרע הענד, אַזוי אַז אַקעגען אויסענחעניג פלעגען זיי זײַן פעסט פעראייניגט כדי זיך צו בעשיצען און צו קעמפּפען מיט דעם שכנות׳דיגען רויב־אַדעל, אינוועניג אָבער האָבען זיי שטענדיג געפיהרט מחלוקת צוליעב זייערע אינטערעסען; דעריבער האָבען זיי גאַנץ ווייניג געלעבט צוזאַמען פרײַנדליך, דערפאַר איז צווישען זיי געווען זעהר פיעל אונצוטרויען, און אָפט פלעגען זאָגאַר אויסברעכען סכסוכים. דער הערשענדער פאָגט (דער הויפּט פון שטאָדט) איז געזעסען אין דעם הויכען שלאָס סאַרעק, און פלעגט אַראָפּפליהען יעדעס מאָל, ווען מען האָט איהם גערופען, און אויך פיעל מאָל, ווען מען האָט איהם אפילו נישט גערופען. די גײַסטליכע האָבען געהערשט אין פינסטערניש דורך די פערפינסטערונג פון דעם גײַסט. איין קאָרפּאָראַציע, וואָס איז אַם מייסטען געווען אָבגעזונדערט, אָהנמעכטיג און בּיסלעכווײַז בערויבט פון אַלע בירגערליכע רעכטע, איז געווען די געמיינדע פון יודען, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין באַכאַראַך נאָך אין דער צײַט פון די רוימער, און שפּעטער, ווען מען האָט יודען שטאַרק גערודפ׳ט, האָבען זיי צווישען זיך אַרײַנגענומען גאַנצע מחנות נײַ־אָנגעקומענע יודען, וועלכע זענען

אנטלאפען צו זוכען רעטונג ביי זיי.

די גרויסע רדיפות און פערפאלגונגען אויף יודען האבען זיך אנגעהויבען מיט די קרייץ־צוגען און צום שרעקליכסטען זענען זיי געוועזען אין מיטען פון 14־טען יאהרהונדערט, בשעת דער ענדע פון דער מגפה, וועלכע האט, ווי אנדערע עפענטליכע אינגליקען, אויסגעבראכען מסתמא דורך די יודען; מען האט פערזיכערט, אז זיי האבען אראבגעבראכט גאטס צארן, און מיט דער הילף פון קרעציגע האבען זיי פערגיפטעט די ברונענס. די גרייצטע מאסע, בעזונדערס די מחנות פון די פלאזשעלאנטען, ד. ה. האלבנאקעטע מענער און ווייבער, וואס האבען תשובה געטהון און זיך דערייבער אליין געפייניגט און דערביי געזונגען פרומע ליעדער, זענען דורכגעגאנגען דורך דער גאנצער רהיין־געגענד און דורך דאס איבעריגע דרום־דייטשלאנד, און אונטערוועגס האבען זיי דעמאלט אויסגעהרג׳עט פיעל טויזענדער יודען, אדער זיי געפייניגט, אדער געצוואונגען זיי צום שמד. א צווייטע בעשולדיגונג, וואס האט נאך פון פריהערער צייט, דורכ׳ן גאנצען מיטעלאלטער ביז׳ן אנהויב פון פאריגען יאהרהונדערט, געקאסט די יודען זעהר פיעל בלוט און שרעק, איז געוועזען דער נארישער, אונזיניגער בלבול, וועלכער איז אין די חראניקען און לעגענדען וויעדערהאלט געוועזען ביז צום עקעל, אז די יודען גנבה׳נען די קריסטליכע הייליגע האסטיען, וועלכע זיי שטעכען דורך מיט מעסערס, ביז עס רינט ארויס בלוט, און אז אום פסח שעכטען זיי קריסטליכע קינדער, כדי צו טרינקען זייער בלוט צום סדר. די יודען, וועלכע זענען פון שטענדיג אן געוועזען פערהאסט צוליעב זייער גלויבען, צוליעב זייער רייכקייט און צוליעב זייערע חובות, וואס זיי האבען געהאט ביי קריסטען, זענען אין יענע צייט אינגאנצען געווען איבערגעגעבען אין די הענד פון זייערע פיינד, וועלכע האבען זעהר לייכט געקאנט זיי אונטערברענגען, ווען זיי האבען נאר פערשפרייט אזא מין ידיעה, אז מען האט ערמארדעט א קינד, אדער גאר אונטערגעווארפען אין א יודיש הויז א בלוטיגען קערפער פון א קינד, און זענען ביינאכט בעפאלען אויף דער יודישער פאמיליע, און דאן האט מען געמארדעט, גערויבט און גע׳שמד׳ט, און גרויסע וואונדער זענען געשעהן דורך דאס טויטע געפונענע קינד, וועלכעס די קירכע האט סוף כל סוף געמאכט פאר א הייליגען. אזא מין הייליגער איז געווען סאנקט ווערנער, און פון זיין כבוד וועגען איז

אין אָבערוועזעל געגרינדעט געוואָרען יענע פּרעכטיגע אַבטײ, וואָס איצט שטעלט זי פֿאָר בײַ׳ם רהײן איינע פֿון די שענסטע חורבות, און מיט דער גאָטישער שענקײַט פֿון איהרע לאַנגע שפּיצבויגיגע פֿענסטער, מיט איהרע שטאָלץ־אַרויסשטעקענדע זײַלען און מיט איהרע שטיין־שניצערײַען ענטציקט זי אונז אַזוי פֿיעל, ווען מיר פֿאָהרען פֿערבײַ־איהר אין אַ הײַטערן גרינעם זומער־טאָג און מיר ווייסען נישט, וואָס זי איז אַמאָל געווען און ווי אַזוי זי איז אויפֿגעקומען. צו׳ם כבוד פֿון דעם דאָזיגען הייליגען זענען בײַ׳ם רהײן געבויט געוואָרען נאָך דרײַ אַנדערע גרויסע קירכען, און יודען אָהן אַ שעור זענען געטוידט אָדער געפּײַניגט געוואָרען. דאָס איז געשעהן אין יאָהר 1287, און אויך אין באַכאַראַך, וואו עס איז געבויט געוואָרען איינע פֿון די דאָזיגע סאַנקט־ווערנער־קירכען, זענען די יודען אויסגעשטאַנען פֿיעל צרות און יסורים. דאָך צוויי הונדערט יאָהר נאָך דעם איז זיי שוין נישט אויסגעקומען צו לײַדען פֿון אַזעלכע אָנפֿאַלען פֿון פֿאָלקס־צאָרן, האָטש מען האָט זיי נאָך אַלץ נישט אויפֿגעהערט פֿײַנד צו האָבען, און זייער לעבען איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין געפֿאַהר.

נאָר וואָס מעהר די שנאה פֿון דרויסען האָט זיי געדריקט, אַלץ מעהר פֿעראייניגט און פֿערטרויט האָבען די יודען פֿון באַכאַראַך געלעבט צווישען זיך, אַלץ טיעפֿער און שטאַרקער איז געוואָרען זייער פֿרומקײַט און יראת־שמים. אַ מוסטער פֿאַר אַלעמען, ווי זיך צו פֿיהרען ווי גאָט האָט געבאָטען, איז געווען דער דאָרטיגער רב רבי אברהם, וועלכער איז נאָך געווען אַ יונגער מענש, נאָר צוליעב זײַן גרויסקײַט אין לערנען איז ער שוין געווען ווײַט און ברייט בערימט. ער איז געבאָרען געוואָרען טאַקי אין דער זעלבער שטאָדט, און זײַן פֿאָטער, וועלכער איז אויך דאָרט רב געווען, האָט איהם אָנגעזאָגט פֿאַר׳ן טויט, אַז ער זאָל אויך ווערען רב און ער זאָל די שטאָדט באַכאַראַך קיינמאָל נישט פֿערלאָזען, אפילו ווען זײַן לעבען וועט דאָרט שטעהן אין סכנה. דער דאָזיגער בעפֿעהל און אַ שאַפֿע מיט זעלטענע ביכער — דאָס איז געווען אינגאַנצען, וואָס עס האָט איהם איבערגעלאָזט זײַן פֿאָטער, וועלכער האָט דורכגעלעבט זײַנע יאָהרען אין אָרעמקײַט און אין לערנען. דאָך איז רבי אברהם געווען זעהר רײַך; זײַענדיג פֿערהייראַטעט מיט דער איינציגער טאָכטער פֿון זײַן פֿאָטערס ברודער, וועלכער האָט זיך בעשעפֿטיגט מיט׳ן האַנדעל פֿון

מײַערע שטײנער, האָט ער נאָך זײַן טויט געירשה׳נט זײַן גאַנץ גרויסעס פערמעגען. אײניגע שלעכטע צינגער אין שטאָדט האָבען אפילו גע-געבען אָנצוהערעניש, אַז דער רב האָט חתונה געהאַט מיט זײַן פרוי טאַקי נאָר צוליעב איהר געלד. נאָר אַלע װײַבער האָבען דאָס אָב-געלײקענט, און זײ האָבען אויך געוואוסט צו דערצעהלען פערשיע-דענע מעשיות, ווי דער רב איז נאָך פאַר זײַן רײַזע נאָך שפּאַניען שוין געוועזען פערליעבט אין שרה׳ן — אײגענטליך האָט מען זי גערופען די שענע שרה — און ווי שרה האָט זיעבען יאָהר געמוזט וואַרטען, ביז דער רב איז צוריקגעקומען פון שפּאַניען, און דערצו נאָך האָט ער זי מקדש געווען קעגען איהר פאָטערס ווילען און אויך קעגען איהר אײגענער אײנשטימונג. ווארום יעדער יוד קאָן אַ יודיש מײדעל מאַכען פאַר זײַן געזעצליכע פרוי, ווען עס געלינגט איהם, איהר אָנצוטהון אויפ׳ן פינגער אַ קידושין־פינגערל און דערבײַ צו זאָגען די ווערטער: „הרי אַת מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל!“ — דערמאָהנענדיג שפּאַניען פלעגען מענשען מיט שלעכטע צינגער שמײכ-לען דערבײַ גאַנץ בעזונדערס; און דאָס איז געוועזען צוליעב אַ דונקעלער ידיעה, אַז רבי אברהם האָט אין דער גרויסער ישיבה אין טאָלעדאָ אפילו זעהר פלײַסיג געלערנט די תורה, נאָר צוזאַמען דערמיט האָט ער אויך אָנגענומען קריסטליכע מנהגים און האָט אַרײַנגעזויגען אין זיך דעם גײַסט פון פרײַדענקען, גלײַך ווי יענע שפּאַנישע יודען, וועלכע זענען דעמאָלט געשטאַנען אויף אַ זעהר הויכע מדרגה פון בילדונג. נאָר אינוועניג אין האַרצען האָבען אפילו די מענשען מיט די שלעכ-טע צינגער אויך נישט געגלויבט, אַז די דאָזיגע ידיעה זאָל זײַן אמת. ווארום פון זינט דער רב איז צוריקגעקומען פון שפּאַניען האָט ער זיך געפיהרט אין לעבען זעהר רײן, פרום און ערנסט, די קלענסטע דינים און מנהגים האָט ער אָבגעהיט מיט דער גרעסטער שטרענג-שאַפט, אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג פלעגט ער פאַסטען, און נאָר אום שבת און יום־טוב פלעגט ער עסען פלײש און טרינקען ווײַן; דעם גאַנצען טאָג האָט ער פערבראַכט אין דאַוונען און לערנען, בײַטאָג פלעגט ער לערנען גאָטס תורה מיט תלמידים, וועלכע זענען זיך אָנגעפאָהרען קײן באַכאַראַך צוליעב זײַן רוהם, און בײַנאַכט פלעגט ער בעטראַכטען די שטערן פון הימעל אָדער די אויגען פון דער שענער שרה. קײן קינדער האָט דער רב נישט געהאַט, און דאָך האָט אַרום איהם נישט געפעהלט קײן לעבען און בעוועגונג. דער

גרויסער זאַל פון זײַן הויז, וועלכעס איז געווען נעבען דער שוהל, איז שטענדיג געשטאַנען אָפען פאַר דער גאַנצער געמײַנדע; יעדער פלעגט אַהין אַרײַן און אַרויסגעהן אָהן שום אומשטענדען; דאָרט פלעגט מען קומען גאָט בעטען אין אַ שלעכטע מינוט, אָדער בײַעם הערען, אָדער מאַכען פערזאַמלונגען בשעת אַן אַלגעמײַנער נויט; דאָרט פלעגען זיך די קינדער שפּיעלען שבת אין דער פריה, בשעת מען האָט אין שוהל געלײַענט די סדרה פון דער וואָך; דאָרט פלעגט מען זיך פערזאַמלען אויף התונות און אויף לויות, און דאָרט האָט מען זיך געקריגט און זיך איבערגעבעטען; דאָרט האָט אַ דערפרוירענער אין וועג געפונען אַ וואַרעמען אויווען און אַ הונגעריגער — אַ געדעקטען טיש. אויסער דעם האָבען זיך אַרום רב שטענדיג אַרומגעדרעהט זעהר פיעל קרובים, ברידער און שוועסטער מיט זייערע ווײַבער און קינדער, ווי אויך זײַנע און זײַן פרוי'ס פעטערס און מוהמעס, אַ גאַנץ גרויסע משפּחה, און זיי אַלע האָבען דעם רב געהאַלטען אַלס דעם הויפּט פון דער פאַמיליע, פלעגען אין זײַן הויז אַרײַנקומען אי פריה אי שפּעט, און אין גרויסע ימים טובים פלעגען זיי דאָרט אַלע צוזאַמען עסען. אַזעלכע אַלגעמײַנע פאַמיליען־מאָהלצײַטען זענען פאָרגעקומען בעזונדערס בײַ'ם סדר אום פסח. דאָס איז אַ גאַנץ אַלטער, וואונדערבאַרער מנהג, וואָס נאָך איצט היטען איהם אָב די יודען אין דער גאַנצער וועלט אין דער נאַכט צו'ם פיערצעהנטען טאָג פון מאָנאַט ניסן, צו דעם עביגען אָנדענקען פון זייער באַפרײַאונג פון דער קנעכטשאַפט פון מצרים. דער דאָזיגער סדר ווערט אָבגעריכט אויף אַזאַ אופן:

באַלד ווי עס ווערט נאַכט צינדט די ווירטין פון הויז אָן די ליכט, פערדעקט דעם טיש מיט אַ טישטוך, לעגט אויפ'ן מיטען טיש דריי מצות, פערדעקט זיי מיט אַ טישטיכעל, און אויף דעם דאָזיגען העכערען פלאַץ שטעלט זי זעקס קלײַנע טעלערלעך, אין וועלכע עס געפינען זיך סימבאָלישע שפּײַזען: אַ איי, פעטרושקע, מרור, זרוע און חרוסת — אַ מישונג פון ראָזינקעס, אינגבער און ניס. צו דעם דאָזיגען טיש זעצט זיך דער פאָטער פון הויז מיט אַלע קרובים און געסט און לײַענט פאַר זיי פאָר פון דער הגדה, וואָס איהר אינהאַלט איז אַ זעלטזאַמע מישונג פון אַלטע לעגענדען, פון וואונדערבאַרע מעשׂות פון מצרים, פון מערקווירדיגע ערצעהלונגען, ויכּוחים, תּפילות און יום־טוב־ליעדער. אין מיטען פון דעם דאָזיגען סדר קומט פאַר

א גרויסער מאהלצייט, און זאגאר בשעת'ן לייענען די הגדה פערזוכט מען אביסעל די סימבאלישע שפייזען אין בעשטימטע צייטען, אויך עסט מען די מצה און מען טרינקט פיער כוסות רויטען וויין. אומעטיג־פרעהליך, ערנסט־שפיעלענד און לעגענדאריש־געהיימניספאל איז דער כאראקטער פון יענער סדר־נאכט און דער פון אלטע צייטען אנגענומענער זינגענדיגער טאן, מיט וועלכען דער פאטער פון הויז לייענט די הגדה און וועלכען עס האפען אונטער פון צייט צו צייט אין האר אויך די צוהערער, קלינגט אזוי שוידערהאפט־הארציג, אזוי מוטערליך־איינשלעפערענדיג, און צוגלייך אזוי האסטיג־אויפוועקענדיג, אז אפילו די יעניגע יודען, וועלכע זענען שוין לאנג אבגעפאלען פון זייער עלטערנס גלויבען און יאגען זיך נאך פרעמדע פרייד און פרעמדען כבוד, ווערען אויך ערשיטערט אין טיעפסטען הארצען, בשעת עס דרינגען אריין צופעליג אין זייערע אויערן די אלטע, גוט בעקאנטע פסח־טענער.

אינ'ם גרויסען זאל פון זיין הויז איז איין מאל געזעסען רבי אברהם, און צוזאמען מיט זיינע קרובים, תלמידים און די איבעריגע געסט האט ער אבגעריכט דעם סדר. אין זאל האט אלץ געבלאנקט מעהר ווי געוועהנליך; איבער'ן טיש איז געווען פערשפרייט א פערשיעדענפארביגער זיידענער טישטוך, וואס זיינע גאלדענע פרענזלעך זענען אראבגעהאנגען ביז צו דער ערד; הייטיש האבען געגלאנצט די טעלערלעך מיט די סימבאלישע שפייזען, ווי אויך די הויכע בעכער פול* מיט וויין, אויף וועלכע עס זענען געוועזען אויסגעקריצט לויטער הייליגע געשיכטען; די מאנסלייט זענען געזעסען אין זייערע שווארצע מאנטלען און שווארצע פלאכע היטלען און ווייסע קיטלען; די פרויען, אין זייערע טייערע קליידער פון לאמבארדישע שטאפען, האבען ארום קאפ און האלז געטראגען זייער גאלד־און פערל־ציערונגען; און די זילבערנע שבת'דיגע מנורה האט פאנאנדערגעגאסען איהר יום־טוב'דיגעס ליכט איבער די פרומע, צופריעדענע געזיכטער פון די אלטע און יונגע. אויף א פורפורנער סאמעט־קישען אויף א שטוהל, וואס איז געוועזען העכער ווי די איבעריגע, איז רבי אברהם געזעסען אנגעלעהנט ווי דער דין איז, און האט געלייענט און געזונגען די הגדה, און דער פערשיעדענער האר האט מיטגעשטימט אדער געענטפערט ביי די פאסיגע שטעלען. דער רב האט אויך געטראגען א שווארצען יום־טוב'דיגען מאנטעל, זיינע איידעלע, אביסעל־שטרענגע גע-

זיכטס-ציגען זענען געווען מילדער ווי געוועהנליך, די ליפען האבען ארויסגעשמייכעלט פון הינטער דער ברוינער בארד, אזוי ווי זיי וואלטען וועלען דערצעהלען זעהר פיעל פרעהליכעס, און אין זיינע אויגען האט ארומגעשוואומען עפעס אזוי ווי א גליקליכע ערינערונג אדער אהנונג. די שענע שרה, וועלכע איז אויך געזעסען אויף א העכערען סאמעט-שטוהל ביי זיין זייט, האט אלס הויז-ווירטין גאר נישט געטראגען אויף זיך פון איהרע ציערונגען, נאר א וויסע ליינוואנד האט ארומגענומען איהר שלאנקען קערפער און איהר פרום געזיכט. דאס דאזיגע געזיכט איז געווען ריהרענד שען, אזוי ווי בכלל איז די שענהייט פון די יודישע טעכטער גאר בעזונדערס ריהרענד; דאס בעוואוסטזיין וועגען דער גרויסער ארעמקייט, דער ביטערער חרפה און די ערגסטע צרות, אין וועלכע זייערע קרובים און גוטע פריינד לעבען, פערשפרייט איבער זייערע חנ'עוודיגע געזיכטס-ציגען א געוויסע ליידענדע הארציגקייט און א בעטראכטענדע ליעבעס-אנגסט, וועלכע בעצויבערן זאנדערבאר אונזערע הערצער. אזוי איז היינט געזעסען די שענע שרה און האט כסדר געקוקט דעם מאן אין די אויגען אריין; פון צייט צו צייט האט זי אויך א קוק געטהון אין דער הגדה, וואס איז פאר איהר געלעגען — א פארמעט-בוך, וואס איז געווען שען געבונדען אין גאלד און סאמעט; דאס איז געווען אן אלטע ירושה מיט פיעלע־עהריגע פלעקען פון וויין נאך פון איהר זיידענס צייטען; אין דעם דאזיגען בוך זענען געווען אויסגעמאלט זעהר פיעל פערשיעדענע בילדער, וועלכע זי האט נאך קינדהייז* אזוי ליעב געהאט צו בעטראכטען אין די סדר-נעכט, און וועלכע האבען פארגעשטעלט אלערליי געשיכטען פון חומש, ווי צום ביישפיעל: ווי אברהם צעקלאפט מיט א האמער די שטיינערנע געצען פון זיין פאטער תרח, ווי די מלאכים קומען צו איהם, ווי משה הרג'עט דעם מצרי, ווי פרעה זיצט פרעכטיג אויף זיין טראן, ווי די פרעש לאזען איהם נישט צורוה אפילו זיצענדיג ביים טיש, ווי ער ווערט — א דאנק גאט — דערטרונקען אין ים, ווי די בני ישראל געהען פארזיכטיג דורך דעם רויטען ים, ווי זיי שטעהען מיט אפענע מיילער ביים בארג סיני מיט זייערע שאף, קיה און אקסען, ווי דער פרומער דוד המלך שפיעלט אויף זיין הארפע, און ענדליך ווי די שטאדט ירושלים ווערט מיט איהרע טורעמס און דעכער פון בית-המקדש בעשטראהלט פון גלאנץ פון דער זון!

מען האט שוין געהאט אנגעגאסען דעם צווייטען כוס, די געזיכטער און שטימען זענען אַלץ העלער געווארען, און דער רב, אנגעהמענדיג אין האנד איינע פון די מצות און אויפהויבענדיג זי אין דער הויך, האט אנגעהויבען צו לייענען: „כהא לחמא עניא — אט דאס איז דער אָרעמער ברויט, וואס אונזערע עלטערן האבען געגעסען אין מצרים! יעדער, ווער עס איז הונגעריג — זאל קומען און עסען! יעדער, ווער עס איז בעדירפטיג, זאל קומען מיט אונז דעם סדר אפריכטען! דאס יאהר זענען מיר דא, איבער א יאהר זאלען מיר זיין אין ירושלים! דאס יאהר זענען מיר קנעכט, איבער א יאהר זאלען מיר זיין די קינדער פון פרייהייט!".

פלוצלונג האט זיך געעפענט די טהיר פון זאל און עס זענען אריינגעקומען צוויי גרויסע בלאסע מענער, געהילט אין ברייטע מאנטלען, און איינער פון זיי האט געזאגט:

— שלום עליכם, מיר זענען יודען רייזענדער און מיר האבען געוואלט מיט אייך צוזאמען דעם סדר אפריכטען.

און דער רב האט שנעל און פריינדליך געענטפערט:

— עליכם שלום, זעצט זיך אנידער נעבען מיר!

די ביידע פרעמדע מענשען האבען זיך גלייך געזעצט צום טיש, און דער רב האט ווייטער געזאגט די הגדה. טיילמאל, בשעת די איבעריגע האבען נאך נישט געהאט געענדיגט צו דערזאגען, האט ער צוגעווארפען ליעבליכע ווערטער צו זיין ווייב, און געבענדיג אנצוהערעניש אויפ'ן אלטען ווערטעל, אז א יודישער בעל־הבית איז אין דער פסח־נאכט א מלך, האט ער צו איהר געזאגט: „פרעה דיך, מיין מלכה!" — זי אבער האט אומעטיג־שמייכלענדיג געענטפערט: „עס פעהלט אונז דאך אבער א פרינץ!" — און דערמיט האט זי געמיינט א זוהן, וואס זאל קאנען דעם טאטען פרעגען די פיער קשיות, אזוי ווי עס שטעהט אין דער הגדה. דער רב האט גאר נישט געענטפערט, און האט נאר אנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף א בילד, וואס האט זיך גראדע איצט אויפגעמישט אין דער הגדה, און וואס האט פארגעשטעלט, ווי די דריי מלאכים קומען צו אברהם אבינו איהם אנצוזאגען, אז זיין פרוי שרה וועט איהם געווינען א זוהן, און שרה שטעהט דערוויילע מיט א ווייבערשע נייגיעריגקייט הינטער דער טהיר פון געצעהלט, כדי זיך צו צוהערען צום שמועס. די דאזיגע לייכטע אנצוהערעניש האט ארויסגעגאסען א דרייפאכע רויטקייט אויף

געזיכט פון דער שענער פרוי, זי האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען, און דערנאָך האָט זי ווידער פריינדליך אַפּערגעקוקט צו איהר מאַן, וועלכער האָט ווייטער זינגענדיג געלייענט די וואונדערבאַרע מעשה, ווי רבי יהושע, רבי אליעזר, רבי עזריה, רבי עקיבה און רבי טרפון זענען געזעסען אָנגעלעהנט אין בני ברק און האָבען די גאַנצע נאַכט דערצעהלט וועגען יציאת מצרים, ביז זייערע תלמידים זענען געקומען און זיי געזאָגט, אַז ס׳איז שוין טאָג געוואָרען און ס׳איז שוין געקומען די צייט צו דאַוונען.

ווי די שענע שרה האָט אַזוי פרום זיך צוגעהערט און האָט כסדר אָנגעקוקט איהר מאַן, האָט זי בעמערקט, ווי זיין געזיכט איז פּלוצלונג ערשטאַרט און שרעקליך אויסגעקרימט געוואָרען, דאָס בלוט איז איהם פערשוואונדען געוואָרען פון די באַקען און ליפּען, און די אויגען האָבען געגלאָצט אַזוי ווי זיי וואָלטען פערגלעזערט געוואָרען;— נאָר כמעט אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט זי געזעהן, ווי זיינע געזיכטס-ציגען האָבען ווידער בעקומען די פריהעריגע רוהיגקייט און הייטערקייט, ווי זיינע ליפּען און באַקען זענען ווידער רויט געוואָרען, זיינע אויגען האָבען ווידער אָנגעהויבען מונטער צו קוקען אַהין און אַהער, יאָ, נאָך מעהר, עפּעס האָט איהם אָנגעהאַפּט אַ גאַנץ מערקווירדיגע לוסטיגע שטימונג. די שענע שרה איז דערשראָקען געוואָרען ווי נאָך קיינמאָל אין לעבען נישט, און אַ אינערליכער שרעק האָט אין איהר אַריינגעדרונגען און איהר קאַלט געמאַכט, נישט אַזוי פיעל צוליעב דעם שרעק, וואָס האָט זיך איין מינוט אויסגעדריקט אויף איהר מאַנ׳ס געזיכט, ווי צוליעב זיין איצטיגער פרעהליכקייט, וועלכע איז ביסלעכווייז געוואָרען אַלץ גרעסער און גרעסער און איז דערגאַנגען כמעט ביז צו אויסגעלאַסענהייט. דער רב האָט זיין היטעל אַריבערגערוקט פון איין אויער צו׳ם אַנדערן, געפּוצט און געקרייזעלט די האָר פון זיין באָרד, געזונגען די הגדה ווי עפּעס אַ גאַסענליעד, און בשעת מען האָט אויסגערעכענט די צעהן מכות, וואָס ביי יעדער פון זיי דאַרף מען איינטונקען דעם פינגער אין פולען בעכער וויין און אַראָפּוואַרפען דעם אַראָפּגעהענדען טראָפּען אויף דער ערד האָט דער רב בעשפּריצט די יונגערע מעדלעך מיט׳ן רויטען וויין, און צוליעב דעם איז געוואָרען אַ געשריי צוליעב די פערפלעקטע ציערונגען און אַ פרעהליך געלעכטער. אַלץ אונהיימליכער איז דער שענער שרה געוואָרען זעהענדיג, ווי איהר מאַנ׳ס לוסטיגקייט ווערט

אַלין גרעסער, און מיט האַרץ־קלעמעניש האָט זי געקוקט אויף די רוישענדע, פערשידענפאַרביג בעלויכטענע מענשען, וועלכע האָבען זיך בעקוועם ברייט געשאָקעלט אַהין און אַהער, געקרוּשעלט די דינע מצות, אָדער אָנגעגאָסען וויין, אָדער געפּלוידערט איינער מיט'ן צווייטען, אָדער הויך געזונגען, און אַלץ גאַנץ צופריעדען.

דערווייל איז אָנגעקומען די צייט צום עסען; אַלע זענען אויפגעשטאַנען זיך וואַשען, און די שענע שרה האָט געבראַכט דאָס גרויסע זילבערנע וואַש־בעקען, וואָס אויף איהר זענען געוועזען רייך אויסגעקריצט פערשידענע גאָלד־פיגורען און פערצירונגען; זי האָט דאָס בעקען געהאַלטען פאַר יעדען גאַסט, ווערענד מען האָט אויף זיינע הענד געגאָסען וואַסער. בשעת זי איז צוגעקומען צום רב, האָט ער איהר בעדייטענד אַ וואונק געטהון מיט די אויגען, און האָט זיך גלייך אַרויסגעגנב'ט הינטער אַ טהיר. די שענע שרה איז איהם גלייך נאָכגעגאַנגען; האַסטיג האָט דער רב אָנגעהאַפּט די האַנד פון זיין פרוי, שנעל האָט ער זי נאָכגעצויגען נאָך זיך דורך די דונקעלע גאַסען פון באַכאַראַך, שנעל האָט ער זי געפיהרט צום טויער ביז צום וועג הינטערן שטאָדט, וועלכער האָט איבער דער לענג פון רהיין געפיהרט נאָך בינגען.

עס איז געוועזען איינע פון יענע פריהלינגס־נעכט, וועלכע זענען אפילו גענוג וואַרעמליך און העל אויסגעשטערנט, נאָר דאָך פילען זיי אָן די נשמה מיט אַ זעלטזאַמען שרעק. די בלומען האָבען געשמעקט מיט אַ מתים־ריח; די פויגעל האָבען געצוויטשערט אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך געפרעהט מיט'ן אַלגעמיינעם אונגליק און צוגלייך ווי זיי וואָלטען זיך אַליין געשראָקען; די לבנה האָט ביז געוואָרפען געלע פאַסען ליכט איבער דעם דונקעלען אַרומרוישענדען שטראָם; די הויכע פעלזען פון ברעג האָבען אויסגעזעהען ווי ריזען־קעפּ, וואָס האָבען זיך מורא'דיג געוואַקעלט; דער טורם־וועכטער אויפ'ן שלאָס שטראַהל־עק האָט געבלאָזען מעלאַנכאָליש; און אין מיטען דעם אַלעם האָט כסדר געקלונגען דער טויטען־גלאָק פון דער סאַנקט־ווערנער־קירכע. די שענע שרה האָט אין דער רעכטער האַנד געטראָגען דעם זילבערנעם וואַשבעקען, איהר לינקע האַנד האָט דער רב נאָך אַלץ פעסט געהאַלטען, און זי האָט געפיהלט, ווי זיינע פינגער זענען געווען קאַלט ווי אַייז און ווי זיין אָרעם האָט געציטערט; נאָר זי

איז שווייגענדיג איהם נאָכגעגאַנגען, אפשר דערפאַר, ווייל זי איז פון שטענדיג אָן געוואָהנט געווען צו פאָלגען איהר מאַן בלינד און אָהן אַ שום פראַגע, און אפשר אויך דערפאַר, ווייל איהרע ליפען זענען דורך איהר אינערליכער אַנגסט געווען פערשלאָסען.

אונטען ביי'ם שלאָס סאָנעק, אַקעגענאיבער לאָרך, אונגעפעהר וואו איצט געפינט זיך דאָס דערפעל ניעדער-רהיינבאַך, זעהט זיך אַ הויכע פעלזענפלאַטע, וואָס הענגט אַרויס אַזוי ווי אַ בויגען איבער'ן ברעג פון רהיין. אויף דעם דאָזיגען פעלזען איז אַרויפגעקראָכען רבי אברהם מיט זיין ווייב, דאָרט האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען און האָט אַקוק געטהון אין דער הויך צו די שטערן. ציטערנדיג און דורכגענומען מיט קאַלטען טויט-שרעק איז געבען איהם געשטאַנען די שענע שרה און האָט בעטראַכט זיין בלאַס געזיכט, וועלכעס די לבנה האָט פאַנטאַסטיש בעלויכטען און אויף וועלכען עס האָט אַהין און אַהער געציטערט ווי שמערץ, מורא, געבעט און צאָרן. נאָר ווען דער רב האָט פלוצלונג פון איהרע הענד אַרויסגעריסען דאָס זילבערנע וואַש-בעקען און עס מיט געהיש אַראָבגעשליידערט אין רהיין אַריין, דאַן האָט זי שוין מעהר נישט געקאָנט דערטראָגען דאָס מורא'דיגע אַנגסט-געפיהל און מיט אַ אויסשריי „שמע ישראל!" איז זי געפאַלען דעם מאַן צו די פיס און האָט איהם בעשוואָרען, ער זאָל ענדליך אויסזאָגען, וואָס דאָ קומט פאָר.

דער רב, וועלכער איז נאָך נישט געווען אימשטאַנד צו רעדען, האָט עטליכע מאָל שטיל בעוועגט די ליפען, און ענדליך האָט ער אויסגערופען:

— צי זעהסטו דעם מלאך המות? דאָרט אונטען שוועבט ער איבער באַכאַראַך! מיר אָבער זענען אַנטרונען געוואָרען פון זיין שווערט. געלויבט איז גאָט!

און מיט אַ שטימע, וואָס האָט נאָך געציטערט פון אינערליכען שרעק, האָט ער דערצעהלט: ווי ער האָט פרעהליך געזונגען די הגדה זיצענדיג אָנגעלעהנט, און צופעליג האָט ער אַקוק געטהון אונטערן טיש, און דאָרט האָט ער געזעהן ביי זיינע פיס דערזעהן אַ בלוטיגען טויטען קערפער פון אַ קינד.

— דאַן האָב איך בעמערקט — האָט דער רב צוגעגעבען — אַז אונזערע צוויי פערשפעטיגטע געסט זענען נישט פון דער יודישער געמיינדע, נאָר זיי געהערען צו דער פערזאַמלונג פון גאָטלאָזע מענ-

שען, וועלכע האבען זיך אבגערעדט אריינצוגנבה'נען אין געהיים יענעם טויטען קערפער אין אונזער הויז, כדי אונז צו בעשולדיגען, אז מיר האבען געהרג'עט א קינד און אויפרייצען אויף אונז דאס פאלק, אונז צו בערויבען און ערמארדען. איך האב נישט געטארט לאזען בעמערקען, אז איך האב זיך דערוואוסט דאס דאזיגע שרעקליכע פערברעכען, ווייל דאדורך וואלט נאך מיין אונגליק שנעלער אנגעקומען, און נאר די היטרעקייט האט אונז ביידען גערעטעט. געלויבט איז גאט! שרעק זיך נישט שענע שרה; אויך אונזערע קרובים און גוטע פריינד וועלען גערעטעט ווערען. די רויבער האבען נאר בעגעהרט מיין בלוט; און ווי באלד איך בין פון זיי ניצול געווארען, וועלען זיי זיך בעגניגען מיט מיין זילבער און גאלד. קום מיט מיר, שענע שרה, אין אנ'אנדער לאנד, מיר וועלען דאס אונגליק הינטער אונז איבערלאזען, און כדי דאס אונגליק זאל אונז נישט נאכיאגען, האב איך איהם אלס קרבן אוועקגעווארפען דאס לעצטע פון מיין פערמעגען, דאס זילבערנע בעקען. דער גאט פון אונזערע עלטערן וועט אונז נישט פערלאזען. — קום אראב, דו ביזט מיעד; דארט אונטען שטעהט ביי זיין שיפעל דער שטילער ווילהעלם; ער וועט אונז אריבערפיהרען אויף יענער זייט רהיין.

נישט רעדענדיג קיין איין ווארט און אזוי ווי מיט צעבראכענע גלידער איז די שענע שרה געפאלען דעם רב אין די ארעמס, און פאמעלעך האט ער זי אראבגעטראגען צו'ם ברעג אראב. דא איז געשטאנען דער שטילער ווילהעלם, א טויב־שטומער, נאר א בילד־שענער יונג, וועלכער האט זיך בעשעפטיגט מיט פישפאנגען כדי אויסצוהאלטען זיין אלטע מוטער, דעם רב'ס א שכנת'ע, און אויך האט ער דא געהאלטען א שיפעל. נאר עס האט אויסגעזעהן, ווי ער וואלט שוין פאראויס פערשטאנען, וואס דער רב פערלאנגט, און נאך מעהר, עס האט אויסגעוויזען, ווי ער וואלט אויפ'ן רב געווארט; אויף זיינע פערמאכטע ליפען האט זיך בעוויזען א צייכען פון ליעבליכסטען מיטלייד, מיט פיעל בעדייטונג האט ער זיינע גרויסע בלויע אויגען געלאזט רוהען אויף דער שענער שרה, און פארזיכטיג האט ער זי אריינגעטראגען און שיפעל אריין.

דער בליק פון דעם שטומען יונגעל האט די שענע שרה אויסגעוועקט פון איהר צעמישטקייט; זי האט פלוצלונג דערפיהלט, אז אלץ, וואס איהר מאן האט איהר דערצעהלט, איז נישט געזעהען

קיין בלויזער חלום, און שטראמען ביטערע טרעהרען האבען זיך אראבגעגאסען איבער אירע באקען, וועלכע זענען איצט געוועזען אזוי ווייס ווי איהר געוואנד. און אזוי איז זי געזעסען אין מיטען פון שיפעל, אזוי ווי א וויינענדעס מארמאר־בילד; נעבען איהר זענען געזעסען איהר מאן און דער שטילער ווילהעלם, וועלכע האבען פלייסיג גערודערט.

צי דאס קומט דורך דעם איינטאניגען רודער־קלאפען, אדער אפשר דורך דעם, וואס דאס שיפעל שאקעלט און וואקעלט זיך, אדער דורך דעם ריח פון יענע בערג אויפ'ן ברעג, אויף וועלכע די פרייד אין הארצען וואקסט, נאר ווי די מעשה איז טרעפט עס שטענדיג, אז אפילו דער טרויעריגסטער ווערט זעלטזאם בערוהיגט, ווען ער פאהרט לייכט אויף א לייכטען שיפעל אין א פריהלינגס־נאכט איבער דעם ליעבען, קלארען רהיין־שטראם. ווירקליך, דער אלטער גוטהערציגער פאטער רהיין קאן עס נישט פערטראגען, ווען זיינע קינדער וויינען; שטילענדיג זייערע טרעהרען וויעגט ער זיי אויף זיינע טריייע ארעמס, און דערצעהלט זיי זיינע שענסטע לעגענדעס, און זאגט זיי צו זיינע טייערסטע אוצרות, אפשר דעם אורא־לטען, פערזונקענעם ניבעלונגען־אוצר. אויך די טרעהרען פון דער שענער שרה האבען געפליעסט אלץ מילדער און מילדער, איהרע געוואלדיגע שמערצען זענען אראבגעשווענקט געווארען דורך די שעפטשענדע וועלען, די נאכט האט פערלאזען איהר פינסטערן שרעק, און די היימישע בערג האבען געגריסט, ווי זיי וואלטען אויפ'ן צערטליכסטען אופן געזאגט: „זיי געזונד". נאר פריהער פאר אלעמען האט מיט צוטרויען געגריסט איהר ליעבסטער בארג, דער קעדריך, און אין זיין זעלטזאמער לבנה־באלייכטונג האט עס אויסגעוויזען, אזוי ווי דארט אין דער הויך וואלט וויעדער געשטאנען א פריילין מיט שרעקענדיג־אויסגעשטרעקטע ארעמס, אזוי ווי די פלינקע צווערגען וואלטען וויעדער ארומגעקראכען רוישענדיג צווישען די שפאלטען פון די פעלזען, און אזוי ווי א רייטער וואלט ארויפגעשפרונגען בארג־ארויף אין גרעסטען גאלאפ; און דער שענער שרה האט זיך אויסגעדוכט, ווי זי וואלט וויעדער געוועזען א קליין מיידעל און זיצט וויעדער אויפ'ן שויס פון איהר מוהמע פון לארך, און די מוהמע דערצעהלט איהר די שענסטע מעשה וועגען דעם שטארקען רייטער, וועלכער בעפרייט דאס ארעמע פריילין, וואס איז געפאנגען געווארען צווישען די

צוזערגען, און נאָך אַנדערע אמת'ע מעשות וועגען דעם וואונדער=
באַרען וויספּערטאָל דאָרט אין דער הויך, וואו די פויגעל רעדען
גאָר מיט פערשטאַנד, און וועגען דאָס פּעפּערקוכענלאַנד, וואוהין
עס זענען זוכה צו קומען די קינדער, וואָס פאָלגען טאַטע מאַמע,
און וועגען די פערשאָלטענע פּרינצעסינס, וועגען זינגענדע בוימער,
גלעזערנע שלעסער, גאָלדענע בריקען, לאַכענדע ניקסען... נאָר
צווישען די אַלע שענע מעשות, וועלכע הויבען אָן צו לעבען קלינ=
גענדיג און לייכטענדיג, הערט די שענע שרה איהר פאָטערס שטימע,
וועלכער זידעלט מיט פערדרוס די אַרעמע מוהמע, פאַר וואָס זי
שטאָפּט אָן דעם קינדס קאָפּ מיט אַזוי פיעל נאַרישקייטען; און
באַלד שטעלט זיך איהר פאָר, ווי מען וואָלט זי געזעצט אויפ'ן
קליינינקען בענקעל נעבען איהר פאָטערס סאַמעט־שטוהל, און דער
פאָטער קרייזעלט איהרע לאַנגע האָר מיט אַ ווייכער האַנד, לאַכט
זעהר צופריעדען מיט די אויגען און וויעגט זיך בעקוועם אַהין און
אַהער אין זיין ברייטען, בלוי=זיידענעם שבת=שלאָפראָק... עס מוז
געווים זיין שבת, ווייל דער טישטוך מיט די בלומען איז אויסגע=
שפּרייט איבערן טיש, אַלע כלים אין צימער לייכטען, געשייערט
שפּאָגעל־ניי, דער שמש פון שטאָדט מיט דער ווייסער באָרד זיצט
נעבען פאָטער ביי'ם זייט און קייט ראָזינקעס און רעדט העברעאיש,
און אָט איז אויך אַריינגעקומען דער קליינער אברהם מיט אַ גע=
וואַלדיג גרויסען ספר, און בעט דעם פעטער זיינעם מיט עניוות, ער
זאָל איהם פערהערען אין חומש, כדי דער פעטער זאָל אַליין איינ=
זעהן, אַז ער האָט פאָריגע וואָך זעהר פיעל געלערנט און ער האָט
פערדיענט, מען זאָל איהם לויבען און קיכעל געבען... אָט לעגט
דאָס קליינע יונגעל דעם ספר אויפ'ן ברייטען פאָרענץ פון שטוהל,
און דערצעהלט די מעשה פון יעקב מיט רחל'ן, ווי יעקב האָט
אויפגעהויבען זיין קול און האָט הויך געוויינט, ווען ער האָט צו'ם
ערשטען מאָל דערזעהן זיין מוהמעלע רחל'ן, ווי ער האָט אַזוי
פריינדליך מיט איהר געשמועסט ביי'ם ברונען, ווי ער האָט זיעבען
יאָהר געמוזט דיענען צוליעב רחל'ן, און ווי די דאָזיגע זיעבען יאָהר
זענען איהם אַזוי שנעל פערבייגעלאָפען, און ווי ער האָט מיט רחל'ן
חתונה געהאַט און זי אַליץ ווייטער און ווייטער ליעבער געהאַט....
און פלוצלונג דערמאָהנט זיך די שענע שרה, אַז איהר פאָטער האָט
דעמאָלט מיט אַ לוסטיגען טאָן אויסגערופען: „צי ווילסטו נישט אויך

אזוי התונה האבען מיט דיין מוהמעלע שרה?" און דערויף האט דער קליינער אברהם ערנסט געענטפערט: „יא, איך וויל, און זי זאל ווארטען זיבען יאהר". דונקעלערהייד ציהען זיך דורך די דאזיגע בילדער דורך דער זעלע פון דער שענער פרוי, זי האט געזעהן, ווי זי און איהר קליינער פעטער, וועלכער איז שוין איצט אזוי גרויס און איז שוין איהר מאן, שפיעלען זיך קינדיש מיט־איינאנדער אין א געצעלט אין גארטען, ווי זיי פרעהען זיך דארט מיט די פערשיעדענפארביגע טאפעטען, בלומען, שפיעגלען און פערגאלדעטע עפעל, ווי דער קליינער אברהם לאשטשעט זיך צו איהר אלץ צערטליכער, ביז ער איז ביסלעכווייז גרעסער און ברומעריש־ער געווארען, און ענדליך זעהר גרויס און זעהר ברומעריש... און ענדליך זיצט זי אליין אין דער היים אין איהר קאמער איין מאל א שבת־צונאכטס, די לבנה שיינט העל דורכ'ן פענסטער, און די טהיר פראהלט אויף, און עס לויפט האסטיג אריין איהר פעטער אברהם, געקליידעט אין רייזע־קליידער און בלאס ווי דער טויט, און נעהמט אן איהר האנד, זעצט ארויף א גאלדענעם רינג אויף איהר פינגער און זאגט פייערליך: „הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל!" — „נאר איצט — האט ער באלד צוגעגעבען ציטערנדיג — איצט מוז איך אוועק נאך שפאניען. זיי געזונד, זיבען יאהר זאלסטו אויף מיר ווארטען!" און ער איז ארויסגעלאפען, און וויינענדיג האט די שענע שרה דאס אלץ דערצעהלט איהר פאטער... יענער האט אנגעגעבען מעשים: „שנייד אב דיינע האר, ווארום דו ביזט א אשת איש!" — און ער וויל נאכרייטען נאך אברהמ'ען, כדי איהם צווינגען צו געבען א גט; — נאר אברהם איז שוין איבער אלע בערג פערשוואונדען, דער פאטער קומט שווייגענדיג צוריק אהיים, און בשעת די שענע שרה האט איהם געהאלפען אראבציהען פון די פיס די רייזע־שטיוועל און האט איהם ווייך דערצעהלט, אז אברהם וועט אין זיבען יאהר ארום צוריקקומען, דאן האט דער פאטער געשאלטען: „זיבען יאהר זאלט איהר געהן בעטלען!" און באלד איז ער געשטארבען.

אט אזוי האבען זיך דורכגעצויגען דורך דער שענער שרה'ס געדאנקען די אלטע מעשיות, ווי א האסטיגעם שאטען־שפיעל; די בילדער האבען זיך אויך ווונדערבאר פאנאנדערגעמישט, און פון צווישען זיי האבען ארויסגעקוקט האלב־בעקאנטע, האלב־פרעמדע

געזיכטער מיט בערד און גרויסע בלומען מיט אונגעהויער ברייטע בלעטער. עס האט זיך אויך אויסגעדוכט, ווי דער רהיין וואלט געמורמעלט די מעלאדיען פון דער הגדה, און פון דער הגדה זעגען ארויסגעקראכען די בילדער, לעבענס־גרויסע און פערעלטערטע, גאַנישע בילדער: אברהם אבינו צעשלאגט מיט שרעק די תרפים, וועלכע ווערען כסדר האסטיג צוריק גאַנץ פון זיך אליין; דער מצרי וועהרט זיך מוראדיג אב פאר דעם ערצירנטען משה; דער בארג סיני בליצט און פלאמט; דער קעניג פרעה שווימט אין רויטען ים, מיט די ציינער האלט ער פעסט צו אין מויל די גאלדענע קרוין; פרעש מיט געזיכטער פון מענשען שווימען הינטער איהם, און די וועלען שוימען און רוישען, און א דונקעלע ריזען־האנד שווימט שרעקעדיג ארויס אין דער הויך.

דאס איז געווען האטא'ס מויז־טורם, און דאס שיפעל איז פונקט דורכגעשוואומען דורכ'ן רוישענדען בינגער־שטראם. די שענע שרה איז דאדורך אביסעל אויפגעוועקט געווארען פון איהרע טרוימערייען און האט זיך ארומגעקוקט נאך די בערג פון ברעג, וואס אויף זייערע שפיצען האבען געשימערט די ליכט פון די שלעסער, און וואס צו זייערע פיס האט זיך געצויגען די נאכט־פינסטערניש בעלויכטען פון דער לבנה. נאר פלוצלונג האט זיך איהר אויסגעדאכט, אז זי זעהט דארט איהרע קרובים און פריינד, ווי זיי לויפען מיט מורא אריבער דער לענג פון רהיין מיט געזיכטער ווי פון טויטע און איינגעהילט אין תכריכים... עס איז איהר שווארץ געווארען פאר די אויגען, א אייז־קאלטער שטראם האט זיך איהר אריינגעריסען אין דער נשמה, און אזוי ווי אין שלאף האט זי נאר נאך געהערט, ווי דער רב לייענט איהר פאר די קריאת־שמע, פאמעלעך אנגסטיג, ווי עס קומט פאר ביי טויט־קראנקע מענשען, און אזוי ווי אין חלום האט זי נאכגעשטאמעלט די ווערטער: „ששים גבורים סביב לה מגבורי ישראל; כלם אחוזי חרב מלומדי מלחמה, איש חרבו על ירכו, מפחד בלילות"...

דאן האט זיך פלוצלונג ווי פערצויגען די גאנצע דונקעלהייט און שרעק, וואס האבען אריינגעדרונגען, דער פינסטערער פארהאנג איז פון הימעל אראבגעריסען געווארען, און אט האט זיך בעוויזען די הייליגע שטאדט ירושלים מיט איהרע טורעמס און טויערן; אין גאלדענער פראכט האט געלויכטען דער בית־המקדש; אויפ'ן פאר־

הויף פון בית־המקדש האָט די שענע שרה דערזעהן איהר פאָטער אין זיין געלען שבת־שלאָפראָק, ווי ער לאַכט צופריעדען מיט די אויגען; פון די קיילעכדיגע פענסטער פון בית־המקדש האָבען זי פרעהליך בעגריסט אַלע איהרע קרובים און פריינד; אין קדשי קדשים האָט געקניעט דער פרומער דוד המלך אין אַ פורפור־מאַנטעל און מיט אַ פונקעלדיגער קרוין, און ליעבליך האָט זיך געלאָזט הערען זיין געזאַנג און פיעדעל־שפיעל — און גליקליך שמייכלענדיג איז די שענע שרה איינגעשלאָפען.

קאַפּיטעל II.

ווען די שענע שרה האָט איהרע אויגען אויפגעעפענט, איז זי כמעט געווען געבלענדעט פון די שטראַהלען פון דער זון. די הויכע טורעמס פון אַ גרויסער שטאָדט האָבען זיך הויך געהויבען, און דער שטומער ווילדהעלם איז געשטאַנען אויסגעגלייכט מיט'ן רודער און האָט דאָס שיפעל געפיהרט דורך דעם לוסטיגען געוויש פון פיעל פערשיעדענאַרטיג בעזעצטע שיפען, וואָס זייערע מאַטראָסען זענען אָדער געשטאַנען לעדיג און אַראָבגעקוקט אויף די פערבייפאָהרענדע, אָדער זיי זענען געווען זעהר בעשעפטיגט מיט אויסלאָדען קאַסטענס, פעק און פעסער, וועלכע מען האָט צוגעפיהרט צו'ם ברעג אויף קלענערע שיפלעך, און דערביי איז פאָרגעקומען אַ בעטויבענדער טומעל, די באַרקען־פיהרער האָבען נישט אויפגעהערט צו שרייען „האַללאָ“, פון ברעג האָבען געשריען די סוחרים, און די שטייערן־בעאַמטע האָבען זיך געזידעלט, אַרומשפרינגענדיג אין זייערע רויטע רעק מיט ווייסע שטעקענס און מיט ווייסע געזיכטער פון איין שיף צו'ם אַנדערען.

— יאָ, שענע שרה — האָט דער רב געזאָגט צו זיין פרוי, שמייכלענדיג פרעהליך — דאָס איז די וועלט־בעריהמטע פרייע רייכס־ און האַנדעלס־שטאָדט פראַנקפורט אַם מאַין, און דאָס איז טאַקי דער מאַין־טייך, אויף וועלכען מיר פאָהרען איצט. אָט די שמייכלענדיגע הייזער דאָרטען אין דער הויך, וועלכע זענען אַרומגערינגעלט פון גרינע בערגלעך, דאָס איז זאַכסענהויזען, פון וואַנען דער לאָהמער גומפערץ ברענגט אונז אויף סוכות די שענע הדסים. אָט דאָ

קאָנסטו אויך זעהן די שטאַרקע מאַין־בריק מיט איהרע דרייצעהן בויגענס, און זעהר פיעל מענשען, וואָגענס און פערד קאָנען זיכער איבער איהר געהן, און אין מיטען שטעהט דאָס שטיבעל, וועגען וועלכען די מוהמע טייבעלע האָט דערצעהלט, אַז דערין וואָהנט אַ געטויפטער יוד, וועלכער בעצאָהלט יעדען, וואָס ברענגט איהם אַ טויטען שצשור, זעכס העלער אויפ'ן רעכנונג פון דער יודישער געמיינדע, וועלכע מוז יעהרליך צושטעלען דעם שטאָדט־ראָט פינפטויזענד עקען פון שצורעס!

איבער דער דאָזיגער מלחמה, וואָס די פראַנקפורטער יודען מוזען פיהרען מיט די שצורעס, האָט די שענע שרה זיך געמוזט הויך צעלאַכען; דאָס קלאָרע זונענליכט און די נייע פערשיעדענפאַרביגע וועלט, וועלכע האָט זיך פאַר איהר ענטפלעקט, האָט פון איהר זעלע פערטריעבען אַלע שרעקען פון דער פאָריגער נאַכט, און ווען זי איז מיט דער הילף פון איהר מאַן און דעם שטומען ווילהעלם אַרויס פון שיפעל אויפ'ן ברעג, האָט זי זיך געפיהלט ווי דורכגעדרונגען מיט פריידיגער זיכערהייט. דער שטומער ווילהעלם מיט זיינע שענע, טיעף־בלויע אויגען האָט איהר לאַנג געקוקט אין געזיכט, האַלב שמערצליך, האַלב פרעהליך, דאַן האָט ער נאָך אַ בעדייטענדען בליק געוואָרפען אויפ'ן רב, איז צוריק אַריינגעשפרונגען אין זיין שיפעל, און באַלד איז ער דערמיט פערשוואונדען געוואָרען.

— דער שטומער ווילהעלם איז זעהר ענליך צו מיין געשטאָרבענעם ברודער, — האָט די שענע שרה בעמערקט.

— די מלאכים זעהען אַלע גלייך אויס, — האָט דער רב געענטפערט, און אָנגעהמענדיג זיין פרוי ביי דער האַנד האָט ער זי דורכגעפיהרט דורך דעם מענשען־טומעל פון ברעג, וואו איצט זענען געווען אויפגעבויט זעהר פיעל קראָם־ביידלעך, וויל עס איז געווען די צייט פון פּאַסחאַ־מאַרק. ווען זיי זענען דורך דעם דונקעלען מאַרן־טויער אַנגעקומען אין דער שטאָדט, האָבען זיי דאָרט געטראָפען נישט ווענינער רוישענדען פערקעהר. דאָ זענען אין אַ ענגער גאַס געשטאַנען איין געוועלב נעבען אַנדערען, און די הייזער זענען אַזוי ווי בכלל אין פראַנקפורט געווען איינגעאָרדענט ספּעציעל צו'ם האַנדעל: אין פאַרטער זענען נישט געווען קיינע פענסטער, נאָר בלויז אָפענע האַלב־קיילעכדיגע טהירען, אַזוי אַז מען האָט געקענט אַריינקוקען טיעף איננוועניג, און יעדער פערבייגעהענדער האָט געקאָנט גוט

בעטראַכטען די אויסגעשטעלטע סחורות. ווי האָט די שענע שרה געשטוינט זעהענדיג אַזוי פיעל טייערע זאַכען און אַזוי פיעל פראַכט, ווי זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן! דאָ זענען געשטאַנען ווענעציאַנער, וועלכע האָבען פאָרגעלעגט אַלע לוקסוס-זאַכען פון מאָרגענלאַנד און איטאַליען, און די שענע שרה איז ווי צוגעשמידט געוואָרען צום אָרט זעהענדיג די אַלע אויסגעלעגטע צירונגען און טייערע זאַכען, די פערשידענפאַרביגע מיצען און קאָרסעטען, די גאָלדענע בראַסלעטען און האַלז-בענדער, און די אַלע יענע קליינינקייטען און צירונגען, וואָס די פרויען בעוואונדערען זיי אַזוי גערן און וואָס נאָך מעהר גערן בעפוצען זיי זיך מיט זיי. די רייכגעשטיקטע סאַמעט- און זיידענע-שטאָפען האָבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען מיט דער שענער שרה געשמועסט און איהר דערמאָהנט אַלערליי וואונדערבאַרע זאַכען, און עס האָט זיך איהר ווירקליך אויסגעדוכט, אַז זי איז ווידער אַ קליין מעדעל, און די מוהמע טייבעלע האָט ערפילט איהר צוזאָג, און האָט זי אַוועקגעפיהרט אויפ'ן פראַנקפורטער יריד, און איצט שטעהט זי דאָס טאַקי פאַר די שענע קליידער, וועגען וועלכע מען האָט איהר אַזוי פיעל דערצעהלט. ביי זיך אין האַרצען האָט זי זיך שוין פרעהליך מישב געווען, וואָס זי וועט מיטברענגען מיט זיך קיין באַכאַראַך, וועלכע פון איהרע צוויי שוועסטער-קינדער, דער קליינער בלומעלע, אָדער דער קליינער פויגעלע, וועט דער בלוי-זיידענער פאַס צום בעסטען געפעלען ווערען, אויב די גרינע הויזלעך וועלען פאַסען פאַר'ן קליינעם גאָטשאַלק, — נאָר פלוצלונג האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין: אַך גאָט! זיי זענען דאָך שוין דערווייל אויסגעוואַקסען גרויס און נעכטען האָט מען זיי אומגעבראַכט! זי איז שטאַרק דערשראָקען געוואָרען, און די בילדער פון דער נאַכט זענען שוין שיער ווידער ניט אַריינגעדרונגען אין איהר מיט זייערע אַלע שרעקען; נאָר דאָך האָבען די גאָלד-געשטיקטע קליידער געוואונקען צו איהר אַזוי ווי מיט טויזענד ממזרישע אויגען און האָבען איהר אַרויסגעטריבען פון די געדאַנקען אַלעס דונקעלעס, און ווען זי האָט אַריופגעקוקט צו איהר מאַנ'ס געזיכט, האָט זי געזעהן, אַז זיין געזיכט איז ניט פערדונקעלט, נאָר עס טראָגט זיין געוועהנליכע ערנסטע מילדקייט.

— מאַך צו די אויגען, שענע שרה, — האָט דער רב געזאָגט און האָט זיין פרוי ווייטער געפיהרט דורך דעם מענשען-טומעל.

וואָס דאָ איז אַלץ פֿאָרגעקומען! על פּי רוב זענען דאָס געווען
סוחרים, וועלכע האָבען הויך זיך געדונגען איינער מיט'ן צווייטען,
אָדער האָבען געריעדט מיט זיך אַליין רעכענענדיג אויף די פינגער,
אָדער האָבען געפֿיהרט אין זייערע האָטעלען אַריין די איינגעקויפטע
זאַכען, וועלכע זענען געווען אָנגעפּאַקט אויף איינינע מאַרק-טרעגער,
וואָס זענען זיי פֿון הינטען נאָכגעלאָפֿען. פֿון אַנדערע געזיכטער האָט
מען געקאָנט דערקענען, אַז זיי זענען אַהער געקומען בלויז אויס
נייגיעריגקייט. אין די רויטע מאַנטלען און די גאָלדענע האַלז-קייטען
האָט מען דערקענט די ראַטס-העררען. די שטאָלצע אַלט-בירגער
האָט מען געקאָנט דערקענען אָן דעם שוואַרצען וואַמס פֿון זייערע
קליידער. די אייזערנע קאַסקע, דאָס געל-לעדערנע וואַמס און די
קלינגענדע שפּאָרען האָבען בעוויזען, אַז מען זעהט פֿאַר זיך די
שווערע רייטערס-קנעכט. אונטער דעם שוואַרצען סאַמעט-היטעלע,
וועלכעס האָט זיך צונויפגעצויגען אין איין שפּיץ אויפ'ן שטערען, איז
געווען פֿערבאָרגען אַ ראָזיגעס מיידעל-געזיכט, און די יונגע גע-
זעלען, וועלכע זענען גלייך נאָך איהר נאָכגעשפּרונגען אַזוי ווי נאָכ-
שפּירענדע יאַגד-הינד, האָבען זיך אַרויסגעוויזען ווי פֿאָלקאָמענע פֿראַנ-
טען מיט זייערע בעפֿעדערטע היטעלעך, מיט די קלינגענדע שנאַבעל-
שיך און מיט זייערע זיידענע קליידער פֿון געמישטער פֿאַרב, וואָס די
רעכטע זייט איז געווען גרין און די לינקע רויט, אָדער די רעכטע איז
געווען געפּאַרבט ווי פּאַסען פֿון רעגענבויגען, און די לינקע איז געווען
פֿערשיעדענפֿאַרביג געקעסטעלט, אַזוי אַז די נאַרישע יונגען האָבען
אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען געווען אין מיטען געשפּאָלטען. מיטגע-
צויגען פֿון דעם מענשענשטראָם איז דער רב מיט זיין ווייב אָנגעקומען
צום רוימער. דאָס איז געווען דער גרויסער, מיט הויכע פֿראָנטאָווע
הייזער אַרומגערינגעלטער מאַרק-פּלאַץ פֿון דער שטאָדט; דעם נאָמען
„רוימער" האָט ער בעקומען פֿון אַ אונגעהויער גרויס הויז, וואָס
האָט געהייסען „צום רוימער" און וואָס דער מאַגיסטראַט האָט עס
אָבגעקויפט און געמאַכט דערפֿון אַ ראָטהויז. אין דעם דאָזיגען הויז
פֿלעגט מען אויסוועהלען די קיסרים פֿון דייטשלאַנד, און
פֿאַר דעם דאָזיגען הויז זענען אָפט פֿאָרגעקומען די עדעלע ריטער-
שפּיעלען. דער קעניג מאַקסימיליאַן, וועלכער האָט די דאָזיגע שפּיעלען
זעהר ליעב געהאַט, איז דעמאָלט טאַקי געווען אין פֿראַנקפֿורט, און
אַ טאָג פֿאַר דעם האָט מען פֿון זיין כבוד וועגען איינגעאָרדענט פֿאַר'ן

רוימער אַ גרויס מלחמה־שפּיעל. נעבען די הילצערנע שאַפּעס, וואָס
איצט האָבען זיי די סטאָלאַרעס פאַנאַנדערגעבראָכען, זענען נאָך
געשטאַנען פיעל לעדיג־געהער און האָבען זיך איינער דעם אַנדערן
דערצעהלט, ווי דער הערצאָג פון ברוינשווייג און דער מאַרקגראַף פון
בראַנדענבורג האָבען נעכטען מלחמה געהאַלטען איינער מיט'ן צווייטען
אונטער פויקען־און טראָמפּייטען־שאַלען, ווי הערר וואַלטער דער לומפּ
האָט דעם בערען־ריטער אַזוי געוואַלדיג אַראָבגעוואָרפען פון זאָטעל,
אַז די שטיקלעך פון זיין שווערד זענען געפלויגען אין דער לופט, און
ווי דער לאַנגער בלאָנדער קעניג מאַקס איז צווישען זיינע הויפליַיט
געשטאַנען אויפ'ן באַלקאָן און האָט זיך פאַר שמחה געריבען די הענד.
די דעקעס פון גאָלדענע שטאָפען זענען נאָך געלעגען אויף די פאָרענצען
פון באַלקאָן און אויף די פענסטער פון ראָטהויז. אויך די איבעריגע
הייזער פון מאַרק־פלאַץ זענען נאָך געווען יום־טובדיג בעפוצט און
בעציערט מיט הערב־שילדען, בעזונדערס דאָס הויז לימבורג, וואָס
אויף זיין פאָהן איז געווען אויסגעמאָלט אַ יונגפרוי, וועלכע טראָגט
אַ שפּאַרבער אין דער האַנד, ווערהרענד אַ מאַלפּע האַלט פאַר איהר
אַ שפּיעגעל. אויפ'ן באַלקאָן פון דעם דאָזיגען הויז זענען געשטאַ-
נען פיעל ריטער און דאַמען, און שמועסענדיג און שמייכלענדיג האָבען
זיי אַראָבגעקוקט אונטען אויף דעם פאָלק, וועלכעס האָט זיך אַרומ-
געדרעהט אַהין און אַהער אין משונה'דיגע גרופּען. וואָס פאַר אַ מאַסע
לעדיגגעהער פון יעדען שטאַנד און אַלטער האָבען זיך דאָ געשטופּט,
אַבי צופריעדענצושטעלען זייער תאוה צו קוקען! דאָ האָט מען גע-
לאַכט, געקוויטשעט, געגנבה'ט, געקניפּט אין די זייטען, געפייפט,
און אין מיטען דערינען האָט קלינגענדיג געשמעטערט די טראָמפּייט
פון דאָקטאָר, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ הויכען אָרט מיט זיין
נאַרישען משרת און מיט זיין מאַלפּע, אויסגעטראָמפּייטערט אַליץ וואָס
ער קאָן, געלויבט זיינע טינקטורען און וואונדערבאַרע זאַלבען, אָדער
ער האָט זעהר ערנסט בעטראַכט אַ גלאָז מיט השתנה, וואָס עפּעס
אַ אַלטע פרוי האָט געהאַלטען פאַר איהם, אָדער זיך בעשעפטיגט
מיט אַרויסרייסען ביי אַ אַלטען פויער אַ באַקצאָהן. צוויי פעכט-
מייסטער, וועלכע זענען אַרומגעפלויגען אין זייערע פערשיעדענאַר-
ביגע בענדער, מאַכענדיג אין דער לופט מיט זייערע שווערדען, האָבען
זיך דאָ בעגעגענט עפּעס אַזוי ווי צופעליג און האָבען זיך אַרויס-
געוואָרפען איינער אויפן צווייטען כלומרשט אין גרעסטען צאָרן;

נאך א לאנגע צייט פעכטען, האבען זיי ערקלערט איינער דעם אנדערן, אז זיי ביידען איז אונמעגליך צו בעזיעגען, און דאן האבען זיי צונויפגעקליבען איינינע פעניג פון די ארומשטעהענדע מענשען. איצט האט פערביי מארשירט מיט טראמפייטען און פייפער די ביי-איינגעארדענטע שוץ-מחנה. באלד דערויף איז אנגעקומען מיט'ן שטעקער אין דער שפיץ, וועלכער האט געטראגען א רויטע פאהן, א סטאיע פאהרענדע פריילינס, וועלכע זענען אהער אנגעקומען פון דעם פרויען-הויז „צום אייזעל“ פון ווירצבורג און האבען זיך געלאזט נאך ראזענטהאל, וואו די הויך-געלויבטע נאטשאלסטווא האט זיי בעשטימט א קווארטיר פאר דער צייט פון יריד.

— מאך צו די אויגען, שענע שרה! — האט דער רב געזאגט. דען יענע פרויען-בילדער, וועלכע זענען געווען פאנטאסטיש און גאנץ וועניג בעקליידט און צווישען וועלכע עס זענען געווען איינינע זעהר שענע, האבען זיך אויפגעפיהרט אויפ'ן אונציכטיגסטען אופן, זיי האבען אויפגעדעקט זייערע ווייסע, חוצפה'דיגע בוזעמס, צוגעצויגען צו זיך די פערבייגעהענדע מיט אונפערשעמטע ווערטער, אויסגעשטרעקט זייערע לאנגע וואנדער-שטעקענס, און וועהרענד זיי האבען זיך אויף די דאזיגע שטעקענס ארויפגעזעצט אזוי ווי אויף פערד און אראבגעריטען איבער דעם סאנקט קאטארינא-טויער האבען זיי מיט א קלינגענדער שטימע געזונגען דאס מכשפה-ליעד:

„וואו איז דער באק, דאס טייוועל-טיער?
וואו איז דער באק? און פעהלט דער באק,
אזוי רייטען מיר, אזוי רייטען מיר,
אזוי רייטען מיר אויפ'ן שטאק!“

דאס דאזיגע געזאנג, וועלכעס מען האט נאך פון דערווייטען געקאנט דערהערען, איז ענדליך פערשטילט געווארען דורך די קירכישלאנגגעצויגענע טענער פון א אנקומענדער פראצעסיע. דאס איז געווען א טרויעריגער צוג פון בארוועסע מאנאכען מיט אויסגעקראכענע קעפ, וועלכע האבען געטראגען ברענענדע וואקסענע ליכט אדער פאהנען מיט הייליגע בילדער אדער אויך גרויסע זילבערנע קרוציפיקסען. אין דער שפיץ זענען פאר זיי פאראויסגעגאנגען יונגלעך אין רויטע און ווייסע רעק מיט דעמפענדע ווייראך-קעסלען. אין מיטען צוג אונטער א פרעכטיגען באלדאחין האט מען געזעהן גייסטליכע אין ווייסע האר-העמדער פון טייערע שפיצען אדער אין פערשידענפאר-

ביגע שטאָלען, און איינער פון זיי האָט געטראָגען אין האַנד אַ גאָלדענע כלי, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי די זון, און יעדעס מאָל, ווען ער איז אָנגעקומען ביז אַ נישע פון היילינע אין עק מאַרק, האָט ער די דאָזיגע כלי אויפגעהויבען אין דער הויך און האָט האַלב געזונגען האַלב גערופען לאַטיינישע ווערטער... אין דער זעלבער צייט האָט אָנגעהויבען קלינגען אַ קליין גלעקעל, און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס איז געשטאַנען אַרום, איז פערשטומט געוואָרען, געפאַלען אויף די קניע און זיך געצלמט. דער רב אָבער האָט געזאָגט צו זיין ווייב:

— מאַך צו די אויגען, שענע שרה! — און האַסטיג האָט ער זי אַוועקגעצויגען פון דאַנען אין אַ נאָהנטעס, שמאָלעס געסעל, דורך אַ לאַביירינט פון ענגע און קרומע גאַסען, און ענדליך איבער דעם גישט-בעוואוינטען, וויסטען פלאַץ, וועלכער האָט אָבגעשיידט דעם נייעם יודישען קוואַרטאַל פון דער איבעריגער שטאָדט.

פאַר יענער צייט האָבען די יודען געוואָהנט צווישען דער קירכע און דעם מאַין-ברעג, דאָס הייסט, פון דער בריק ביז צום לומפען-ברונען און פון דער מעהלוואָג ביז צו סאַנקט באַרטאָלאָמיי. נאָר די קאַטולישע פריעסטער האָבען אויסגעפועלט ביים פאַפסט אַ בולע, וועלכע האָט פערבאָטען די יודען צו וואָהנען אַזוי נאָהנט פון דער הויפט-קירכע, און דער מאַגיסטראַט האָט זיי אָבגעגעבען אַ פלאַץ אויפ'ן וואָלגראָבען, וואו זיי האָבען אויפגעבויט דעם איצטיגען יודישען קוואַרטאַל. דער דאָזיגער קוואַרטאַל איז געווען פערזאָרגט מיט שטאַרקע מויערן, און אויך מיט אייזערנע קייטען פאַר די טויערן, כדי זיי צו פערשפאַרען קעגען אַ אָנפאַל פון דער מאַסע. וואָרום דאָ האָבען די יודען אויך געלעבט אין דריגעניש און מורא, און נאָך מעהר ווי איצט האָבען זיי געדענקט די פריהעריגע צרות. אין יאָהר 1240 האָט דער צעלאָזטער המון געמאַכט צווישען זיי אַ בלוט-באָד, וועלכע מען רופט די ערשטע יודען-שחיטה, און אין יאָהר 1349, בשעת די פלאַגעלאַנטען האָבען פערבייגעהענדיג אונטערגעצונדען די שטאָדט און בעשולדיגט די יודען, אַז זיי האָבען דאָס געטהון, זענען די יודען דורך דעם אויפגערייצטען המון גרעסטענטיילס ערמאָרדעט געוואָרען, אָדער זיי האָבען געפונען דעם טויט אין די פלאַמען פון זייערע אייגענע הייזער, און דאָס רופט מען די צווייטע יודישע שחיטה. שפּעטער האָט מען די יודען גאַנץ אָפט געסטראַשעט מיט אַזעלכע שחיטות, און בשעת אין פראַנקרייך זענען פאָרגעקומען

אונרוהען, בעזונדערס בשעת די מחלוקת'ן צווישען דעם ראט און די צעהען, איז די קריסטליכע מאסע זעהר אפט שוין געווען בערייט צו בעפאלען אויפ'ן יודישען קווארטאל. דער דאזיגער קווארטאל האט געהאט צוויי טויערן, וועלכע פלעגען פערשלאסען ווערען אין קאטוילישע חגאות פון אויסענווענינ און אין יודישע יום-טובים פון אינוועניג, און פאר יעדען טויער איז געווען א וואכט-הויז מיט שטאדט-סאלדאטען.

ווען דער רב איז מיט זיין ווייב אנגעקומען צום טויער פון יודישען קווארטאל האט מען דורך די אפענע פענסטער געקאנט זעהן, ווי די סאלדאטען ליגען אויף די נארעס פון דער וואכט-שטוב, און אין דרויסען פאר דער טהיר איז אין פולען זונענשיין געזעסען דער טראמפייטען-בלאזער און האט פאנטאזירט מיט זיין גרויסען טראמפייט. דאס איז געווען א שווערע, דיקע געשטאלט; זיין וואמס און די הויזען זענען געווען פון פייער-געלען טוך, ביי די ארעמס און די לענדען איז עס געווען שטארק אויפגעבלאזען, און אזוי ווי אהן א שיעור מענשען-צינגער וואלטען דערפון ארויסגעלעקט איז דאס פון אויבען ביז אונטען געווען בעזייעט מיט איינגענעהטע רויטע קישעלעך; די ברוסט און דער רוקען זענען געווען געפאנצערט מיט שווארצע טוך-קישעלעך, אויף וועלכע עס איז געהאנגען דער טראמפייט; אויפ'ן קאפ האט ער געהאט א פלאכע, קיילעכדיגע שווארצע קאפע; דאס געזיכט איז אויך געווען פלאך און קיילעכדיג, דערצו נאך געל ווי ארטאנגען און בעזעצט מיט רויטע געשווירעלעך און פערצויגען צו א געגנעצדיגען שמייכעל. אט אזוי איז דער סאלדאט געזעסען און האט אויסגעטראמפייטערט די מעלאדיע פון א ליעד, וואס אמאל האבען עס געזונגען די פלאזשעלאנטען בשעת דער יודישער שהיטה, און מיט זיין גראבען ביער-טאן האט ער צוגעגארגעלט די ווערטער:

„אונזער ליעבע פרוי—ע,
געהט אמאל אין מארגען-טוי—ע,
קירי עלייזאן!"

— האנס, דאס איז א שלעכטע מעלאדיע,— האט אויסגערופען א שטימע פון הינטער דעם פערשלאסענעם טויער פון יודישען קווארטאל — האנס, עס איז אויך א שלעכט ליעד, עס פאסט נישט פאר קיין טראמפייט, פאסט גאר נישט און בפרט נאך בשעת'ן ידיד און אין פסחא-צייט, א שלעכט ליעד, א געפעהרליך ליעד, האנס,

האַנסעלע, קלייִנער טראָמפּייטען=האַנסעלע, איך בין אייִנער אַלייִן און אויב דו האָסט מיך ליעב, אויב דו האָסט ליעב דעם שטערן, דעם לאַנגען שטערן, דעם לאַנגען נאָז=שטערן, טאָ הער אויף!

די דאָזיגע ווערטער האָט דער אונגעזעהענער רעדנער אַרויסגערעדט האַלב האַסטיג, פול מיט שרעק, האַלב פּאַמעלעך דיפּצענדיג, מיט אַ טאָן, וואָס אין איהם האָט זיך דאָס ציהענדיג=ווייכע און דאָס הייזעריג=האַרטע שנעל אומגעביטען, אַזוי ווי עס טרעפט ביי שווינדזיכטיגע. דער טראָמפּייטען=בלאָזער איז געבליבען אונבעוועגליך, און נאָך אַלין בלאָזענדיג די פריהעריגע מעלאָדיע האָט ער ווייטער געזונגען:

„אין מיטען קומט אַ קלייִנער יונג,
און זיין באָרד טהוט איהם אַ שפּרונג,
הַללויה!“

— האַנס— האָט ווידער גערופען די שטימע פון דעם דערמאָהנטען רעדנער — האַנס, איך בין אייִנער אַלייִן, און עס איז אַ געפעהרליך ליעד, און איך האָב עס נישט ליעב צו הערען, און איך וויים פאַרוואָס, און אויב דו האָסט מיך ליעב, וועסטו בעסער זינגען עפּעס אַנדערש, און מאָרגען וועלען מיר טרינקען...

ביים וואָרט „טרינקען“ האָט האַנס אויפגעהערט צו בלאָזען און זינגען און האָט געזאָגט מיט אַ ערהליכען טאָן:

— האַפּט די יודען דער טייוועל, נאָר דו, ליעבער נאָז=שטערן, ביזט מיין פריינד, איך וועל דיך בעשיצען, און אויב מיר וועלען נאָך אָפּט טרינקען צוזאַמען, וועל איך דיך אויך טויפען. איך וויל זיין דיין טויפ=פּאַטער; אַז דו וועסט זיך טויפען, וועסטו גליקליך זיין, און אויב דו האָסט אַ קאָפּ און וועסט זיך ביי מיר פלייסיג לערנען, קאָנסטו נאָך אויך ווערען אַ טראָמפּייטען=בלאָזער. יאָ, נאָז=שטערן, דו קאָנסט נאָך דערגעהן זעהר ווייט, איך וועל דיר אויסטראָמפּייטערן דעם גאַנצען קאַטעכיזמוס, בשעת מיר וועלען מאָרגען טרינקען צוזאַמען— נאָר איצט מאַך נאָר אויף דעם טויער, ווייל דאָ שטעהען צוויי פריינד און ווילען אַריינגעהן.

— אויפעפענען דעם טויער? — האָט אויסגעשריען נאָז=שטערן, און קוים וואָס ער איז געווען אימשטאַנד ווייטער צו רעדען. — דאָס געהט נאָך נישט אַזוי שנעל, ליעבער האַנס, מען קאָן נישט וויסען, מען קאָן גאָרנישט וויסען, און איך בין אייִנער אַלייִן. פייטעל רינדס=

קאָפּ האָט דעם שליסעל און איצט שטעהט ער שטיל אין עק און ברומט די שמונה־עשרה; נו, טאָר ער דאָך נישט מפסיק זײַן. יעקעל דער נאַר איז אויך דאָ, נאָר ער איז איצט משתּין. איך בין איינער אַליין!

— האַפּט די יודען דער טײַוועל! — האָט דער טראָמפּייטענ־האַנס אויסגערופען, און הויך לאַכענדיג איבער זײַן אייגענעם וויץ האָט ער זיך אַרײַנגעקײַקעלט אין דעם וואַכט־הויז און האָט זיך אויך געלעגט אויף די נאַרעס.

ווי דער רב איז איצט מיט זײַן ווײַב אַליין געבליבען שטעהען פאַר׳ן גרויסען פערשלאָסענעם טויער, האָט זיך הינטערן טויער דער־הערט אַ שנאָרכענדע, אונטערן נאָז רעדענדע, אַביסעל שפּאָטיג־געצויגענע שטימע:

— שטערענדעל, פּלוידער נישט אַזוי לאַנג, נאָר נעהם אַרויס דעם שליסעל פון רינדסקאָפּס קעשענע, אָדער נעהם דײַן נאָז און שליס דערמיט אויף דעם טויער. די מענשען שטעהען שוין לאַנג און וואַרטען.

— די מענשען? — האָט מיט אַנגסט אויסגערופען די שטימע פון דעם מענשען, וועלכען מען האָט גערופען נאָז־שטערן — איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז נאָר דאָ איינער, און איך בעט דיך, נאַר, ליעבער יעקעל נאַר, קוק נאָר אַרויס, ווער איז דאָס דאָרטען.

דאַן האָט זיך געעפענט אין טויער אַ קליינינקעס פענסטערל מיט שטאַרקע גראַטעס, און עס האָט זיך בעוויזען אַ געלע מיץ מיט צוויי הערנער און אונטער דער מיץ דאָס לעכערליכע פערקרימטע לצײַשע געזיכט פון יעקעל דעם נאַר. אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט זיך די פענסטער־לאָך ווידער פערשלאָסען און עס האָט זיך דערהערט: „מאַך אויף, מאַך אויף, אין דרויסען שטעהט נאָר איין מאַנסביל מיט איין ווײַב!"...

— איין מאַנסביל מיט איין ווײַב! — האָט נאָז־שטערן אָבגע־קרעכצט — און אַז דער טויער וועט אויפגעמאַכט ווערען, אַזוי וועט דאָס ווײַב אַראָבוואַרפען פון זיך דאָס קלייד און עס איז אויך אַ מאַנסביל, און דאַן וועגען דאָס צוויי מאַנסבילען, און מיר זענען נאָר דריי.

— זײַ נישט קיין האָז! — האָט יעקעל דער נאַר געענטפערט — און זײַ האַרציג און ווייז אַרויס קוראַזש!

— קוראַזש! — האָט נאָז־שטערן אויסגערופען און האָט געלאַכט מיט אַ פערדראָסיגער ביטערקייט — האָז! האָז איז אַ שלעכטער פערגלייך. אַ האָז איז אַ אונריינע חיה. קוראַזש! מען האָט מיך דאָ אַהער געשטעלט נישט צוליעב קוראַזש וועגען, נאָר צוליעב פאָרזיכטיגקייט. אויב עס וועלען אָנקומען צופיעל, זאָל איך שרייען. נאָר איך אַליין קאָן זיי דאָך נישט אָבהאַלטען. מיין אָרעם איז צו שוואַך איך טראָג אַ פאַנטאַנעל, און איך בין איינער אַליין. טהוט מען אַ שאָס אויף מיר, אַזוי בין איך טויט. דאַן זיצט זיך דער רייכער מענדעל רייס שבת ביים טיש און ווישט זיך פון מויל די ראָזינקעס־זופ און גלעט זיך דעם בויך און זאָגט נאָך אפשר: דער לאַנגער נאָז־שטערנדעל איז דאָך געוועזען אַ וואוילער יונג, ווען ער וואָלט נישט געוועזען, אַזוי וואָלטען זיי אויפגעבראָכען דעם טויער, ער האָט זיך דאָך פאַר אונז געלאָזט שיעסען צום טויט, ער איז געוועזען אַ וואוילער יונג, אַ שאַד וואָס ער איז טויט—

די שטימע איז ביי דיעזע ווערטער געוואָרען בישלעכווייז ווייך און חיינענדיג, נאָר פלוצלונג איז זי איבערגעגאַנגען אין אַ האַסטיגען, כמעט ערביטערטען טאָן:

— קוראַזש! און כדי דער רייכער מענדעל רייס זאָל זיך קאָנען פון מויל אָבווישען די ראָזינקעס־זופ און זיך גלעטען דעם בויך און מיך אָנרופען אַ וואוילער יונג, זאָל איך מיך לאָזען דערשיעסען צום טויט? קוראַזש! מיט האַרץ! דער קליינער שטרוים איז געוועזען מיט האַרץ, און האָט נעכטען אויפ'ן רומער זיך צוגעקוקט צו דער מלחמה, און האָט געמיינט, אַז מען קען אים נישט, וויל ער האָט געטראָגען אַ פיאָלעטען רעקעל פון סאַמעט, צו דריי גולדען אַ איל, מיט פוקס־ווידעלעך, אינגאַנצען געשטריקט אין גאָלד און זעהר פרעכטיג — און זיי האָבען איהם דאָס פיאָלעטען רעקעל אַזוי לאַנג געקלאַפט, ביז עס איז אַראָב פון דער פאַרב, דערפאַר אָבער איז אויך זיין רוקען געוואָרען פיאָלעט און ער זעהט שוין מעהר נישט אויס מיט מענשען גלייך. קוראַזש! דער קרומער לייזער האָט זיך געמאַכט האַרץ און האָט אונזער לומפיגען סאָלטיס אָנגערופען לומפ, און זיי האָבען איהם אויף די פיס אויפגעהאָנגען צווישען צוויי הינד, און דער טראָמפייטען־האַנס האָט געטראָמפייטערט. קוראַזש! זיי נישט קיין האָז! צווישען אַ סך הינד איז דער האָז פערלאָרען, איך בין איינער אַליין, און האָב אין אמת'ען מורא!

— שווער זיך! — האָט יעקעל דער נאַר אויסגערופען.

— איך האָב אין אמת'ען מורא! — האָט נאָז־שטערן ווידער־האָלט זיפצענדיג — איך ווייס, די מורא ליעגט מיר שוין אין בלוט, און איך האָב עס בירושה פון מיין מאַמע עליה השלום—

— יאָ, יאָ!— האָט איהם איבערגעהאַקט יעקעל דער נאַר— און די מאַמע האָט עס בירושה פון איהר טאַטען, און דער טאַטע האָט עס ווידער גע'ירשה'נט פון זיין טאַטען, און אַזוי האָבען עס דיינע זיידעס גע'ירשה'נט איינער פון אַנדערען, ביז מען קומט צו דיין שטאַם־פאָטער, וועלכער איז אין דער צייט פון שאול המלך געגאַנגען מלחמה האַלטען מיט די פלשתים, און ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געמאַכט פליטה. — אָבער זעה נאָר, רינדס־קעפעלע האָט שוין געענדיגט, אָט האָט ער זיך צום פיערטען מאָל געבוקט, שוין שפּרינגט ער ווי אַ פלוי ביי דריי מאָל „קדוש“, און איצט נעהמט ער זיך שוין פאָרזיכטיג צו דער קעשענע...

ווירקליך, די שליסעל האָבען געראַוישט, קלינגענדיג האָט זיך געעפענט אַ פליגעל פון טויער, און דער רב און זיין ווייב זענען אַריינגעקומען אין דער יודישער גאַס, וואָס איז געווען גאַנץ ליידיג פון מענשען. נאָר דער אויפשליסער, אַ קליינער מענש מיט אַ גוט־מיטיג זויער געזיכט, האָט טרוימעריש צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אַזוי ווי איינער, וועלכער וויל זיך נישט לאָזען שטערען אין די גע־דאַנקען, און נאָכדעם ווי ער האָט דעם טויער ווידער גוט פערשלאָסען האָט ער, נישט רעדענדיג קיין וואָרט, זיך אַוועקגערוקט אין אַ ווינ־קעל הינטער'ן טויער, נאָך אַלץ זאָגענדיג די תפילות. וועניגער שוויי־גענדיג איז געווען יעקעל דער נאַר, אַ גרויסער יונג מיט עטוואָס קרומע פיס, מיט אַ לאַכענדיגען פול־רויטען געזיכט און מיט אַ אונמענשליכער גרויסער פליישיגער האַנד, וועלכע ער האָט פון די ברייטע אַרבעל פון זיין פערשידענפאַרביגער יאַקע אַרויסגעשטרעקט צום שלום־עליכם. הינטער איהם האָט זיך געוויזען, אָדער בעסער: זיך בעהאַלטען אַ לאַנגע, מאָגערע געשטאַלט, וואָס זיין שמאָלער האַלז איז געווען ווייס בעפעדערט מיט אַ שענע באַטיסטינע קרויזע, און זיין דין, בלאַס געזיכט איז געווען מערקווירדיג בעציערט מיט אַ כמעט אונגלויבליכער לאַנגער נאָז, וועלכע האָט זיך נייגיעריג און מיט מורא בעוועגט אַהין און אַהער.

— שלום עליכם! גוט יום טוב!— האָט זיך אָבגערופען יעקעל

דער נאַר — וואונדערט זיך ניִשט, וואָס די גאַס איז איצט אַזוי לעדיִג און שטיִל. אַלע אונזערע מענשען זענען איצט אין שוהל, און איהר קומט פונקט צו דער ריכטיִגער צײַט, כדי צו הערען ווי מען לייענט די מעשה פון עקידת יצחק. איך קען עס, דאָס איז אַ אינטערעסאַנטע מעשה, און ווען איך וואָלט עס שוין ניִשט געהאַט געהערט דרײַ און דרײַסיִג מאָל, וואָלט איך עס זעהר גערן דאָס יאָהר נאָך אַ מאָל געהערט. און דאָס איז אויך אַ וויכטיִגע מעשה, ווײַל ווען אברהם וואָלט טאַקי געשאָכטען יצחק'ן און ניִשט דעם באַראַן, וואָלטען איצט געווען אויף דער וועלט מעהר באַראַנעס און ווייִניגער יודען — און מיִט אַ משוגענער לוסטיִגער גריִמאַסע האָט יעקעל אָנגעהויבען זיִנגען דאָס ליִעד פון דער הגדה:

„חַד גדיא, חַד גדיא, איין ציִקעלע, וואָס דער פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי גילדען; איין ציִקעלע! איין ציִקעלע!

„איז געקומען דאָס קעצעלע, און האָט אויפגעגעסען דאָס ציִקעלע, וואָס דער פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי גילדען; איין ציִקעלע! איין ציִקעלע!

„איז געקומען אַ הינדטעלע, און האָט אַ ביִס געטהון דאָס ציצעלע, וואָס האָט אויפגעפרעסען דאָס ציִקעלע, וואָס דער פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי גילדען; איין ציִקעלע! איין ציִקעלע!

„איז געקומען אַ שטעקעלע, און האָט געשלאָגען דאָס הינדטעלע, וואָס האָט געביִסען דאָס קעצעלע, וואָס האָט אויפגעפרעסען דאָס ציִקעלע, וואָס דער פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי גילדען; איין ציִקעלע! איין ציִקעלע!

„איז געקומען אַ פײַערל, און האָט פערברענט דאָס שטעקעלע, וואָס האָט געשלאָגען דאָס הינדטעלע, וואָס האָט געביִסען דאָס קעצעלע, וואָס האָט אויפגעפרעסען דאָס ציִקעלע, וואָס דער פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי גילדען; איין ציִקעלע! איין ציִקעלע!

„איז געקומען אַ וואַסערל, און האָט פערלאָשען דאָס פײַערל, וואָס האָט פערברענט דאָס שטעקעלע, וואָס האָט געשלאָגען דאָס הינדטעלע, וואָס האָט געביִסען דאָס קעצעלע, וואָס האָט אויפגעפרעסען דאָס ציִקעלע, וואָס דער פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי גילדען; איין ציִקעלע! איין ציִקעלע!

„איז געקומען אַ עקסעלע, און האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַ=

סערל, וואָס האָט פערלאָשען דאָס פײַערל, וואָס האָט פערברענט דאָס שטעקעלע, וואָס האָט געשלאָגען דאָס הינדטעלע, וואָס האָט געביסען דאָס קעצעלע, וואָס האָט אויפגעפרעסען דאָס ציקעלע, וואָס דער פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי גילדען; איין ציקעלע! איין ציקעלע!

„איז געקומען אַ שוחט׳ל, און האָט געשאָכטען דאָס עקסעלע, וואָס האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסערל, וואָס האָט פערלאָשען דאָס פײַערל, וואָס האָט פערברענט דאָס שטעקעלע, וואָס האָט געשלאָגען דאָס הינדטעלע, וואָס האָט געביסען דאָס קעצעלע, וואָס האָט אויפגעפרעסען דאָס ציקעלע, וואָס דער פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי גילדען; איין ציקעלע! איין ציקעלע!

„איז געקומען דער מלאַך־המות׳ל, און האָט געשאָכטען דאָס שוחט׳ל, וואָס האָט געשאָכטען דאָס עקסעלע, וואָס האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַסערל, וואָס האָט פערלאָשען דאָס פײַערל, וואָס האָט פערברענט דאָס שטעקעלע, וואָס האָט געשלאָגען דאָס הינדטעלע, וואָס האָט געביסען דאָס קעצעלע, וואָס האָט אויפגעפרעסען דאָס ציקעלע, וואָס דער פאָטער האָט געקויפט פאַר צוויי גילדען; איין ציקעלע! איין ציקעלע!"

— יאָ, שענע פרוי, — האָט דער זינגער צוגעגעבען — עס וועט אַמאָל קומען דער טאָג, ווען דער מלאַך־המות וועט שעכטען דעם שוחט, און אונזער גאַנצעס בלוט וועט אויפגעמאָהנט ווערען פון אדום; ווײַל גאָט איז אַ אֵל קנא ונוקם— — —

נאָר פלוצלונג, פערטרײַבענדיג דעם ערנסט, וועלכער האָט איהם נישט ווילענדיג בעהערשט, האָט זיך יעקעל דער נאַר וויעדער אַרײַנגעלאָזט אין זײַנע ליצנות און האָט ווײַטער גערעדט מיט אַ פרעהליכער שטימע פון אַ ליץ:

— האָט נישט מורא, שענע פרוי, דער נאָז־שטערן וועט אײַך קיין שלעכטס נישט טהון. נאָר פאַר דער אַלטער שנאַפּער־עלע איז ער געפעהרליך. זי האָט זיך פערליעבט אין זײַן נאָז, נאָר די נאָז האָט עס כשר פערדיענט. זי איז שען ווי דער טורם, וואָס קוקט אַרויס אויף דמשק, און איז ערהאַבען ווי די צעדערבוימער פון וואַלד לבנון. אויסענווענדיג גלאַנצט זי ווי גין־גאָלד און סירופ, און אינווענדיג איז לויטער מוזיק און ליעבשאַפט. אום זומער בליהט זי, ווינטער איז זי אַביסעל צוגעפרוירען, און ווינ-

טער און זומער ווערט זי גלאַשטשעט פון שנאַפּער=על'ס ווייַסע
הענד. יאָ, שנאַפּער=על'ע איז פערליבט אין איהם, פּשוט אונ=
זיניג. זי היט איהם, זי פּאַשעט איהם, און ווי ער וועט נאָר ווע=
רען געגוג פעט, וועט זי מיט איהם חתונה האָבען, און פאַר איהרע
יאָהרען איז זי נאָך יונג גענוג, און ווער עס וועט אַמאָל אין דריי
הונדערט יאָהר אַרום קומען צופאָהרען אין פראַנקפורט, וועט נישט
קאָנען זעהן דעם הימעל, אַזוי פיעל נאָז=שטערנס וועלען דאָ זיין.
— איהר זענט יעקעל דער נאַר,— האָט דער רב אויסגערופען
לאַכענדיג,— איך דערקען דאָס פון אייערע ווערטער. איך האָב
אָפּט געהערט פון אייך רעדענדיג.
— יאָ, יאָ, — האָט יענער געענטפערט מיט לעכערליכער
ענִיוות,— יאָ, יאָ, דאָס קומט אַרויס פון דעם, וואָס מען איז בע=
רידמט. אָפּט איז מען ווייט און ברייט בעקאַנט פאַר אַ גרעסערן
נאַר, ווי מען ווייס אַליין. דאָך מיר קאָסט עס זעהר פיעל מיה
צו זיין אַ נאַר, און איך שפּרינג און שאָקעל מיך, כדי די גלעק=
לעך זאָלען קלינגען. אַנדערע קומט עס אָן לייכטער... נאָר זאָגט
מיר, רבי, פאַרוואָס פאָהרט איהר אום יום־טוב?
— מיין פערענטפערונג — האָט דער רב געזאָגט — שטעהט
אין תּלמוד, און דאָס הייסט: „סכּנה דוחה שבת" (די געפאַהר פער=
טרייבט דעם שבת).
— סכּנה! — האָט פּלוצלונג אויסגעשריען דער לאַנגער נאָז=
שטערן און איז דערשראָקען געוואָרען, ווי ער וואָלט געשטאַנען
אין אַ געפאַהר פון טויט, — סכּנה! סכּנה! טראָמפּייטער=האַנס, טראָמ=
פּייטער, טראָמפּייטער, סכּנה! סכּנה! טראָמפּייטער=האַנס...
נאָר פון דרויסען האָט דער טראָמפּייטער=האַנס אויסגערופען
מיט זיין דיקער ביער=שטימע:— טויזענד דונער=וועטער! האַפּט דער
טייוועל די יודען! שוין דאָס דריטע מאָל, ווי דו האָסט מיך היינט
פון שלאָף אויפגעוועקט, נאָז=שטערן! מאַך מיך נישט בייז! אַז
איך ווער בייז, בין איך דער טייוועל אַליין, און דאַן, אַזוי ווי
איך בין אַ קריסט, דאַן שיעס איך מיט'ן ביקס דורך דער גראַטעס=
לאָך פון טויער, און דאַן זאָל יעדער היטען זיין נאָז!
— שיעס נישט! שיעס נישט! איך בין איינער אַליין! —
האָט מיט אַנגסט געקלאָגט נאָז=שטערן און האָט זיין געזיכט פעסט
צוגעדריקט צום טויער, און אין אַזאַ צושטאַנד איז ער געבליבען

ציטערנדיג און בעטענדיג שטילערהייד.

— זאָגט, זאָגט, וואָס איז געשעהן? — האָט איצט אויסגערופען אויך יעקעל דער נאַר מיט זיין גאַנצער האַסטיגער נייגיעריגקייט, וועלכע איז שוין דעמאָלט געוועזן די אייגענשאַפט פון די פראַנקפורטער יודען.

נאָר דער רב האָט זיך פון איהם אַרויסגעריסען פריי און איז מיט זיין ווייב געגאַנגען אַרויף צו דער יודישער גאַס.

— זעה, שענע שרה, — האָט ער געזאָגט זיפצענדיג, — ווי שלעכט דאָס פאָלק ישראל איז בעשיצט! פאַלשע פריינד היטען זיינע טויערן פון אויסענווענדיג, און פון אינווענדיג זענען זיינע היטער נאַרישקייט און מורא!

פּאַמעלעך האָבען זיי ביידע געוואַנדערט דורך דער לאַנגער, לעדיגער גאַס, וואָס נאָר דאָ און דאָרט האָט אַ בליהענדער מעדעלשער קאָפּ אַרויסגעקוקט פון אַ פענסטער, וועהרענד די זון האָט זיך אין די בלאַנקע שויבען יום-טוב'דיג פרעהליך אָבגעשפּיגעלט. דעמאָלט זענען די הייזער פון דעם יודישען קוואַרטאַל נאָך געוועזן ניי און שען, אויך נידריגער ווי איצט, וואָרום ערשט שפּעטער, ווען די יודען האָבען זיך שטאַרק פערמעהרט און האָבען דאָך נישט געקאָנט זייער קוואַרטאַל ברייטער מאַכען, האָבען זיי געמוזט כסדר בויען איין שטאָק איבער'ן צווייטען, זיך צוזאַמענגערוקט ווי הערינג אין אַ פאַס, און דאַדורך זענען זיי געוואָרען קאַלעקעס אויף גוף און אויף גייסטיג. יענער טייל פון דעם יודישען קוואַרטאַל, וועלכער איז נאָך געבליבען שטעהן נאָך דער גרויסער שרפה און וועלכען מען רופט „די אַלטע גאַס", יענע הויכע, שוואַרצע הייזער, וואו אַ פערקרימטעס, פייכטעס פאָלק שאַכער-מאַכערט, איז אַ שוידערהאַפטער דענקמאָל פון מיטעלאַלטער. די עלטערע שוהל עקזיסטירט שוין נישט מעהר; זי איז נישט געוועזן אַזוי גראָס ווי די איצטיגע, וועלכע איז שפּעטער געבויט געוואָרען, נאָכדעם ווי די יודען, וואָס זענען פערטריבען געוואָרען פון נירנבערג, זענען אָנגענומען געוואָרען אין דער געמיינדע. יענע שוהל איז געלעגען מעהר צו צפון-זייט. דער רב האָט זיך נישט געדאַרפט נאָכפרעגען, ווי צו געהן צו איהר. שוין פון דערווייטען האָט ער דערהערט די פיעלע צעמישטע און הויכע שטימען. אין הויף פון דער שוהל האָט ער זיך געשיידט פון זיין ווייב. נאָכדעם ווי ער האָט

געוואשען די הענד ביי'ם ברונען, וואס שטעהט דארט, איז ער אריינגעגאנגען אין יענעם אונטערשטען טייל פון דער שוהל, וואו די מאנסלייט דאווענען; די שענע שרה וויעדער איז ארויף אויף טרעפ און איז ארויפגעקומען אין דער הויך אין דער וויבער-שוהל.

די דאזיגע אויבערשטע אבטיילונג איז געווען אזא מין גא-לעריע מיט דריי שורות הילצערנע, ברוין-רויט געפארבטע לאח-קעס, וואס זייערע פארענצען זענען אין דער הויך געווען פער-זארגט מיט א הילצערנער ברעט, וועלכעס איז געווען זעהר בעק-וועם אנגעקלאפט, כדי מען זאל דערויף קאנען ארויפלעגען דעם סידור. די פרויען זענען דא געזעסען איינע נעבען דער אנדערער און האבען געפלוידערט, אדער זיי זענען גלייך געשטאנען און הא-בען פרום געדאווענט; טיילמאל פלעגען זיי אויך צוגעהן נייגיעריג צו די גרויסע גראטעס, וועלכע האבען זיך געצויגען איבער דער לענג פון מזרח-זייט, און וואס זענען געווען פערהאנגען מיט דינע, גרינע פארהאנגען, דורך וועלכע זיי האבען געקאנט אראבקוקען אין דער אונטערשטער אבטיילונג פון דער שוהל. דארט, הינטער הויכע שטענדערס זענען די מאנסלייט געשטאנען אין זייערע שווארצע מאנט-לען, די שפיצען פון זייערע בערד האבען אראבגעהאנגען אויף די ווייסע האלז-קראגענס און די פלאך-בעדעקטע קעפ זענען געחען מעהר אדער ווייניגער איינגעהילט אין א טלית; ביי אנדערע טליתים זענען אויך געווען עטרות. די ווענד פון דער שוהל זענען געווען אלע גלייך געווייסט, און מען האט דארט נישט געזעהן קיין אנ-דערע בעפוצונג, אויסער די פערגאלדעטע אייזערנע גראטעס ארום דער פיער-קאנטיגער בימה, אויף וועלכער מען האט געלייענט די סדרה אין דער ספר-תורה, און דעם ארון-קודש — א טייער-אויס-געארבייטער קאסטען, וועלכער האט אויסגעזעהן, ווי ער וואלט גע-שטאנען אויף מארמארנע זיילען מיט רייכע קאפיטעלן, וואס זייערע בלומען אדער געוויקסען האבען זעהר שען ארויסגעשטעקט, און איז געווען בעדעקט מיט א פרוכת פון קארנ-בלויען סאמעט, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעשטריקט א היילינע אויפשריפט מיט גאלד-פעדעם, פערל און פערשיעדענפארביגע שטיינער. נעבען דעם איז געהאנגען דער נר-תמיד און ס'איז געשטאנען דער עמוד, וואס אויף זיין ברעט האבען זיך געפונען אלערליי היילינע זאכען, צווי-שען זיי אויך די מנורה מיט די זיבען רעהרען, און פאר דער

מנורה איז געשטאנען מיט'ן פנים צום עמוד דער חזן, וואס זיין געזאנג איז געווען אינסטרומענטען-ארטיג בעגלייט פון די שטימען פון זיינע צוויי משוררים, א באס מיט א דיסקאנט. ווארום אין דער יודישער שוהל איז פערבאטען יעדע ווירקליכע אינסטרומענטאלע מוזיק, ווייל דער לויב צו גאט געהט בעסער ארויס פון א ווארעמער מענשען-ברוסט, ווי פון א קאלטען ארגעל-פייפען. אמת קינדיש האט זיך די שענע שרה געפרעהט, ווען דער חזן, א אויסגעצייכענטער טענאר, האט איצט אויסגעהויבען זיין שטימע, און די אוראלטע ערנסטע מעלאדיען, וועלכע זענען איהר געווען גוט בעקאנט, האבען אויפגעבליהט אין א גאר יונגער ליעבליכקייט, וועלכע זי האט קיינמאל נישט געהערט, און דער באס האט אין געגענטייל אריינגעברומט די טיעפע, דונקעלע טענער, און אין די צווישען-פויזען האט דער דיסקאנט פיין און זיס געטרילערט. אזא געזאנג האט די שענע שרה אין דער שוהל אין באכאראך נאך קיינמאל נישט געהערט, ווייל דארט איז דער פארשטעהער פון דער געמיינדע, הדר לעווי, געווען דער חזן, און ווען דער דאזיגער שוין בעיאהרטער, ציטערנדיגער מענש האט מיט זיין צעברעקעלטער, שוואכער שטימע געוואלט אנהויבען טרילערן ווי א יונג מעדעל, און ער האט אין אזא געוואלדיגער אנשטרענגונג אנגעהויבען פיעבערהאפט צו שאקלען מיט זיין שלאף-אראבהענגענדען ארעם, דאן האט אזא מין זאך גיכער אנגערייצט צום לאכען איידער צו גאט-בעטען.

א פרומער בעגעהר, געמישט מיט ווייבערשער נייגיעריגקייט, האט די שענע שרה צוגעצויגען צו די גראטעס, וואו זי האט געקאנט אראבקוקען אין דער אונטערשטער אבטיילונג, די מענער-שוהל. זי האט נאך קיינמאל נישט געזעהן אזוי פיעל מענשען פאר אמאל, ווי זי האט דא אונטען דערזעהן, און עס איז איהר אין הארצען נאך בעסער געווארען צווישען אזוי פיעל מענשען, וועלכע זענען אלע איהרע נאהנטע קרובים, ווייל זיי אלע שטאמען ארויס פון דעם זעלבען פאלק, זיי אלע דענקען גלייך און ליידען גלייך. נאר נאך מעהר איז בעוועגט געווארען דער פרוי'ס זעלע, בשעת דריי אלטע מענער זענען מיט יראת-הכבוד צוגעגאנגען צום ארון-קודש, אבגערוקט אן א זייט דעם גלענצענדען פארהאנג, אויפגעעפענט דעם ארון און פארזיכטיג ארויסגענומען

יענעם ספר, וואָס גאָט האָט מיט זיין הייליג־אייגענער האַנד אַליין געשריבען און וואָס פאַר'ן אָבהיטען, וואָס עס שטעהט אין איהם, האָבען די יודען אַזוי פיעל איבערגעטראָגען, אַזוי פיעל עלענד און שנאה, שאַנד און טויט, אַ טויזענד־יעהריגען פיין. די דאָזיגע גרויסע ספר־תורה איז ווי אַ פירשטליך קינד געוועזען איינגעהילט אין אַ פערשידענפאַרביג־געשטריקטעם מענטעלע פון רויטע סאַמעט; אין דער הויך אויף די עץ־חיים'ס האָבען געשטעקט צוויי זילבערנע שטיבעלעך, אויף וועלכע עס האָבען זיך בעוועגט אַלערליי גראַנאַטען און גלעקעלעך און האָבען געקלונגען, און פאָרענט זענען אויף זילבערנע קייטעלעך געהאַנגען גאָלדענע שילדען מיט פערשידענפאַרביגע עדעלשטיינער. דער חזן האָט די ספר־תורה גענומען, און אַזוי ווי דאָס וואָלט ווירקליך געוועזען אַ קינד, אַ קינד, וואָס פון זיינעטוועגען האָט מען פיעל שמערצען איבערגעליטען און וועלכעס מען ליעבט נאָך מעהר טאָקי דערפאַר, האָט ער עס געוויעגט אין זיינע אָרעמס, אונטערגעטאַנצט דערמיט אַהין און אַהער, צוגעדריקט עס צו זיין ברוסט, און ווערענדיג זעהר אויפגערעגט פון אַזאַ בעריהרונג, האָט ער אויפגעהויבען זיין שטימע צו זינגען אַ פריידיג־פרומעס דאַנק־ליעד, און דער שענער שרה האָט זיך געדוכט, אַזוי ווי די זיילען פון אָרון־קודש וואָלטען אָנגעהויבען בליהען, און די וואונדערבאַרע בלומען און בלעטער פון די קאַפיטעלען זענען אַלץ העכער אויסגעוואַקסען, און די טענער פון דיסקאַנט זענען פערוואַנדעלט געוואָרען אין לויטער נאַכטיגאַלען, און דער סופיט פון שוהל האָט זיך געשפּאַלטען דורך די געוואַלדיגע טענער פון באַס, און גאָט'ס שמחה האָט אַראָפּגעשטראָמט פון בלויען הימעל. דאָס איז געוועזען אַ שען קאַפיטעל פון תהלים.

די געמיינדע האָט אין האָר ווידערהאָלט די לעצטע פסוקים און דער חזן מיט דער ספר־תורה איז פאַמעליך געגאַנגען צו דער בימה אין מיטען שוהל, וועהרענד מענשען און קינדער האָבען זיך צו איהם געשטויסען, כדי צו קושען דאָס מענטעלע פון דער ספר־תורה, אָדער עס האַטש צו בעריהרען. אויף דער בימה האָט מען פון דער ספר־תורה אַראָפּגעצויגען דאָס סאַמעטענע מענטעלע, און אויך דאָס גירטעלע, וואָס איז בעשריבען מיט פערשידענפאַרביגע אותיות און מיט וואָס די ספר־תורה איז געוועזען אַרומגעוויקעלט, און פון דער אָפענער ספר־תורה האָט דער חזן געלייענט מיט יע־

נעם זינגענדען טאָן, וועלכער ווערט אום פסח גאָר בעזונדערס מאָדולירט, די מעשה פון עקדת־יצחק.

די שענע שרה איז ענידות'דיג אוועק פון די גראַטעס, און אַ ברייטע, אויסגעפּוצטע פרוי פון מיטעלע יאָהרען האָט איהר מיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ ערלויבט מיט איהר צו־איינצוקוקען אין סידור. די דאָזיגע פרוי איז, ווי עס ווייזט אויס, אפילו נישט געווען קיין גרויסע למדנ'טע; ווייל בשעת זי האָט די תפילות פאַר זיך געלייענט, ווי אַלע ווייבער, וועלכע דאַרפען נישט הויך מיטזינגען, האָט די שענע שרה בעמערקט, אַז זי האָט פיעל ווערטער אַרויסגערעדט קאַפּויר און נישט איין שורה האָט זי אינגאַנצען איבערגעהיפּט. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום האָבען זיך שמאַכטענד פאַמעלעך אויפגעהויבען די וואַסער־קלאָרע אויגען פון דער גוטער פרוי, אַ פלאַכער שמייכעל האָט זיך אויסגעלעגט איבער איהר פאָרצעלאַנהאַפּט־רויטע און ווייסע געזיכט, און מיט אַ טאָן, וועלכער האָט געוואָלט זיך אַרויסווייזען ווי מעגליך פאָרנעהמער, האָט זי געזאָגט צו דער שענער שרה'ן:

— ער זינגט זעהר גוט. נאָר איך האָב אין האָלאַנד געהערט נאָך פיעל בעסער זינגען. איהר זענט אַ פרעמדע און איהר ווייסט אפשר נישט, אַז דאָס איז דער חזן פון וואָרמס, און אַז מען וויל איהם דאָ צונעהמען, אויב ער וועט זיין צופריעדען מיט אַ יעהרליכען געהאַלט פון פיערהונדערט גולדען. ער איז אַ ליעבער מענש, און זיינע הענד זענען ווי אַלאַבאַסטער. איך האַלט זעהר שטאַרק פון אַ שענער האַנד. אַ שענע האַנד בעציערט דעם גאַנצען מענשען!

דערביי האָט די גוטע פרוי אַרויפגעלעגט איהר האַנד, וועלכע איז נאָך ווירקליך געווען שען, אויף דעם פאָרענץ פון דער לאַזוקע, און אַנווייזענדיג מיט אַ גראַציעזער אָנבייגונג פון קאָפּ, אַז זי האָט נישט ליעב, מען זאָל איהר אין רעדען איבעררייסען, האָט זי צוגעגעבען:

— דאָס משורר'ל איז נאָך אַ קינד און זעהט אויס זעהר אָבגעצעהרט. דער באַס איז זעהר מיאוס, און אונזער שטערן האָט אויף איהם זעהר וויציג געזאָגט: דער באַס איז נאָך אַ גרעסערער נאַר, ווי מען דאַרף פון אַ באַס פערלאַנגען! אַלע דריי עסען ביי מיר אין גאָרקיך, און איהר ווייסט אפשר נישט, אַז איך בין עלע שנאַפּער?

די שענע שרה האט געדאנקט פאר דער דאזיגער מיטטיילונג, דערפאר וויעדער האט די שנאפער־עלע איהר אויספיהרליך דערצעהלט, ווי זי איז אמאל געוועזן אין אמסטערדאם, דארט האט מען זי צוליעב איהר שענהייט זעהר שטארק פערפאלגט. און ווי זי איז דריי טעג פאר סוכות געקומען קיין פראנקפורט און תתונה געהאט מיט שנאפער'ן, ווי שנאפער איז ענדליך געשטארבען, ווי ער האט אויפ'ן טויטען בעט גערעדט די ריהרענדסטע זאכען, און ווי שווער עס איז צו האלטען שען די הענד בשעת מען האט צו טהון מיט א גארקיך. טיילמאל האט זי געווארפען א בליק פול מיט פעראכטונג אן א זייט, ווי עס ווייזט אויס, צו איינינע שפאטישע יונגע ווייבער, וועלכע האבען בעקוקט איהרע קליידער. די דאזיגע קליידער זענען געווען גענוג מערקווירדיג: א גאנץ ברייטער ראק פון ווייסען אטלאס, אויף וועלכען עס זענען געוועזן אויסגעשטריקט אלערליי חיות פון נח'ס תיבה, א וואמס פון גאלדשטאף ווי א קיראס, די ארבעל פון רויטען סאמעט מיט געלע פאסען, אויפ'ן קאפ א אונמענשליך־הויכע מיץ, ארום האלז א מעכטיגער קראגען פון ווייסע שטייפע לייוואנד, און אויך א זילבערנע קייט, וואס איז אראבגעהאנגען ביז איבער'ן בוזעם, אויף וועלכער עס זענען געהאנגען אלערליי מטבעות, קמיעות און זעלטענע זאכען, צווישען זיי אויך א גרויס בילד פון דער שטאדט אמסטערדאם. נאר די קליידער פון די איבעריגע זענען אויך געווען נישט וועניגער מערקווירדיג, זיי זענען בעשטאנען פון איינינע קליידונגען פון אלטע מאדעס פון פערשיעדענע צייטען, און איינינע פון זיי זענען געזען בעדעקט מיט גאלד און דימענטען, אזוי אז עס האט אויסגעזעהן ווי אלעבעדיגע יוועליר־קראם. אמת, די פראנקפורטער יודען האבען דעמאלט לויט'ן געזעץ געמוזט טראגען א בעשטימטע קליידונג, און כדי מען זאל זיי קאנען אונטערשיידען פון קריסטען האבען די מאנסלייט געמוזט טראגען אויף זייערע מאנטלען געלע לאטעס און די ווייבער האבען געמוזט אויף זייערע מיצען טראגען הויך־שטעהענדיגע שלייערס מיט בלויע פאסען. נאר אין יודישען קווארטאל האט מען אויף דעם דאזיגען געזעץ געלעגט גאנץ וועניג אכט, און בעזונדערס יום־טוב און אין שוהל האבען דארט די ווייבער זיך געסטארעט זיך אויסצופוצען ווי מעגליך מעהר מיט זייערע קליידער און זיין פערציערט מעהר ווי די אנדערע, אביסעל כדי מען זאל זיי מקנא זיין, און אביסעל

אויך כדי צו ווייזען, אז זייערע מאנען זענען רייך, אום דערמיט צו פערשטארקען זייער קרעדיט-פעהיגקייט.

בשעת אונטען אין שוהל האט מען געלייענט אין דער ספר-תורה, פלעגט דארט די פרומקייט אביסעל שוואכער ווערען. איינינע האבען זיך דאן געמאכט בעקוועם און זיך אנידערגעזעצט, אמאל אויך געמאכט שטילערהייד א שמועס מיט א שכן וועגען וועלטליכע זאכען, און אנדערע זענען גאר ארויסגעגאנגען אויפ'ן הויף צו דאפען פרישע לופט. קליינע יונגלעך האבען זיך אונטער דער צייט ערלויבט צו בעזוכען זייערע מאמעס אין דער ווייבער-שוהל, און דא איז אויך די פרומקייט פיעל שוואכער געווארען; מען האט דא געפלוידערט, געטרישט, געלאכט, און ווי עס קומט פאר איבעראל האבען די יונגערע פרויען געמאכט שפאס פון די עלטערע, און די עלטערע האבען זיך געקלאגט, אז די יוגענד איז אזוי לייכטזיניג און אז די צייט ווערט אלץ ערגער. נאר אזוי ווי אונטען אין שוהל אין פראנקפורט איז געווען א חזן, אזוי איז אויך אין דער ווייבערשער שוהל געווען א הויפט-רעדערקע. דאס איז געווען היגדעלע רייס, א פלאכע גרינליכע פרוי, וועלכע האט כסדר אנגעגעבען מעשים און האט שטענדיג געהאט אויף דער צונג א נייע סקאנדאליסטישע מעשה. געוועהנליך פלעגט זי איהר שפיציג ציננעל שטענדיג ציעלען אויף די שנאפער-עלע, זי האט געקאנט אויסגעצייכענט נאכמאכען די פארנעהמע מינעס, וואס די שנאפער-עלע האט זיך געצוואונגען צו מאכען, און אויך האט זי איהר געקאנט נאכמאכען ווי זי האט גערעדט אקעגען דאס יונגווארג.

— איהר ווייסט — האט הינדעלע רייס זיך איצט אבגערופען — די שנאפער-עלע האט נעכטען געזאגט: ווען איך וואלט נישט געווען שען און קלוג און געליעבט, וואלט איך בעסער נישט געוואלט זיין אויף דער וועלט!

דערביי האט זיך דערהערט א העכערער געלעכטער, און ווי די שנאפער-עלע, וואס איז נישט וויים געשטאנען, האט בעמערקט, אז דאס לאכט מען פון איהר, האט זי אויפגעהויבען די אויגען פול מיט פעראכטונג, און אזוי ווי א שטאלצע פרעכטיגע שיף האט זי אבגעזעגעלט נאך א וויטערען ארט. פייגעלע אקס, א רונדע, א ביסעל נישט געראטענע פרוי, האט בעמערקט מיט מיטלייד, אז די שנאפער-עלע האלט זיך אפילו גרויס און איז בעגרענעצט, נאר

זי איז אַ זעהר בראַווע פרוי, און זי טהוט זעהר פיעל גוטס פאַר בעדירפטיגע מענשען.

— בעזונדערס פאַר נאָז־שטערן — האָט הינדעלע רייס אונטערגעזאָגט. און אַלע, וועלכע עס איז געווען בעקאַנט די דאָזיגע ליעבע האָבען נאָך העכער געלאַכט.

— איהר ווייסט — האָט הינדעלע גיפטיג צוגעגעבען — נאָזשטערן שלאָפט שוין איצט אין שנאַפּער־עלעס הויז... נאָר זעהט נאָר, אָט דאָרט אונטען טראָגט זיבעלע פלאָרסהיים די האַלז־קייט, וואָס דניאל פלעש האָט פערזעצט ביי איהר מאַן. דער פלעש פערדריעסט עס... אָט רעדט זי איצט מיט דער פלאָרסהיים... ווי זיי דריקען זיך אַזוי פריינדליך די הענד! און זיי האָבען זיך דאָך פיינד אַזוי ווי מדין און מואָב. ווי זיי שמייכלען זיך איינע צו דער צווייטער אַזוי ליעבליך! פרעסט זיך נאָר נישט אויף פון גרויס צערטליכקייט! איך וויל זיך נאָר איינהערען דעם שמועס.

און אַזוי ווי אַ לויערענדע חיה האָט זיך הינדעלע רייס פערגנבה'ט און האָט געהערט ווי די ביידע פרויען בעקלאָגען זיך מיטליידיג איינע פאַר דער צווייטער, ווי שווער זיי האָבען זיך פאָריגע וואָך אָנגעאַרבייט, כדי אויפצוראַמען זייערע הייזער און אויסצושייערן זייערע קיך־געפעס, וואָס מען מוז מאַכען פאַר פסח, כדי עס זאָל נישט בלייבען דערצו צוגעקלעבט אפילו קיין פיצעלע חמץ. אויך האָבען די ביידע פרויען גערעדט פון דער גרויסער אַרבייט ביים באַקען די מצות. די פלעש האָט זיך געהאַט צו בעקלאָגען נאָך אויף עפעס בעזונדערס; אין דער בעקערייַ פון דער געמיינדע איז זי אויסגעשטאַנען פיעל צרות, ווייל לויט'ן גורל, וואָס איז איהר אויסגעפאַלען, האָט זי געקאָנט צוקומען צו'ם באַקען די מצות ערשט אין די לעצטע טעג, ערשט אַ טאָג פאַר פסח און זעהר שפעט נאָך מיטאָג; יענעם טאָג האָט די אַלטע הנה געקנעטען זעהר שלעכט, די מעדלעך האָבען מיט זייערע וועלגער־העלצער געוועלגערט דאָס טייג צו דין, אַ העלפט פון די מצות איז פערברענט געוואָרען אין אויווען, און אויסערדעם האָט עס אַזוי שטאַרק גערעגענט, אַז עס האָט כסדר אַדורכגערונען דורך דעם ברעטערנעם דאַך פון דער בעקערייַ, און זיי האָבען זיך דאָרט געמוזט, נאַס און מיעד, אָנאַרבייטען ביז שפעט ביינאַכט.

— און דערין, ליעבע פלאָרסהיים, — האָט די פלעש צוגעגעבען

מיט אַ שווינדערער פריינדליכקייט, וועלכע איז אַלעמפאַלס נישט גע־
ווען קיין ריכטיגע — דערין זענט איהר אויך אַביסעלע שולדיג, וויל
איהר האָט מיר נישט געשיקט אַייערע מענשען צו העלפען מיר
ביי'ם באַקען.

— אַה, זייט מיר מוחל — האָט די אַנדערע געענטפערט — מיינע
מענשען זענען געווען אַזוי פיעל בעשעפטיגט, די סחורות פון יריד
האָט מען געמוזט אַיינפּאַקען, מיר האָבען איצט אַזוי פיעל צו
טהון, מיין מאַן...

— איך וויים, — איז די פלעש איהר אַריינגעפאַלען אין די רעד
מיט אַ שניידענדיגען האַסטיגען טאָן, — איך וויס, אַז איהר האָט פיעל
צו טהון, פיעל משכנות און גוטע געשעפטען, און האַלד־קייטען...

שוין האָט אַ גיפטיג וואָרט געוואָלט זיך אַרויסהאַפען פון איהר
מויל, און די פלאָרטהיים איז שוין געווען רויט ווי אַ קרעבס, נאָר
פלוצלונג האָט הינדעלע רייס הויך אויסגעשריען:

— אום גאָטעס ווילען, די פרעמדע פרוי ליעגט און שטאַרבט...
וואַסער! וואַסער!

די שענע שרה איז געלעגען אין חלשות, בלאַס ווי דער
טויט, און אַרום איהר האָבען זיך געשטויסען אַ מענגע ווייבער, פער־
האַוועט און יאָמערענדיג. איינע האָט איהר געהאַלטען דעם קאָפּ,
אַ צווייטע האָט איהר געהאַלטען דעם אָרעם; איינינע אַלטע פרוי־
ען האָבען זי בעשפריצט מיט די וואַסער־גלעזלעך, וועלכע זענען
געשטאַנען הינטער זייערע לאַווקעס, כדי צו וואַשען די הענד,
אויב זיי וועלען זיך צופעליג צורירען צו זייער אייגענעם לייב;
אַנדערע האָבען אונטער דער נאָז פון דער געחלש'טער געהאַלטען
אַ אַלטען ציטרין, וועלכער איז נאָך געבליעבען פון דעם לעצטען
תענית, ווען מען האָט פון איהם געשמעקט כדי צו פערשטאַרקען
די נערווען. פערמאַטערט און זעהר טיעף זיפצענדיג האָט ענדליך
די שענע שרה אויפגעעפענט די אויגען, און מיט שטומע בליקען
האָט זי געדאַנקט פאַר די גיטיגע הילף. דערוויל האָט זיך שוין אונטען
איצט אָנגעהויבען די מוסף־שמונה עשרה, וועלכע קיינער טאָר נישט
פערשפעטיגען, און די בעשעפטיגטע ווייבער האָבען צוריקגעאַיילט
צו זייערע ערטער, און האָבען אָבגעריכט דאָס געבעט, שטעהענדיג
מיט'ן פנים צו מזרח־זייט, וואו עס געפינט זיך ירושלים. פייגעלע
אָקס, שנאַפער־עלע און הינדעלע רייס זענען צום לענגסטען גע־

פליבען געבען דער שענער שרה׳ן; די צווי ערשטע האָבען זיך אונטער דער צייט אַלץ מיט איהר בעשעפטיגט איהר לייכטער צו מאַכען, די דריטע ווידער האָט זיך ביי איהר נאָך אַמאָל נאָכגעפרעגט, פאַרוואָס זי האָט פלוצלונג געה׳לש׳ט.

נאָר די שענע שרה איז געפאַלען אין חלשות צוליעב אַ גאָר בעזונדערע סבה. עס איז אַ מנהג אין שוהל, אַז יעדער, ווער עס איז ניצול געוואָרען פון אַ גרויסער סכנה, דאַרף נאָך קריאת־התורה אַרויסגעהן און בענשען גומל, ד. ה. דאַנקען גאָט פאַר זיין השגחה. ווען רבי אברהם איז אונטען אין שוהל אַרויסגעגאַנגען אויף דער בימה צו בענשען גומל און די שענע שרה האָט דערקענט איהר מאַנס שטימע, האָט זי בעמערקט, ווי זיין שטימע איז ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין דאָס טריבע געמורמעל פון אל מלא רחמים־ניגון, זי האָט געהערט, ווי ער האָט אַרויסגערעדט די נעמען פון איהרע קרובים און געליעבטע, און יעדער נאָמען איז געווען בעגלייט מיט׳ן צוגאָב „זכרונו לברכה“; און די לעצטע האָפנונג איז פערשוואונדען געוואָרען פון האַרצען פון דער שענער שרה׳ן, און איהר זעלע איז צעריסען געוואָרען פון דער זיכערהייט, אַז איהרע געליעבטע און קרובים זענען ווירקליך ערמאָרדעט געוואָרען, אַז איהר קליינע קוזינע איז טויט, און אַז אויך בלימעלע און פייגעלע זענען טויט, און אויך דער קליינער גאָטשאַלק איז טויט, אַלע זענען ערמאָרדעט און טויט! פון דעם גרויסען שמערץ פון דעם דאָזיגען בעוואוסטזיין איז זי שיער אַליין געשטאָרבען, ווען זי וואָלט נישט אַריינגעפאַלען אין חלשות, וועלכע האָט פערגאָסען איהרע חושים.

קאַפּיטעל III.

ווען די שענע שרה איז נאָכ׳ן דאַווענען אַראָבגעגאַנגען אין הויף פון שוהל, איז שוין דאָרט געשטאַנען דער רב און האָט געוואַרט אויף זיין ווייב. ער האָט צו איהר אַשאָקעל געטהון מיט אַ פרעהליך געזיכט און האָט זי אַרויסגעפיהרט אויף דער גאַס, וואו די פריהעריגע שטילקייט איז שוין אינגאַנצען פערשוואונדען געוואָרען און איצט האָט מען דאָרט געקאָנט זעהן אַ רוישענדע מענשען־מאַסע. מענער מיט בערד געקליידעט אין שוואַרצע רעק, ווי אַ

הויזען פון מוראשקעס; ווייבער ארומפליהענדיג אין רייכען גלאנץ, ווי גאלד שמעטערלינגען; יונגלעך אין נייע קליידער, וועלכע האבען נאכגעטראגען נאך די אלטע די סידורים און מחזורים; יונגע מעדלעך, וועלכע דארפען נישט געהן אין שוהל אריין, און דעריבער זענען זיי איצט ארויסגעלאפען פון זייערע הייזער און געשפרונגען אקעגען די עלטערן, איינגעבויגען פאר זיי זייערע קעפלעך מיט די לאקען, כדי צו בעקומען א ברכה — אלע זענען געווען פרעהליך און לוסטיג, געשפאציערט איבער דער גאס ארויף און אראב, שוין פידלענדיג פאראויס דעם גוטען מאלצייט, וואס זיין געשמאקער ריח איז שוין ארויסגעגאנגען פון די שווארצע, מיט קרייד בעצייכענטע טעפ, וואס די לאכענדיגע מעדלעך האבען טאקי נאר וואס ארויסגענומען פון דעם געמיינדע-אויווען.

אין דעם דאזיגען טומעל האט מען בעזונדערס געקאנט בעמערקען די געשטאלט פון א שפאנישען ריטער, וואס אויף זיינע יוגענדליכע געזיכטס-ציגען איז געלעגען יענע רייצענדע בלאסקייט, וואס די פרויען האלטען דאס פאר א סימן פון א אונגליקליכער, און די מאנסלייט — פון א גליקליכער ליעבע. זיין גאנג, האטש ער איז זיך געגאנגען גלייכגילטיג, האט דאך געהאט אין זיך עפעס א געמאכטע ציערליכקייט; די פעדערן פון זיין הוט האבען זיך מעהר בעוועגט דורך דאס פארנעהמע שאקלען זיך פון זיין קאפ איידער דורכ'ן בלאזען פון ווינד; מעהר ווי עס איז נויטיג געווען האבען געקלונגען זיינע גאלדענע שפארען און די שייד פון זיין שווערד, וואס האט אויסגעזעהן, ווי ער וואלט זי געטראגען אין האנד, און דאס טייערע הענדטעל פון שווערד האט ארויסגעבליצט פון אונטער דעם ווייסען רייטער-מאנטעל, וועלכער האט זיינע שלאנקע גלידער נאכלעסיג ארומגעהילט. הין און צוריק, אביסעל מיט נייגיעריגקייט, אביסעל מיט א מינע פון א קענער, איז ער צוגעגאנגען צו די פערביינגעהענדע פרויען-צימערן, זיי ארייגעקוקט גאנץ רוהיג אין געזיכט, און ווען די געזיכטער זענען ווערט געווען דער מיה, האט ער זיי א לענגערע צייט בעטראכט, איינייגע פון די ליעבענסווירדיגע קינדער האט ער אויך געזאגט עטליכע שנעלע קאמפלימענטען, און איז זיך זארגלאז ווייטער געגאנגען, נישט ווארטענדיג צו זעהן, וואס פאר א ווירקונג ער האט געמאכט. ארום דער שענער שרה האט ער זיך שוין געהאט מעהרערע מאל ארומגעדרעהט, נאר יע-

דעם מאל איז ער ווי מיט מורא צוריק אבגעטרעטען צוליעב איהר פעסטען בליק אדער אויך צוליעב דער מערקווירדיג־שמייכלענדער מינע פון איהר מאן, נאר ענדליך האט ער שטאלץ פערטריעבען פון זיך יעדע מורא, הוצפהדיג זיך געשטעלט זיי אין וועג, און זיכער און מיט א זיסליך־גאלאנטען־טאן האט ער פאר זיי גערעדט פאלגענדע ווערטער:

— סענארא, איך שווער: הערט, סענארא, איך שווער: ביי די ראזען פון ביידע קאסטיליענס, ביי די אראגאנעזישע היאצינטען און די אנדאלוזישע גראנאט־געוויקסען! ביי דער זון, וועלכע בעלייכט גאנץ שפאניען מיט אלע איהרע בלומען, ציבעלעס, ארבעס־זופען, וועלדער, בערג, מולאיזלען, ציגענבעק און אלטקריסטען! ביי דער הימעלס־דעק, וואס אויף איהר איז די דאזיגע זון נאר א גאלדען פינטעלע! און ביי גאט, וועלכער זיצט אויף דער דאזיגער הימעלס־דעק און קלערט טאג און נאכט ווי אזוי צו בעשאפען אלץ שענערע און ליעבערע פרויען־געשטאלטען... איך שווער, סענארא, איהר זענט די שענסטע פרוי, וועלכע איך האב געזעהן אין דייטשלאנד, און אויב איהר וועט איינוויליגען אנצונעהמען מיין דיענסט, אזוי בעט איך אייך די טובה, די זכיה און די ערלויבניש זיך אנצורופען אייער ריטער און צו טראגען אייערע פארבען ביי אלע אומשטענדען!

אויף דאס געזיכט פון דער שענער שרה האט זיך פערשפרייט א רויטליכער שמערץ, און מיט א בליק, וועלכער ווירקט נאך אלץ מעהר שניידענדער, וואס מעהר זאנפטער עס זענען די אויגען, וועלכע שיקען דעם דאזיגען בליק, און מיט א טאן, וועלכער איז אלץ מעהר פערניכטענדער, וואס מעהר ציטערנדיג־ווייכער עס איז די שטימע, האט די טיעף־געקרענקטע פרוי געענטפערט:

— איידעלער הערר! אויב איהר ווילט זיין מיין ריטער, אזוי מוזט איהר קעמפפען געגען גאנצע פעלקער, און אין דעם דאזיגען קאמפף קאן מען געווינען גאנץ ווייניג דאנק און נאך ווייניגער עהרע! און אויב איהר ווילט מיינע פארבען טראגען, מוזט איהר ארויפנעהען געלע לאטעס אויף אייער מאנטעל אדער ארומבינדען ארום הוט א שארף מיט בלויע פאסען; ווייל דאס זענען מיינע פארבען, די פארבען פון מיין הויז, פונ'ם הויז, וואס הייסט ישראל און איז זעהר עלענד, און ווערט אויסגעשפאט אין די גאסען דורך די זיהן פון גליק.

אַ פּלוצלינגע פּורפּור־רויטקייט האָט בעדעקט די באַקען פון שפּאַניער, אַ אונגעדולדיגע פערלעגענהייט איז אַריינגעדרונגען אין זיינע געזיכטס־ציגען, און קוים וואָס ער האָט געקאָנט אַרויסרעדען:

— סענאָראַ... איהר האָט מיך שלעכט פערשטאַנען.... אַ אונשולדיגער שפּאַס... נאָר, איך שווער ביי גאָט, קיין שפּאָט אויף דאָס פאָלק ישראל... איך שטאַם אַליין פון בית ישראל... מיין זיידע איז געווען אַ יוד, און אפשר אויך מיין פאָטער...

— און גאַנץ זיכער, סענאָר, איז אייער פאָטער אויך אַ יוד — איז איהם אין די רעד אַריינגעפאַלען דער רב, וועלכער האָט ביז איצט זיך רוהיג צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע, און מיט אַ פרעהליכען חנ'עוודיגען בליק האָט ער צוגעגעבען: — און איך קאָן ערב זיין, אַז דאָן יצחק אַבאַרבאַנעל, אַ קוזין פון דעם גרויסען רב, שטאַמט פון דעם בעסטען בלוט פון ישראל, און אפשר טאַקי פון דוד המלך'ס משפחה אַליין!

דאָ האָט ווידער אַ קלונג געטהון די שייד פון שווערד אונטער דעם שפּאַניערס מאַנטעל, זיינע באַקען זענען ווידער שרעקליך בלאַס געוואָרען, אויף זיין אויבערשטער ליפּ האָט זיך פערצויגען ווי אַ שפּאָט, וועלכער קעמפּפט מיט שמערץ, פון זיינע אויגען האָט אַרויסגעשפּריצט דער צאָרניגסטער טוידט, און אין אַ גאַנץ־פערוואַנדעלטען, אייז־קאַלטען, שאַרף־געהאַקטען טאָן האָט ער געזאָגט:

— סענאָר רבי! איהר קענט מיך, נו גוט, ווייסט איהר דאָך מסתמא אויך, ווער איך בין. און ווי באַלד דער פוקס ווייס, אַז איך געהער צו דער לייבען־פאַמיליע, אַזוי וועט ער זיך היטען און וועט זיין פוקס־באָרד נישט אַריינשטעלען אין לעבענס־געפאַהר און וועט מיין צאָרן נישט רייצען! ווי אַזוי קאָן דער פוקס משפט'ען דעם לייב? נאָר דער, וואָס פיהלט אַזוי ווי אַ לייב, קאָן בעגרייפען זיינע שוואַכקייטען...

— אָ, איך בעגרייף עס גאַנץ גוט — האָט דער רב געענטפערט, און אַ ערנסטקייט פול מיט וועהטאָג האָט זיך פערצויגען איבער זיין שטערן — איך בעגרייף גאַנץ גוט, ווי אַזוי דער שטאָלצער לייב וואַרפט אַראָב פון זיך אוים שטאָלץ זיין פירשטליכען פעל׳ץ און בינדט זיך אַרום מיט דעם פערשיידענפאַרביגען שופּען־פאַנצער פון קראָקאָדיל, ווייל עס איז איצט די מאָדע צו זיין אַ קוויטשענדיגער,

היטרער, פרעסעדיגער קראָקאָדיל! וואָס זשע זאָלען איצט אָנהויבען טהון די קלענערע חיות, בשעת דער לייב אפילו פערלייקענט זיך? נאָר היט זיך, דאָן יצחק, דו ביזט נישט געבוירען פאַר'ן עלעמענט פון קראָקאָדיל. דאָס וואַסער — (דו ווייסט גוט, וועגען וואָס איך רעד) — איז דיין אונגליק, און דו וועסט אונטערגעהן. נישט אין וואַסער איז דיין ממשלה; די שוואַכסטע פאָרעל קאָן זיך אין וואַסער בעסער אַן־עצה געבען ווי דער קעניג פון וואַלד. צי ווייסטו נאָך, ווי דער שטאַרקער שטראָם פון טאַיך טאַגאָ האָט דיך געוואָלט פערשלינגען....

אויסברעכענדיג אין אַ הויכען געלעכטער איז דאָן יצחק פלוצלונג געפאַלען דעם רב אויפ'ן האַלז, האָט פערמאַכט זיין מויל מיט קושען, אַ שפרונג געטהון פאַר שמחה אין דער הויך קלינגענדיג מיט די שפאָרען, אַזוי אַז די סערביי־געהענדע יודען זענען אָבגעשפרונגען צוריק פון שרעק, און אין זיין נאַטירליך הערצליך־פרעהליכען טאָן האָט ער אויסגערופען:

— אמת, דו ביזט אברהם פון באַכאַראַך! און עס איז געווען אַ גוטער וויץ און אויסער דעם אַגרויסע פריינדליכע טובה, ווען דו ביזט אין טאָלעדאָ אַראָבגעשפרונגען אין וואַסער פון דער אַלקאַנטאַראַבריק, און האָסט דיין פריינד, וועלכער קאָן בעסער טרינקען ווי שווימען, אָנגעהאַפט ביי די האָר און אַרויסגעשלעפט אויף דער יבשה! איך האָב שוין דעמאָלט באַלד געהאַלטען דערביי, צו מאַכען אַ גרינדליכע אויספאָרשונג, צי אויפ'ן גרונד פון טאַגאָ קאָן מען ווירקליך געפינען גאָלדענע קערנער, און אויב די רוימער זענען געווען גערעכט, געבענדיג איהם אַ נאָמען „דער גאָלדענער טייך". איך זאָג דיר, אַז נאָך אויף היינטיגען טאָג פערקיהל איך מיך, בשעת איך דערמאָהן זיך נאָר יענע וואַסער־מעשה.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך דער שפּאַניער אויפגעפיהרט, אַזוי ווי ער וואָלט וועלען אַראָבטרייסלען פון זיך אָנהענגענדיגע וואַסער־טראָפּען. נאָר דעם רב'ס געזיכט איז געוואָרען פיעל פרעהליכער. ער האָט זיין פריינד פיעל מאָל געדריקט די האַנד, און יעדעס מאָל האָט ער געזאָגט: „איך פרעה מיך!"

— און איך פרעה מיך אויך, — האָט דער אַנדערער געזאָגט — מיר האָבען זיך שוין זיבען יאָהר נישט געזעהן; ביי אונזער אָבשייד בין איך נאָך געווען אַ גאַנץ יונגער בחור'ל, און דו, דו ביזט

שוין געווען אַזוי געזעצט און ערנסט... נאָר וואָס איז געוואָרען מיט דער שענער דאָנאַ, וועלכע האָט דיר דעמאָלט געקאָסט אַזוי פיעל זיפצען, זיפצען מיט שענע גראַמען, וועלכע דו האָסט בעגלייט מיט שענע מעלאָדיעס...

— שטיל, שטיל! די דאָנאַ הערט אונז. זי איז מיין ווייב, און דו אַליין האָסט היינט פאַר איהר פאָרגעשטעלט אַ פּראָבע פון דיין געשמאַק און פון דיין פּאָעטישען טאַלענט.

נאָך אַ ביסעל צעמישט פון דער פריהעריגער פערלעגענהייט האָט דער שפּאַניער בעגריסט די שענע פרוי, וועלכע האָט איצט גוטהערציג בעדויערט, וואָס זי האָט מיט איהרע ווערטער בעטריבט דעם פריינד פון איהר מאַן.

— אַה, סעניאָראַ, — האָט דאָן יצחק געענטפערט — ווער עס גערמט אָן אַ ראָזע מיט אַ נישט געראָטענער האַנד, טאָר זיך נישט בעקלאָגען, אַז די דערנער שטעכען איהם! בשעת דער אָבענדשטערן שפּיעגעלט זיך אָב אַזוי ווי גאָלדענע פונקען אין בלויען שטראָם...

— איך בעט דיך אום גאָטעס ווילען, — האָט איהם דער רב איבערגעהאַקט, — הער אויף!.... אויב מיר וועלען אַזוי לאַנג וואַרטען, ביז דער אָבענד־שטערן וועט זיך אָבשפּיעגלען אַזוי ווי גאָלדענע פונקען אין בלויען שטראָם, אַזוי וועט מיין פרוי אויסגעהן פון הונגער; זייט נעכטען האָט זי גאָר נישט געגעסען און איז נאָך דערצו אויסגעשטאַנען זעהר פיעל צרות און לייד.

— אויב אַזוי וועל איך אייך פיהרען אין דער בעסטער יודישער גאָרקיך — האָט דאָן יצחק געזאָגט — אין דעם הויז פון מיין פריינדין שנאַפּער־עלע, וועלכע געפינט זיך דאָ נישט וויים. שוין פיהל איך איהר געשמאַקען ריח, דאָס הייסט דעם ריח פון דער גאָרקיך. אָ, ווען דו וואָלסט געוואוסט, אברהם, ווי דער דאָזיגער ריח ציהט מיך צו! דער דאָזיגער ריח איז עס, וועלכער ציהט מיך אַזוי צו צו די געצעהלטען פון יעקב, זייט איך פערברענג אין דער דאָזיגער שטאָדט. אָהן דעם האָב איך נישט אַזוי שטאַרק ליעב צו האָבען צו טהון מיט גאָטס פאָלק, און ווירקליך, איך בעזוך די יודישע גאַס נישט כדי דאָ צו דאַווענען, נאָר כדי דאָ צו עסען.....

— דו האָסט אונז קיינמאָל נישט געליעבט, דאָן יצחק...

— יאָ — האָט דער שפּאַניער ווייטער געזאָגט — איך ליעב אייער

קיך פיעל מעהר ווי אַייער גלויבען; אַייער גלויבען פעהלט די ריכטיגע זופ. אַייך אַליין האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט פערדייען ווי עס דאַרף צו זיין. אפילו אין אַייערע בעסטע צייטען, אפילו אונטער דער רעגירונג פון מיין ערשטען פאָטער דוד המלך, וועלכער איז געווען קעניג איבער יהודה און ישראל, וואָלט איך נישט געקאָנט אויסהאַלטען צווישען אַייך, און איך וואָלט געוויס אין אַ שענעם פריהמאָרגען פון דער שטאָדט ציון אַנטלאָפען און עמיגרירט קיין פעניציען אָדער קיין בבל, וואו די שמחה פון לעבען האָט געשוימט אין טעמפעל פון די געטער...

— יצחק, דו לעסטערסט דעם איינציגען גאָט — האָט פינסטער געמורמעלט דער רב — דו ביזט נאָך פיעל ערגער ווי אַ קריסט, דו ביזט אַ היידע, אַ געצענדיענער...

— יאָ, איך בין אַ היידע, און אַזוי ווי איך קאָן נישט ליידען די טרוקענע, פריידלאָזע העברעער, אַזוי קאָן איך אויך נישט ליידען די טריבע נאַצאַרענער. אונזער ליעבע פרוי פון צידון, די הייליגע עשתרות, זאָל מיר מוחל זיין, פאַרוואָס איך קניע און בעט פאַר דער שמערצ-פולער מוטער פון דעם געקרייציגטען... נאָר מיינע קניע און מיין צונג לויבען דעם טויט, מיין האַרץ אָבער בלייבט טריי דעם לעבען....

— אָבער קוק מיך נישט אַזוי ווייער אָן — האָט דער שפאַניער ווייטער גערעדט, ווען ער האָט געזעהן, ווי זיינע ווערטער מאַכען דעם רב אומעטיג — קוק מיך נישט אָן מיט מורא. מיין נאָז האָט נישט געפעלשט אין יודישען פאָלק. בשעת איך בין צופעליג איין מאָל אַריינגעקומען אין דער דאָזיגער גאַס אין דער צייט פון מיטאָג, און פון די יודישע קיכען זענען מיר אַריין אין נאָז די גוט-בעקאַנטע ריחות, דאַן האָט מיך אָנגעהאַפט יענע בענקשאַפט, וועלכע עס האָבען געפיהלט אונזערע אַמאָליגע פאָטערס, ווען זיי האָבען זיך דערמאָהנט אָן דעם טאָפּ פלייש פון מצרים; און מיר זענען אַריינגעדרונגען גוט-שמעקענדיגע יוגענד-ערינערונגען; איך האָב אין געדאַנקען ווידער געזעהן די קאַרפּען מיט ברוינער ראָזינקעס-זופּ, וואָס מיין מוהמע האָט געקאָנט אַזוי וואויל צוגרייטען אויף פרייטאָג צונאַכטס; איך האָב ווידער געזעהן דאָס שעפּסענע פלייש מיט קנאָבעל און מערען, מיט וועלכע מען קאָן אַ טויטען לעבעדיג מאַכען, און די זופּ מיט די קלויסקעלעך, וואָס שווימען אַרום

אין איהר אזוי טרויעריש... און מיין זעעלע האט זיך צעגאסען אזוי ווי די טענער פון א פערליעבטער נאכטיגאל, און פון דעמאלט אן עס איך אין דער גארקיך פון מיין פריינדין שנאפער־עלע!

צו דער דאזיגער גארקיך איז מען דערווייל טאקי אנגעקומען; שנאפער־עלע אליין איז געשטאנען אין דער טהיר פון איהר הויז, בעגריסענדיג פריינדליך די פרעמדע געסט, וועלכע האבען זיך הונגעריג אריינגעשטופט. הינטער איהר, מיט'ן קאפ אנגעשפארט אן איהרע אקסלען, איז געשטאנען דער לאנגער נאז־שטערן און האט נייגעריג און מיט מורא בעקוקט די אנקומענדע. מיט איבערגעטריבענער גרויסקייט איז דאן יצחק צוגעגאנגען צו אונזער גאסט־וויהרטין, וועלכע האט אויף זיינע פלוטאקראטישע טיעפע פערביינגונגען געענטפערט מיט אונענדליכע קניקסען; דאן האט ער אויסגעטהון די הענדשקע פון זיין רעכטער האנד, ארומגעוויקעלט די האנד מיט א עק פון זיין מאנטעל, אנגענומען דערמיט די האנד פון שנאפער־עלע, אריבער־געפיהרט זי פאמעליך איבער די האר פון זיין שפיציג בערדעל און האט געזאגט:

— סענארא! אייערע אויגען קאנקורירען מיט דער היץ פון דער זון! נאר האטש די אייער, וואס מעהר מען קאכט זיי, אלץ הארטער ווערען זיי, דאך ווערט מיין הארץ אלץ ווייכער, וואס לענגער עס ווערט געקאכט אין די פלאמען־שטראהלען פון אייערע אויגען! פון דעם ווייסעל פון מיין הארצען פלאטערט ארויס דער געפליגעלטער גאט אמאר און זוכט א היימיש נעסטעלע אין אייער בוזעם.... דעם דאזיגען בוזעם, סענארא, מיט וואס זאל איך איהם פערגלייכען? אין דער גאנצער ברייטער וועלט איז נישטא קיין איין בלום, קיין איין פרוכט, וועלכע זאל זיין ענהליך צו איהם! דאס דאזיגע געוויקס איז איין און איינציג אין זיין ארט. האטש דער שטורם רייסט אראב די בלעטער פון די צארטעסטע רויזעלעך, דאך איז אייער בוזעם א ווינטער־ראזע, וועלכע קאן בעשטעהן קעגען אלע ווינדען! האטש די זויערע ציטרינע, וואס מעהר זי ווערט אלט, אלץ ווערט זי געלער און גערונצעלטער, דאך קאנקורירט אייער בוזעם מיט דער פארב און מיט דער צארטהייט פון די זיסטע אנאנאסען! א סענארא, ווען אפילו די שטאדט אמסטערדאם איז אזוי שען, ווי איהר האט מיר נעכטען און איערנעכטען און אלע טאג דערצעהלט, דאך איז דער באדען, אויף וועלכען זי רוהט, נאך טויזענדמאל שענער...

דער ריטער האט די דאזיגע לעצטע ווערטער גערעדט מיט א פאלשער, געמאכטער שעמעוודיגקייט, און דערביי האט ער געווארפן א שמאכטענדען קרומען בליק אויף דאס גרויסע בילד, וואס איז געהאנגען אויף שנאפער־על׳ס האלז; נאר־שטערן האט ארויסגעקוקט פון דער הויך מיט זוכענדיגע אויגען, און דער געלויבטער בוזעם האט זיך אנגעהויבען אזוי שטארק צו באוועגען, אז די שטאדט אמסטערדאם האט זיך געוואקעלט אהין און אהער.

— אח! — האט שנאפער־עלע געזיפצט — גוטע מדות זענען מעהר ווערט ווי שענהייט. וואס נוצט מיר די שענהייט? מיין יוגענד געהט פערביי, און זייט שנאפער איז טויט — ער האט אמוועניגסטענס געהאט שענע הענד — וואס זשע העלפט מיר די שענהייט?

דערביי האט זי ווידער א זיפץ געטהון, און הינטער איהר האט אזוי ווי א ווידער־קול, כמעט אונגעהערט, אויך געזיפצט נאר־שטערן.

— וואס די שענהייט ניצט אייך? — האט דאן יצחק אויסגערופען — א, דאנא שנאפער־עלע, זינדיגט נישט אקעגען דער גוטסקייט פון דער שאפענדער נאטור! פערמיאוס׳ט נישט איהרע ליעבסטע מתנות! זי וועט זיך מורא׳דיג נוקם זיין. די דאזיגע גליקליך־מאכענדיגע אויגען וועלען וויסט פערגלעזערט ווערען, די דאזיגע חנ׳עווודיגע ליפען וועלען פערטריקענט ווערען, ביז זיי וועלען פערליערען דעם געשמאק, דער דאזיגער ריינער, ליעבע־זוכענדיגער לייב וועט זיך פערוואנדלען אין א שווערפעליגע שמאלץ־פעסעל, די שטאדט אמסטערדאם וועט דעמאלט מוזען ליעגען אויף א פערשטונקענע בלאטע —

און אזוי האט ער שטיק פאר שטיק געשילדערט, ווי שנאפער־עלע זעהט איצט אויס, אזוי אז דער אונגליקליכער פרוי איז געווארען זאנדערבאר אומעטיג אויס׳ן הארצען, און זי האט זיך געסטארעט אנטרונען צו ווערען פון די אונהיימליכע ווערטער פון ריטער. אין דעם דאזיגען אויגענבליק האט זי זיך דאפעלט דערפרעהט, ווען זי האט דערזעהן די שענע שרה און האט געהאט די געלעגענהייט זיך נאכצופרעגען, צי זי איז שוין אינגאנצען געקומען צו זיך פון איהר חלשות. דערביי האט זי זיך אריינגעלאזען אין א לעבהאפטען שמועס, אין וועלכען זי האט ענטוויקעלט איהרע אלע פאלשע פארנעהמע פערשטעלונגען און איהר אמת׳ע, הארציגע גוטסקייט, און מיט

מעֶדר אריכות וויִט מיִט קלונשאַסט האָט זי דערצעֶהלט די מעשה, ווי זי איז אַליין פון שרעֶק שיער ניִשט געֶפאַלעֶן אין הלשות, בשעת זי איז אַ ווילד-פרעֶמדעֶ אָנגעֶקומעֶן אין אַמסטעֶרדאַם, און דעֶר גנב וואָס האָט געֶטראָגעֶן איהר קופעֶר האָט זי פעֶרפיהרט ניִשט אין אַ עֶהרליכעֶן האָטעֶל, נאָר אין אַ הוצפה'דיגעֶם פרויעֶן-הויז, און דאָס האָט זי באַלד בעֶמעֶרקט, וויַיל מעֶן האָט דאָרט געֶטרונקעֶן זעֶהר פיעֶל בראַנפעֶן און גערעֶדט אונזיטליכעֶ ווערטעֶר... און ווי געֶזאָגט וואָלט זי ווירקליך געֶפאַלעֶן אין הלשות, ווען אין דעֶם משך פון די זעֶקס וואָכעֶן, וואָס זי האָט אין יעֶנעֶם הויז פעֶרבראַכט, וואָלט זי געֶוואַגט האָטש אויף איין אויגעֶנבליק צוצומאַכעֶן די אויגעֶן...

— נאָר פון מייַן פרומקייַט וועֶגעֶן — האָט זי צוגעֶגעֶבעֶן — האָב איך עֶס ניִשט געֶטאָרט וואַגעֶן. און דאָס אַלץ האָט זיך מיר געֶטראָפעֶן צוליעֶב מייַן שעֶנהייַט! נאָר שעֶנהייַט פעֶרגעֶהט און פרומ-קייַט בעֶשטעֶהט.

דאָן יצחק האָט שוין געֶהאַלטעֶן דערבייַ, אָנהויבעֶן צו בעֶ-לייַכטעֶן קריטיש די פרטים פון דעֶר דאָזיגעֶר מעשה, נאָר צום גליק איז גראַדעֶ פון שטוב אַרויסגעֶקומעֶן דעֶר קאַסאָקעֶר אהרן הירשקוה פון האַמבורג, מיט דעֶר וויַיסעֶר סעֶרוועֶטעֶ אין מויל, און האָט זיך מיט פעֶרדרוס בעֶקלאָגט, אַז די זופ איז שוין לאַנג דעֶרלאַנגט צום טיש און די געֶסט זיצעֶן אויך בייַם טיש און די ווירטהין פעֶהלט.———

(דעֶר סוף און די וויַטעֶרדיגעֶ קאַפיטלעֶן זענעֶן אָהן דעֶם אוי-טאָרס שולד פעֶרלאָרעֶן געֶוואָרעֶן).

אידען.

דאס בוך «LE GRAND»

קאַפּיטעל I.

זי איז געווען ליעבענסווירדיג, און ער האָט זי געליעבט; נאָר ער איז נישט געווען ליעבענסווירדיג, און זי האָט איהם נישט געליעבט.

(אַניאַלט שטיק).

מאַדאַם, ציִ קענט איהר דאָס אַלטע שטיק? דאָס איז אַ זעהר אונגעוועהנליך שטיק, נאָר אַביסעל צופיעל מעלאַנכאָליש. איך האָב גראַדע דעריִן געשפּיעלט די הויפּט-ראָלע, און דאַן האָבען געוויינט אַלע דאַמען, נאָר איין און איינציגע האָט נישט געוויינט, קיין איין איינציגע טרעהר האָט זי נישט געלאָזט, און דאָס טאַקי איז געוועז

דאָס פינטעלע פונ'ם שטיק, דער עיקר קאַטאַסטראָפע.—

אָ, די דאָזיגע איינציגע טרעהר! זי פּייניגט מיך נאָך אַלץ אין די געדאַנקען; דער טייוועל, ווען ער וויל מיין נשמה פערדאַרבען, שעפּטשעט מיר אין אויער אַריין אַ ליעד פון דער דאָזיגער אונגעוויינטער טרעהר, אַ שרעקליך ליעד מיט אַ נאָך שרעקליכערע מעלאָדיע—אַה, נאָר אין גיהינום הערט מען די דאָזיגע מעלאָדיע! — — —

ווי מען לעבט אין גן-עדן, מאַדאַם, קענט איהר זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלען, בפרט נאָך, אַז איהר זענט פערהייראַטעט. דאָרט אַמיזירט מען זיך אויסגעצייכענט, מען האָט אַלע מעגליכע פערגעניגען, מען לעבט נאָר אין שמחה און גליק, אַזוי ווי גאָט אין פראַנקרייך. מען עסט פון דער פריה ביז ביי נאַכט, און די קיך איז אַזוי גוט ווי די יאַגאָרשע, די געבראָטענע גענז פליהען אַרום האַלטענדיג אין די שנאָבלען שיסלען מיט זופּ, און זיי פיהלען זיך גליקליך, ווען מען עסט זיי אויף, פּוטער-גלענצענדע טאָרטען וואַקסען ווילד ווי די זונען-בלומען, איבעראַל זעדט מען טייכען מיט בוליאָן און שאַמפּאַניער, איבעראַל בוימער, אויף וועלכע עס פלאַטערען סערוועטען, און מען עסט און מעןווישט זיך דאָס מויל, און מען עסט ווידער, נישט פערדאַרבענדיג זיך דערביי דעם מאָגען, מען זינגט קאַפּיטלעך תהלים, אָדער מען שטיפט און מען שפּיעלט זיך מיט די ליעבע, צערטליכע מלאָכים'לעך, אָדער מען געהט שפּאַציערען אויף דער גרינער הללויה-לאָנקע, און די ווייסע קליידער, וואָס בעוועגען זיך ווי חוואַליעס, זיצען גאַנץ בעקוועם, און קיין זאַך שטערט דאָ נישט דאָס געפיהל פון גליק, קיין שמערץ, קיין אונאַנגענעהמהייט, יאָ, אפילו ווען איינער טרעט אַרויף דעם אַנדערען אויף די מאָזאָלעס פון די פיס און רופט אויס: „זייט מיר מוחל!“, דאַן שמייכעלט דער אַנדערער ווי פערקלערט, און פערזיכערט: דיין טריט, ברודער, טהוט נישט וועה, נאָר אדרבה, מיין האַרץ פיהלט דאַדורך נאָר נאָך אַ זיסערע הימעלס-פריידע.

נאָר פון גיהינום, מאַדאַם, האָט איהר גאָר קיין פאָרשטעלונג נישט. פון אַלע טייוואָלאָנים קענט איהר פיליייכט נאָר דעם קלענסטען, דעם שד'לע אַמאָר, דעם אַנגענעהמען קאָרטען-וואַרפער פון גיהינום, און דעם גיהינום אַליין קענט איהר נאָר פון „דאָן זשואַן“, און פאַר דעם דאָזיגען ווייבער-פערפיהרער, וועלכער ווייזט אַ שלעכטען ביישפּיעל, ווייזט אויס דער גיהינום שטענדיג צו קאַלט, האָטש אונזערע

הויך-געלויבטע טעאַטער-דירעקציאָנען לאָזען אויפפיהרען אַזוי פיעל פלאַמען-ספעקטאַקלען, אַזוי פיעל פייער-רעגען, פולווער און קאָלאָפאָניום, וויפיעל אַ גוטער קריסט קאָן נאָר אין גיהינום פערלאַנגען.

דערווייל אָבער זעהט עס אויס אין גיהינום פיעל ערגער, ווי אונזערע טעאַטער-דירעקטאָרען ווייסען — ווען זיי וואָלטען יאָ געוואוסט, וואָלטען זיי נישט אויסגעפיהרט אַזוי פיעל שלעכטע שטיק— אין גיהינום איז טאַקי היים ווי אין אַ גיהינום, און ווען איך בין דאָרט געווען אין די שלעכטע טעג האָב איך איינגעזעהן, אַז עס איז דאָרט אונמעגליך אויסצוהאַלטען. איהר קאָנט גאָר נישט האָבען קיין פאָרשטעלונג וועגען גיהינום, מאַדאַם. מיר בעקומען פון דאָרטען גאַנץ וועניג אָפיציעלע ידיעות. אַז די אונגליקליכע נשמות מוזען דאָרט אַ גאַנצען טאָג לייענען די אַלע שלעכטע אַרטיקלען, וועלכע ווערען דאָ ביי אונז געדרוקט — דאָס איז רכילות. אַזוי שלעכט איז עס נאָך נישט אין גיהינום, אַזעלכע גרויסע צרות וועלען דעם טייוועל קיינמאָל אַפילו אויפ'ן זינען נישט אַרויף. דערפאַר אָבער איז דאַנטע'ס שילדערונג פון דעם גיהינום שוין צו מעסיג, און בכלל איז זי צופיעל פּאָעטיש. מיר האָט זיך אויסגעוויזען דער גיהינום ווי אַ גרויסע בירגערליכע קיך מיט אַ אונענדליכען לאַנגען אויווען, אויף וועלכען עס זענען געשטאַנען דריי שורות אַייזערנע טעפּ, און אין די דאָזיגע טעפּ זענען געזעסען די פערארורטיילטע און זענען געבראָטען געוואָרען. אין דער ערשטער שורה זענען געזעסען די קריסטליכע רשעים, און — עס איז פשוט נישט צו גלויבען!— זייער צאָהל איז גאָר נישט געווען צו קליין, און די טייוולאָנים האָבען אונטער זיי אונטערגעלעגט דאָס פייער מיט אַ בעזונדערן השק. אין דער אַנדערער שורה זענען געזעסען די יודען, וועלכע האָבען כסדר געשריען, און די טייוולאָנים האָבען זיך מיט זיי פון צייט צו צייט גערייצט, און עס איז שען געווען צו זעהן, ווי אַ דיקער, בלאָזענדיגער פראָצענטניק, וואָס פלעגט לייהען געלד אויף משכנות, האָט זיך געקלאָגט, אַז די היץ איז איהם צו גרויס, און אַ טייוועלע האָט איהם אַרויפגעגאָסען עטליכע עמער קאַלטע וואַסער אויפ'ן קאָפּ, כדי ער זאָל איינזעהן, אַז דער שמד איז אַ'אמת'ע ערפרישענדיגע וואָהלטהאַט. אין דער דריטער שורה זענען געזעסען די היידען, וועלכע האָבען אויך נישט אַזוי ווי די יודען קיין חלק לעולם הבא און מוזען שטענדיג ברענען. איך האָב געהערט, ווי איינער פון די דאָזיגע היידען, וואָס אַ טייוועל

האט איהם אונגטערגעלעגט נייע קויהלען, האט גאר אין כעס ארויס־געשריען פון טאפ ארויס: „האב רחמנות אויף מיר, איך בין געווען סאקראטעס, דער קליגסטער צווישען די שטערבליכע מענשען, איך האב די מענשען געלערנט וואהרהייט און גערעכטיגקייט און איך האב געאפפערט מיין לעבען פאר די גוטע מדות". נאר דער נארישער טייוועל האט זיך נישט געלאזט שטערען אין זיין ארבייט און האט געברומט: „וויים איך וואס! אלע היידען מוזען ברענען, און צוליעב איין און איינציגען מענשען טארען מיר נישט מאכען קיין אויסנאה־מע". — — איך פערזיכער אייך, מאדאם, דאס איז געווען א מורא־דיגע היץ, און א שרייען, א זיפצען, א קרעכצען, א קוואקען, א קוויטשען, א לארמען — און דורך די דאזיגע אלע שרעקליכע טענער האט אדורכגעדרונגען און זיך שארף געהערט יענע שרעקליכע מע־לאדיע פונ'ם ליעד וועגען דער אונגעווייגטער טרעהר.

קאפיטעל II.

זי איז געוועזן ליעבענסווירדיג, און ער האט
זי געליעבט; נאר ער איז נישט געוועזן ליע־
בענסווירדיג, און זי האט איהם נישט גע־
ליעבט.

(אנ'אלט שטיק).

מאדאם! דאס אלטע שטיק איז א טראגעדיע, האטש דער העלד דערפון איז נישט ערמארדעט געווארען און האט זיך נישט אליין ערמארדעט. די אויגען פון דער העלדין זענען שען, זעהר שען — מאדאם, צי שמעקט איהר נישט דעם ריח פון פיילכען? — זעהר שען, און דאך אזוי שארף געשליפען, אז זיי זענען מיר ארייג־געדרונגען אין הארצען ווי גלעזערנע שפיזען, און געוויס האבען זיי דורך מיין רוקען ווידער ארויסגעקוקט — נאר דאך בין איך נישט געשטארבען פון די דאזיגע פאלש־מערדערישע אויגען. די שטימע פון דער העלדין איז אויך שען — מאדאם, צי האט איהר נישט געהערט א מאל, ווי א נאכטיגאל זינגט? — א שענע, זיידענע שטימע, א זיס געוועב פון די זונען־העלסטע טענער, און מיין זעלע איז אין

זײ פֿערשטריקט געװאָרען און האָט זיך געשטיקט און זיך געװאַרגט. איך אַלײן — דאָס איז דער גראַף פֿון גאַנגעס, װעלכער רעדט עס איצט, און די געשיכטע קומט־פֿאַר אין װענעדיג — איך אַלײן האָב שױן געהאַט איבער גענוג אַזעלכע מיני צרות, און נאָך אין ערשטען אַקט פֿונ׳ם שפּיעל האָב איך שױן געקלערט צו מאַכען אַ סוף און אַרונטערצושיסען דאָס גלעקעל־היטעלע צװאַמען מיט׳ן קאָפּ, און איך בין געגאַנגען אין אַ גאַלאַנטעריי־קראָם אויף דער װיאַ בורסטאַה, װאו איך האָב געזעהן אין דער אויסשטעלונג אַ פּאָר שענע פּיסטאָלעטען אין אַ קאַסטען — איך דערמאָהן זיך דאָס נאָך זעהר גוט, נעבען דעם זענען געשטאַנען פֿיעל פֿרעהליכע שפּיעל־זאַכען פֿון פּערלמיטער און גאָלד, אײזערנע הערצעלעך מיט גאָלדענע קײט־לעך, פּאָרצעלאַנענע טאַסען מיט צערטליכע דעװיזען, שמעק־טאַ־באַק־פּושקעס מיט שענע בילדער, צום בײשפּיעל די געטליכע גע־שיכטע פֿון דער זוזאַנע, דער שװאַנען־געזאַנג פֿון דער לעדאַ, דער רויב פֿון די סאַבינערינען, די לוקרעציאַ, דער דיקער בעל תשובה מיט׳ן בלויזען בוזעם, און נאָך פֿיעל אַזעלכע שענע בילדער— נאָר איך האָב דאָך געקויפֿט די פּיסטאָלעטען, זיך ניט געדונגען קײן סך, און דערנאָך האָב איך געקויפֿט קוילען, דערנאָך פּולװער, און דערנאָך בין איך געגאַנגען אין קעהלער פֿון סיניאָר אונבעשײדען און מיר געהײסען געבען אויסטערן און אַ גלאָז רהײנװײן—

עסען האָב איך ניט געקאָנט און טרינקען נאָך װעניגער װי עסען. די הײסע טראָפּען זענען געפֿאַלען אין גלאָז, און אין גלאָז האָב איך געזעהן דאָס געליעבטע הײם, דעם בלויען, הײליגען גאַנגעס, דעם עביג־שטראַהלענדען הימאַלאַיאַ, די ריעזיגע באַנאַנען־װעלדער, װאָס אין זײערע טיעפֿעניש׳ען װאַנדערען אַרום רוהיג די קלוגע עלע־פֿאַנטען און די װײסע פּילגער, מערקװירדיג־טרוימעריש׳ע בלומען האָ־בען מיך אָנגעקוקט, גאָלדענע װאונדער־פֿויגעל האָבען פֿרעהליך גע־שריען, שימערנדע זונען־שטראַהלען און זיס־נאַריש׳ע קולות פֿון לאַ־כענדיגע מאַלפּעס האָבען מיך ליעבליך צוגעצויגען, פֿון װײטע פּאַ־גאָדעס האָבען זיך געלאָזט הערען די פֿרומע פּריסטער־תּפֿילות, און צװישען דעם אַלעם האָט געקלונגען די שמעלצענדיג־קלאָגענדיגע שטימע פֿון דער סולטאַנשע פֿאַן דעלהי — אין איהר טאַפּעטען־צימער איז זי שטורמיש אַרומגעלאָפֿען הין און צוריק, זי האָט צעריסען איהר זילבערנעם שלײער, זי האָט אַנידערגעװאָרפֿען אויף

דער ערד די שווארצע שקלאווין מיט'ן שווארצען פאווע-ווערעל, זי האט געוויינט, זי האט געקרעשט, זי האט געשריען — איך האב זי אבער נישט געקאנט פערשטעהען, ווייל דער קעלער פון סיניאר אונבעשיידען אין דריי טויזענד מייל וויט פון הארעם אין דעלהי, און דערצו נאך איז די שענע סולטאנשע שוין טויט פון דריי טויזענד יאהר — און איך האב האסטיג געטרונקען דעם ווין, דעם העלען, פרעהליכען ווין, און דאך איז מיר אין דער נשמה געווארען אלץ דונקעלער און טרויעריגער — איך בין געוועזן פעראורטיילט צו'ם טויט.

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

ווען איך בין צוריק ארויסגעגאנגען אויף די קעלער-טרעפ, האב איך געהערט, ווי די קירכען-גלאק האט געקלונגען, די מענשען-מאסען זענען שנעל פאריבערגעגאנגען, איך אבער האב זיך געשטעלט אין דאג פון דער סטראדא סאן דזשיאוואני און האב געהאלטען פאלגענדען מאנאלאג:

אין אלטע לעגענדעס דערצעהלט זיך פון גאלדענע שלעסער,
וואס הארפען דארט קלינגען, און יונג-פרויען שענע אויך
טאנצען,
דינער פערפוצטע, וואס בלאנקען, און יאשמין
און מירטען און ראזען פערשפרייטען א ריח—
און דאך קאן איין ווארט נאר פערטרייבען דעם כשוף
און מאכען די שענקייט די גאנצע צו גארנישט,
און ס'בלייבט דעמאלט איבער א חורבה אנ'אלטע
און קרעכצענדע פויגעל פון נאכט מיט א בלאטע.
אזוי האב אויך איך מיט איין איינציגען ווארט
פערטריבען דעם כשוף דער גאנצער נאטור.
אט ליגט זי אהן לעבען דא איצט און א קאלטע, א נאקטע,
פונקט פון א קעניג א טויטען א קערפער פערפוצטער,
וואס מ'האט זיינע באקען אויף רויט אבגעפארבט
און אין האנד איהם א סצעפטער געלעגט.
נאר געל און פערוועלקט די ליפען זעהען אויס,
ווייל מען האט פערגעסען אויך זיי רויט צו פארבען,
און ס'שפרינגען ארום אויף דעם קעניגס נאז מייז
און שפאטען מיט חוצפה פון גרויסען און גאלדענעם סצעפטער—

עס איז איבעראל אנגענומען, מאדאם, אז מען דארף האלטען א מאנאלאג איידער מען דערשיעסט זיך. דאס רוב מענשען ניצען אוים ביי אזא געלעגענהייט האמלעטס מאנאלאג „זיין אדער נישט זיין". דאס איז א גוטע שטעלע, און איך וואלט זי דא גערן ציטירט, נאר יעדער מענש איז פאר זיך אליין שטענדיג בילכערער, און אויב מען האט, אזוי ווי איך, אויך געשריבען טראגעדיעס, אין וועלכע עס געפינען זיך אזעלכע לעבענס-רעדעס, ווי צום ביישפיעל דעם אונשטערבליכען „אלמאנזאר", דאן איז עס זעהר נאטירליך, אז מען האלט מעהר פון די אייגענע ווערטער איידער אפילו פון שעקספירס ווערטער. יעדענפאלס זענען אזעלכע רעדעס א זעהר נוצליכע זאך; אמווייניגסטענס געווינט מען דאדורך צייט.— און אזוי איז עס געשעהן, אז איך בין אויפ'ן ראנד פון דער סטראדא סאן דושיאוואני געבליבען שטעהן א לענגערע צייט — און ווי איך בין דא אזוי געשטאנען, א פערצווייפעלטער, שוין בעשטימט פאר'ן טויט, האב איך פלוצלונג זי דערזעהן!

זי האט געטראגען איהר בלוי-זיידענע קלייד און דעם ראזא-רויטען הוט, און איהר אויג האט מיך אנגעקוקט אזוי מילד, אזוי טויט-בעזיעגענד, אזוי לעבענס-שענקענד — מאדאם, איהר ווייסט דאך מסתמא פון דער רוימישער געשיכטע, אז בשעת די וועסטאלקעס האבען אין אלטען רוים בעגעגענט אויף זייער וועג א פערברעכער, וועלכען מען האט געפיהרט צום טוידט-שטראף, האבען זיי גע-האט דאס רעכט איהם צו שענקען גנאדע, און דער אונגליקליכער זינדיגער איז געבליבען לעבען. — מיט איין און איינציגען בליק האט זי מיך געראטעוועט פון טוידט, און איך בין געשטאנען פאר איהר ווי פון דאס ניי בעלעבט, ווי געבלענדעט פון דעם זוהנען-גלאנץ פון איהר שענהייט, און זי איז ווייטער געגאנגען — און האט מיך געלאזען ביים לעבען.

קאפיטעל III.

און זי האט מיך געלאזען ביים לעבען, און איך לעב, און דאס איז דער עיקר.

מעגען אנדערע געניסען דאס גליק, וואס די געליעבטע בעפוצט זייער קבר מיט בלומענקראנצען און בענעצט איהם מיט טרעהרען

פון טרייַהייַט — אָ, ווייַבער, האַסט מיך, לאַכט זיך אויס פון מיר, שטויסט מיך אָב! נאָר לאָזט מיך לעבען! דאָס לעבען איז דאָך עפּעס אַזוי שפּאַסהאַפט זיס, און די וועלט איז אַזוי ליעבליך פערדרעהט, זי איז דער חלום פון אַ גאָט, וואָס איז פער׳שכּורט פון וויַין, וועלכער האָט זיך אַרויסגע׳גנבה׳ט אויפ׳ן פראַנצויזישען אופן פון דער הול׳ענדער געטער-פערזאַמלונג, זיך געלעגט שלאָפען אויף אַ איינזאַמען שטערען, און ער וויים אַליין נישט, אַז ער בעשאַפט דאָס אַלץ, וואָס ער חלומט — און די בילדער פון זייַנע חלומות אָרדנען זיך אַיין אַזוי פערשידענפאַרביג משונה׳דיג, על פּי רוב אויך האַרמאָניש און מיט פערשטאַנד — די איליאַס, פּלאַטאָ, די מלחמה בייַ מאַראַטהאָן, משה, די מעדיצעאישע ווענוס, דער שטראַסבורגער מינסטער, די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, העגעל, די דאַמפּפשיפען א. א. וו. זענען איינצעלנע גוטע געדאַנקען אין דעם דאָזיגען שאַפענדען חלום פון גאָט — נאָר עס וועט נישט לאַנג דויערן, און דער גאָט האַפט זיך אויף פון שלאָף, און רייַבט זיך די פערשלאָפענע אויגען, און שמייכעלט — און אונזער וועלט איז צערונען אין גאָרנישט, יאָ, זי האָט גאָר קיינמאָל נישט עקזיסטירט.

אַלץ איינס! איך לעב. בין איך אפילו נאָר דאָס שאָטען-בילד אין אַ חלום, איז דאָך דאָס אַלץ בעסער, ווי דאָס קאַלטע, שוואַרצע, לעערע נישט-זייַן פון טוידט. דאָס לעבען איז דאָס בעסטע גוטס און דאָס ערגסטע שלעכטס איז דער טוידט. מעגען די בערלינער גוואַרדיע-לייטנאַנטען כּסדר שפּאָטען און לאַכען און אָנרופען פּחדנות דאָס, וואָס דער פּרינץ פון האַמבורג ווערט דערשראָקען און שפּרינגט אָב צוריק, ווען ער דערזעהט זייַן אָפענעם קבר — דאָך האָט היינריך קלייסט אויך אַזוי פיעל קוראַזש ווי זייַנע גוט-איינגעשנורטע קאָלעגען מיט די הויכע ברוסט, און ער האָט דאָס לייַדער בעוויזען. נאָר אַלע קרעפטיגע מענשען האָבען ליעב דאָס לעבען. געטהע׳ס עגמאָנט שיידט זיך אָב נישט גערן „פון דער פריינדליכער געוואָהנהייַט פון עקזיסטירען און ווירקען״. אימערמאַנס עדווין הענגט אָן לעבען „ווי אַ קליין קינד אָן דער מוטערס ברוסט״, און האָטש עס קומט איהם שווער אָן צו לעבען דורך פרעמדען חסד, פונדעסטוועגען בעט ער דאָך אום גנאַדע:

„ווייַל לעבען, אָטעמען איז דאָך דאָס העכסטע״.

ווען אָדיסעאוס האָט אין דער אונטערשטער וועלט דערזעהן

אַחילעס'ן אַלס דעם פֿיהרער פֿון טויטע העלדען, און האָט איהם געזאָגט שבחים וועגען זיין בעריהמטהייט ביי די לעבעדיגע און זיין השיבות אפילו ביי די טויטע, האָט אַחילעס געענטפֿערט:

„רעד מיר פֿון טויט נישט קיין טרייסט וואָרט, עדעלער אָדי־סעאוס!

„בעסער בעאַרבייטען וואָלט איך דאָס פֿעלד אַלס אַ פשוט'ער אַרבייטער,

„אַלס אָרעמער מענש אָהן ירושה פֿון עלטערן, אָהן אייגען פֿערמעגען,

„איידער בעהערשען אַ מחנה אַ גרויסע פֿון טויטע פֿערשוואונדענע".

יאָ, בשעת דער מאַיאָר דיוואַן האָט אַרויסגערופֿען דעם גרויסען ישראל לעווע אויף אַ דועל מיט פּיסטאָלעטען און האָט צו איהם געזאָגט: אויב איהר וועט זיך נישט שטעלען, הערר לעווע, דאַן זענט איהר אַ הונד! — האָט דאַן יענער געענטפֿערט: איך וויל בעסער זיין אַ לעבעדיגער הונד, איידער אַ טויטער לייב! און ער איז געווען גערעכט. איך האָב מיך גענוג אָפֿט געשלאָגען אויף דועלען, מאַדאַם, כּדי איך זאָל דאָס קאָנען זאָגען — אַ דאַנק צו גאָט! איך לעב! אין מיינע אָדערען קאָכט דאָס רויטע לעבען, אונטער מיינע פֿיס ציטערט די ערד, אין ליעבעס־פֿייער געהם איך אַרום בוימער און מאַרמאָר־בילדער, און זיי ווערען לעבעדיג אין מיינע אָרעמס. יעדע פֿרוי איז פֿאַר מיר אַ געשענקטע וועלט, איך פֿיהל אָהן אַ שיעור פֿערגעניגען אין די מעלאָדיען פֿון איהר געזיכט, און מיט איין און איינציגען בליק פֿון מיין אויג קאָן איך מעהר געניסען ווי אַנדערע מיט זייערע אַלע גליעדער צייט זייער גאַנץ לעבען. יעדער אויגענבליק איז דאָך פֿאַר מיר אַ אונענדליכקייט; איך מעסט נישט די צייט מיט דער בראַבאַנטער אָדער מיט דער קליינער האַמבורגער איל, און איך דאַרף נישט, אַז אַ פּריסטער זאָל מיר צוזאָגען נאָך אַ לעבען אויף יענער וועלט, ווייל שוין אין דעם לעבען קאָן איך גענוג דערלעבען, ווען איך לעב צוריק אין לעבען פֿון די פֿריהערדיגע דורות, און איך פֿערשאַף מיר די עביגקייט אין קעניגרייך פֿון דער פֿערגאַנגענהייט.

און איך לעב! דאָס גרויסע פּולס־קלאַפּען פֿון דער נאַטור קלאַפּט אויך אין מיין ברוסט, און ווען איך גיעב אַ פֿרעהליכען גע־

שריי, אזוי ענטפערט מיר א טויזענד-פאכער וויעדער-קול. איך הער טויזענד נאכטיגאלען. דער פריהלינג האט זיי געשיקט, צו וועקען די ערד פון איהר פריהמארגען-שלאף, און די ערד ציטערט פון גרויס ענטציקטהייט, איהרע בלומען זענען די הימנען, וואס זי זינגט אין בעגייסטערונג אקעגען דער זון — די זון בעוועגט זיך צו פאמעלעך, איך וואלט איהרע פייער-פערד אנגעשמיסען מיט א בייטש, כדי זיי זאלען שנעלער לויפען — נאר ווען זי זינקט אראב פישטשענדיג אין ים אריין, און די גרויסע נאכט קומט ארויף מיט איהר גרויסער בענקענדיגער אויג, אך! דאן ערשט ציטערט דורך מיר אין אמת'ען די רעכטע שמחה, אזוי ווי לאשטשענדע מעדלעך לעגען זיך די אבענד-לופטען אויף מיין רוישענדעס הארץ, און די שטערען וויגקען, און איך הויב מיך אויף, און שוועב איבער דער קלייגער ערד און די קלייגע געדאנקען פון די מענשען.

קאפיטעל IV.

נאר עס וועט א מאל קומען דער טאג, און די היץ אין מייגע אדערן וועט שוין זיין פערלאשען, אין מיין ברוסט וואהגט דאן דער ווינטער, זיינע ווייסע פאסען הילען קארג ארום מיין קאפ, און זיינע נעבעל פערשלייערען מיין אויג. אין פערוועהעטע קברים ליעגען מייגע פריינד, איך אליין בין נאך איבערגעבליבען, ווי א איינזאמעס שטענגעל, וואס דער שניטער האט פערגעסען, א נייער דור האט שוין ארויסגעבליהט מיט נייע פערלאנגען און נייע געדאנקען, פול מיט פערוואונדערונג הער איך נייע נעמען און נייע ליעדער, די אלטע נעמען זענען שוין פערגעסען, און איך אליין בין שוין פערגעסען, פילייכט פון איינגע פערעהרט, פון פיעל אויסגעלאכט, און פון קיינעם געליעבט! און עס שפרינגען אריין צו מיר די יונגלעך מיט די רויטע בעקלעך, און שטעקען מיר די אלטע הארפע אין דער ציטערנדיגער האנד אריין, און זאגען מיט א געלעכטער: דו האסט שוין לאנג געשוויגען, דו אלטער גרוי-קאפ, זינגט אונז וויעדער גע-זאנגען פון די טרוימען פון דיין יוגענד!

דאן געהם איך די הארפע, און די אלטע פריידען און שמערצען וואכען אויף, די נעבעל צערינען, טרעהרען בליהען וויעדער פון מייגע טויטע אויגען, עס פריהלינגט וויעדער אין מיין ברוסט,

זיסע טענער פון וועהטאָג ציטערן אין די סטרונגעס פון דער האַרפּע, איך זעה ווידער דעם בלויען טייך און די מאַרמאָרנע פּאַלאַצען און די שנייע פרויען־און מעדלעך־געזיכטער — און איך זינג אַ ליעד פון די בלומען פון דער ברענטאַ.

דאָס וועט מיין לעצטעס ליעד זיין, די שטערן וועלען מיך אָנ־קוקען ווי אין די נעכט פון מיין יוגענד, דאָס פערליעבטע לבנה־ליכט קושט ווידער מיינע באַקען, די גייסטער־הארען פון די פער־שטאָרבענע נאַכטיגאַלען הערען זיך פון דער ווייטען, שלאָף־שכּור מאַכען זיך צו מיינע אויגען, מיין נשמה ווערט פערשווינגען ווי די טענער פון מיין האַרפּע — עס שמעקען די בלומען פון דער ברענטאַ.

אַ בוים וועט אויף מיין מצבה אַ שאָטען וואַרפען. איך וואָלט זעהר וועלען אַ פּאַלמען־בוים, נאָר די פּאַלמען וואַקסען נישט אין צפון. עס וועט מסתמא זיין אַ לינדענבוים, און אין זומער־אָבענדען וועלען דאָרט זיצען פערליעבטע און זיך לאַשטשען; דער משיזיק, װעלכער וויעגט זיך אין די צווייגען שטיל צוהערענדיג, איז פער־שוויגען, און מיין לינדע רוישט טרויליך איבער די קעפּ פון די גליקליכע, וועלכע זענען אַזוי גליקליך, אַז זיי האָבען אפילו קיין צייט נישט צו לייענען, וואָס שטעהט אָנגעשריבען אויף דער ווייסער מצבה. נאָר שפּעטער, ווען דער ליעבענדער האָט זיין מעדעל פער־לאָרען, דאַן קומט ער ווידער צו דער גוט־בעקאַנטער לינדע, און זיפצט און וויינט, און בעטראַכט די מצבה, לאַנג און אָפט, און לייענט דערויף די אויפשריפט: — ער האָט געליעבט די בלומען פון דער ברענטאַ.

קאַפּיטעל V.

מאַדאַם! איך האָב אייך אָבגענאַרט. איך בין נישט דער גראַף פון גאַנגעס. קיינמאָל אין לעבען האָב איך נישט געזעהן דעם היי־ליגען טייך, קיינמאָל האָב איך נישט געזעהן די לאָטאָס־בלומען, וועלכע שפּיעגלען זיך אָב אין זיינע פרומע וועלען. איך בין קיינמאָל נישט געלעגען הלומענדיג אונטער אינדישע פּאַלמען, איך בין קיינמאָל נישט געלעגען בעטענדיג פאַר דעם דימענטען־גאָט אין יאַגערנויט, דורך וועלכען איך וואָלט דאָך לייכט געקאָנט געהאָלפען ווערען. און אין קאַלקוטאַ בין איך געווען פונקט אַזוי ווי דער קאַלקוטאַ־

בראַטען, וועלכען איך האָב נעכטען געגעסען צו מיטאָג. נאָר איך שטאַם פון הינדאָסטאַן, און דעריבער פיהל איך מיך אַזוי גוט אין די ברייטע וועלדער פון וואַלמיקי, די העלדישע ליידען פון געטליכען ראַמאַ רעגען־אויף מיין האַרץ אַזוי ווי אַ בעקאַנטער וועהטאָג, פון די בלומען־ליעדער פון קאַלידאַזאַ בליהען מיר אַרויס די זיסטע ערינערונגען, און בשעת מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט מיר אַ גוטהערציגע דאַמע אין בערלין געוויזען די שענע בילדער, וואָס איהר פאָטער, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ גובערנאַטאָר אין אינדיען, האָט פון דאָרט מיטגעבראַכט, האָבען די צאַרט־געמאָלטע, הייליג־שטילע בילדער מיר זיך אויסגעוויזען אַזוי גוט בעקאַנט, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך בעטראַכט מיין אייגענע פאַמיליען־גאַלערעע.

פראַנץ באָפּ — מאַדאַם, איהר האָט געוויס געלייענט זיינע ווערק וועגען דער סאַנסקריטישער שפּראַך — האָט מיר געגעבען אייניגע ידיעות וועגען מיינע אָבות אַבותי, און איך ווייס איצט גענוי, אַז איך שטאַם אַרויס פון בראַהמאַ׳ס קאָפּ און נישט פון זיינע פיס־מאָזאָלען; איך בין זאָגאַר משער, אַז דער גאַנצער מאַהאַבאַראַטאַ מיט זיינע 200000 פסוקים איז נאָר אַ אַלעגאָרישער ליעבעס־בריעף, וואָס מיין אור־עלטער־זיידע האָט געשריבען צו מיין אורעלטער־באָבע — אָ! זיי האָבען זיך זעהר געליעבט, זייערע נשמות האָבען זיך געקושט, זיי האָבען זיך געקושט מיט די אויגען, זיי זענען ביידע געווען נאָר איין און איינציגער קוש —

אַ פערצויבערטע נאַכטיגאַל זיצט אויף אַ רויטען קרעלען־בוים אין שטילען אָקעאַן, און זינגט אַ ליעד פון דער ליעבע פון מיינע אור־עלטערן, נייגיעריג קוקען אַרויס די פּערעל פון זייערע מושעלשטיבעלעך, די וואונדערבאַרע וואַסער־בלומען ציטערען פאַר וועהטאָג, די קלוגע ים־שנעקען, מיט זייערע פערשיעדענפאַרביגע פּאָרצעלאַענע טורעמלעך אויף די רוקענס, קומען אָן קריכענדיג, די ים־ראָזען ווערען רויט, פערשעמט, די געלע, שפּיציגע ים־שטערען און די טויזענד־פאַרביגע גלעזערנע קוואַבען בעוועגען זיך און ווידמען זיך, און אַלץ טומעלט און הערט זיך צו —

דאָך, מאַדאַם, דאָס דאָזיגע ליעד פון נאַכטיגאַל איז צו גרויס, כדי דאָס דאָ צו ברענגען, עס איז אַזוי גרויס ווי די וועלט אַליין, שוין די ווידמונג צו אַנאַנגאַס, דעם גאָט פון ליעבע, איז אַזוי לאַנג

ווי אַלע ראָמאַנען פון וואַלטער סקאָט צוזאַמען, און וועגען דעם רעדט זיך טאַקי אין איין אָרט ביי אַריסטאָפאַנעס, וואָס אין דייטשען קומט עס אויס:

„טיאָטיאָ, טיאָטיאָ, טיאָטינקס,
טאָטאָטאָטאָ, טאָטאָטאָטאָ, טאָטאָטינקס".
(די פאָסישע איבערזעצונג).

ניין, איך בין נישט געבאָרען אין אינדיען; דאָס ליכט פון דער וועלט האָב איך דערזעהן ביי די ברעגען פון יענעם שענעם טייך, וואו אויף די גרינע בערג וואַקסט דאָרט די נאַרישקייט, און אין הערבסט ווערט זי אָבגעריסען, געקעלטערט, געגאָסען אין פעסער און אַוועקגעשיקט אין אויסלאַנד. — ווירקליך, נעכטען האָב איך געהערט, ווי עמיץ האָט געזאָגט אַ נאַרישקייט, וועלכע איז אין יאָהר 1811 געזעסען אין אַ ווייַנטרויב, וואָס איך האָב דעמאָלט אַליין געזעהן וואַקסען אויפ'ן יאָהאַניס-באַרג. פיעל נאַרישקייט ווערט אָבער אויך אויסגעבראַכט אין לאַנד גופא, און די מענשען זענען דאָרט אַזוי ווי אומעטום: — זיי ווערען געבוירען, עסען, טרינקען, שלאָפען, לאַכען, וויינען, רעדען רכילות, זענען שטענדיג בעזאָרגט וועגען צו ציהען זייער גאַטונג, סטאַרען זיך אויסצוזעהן אַזוי, ווי זיי זענען נישט, און טהון דאָס, וואָס זיי קאָנען נישט, לאָזען זיך נישט פריהער ראַזירען ביז זיי האָבען אַ באָרד, און אָפט האָבען זיי אַ באָרד איידער זיי בעקומען שכל, און ווען זיי בעקומען שכל שכור'ען זיי זיך אָן מיט ווייסע און רויטע נאַרישקייט!

מיין גאָט! ווען איך וואָלט אין מיר געהאַט אַזוי פיעל אמונה, אַז איך זאָל קאָנען בערג ריהרען — וואָלט דער יאָהאַניס-באַרג דאַן געווען דער יעניגער באַרג, וועלכען איך וואָלט נאָך מיר נאָכגעפיהרט אומעטום. נאָר אַזוי ווי מיין אמונה איז נישט אַזוי שטאַרק, דעריבער מוז מיר העלפען די פאַנטאַזיע, און זי טראָגט מיך שנעל אַוועק צו'ם שענעם רהיין.

אָ, דאָ איז אַ שען לאַנד, פול ליעבליכקייט און זונענשיין. אין בלויען טייך שפּיגלען זיך די בערג-ברעגען מיט זייערע שלעסער-חורבות און וועלדער און אַלטערטימליכע שטעדט. — דאָרט פאַר דער הויז-טהיר זיצען זיך די בירגער אין אַ זומער-אָבענד, און טרינקען פון גרויסע קריגלעך, און פלוידערן גאַנץ פערטרויליך, ווי דער ווייַן איז, אַ דאַנק גאָט, געראָטען, און ווי די געריכטען מוזען

אונבעדינגט זיין עפענטליך, און ווי מאריע אנטואנעטע איז עפעס אזוי נישט מיר דיר גיליאטינירט געווארען, און ווי די טאבאק-פערוואלטונג האט טייערער געמאכט דעם טאבאק, און ווי אלע מענשען זענען גלייך, און ווי גערעס *) איז א הויפט-מענש.

איך האב מיך קיינמאל נישט געקימערט וועגען אזעלכע מיני שמועסען, און איך בין בעסער געזעסען ביי די מעדלעך ביי'ם געוועלבטען פענסטער, און האב געלאכט אויף זייער לאכען, און מיך געלאזט שלאגען מיט בלומען אין געזיכט, און האב זיך געמאכט כלומרשט אין כעס, ביז זיי האבען מיר דערצעהלט זייערע סודות אדער עפעס א אנדערע וויכטיגע געשיכטע. די שענע גערטרוד איז געווען גליקליך ביז צום משוגע-ווערען, ווען איך האב מיך צו איהר צוגעזעצט; דאס איז געווען א מעדעל ווי א פלאמענדיגע ראזע, און ווען זי איז מיר איין מאל געפאלען ארום האלז, האב איך געמיינט, אז זי וועט פערברענט און פערשמעקט ווערען אין מיינע ארעמס. די שענע קאטהארינא איז צערונען געווארען אין קלינגענדער בעשיינעהייט, ווען זי האט מיט מיר גערעדט, און איהרע אויגען זענען געווען פון אזא ריינער, הארציגער בלויקייט, ווי איך האב עס נאך קיינמאל נישט געפונען ביי מענשען און חיות און נאר זעלטען ביי בלומען; מען האט אין זיי גערן אריינגעקוקט און דערביי האט מען זיך געקאנט טראכטען אזוי פיעל זיסע זאכען. נאר די שענע העדוויג האט מיך געליעבט; דען בשעת איך בין צו איהר צוגעגאנגען, האט זי דעם קאפ אראבגעבויגען צו דער ערד, אזוי אז די שווארצע לאקען זענען אראבגעפאלען איבער איהר רויט-געווארענעם געזיכט, און די גלענצענדע אויגען האבען ארויסגעלייכטען ווי שטערען פון א דונקעלען הימעל. איהרע פערשעמטע ליפען האבען קיין ווארט נישט גערעדט, און איך האב איהר אויך גארנישט געקאנט זאגען. איך האב געהוסט און זי האט געציטערט. טיילמאל האט זי מיך געלאזט בעטען דורך איהרע שוועסטער, איך זאל נישט אזוי שנעל ארויפשטייגען אויף די פעלזען, און איך זאל מיך נישט באדען אין רהיין, נאכדעם ווי איך האב מיך דערהיצט פון לויפען

---

*) גערעס איז צום ערשטען געווען איינער פון די מעכטיגסטע פארשטעהער פון דייטשער פרייהייט; שפעטער איז ער געווען דער אנפיהרער פון דער אולטראמאנטאנער פארטיי.

אָדער געטרונקען. איך האָב אײנמאָל זיך אַײנגעהערט, ווי זי האָט פרום געבעטען פאַר דעם בילד פון מאַריע, וואָס איז געווען בעציערט מיט גאָלד־פאַסען און בעשײַנט מיט אַ ברענענד לעמפעל און גע־שטאַנען אין אַ נישע פון פאָרהויז; איך האָב דײַטליך געהערט, ווי זי האָט גאָטס מוטער געבעטען: איהם צו פערבאָטען דאָס קלעטערן, טרינקען און באָדען זיך. איך וואָלט מיך געווים אין דאָס שענע מעדעל פערליעבט, ווען זי וואָלט געווען גלײַכגילטיג צו מיר; און איך בין געווען גלײַכגילטיג צו איהר, ווײַל איך האָב געוואוסט, אַז זי ליעבט מיך. — מאַדאַם, אויב מען וויל פון מיר געליעבט זײַן, מוז מען מיך בעהאַנדלען ווי אַ הונד.

די שענע יאָהאַנע איז געווען אַ שוועסטער־קינד פון די דרײַ שוועסטער, און איך האָב מיך צו איהר גערן צוגעזעצט. זי האָט געוואוסט די שענסטע לעגענדען, און ווען זי האָט מיט דער ווײַסער האַנד אַרויסגעוויזען צו'ם פענסטער נאָך די בערג, וואו עס איז געשעהן אַלץ, וואָס זי דערצעהלט, איז מיר געוואָרען אויפ'ן האַרצען אַזוי פיעל פערצויבערט, די אַלטע ריטער זענען קלאָר אַרויסגעשטיגען פון די חורבות־שלעסער און האָבען זיך צעהאַקט די אַײַזערנע קלײדער, די לאָרעלײַ איז ווידער געשטאַנען אויפ'ן שפיץ פון באַרג און האָט אַראָבגעזונגען איהר זיס־פערדאַרבענדעס ליעד, און דער רהײַן האָט גערוישט אַזוי קלוג בערוהיגענדיג און דאָך צוגלײַך צוציהענדיג מורא'דיג — און די שענע יאָהאַנע האָט מיך אָנגעקוקט אַזוי מערקווירדיג, אַזוי הײמליך, אַזוי אונפערשטענדליך טרויליך, אַזוי ווי זי וואָלט אַלײן געהערט צו דער לעגענדע, וועגען וועלכער זי האָט נאָר וואָס דערצעהלט. זי איז געווען אַ שלאַנק, בלאַס מעדעל, זי איז געווען טוידט־קראַנק און טיעפזיניג, איהרע אויגען זענען געווען קלאָר ווי דער אמת אַלײן, איהרע ליפען — פרום גע־וועלבט, אין די צוגען פון איהר געזיכט איז געלעגען אַ גרויסע געשיכטע, נאָר דאָס איז געווען אַ הײליגע געשיכטע — אפשר אַ ליעבעס־לעגענדע? איך ווײס נישט, און איך האָב אויך קײנמאָל דעם מוט נישט געהאַט, זי צו פרעגען. ווען איך האָב זי לאַנג אָנגעקוקט, בין איך געוואָרען רוהיג און פרעהליך, עס איז מיר אויסגעקומען, ווי אין מײַן האַרצען וואָלט געווען שטילער שבת און די מלאָכים ריכטען דערין אָב די גאָטעס־דיענסט.

אין אַזעלכע גוטע שטונדען האָב איך איהר דערצעהלט מעשות

פון מײַן קינדהײט, און זי האָט שטענדיג ערנסט זיך צוגעהערט, און מערקווירדיג! ווען איך האָב מיך שוין נישט געקאָנט דערמאָהנען די נעמען, האָט זי מיך דערמאָהנט. ווען איך האָב זי דאַן פערוואונדערט געפרעגט, פון וואַנען זי ווייס די נעמען, האָט זי מיר שמייכלענדיג געענטפערט, אַז זי האָט זיך דאָס דערוואוסט פון די פויגעל, וועלכע האַלטען זייערע נעסטען אין די שפּאַלטען פון איהר פענסטער — און זי האָט אויך געפּרובט מיר פערזיכערן, אַז דאָס זענען די זעלבע פויגעל, וועלכע איך האָב איינמאָל, בשעת איך בין געוועזען אַ קינד, פאַר מײַן טאַשען-געלד אָבגעקויפט פון דעם האַרט-האַרציגען פויער-יונג און האָב זיי דאַן געלאָזען פרײַ אַוועקפליהען. איך מיין אָבער, אַז זי האָט אַלץ געוואוסט, ווײַל זי איז געוועזען אַזוי בלאַס, און איז ווירקליך אין גיכען געשטאָרבען. זי האָט אויך געוואוסט, ווען זי וועט שטאַרבען, און האָט פערלאַנגט, אַז איך זאָל מיט אַ טאָג פריהער פערלאָזען אַנדערנאַך. בײַ'ם אָבשייד האָט זי מיר געגעבען בײדע הענד — דאָס זענען געוועזען ווײַסע, זיסע הענד און ריין ווי אַ הייליגער קרבן — און זי האָט געזאָגט: דו ביזט זעהר גוט, און ווען דו וועסט ווערען אין כעס, דערמאָהן דיך ווידער אָן דער קליינער, גוטער וועראָניקע.

צי האָבען די פלודערנדע פויגעל אויף דעם דאָזיגען נאָמען אויסגעזאָגט? איך האָב מיר אין ערינערונגען-נאָכזוכענדע שטונדען אַזוי אָפט דעם קאָפּ געבראָכען און האָב מיך מעהר נישט געקאָנט דערמאָהנען דעם דאָזיגען ליעבען נאָמען.

איצט, ווען איך געדענק איהם שוין ווידער, וויל מיר אויך די פריהעסטע קינדהײט ווידער אויפבליהען אין מײַן זכרון, און איך בין ווידער אַ קינד און שפּיעל מיך מיט די איבעריגע קינדער אויף דעם שלאָס-פּלאַץ אין דיסעלדאָרף בײַ'ם רהיין.

קאַפּיטעל VI.

יאָ, מאַדאַם, דאָרט בין איך געבאָרען, און דאָס זאָג איך אויסדריקליך, כדי נאָך מײַן טויט זאָלען זיבען שטעדט — שילדע, קרעהווינקעל, פּאָלקוויץ, באָקום, דילקען, געטינגען און שעפּענשטעדט — זיך נישט אַרומקריגען צו האָבען די עהרע, צו זיין מײַן געבורטס-שטאָדט. דיסעלדאָרף איז אַ שטאָדט בײַ'ם רהיין, וואו עס

לעבען זעכצעהן טויזענד מענשען, און פיעל הונדערט טויזענד מענשען ליעגען נאָך אויסער דעם דאָרט בעגראָבען. און צווישען די דאָזיגע זענען פערהאַן עטליכע, וועגען וועלכע מיין מוטער זאָגט, אַז עס וואָלט בעסער געווען, ווען זיי וואָלטען נאָך געלעבט, צום ביישפיעל מיין זיידע און מיין פעטער, דער אַלטער העררי פאָן-געלדערן און דער יונגער העררי פאָן-געלדערן, וועלכע זענען ביידע געווען אַזעלכע בעריהמטע דאָקטוירים, און זיי האָבען אַזוי פיעל מענשען אויסגעהיילט פון טוידט, און דאָך האָבען זיי אַליין געמוזט שטאַרבען. און די פרומע אורזולע, וועלכע האָט מיך אַלס קינד אויף די הענד געטראָגען, ליעגט דאָרט אויך בעגראָבען, און עס וואַקסט אויף איהר קבר אַ ראָזען-קוסט — ראָזען-ריחות האָט זי ביי'ם לעבען אַזוי ליעב געהאַט, און איהר האַרץ איז געווען לויטער ראָזען-ריחות און גוטסקייט. אויך דער אַלטער קלוגער קאַנאָניקוס ליעגט דאָרט בעגראָבען. גאָט, ווי עלענד האָט ער אויסגעזעהן, ווען איך האָב איהם צום לעצטען מאָל געזעהן! ער איז בעשטאַנען נאָר נאָך פון גייסט און פלאַסטערס, און דאָך האָט ער שטודירט טאָג און נאַכט, אַזוי ווי ער וואָלט זיך געזאָרגט, טאָמער וועלען די ווערעם געפינען איינינגע אידעען צו וועניג אין קאָפ. אויך דער קליינער ווילהעלם ליעגט דאָרט, און דערין בין איך שולדיג. מיר זענען ביידע געווען שול-קאַמעראַדען אין פראַנציסקאַנער קלויסטער און מיר האָבען זיך געשפיעלט אויף יענער זייט פון קלויסטער, וואו עס האָט זיך צווישען שטיינערנע מויערן געצויגען דאָס טייכעל דיסעל, און איך האָב געזאָגט: „ווילהעלם, ציה אַרויף דאָס קעצעל, וואָס איז נאָר וואָס אַריינגעפאַלען" — און לוסטיג איז ער אַראָבגעגאַנגען אויף דער ברעט, וואָס איז געלעגען איבער'ן טייכעל, אַרויסגעריסען דאָס קעצעל פון וואַסער, איז ער אָבער אַליין אַריינגעפאַלען, און ווען מען האָט איהם אַרויסגעצויגען, איז ער געווען נאַס און טוידט. דאָס קעצעל האָט נאָך אַ לאַנגע צייט געלעבט.

די שטאָדט דיסעלדאָרף איז זעהר שען, און ווען מען קלערט וועגען איהר פון דערווייטענס, און מען איז צופעליג פון דאָרט אַ געבוירענער, ווערט עפּעס אַזוי משונה'דיג אויפ'ן האַרצען. איך בין פון דאָרט אַ געבוירענער, און עס דוכט זיך מיר איצט, אַזוי ווי איך וואָלט גלייך געמוזט אַהיים געהן. און אַז איך זאָג אַהיים געהן, אַזוי מיין איך דאָס די באָלקערשטראַסע און דאָס הויז, אין

וועלכען איך בין געבוירען געוואָרען. דאָס דאָזיגע הויז וועט אַמאָל זיין זעהר מערקווירדיג, און דער אַלטער פרוי, וואָס בעזיצט דאָס דאָזיגע הויז, האָב איך געהייסען זאָגען, אַז זי זאָל עס בשום אופן נישט פערקויפען. פאַר דאָס גאַנצע הויז וואָלט זי איצט בעקומען קוים אַזוי פיעל, וויפיעל עס וועט אויסמאַכען דאָס טרינק־געלד, וואָס די גרין־פערשלייערטע, פאָרנעהמע ענגלענדערינס וועלען אַמאָל געבען דער דיענסט־מעדעל, בשעת זי וועט זיי ווייזען די שטוב, אין וועלכער איך האָב דערזעהן דאָס ליכט פון דער וועלט, און די היהנער־שטייג, אין וועלכער דער טאַטע פלעגט מיך געוועהנליך פערשליסען, בשעת איך האָב גענאַשט ווייַנטרויבען, און אויך די ברוינע טהיר, אויף וועלכער די מאַמע פלעגט מיך מיט קרייד לערנען שרייבען די בוכשטאַבען — אַה גאָט! מאַדאַם, אויב איך וועל אַמאָל ווערען אַ בעריהמטער שריפשטעלער, האָט דאָך דאָס מיין אָרעמער מוטער גענוג מיה געקאָסט.

נאָר מיין רוהם שלאָפט נאָך איצט אין די שטיקער מאַרמאָר פון קאַראַראַ, די פערדאָרבענע לאָרבער־קראַנצען, מיט וועלכע מען האָט מיין שטערען בעפוצט, האָבען נאָך זייער ריח נישט פער־שפרייט איבער דער גאַנצער וועלט, און ווען די גרינ־פערשלייערטע, פאָרנעהמע ענגלענדערינס קומען איצט קיין דיסעלדאָרף, בעקוקען זיי נאָך כלל נישט דאָס בעריהמטע הויז, נאָר זיי געהען דירעקט צום מאַרק־פלאַץ און בעטראַכטען די שוואַרצע, קאָלאָסאַלע רייטער־סטאַטוע, וואָס שטעהט דאָרט אין סאַמע מיטען. די דאָזיגע סטאַטוע זאָל פאָרשטעלען דעם קורפירשט יאַן ווילהעלם. ער טראָגט אַ שוואַר־צען פאַנצער, אַ טיעף אַראָבהענגענדע פערוק. — זייענדיג אַ קינד האָב איך געהערט די לעגענדע, אַז דער קינסטלער, וועלכער האָט געגאָסען די דאָזיגע סטאַטוע, האָט בשעת'ן גיעסען בעמערקט מיט שרעק, אַז זיין מעטאַל וועט דערצו נישט גענוגען, און דאַן זענען אָנגעלאָפען די בירגער פון דער שטאָדט און האָבען איהם געבראַכט זייערע זילבערנע לעפעל, כדי צו פערענדיגען דאָס גיעסען — און אָט בין איך שטונדענלאַנג געשטאַנען פאַר דעם רייטער־בילד, און מיר געבראָכען דעם קאָפּ, וויפיעל זילבערנע לעפעל קאָנען דערין שטעקען, און וויפיעל עפעל־טאָרטעלעך קאָן מען פאַר דאָס דאָ־זיגע גאַנצע זילבער בעקומען? עפעל־טאָרטעלעך זענען דעמאָלט געווען מיין ליידענשאַפט — איצט איז דאָס ליעבע, אמת, פרייהייט

און קרעבס־זופּ — און טאַקי נישט ווייט פון קורפירשטס בילד, נעבען טעאַטער, איז געוועהנליך געשטאַנען דער וואונדערבאַר־געבאַקענער קרומפּיסיגער יונג מיט אַ ווייסען פאַרטוך און מיט אַ קאָרב פול ליעבליך־שמעקענדיגע עפּעל־טאָרטעלעך, וועלכע ער האָט געוואוסט ווי אָבצולויבען אין טאָג אַריין מיט אַ דיסקאַנט־שטימע, וואָס ס'איז אונמעגליך בייצושטעהן קעגען איהר: „די עפּעל־טאָרטעלעך זענען גאַנץ פריש, נאָר וואָס פון אויווען אַרויס, שמעקען אַזוי דעליקאַט". — ווירקליך, בשעת דער יצר־הרע האָט מיך אין מיינע שפּעטערע יאָהרען געוואָלט בייקומען, האָט ער גערעדט מיט אַזאַ צוציהענדע דיסקאַנט־שטימע, און ביי סיניאָראַ דזשיולעטאַ וואָלט איך קיין גאַנצע צוועלף שטונדען נישט געבליבען, ווען זי וואָלט נישט אָנגעהויבען רעדען מיט'ן זיסען, שמעקעדיגען עפּעל־טאָרטעלעך־טאָן. און ווירקליך, קיינמאָל וואָלטען עפּעל־טאָרטעלעך מיך נישט אַזוי פיעל אָנגערייצט, ווען דער קרומער הערמאַן וואָלט זיי נישט אַזוי געהיימניספול בעדעקט מיט זיין ווייסען פאַרטוך — און טאַקי די פאַרטוכער זענען עס, וואָס — דאָך איך בין אַראָב פון וועג, איך האָב דאָך גערעדט וועגען דער רייטער־סטאַטוע, וועלכע האָט אין לייב געהאַט אַזוי פיעל זילבערנע לעפעל, און קיין זופּ, און האָט פאָרגעשטעלט דעם קורפירשט יאַן ווילהעלם.

ער זאָל געוועזען זיין אַ בראַווער הערר, און האָט זעהר געליעבט די קונסט, און אַליין איז ער געוועזען זעהר אַ געשיקטער. ער האָט געגרינדעט די בילדער־גאַלעריע אין דיסעלדאָרף, און אויף דעם דאָרטיגען אָבסערוואַטאָריום ווייזט מען נאָך אַ בעכער פון האָלץ, וואָס ער אַליין האָט אין זיינע פרייע שטונדען — אַזעלכע שטונדען האָט ער געהאַט טעגליך פיער און צוואַנציג — אויסגעשניצט.

דעמאָלט זענען די פירשטען נאָך נישט געוועזען אַזעלכע אונגליקליכע מענשען ווי איצט, און די קרוין איז זיי געוועזען פעסט צוגעוואַקסען צו'ם קאָפּ, און ביינאַכט האָבען זיי נאָך דערויף אַריבערגעצויגען אַ שלאָף־מיץ, און זיי זענען געשלאָפען רוהיג, און צו זייערע פיס זענען רוהיג געשלאָפען די פעלקער, און ווען די דאָזיגע פעלקער זענען אין דער פריה אויפגעשטאַנען, אַזוי האָבען זיי געזאָגט: „גוט מאָרגען, פאָטער!" און די פירשטען האָבען געענטפערט: „גוט מאָרגען, ליעבע קינדער!"

נאָר פּלוצלונג איז עס אַנדערש געוואָרען. ווען מיר זענען

איין מאל אין דער פריה אויפגעשטאנען אין דיסעלדארף און געוואלט זאגען „גוט מארגען, פאטער!“, איז שוין דער פאטער געווען אוועק־געפאהרען, און אין דער גאנצער שטאדט איז געווען נאר שטומפער טרויער, איבעראל איז געווען עפעס א מין שטימונג פון א לויה, און די מענשען זענען שווייגענדיג דורכגעקראכען צום מארק, און האבען געלעזען די לאנגע פאפירענע מודעה אויף דער טהיר פון ראטהויז. עס איז געווען א טריבער וועטער, און דאך איז דער דינער שניידער קיליאן געשטאנען אין זיין נאנקינער יאקע, וועלכע ער פלעגט געוועהנליך טראגען נאר ביי זיך אין דערהיים, און די בלוי־וואלענע זאקען זענען איהם אראבגעהאנגען, אז די נאקעטע פיסלעך האבען בעטריבט ארויסגעקוקט, און זיינע שמאלע ליפען האבען געציטערט, בשעת ער האט פאר זיך געמורמעלט דאס, וואס איז געשטאנען אויפ'ן אנגעשלאגענעם פלאקאט. אן'אלטער פפעל־ציש'ער אינוואליד האט געלעזען אביסעל העכער, און ביי פיעל ווערטער האט איהם צראבגעטריפט א קלאהרע טרעהר אין די ווייסע, עהרליכע וואנסעס. איך בין געשטאנען נעבען איהם און האב אויך געוויינט, און האב איהם געפרעגט, פארוואס מיר וויינען. און דאן האט ער געענטפערט: „דער קורפירשט לאזט זיך בעדאנקען“. און דערנאך האט ער ווידער געלייענט, און ביי די ווערטער: „פאר די אבגעהיטע טריי־הייט פון די אונטערטהאנען“ „און מיר בעפרייען אייך פון אייערע פליכטען“, האט ער נאך שטארקער געוויינט. — עס איז משונה'דיג צו זעהן, ווי אזא אלטער מאן, מיט א אבגעבלאקעוועטען אוניפארם און מיט א צעראנירטען סאלדאטען־געזיכט, וויינט פלוצלונג אזוי שטארק. בשעת מיר האבען אזוי געלעזען, איז אויך אראב־גענומען געווארען פון ראטהויז דער קורפירשטליכער הערב, אלץ איז געווארען עפעס אזוי שרעקעדיג וויסט, עס האט אויסגעוויזען, ווי מען וואלט זיך גערייכט אויף א לקוי חמה, די הערדען ראטסהעררען זענען ארומגעגאנגען אזוי אבגעדאנקט און פאמעלעך, אפילו דער אלמעכטיגער גאסען־פאגט האט אויסגעזעהן, אזוי ווי ער וואלט שוין מעהר קיין זאך נישט געהאט צו בעפעהלען, און ער איז זיך דא געשטאנען אזוי פריעדליך־גלייכגילטיג, האטש דער משוגענער אלאָיזיוס האט זיך ווידער געשטעלט אויף איין פוס און האט מיט א נארישער גרימאסע איבערגע'חזר'ט די נעמען פון די גענערעלער, ווערענד דער שכור'ער קרומער גומפערץ האט זיך געוואלגערט

אין רינשטאָק און האָט געזונגען דאָס ליעד „עס קומט, עס קומט!"

נאָר איך בין געגאַנגען אַהיים און האָב געוויינט און געקלאָגט: „דער קורפירשט לאָזט זיך בעדאַנקען". אומזיסט האָט מיך מיין מוטער געוואָלט בערוהיגען, איך האָב געוואוסט, וואָס איך האָב געוואוסט, איך האָב מיר נישט געלאָזט פערדעדען, איך בין וויינענדיג געגאַנגען אין בעט אַריין, און ביינאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז ס'איז שוין אַ סוף פון דער וועלט — די שענע בלומען־גערטנער און גרינע לאָנקעס זענען אַזוי ווי טאַפּעטען אויפגערוימט און איינגעוויקעלט געוואָרען, דער גאַסען־פאָגט איז אַרויפגעקראָכען אויף אַ הויכען לייטער און האָט אַראָבגענומען די זון פון הימעל, דער שניידער קיליאַן איז דערביי געשטאַנען און האָט צו מיר אַליין געזאָגט: „איך מוז געהן אַהיים און זיך שען אָנטהון, וויַיל איך בין טויט און וועל נאָך היינט בעגראָבען ווערען" — און עס איז כסדר געוואָרען אַלץ דונקעלער, קאַרג האָבען אין דער הויך געשימערט עטליכע שטערען, און אויך זיי זענען אַראָבגעפאַלען אַזוי ווי געלע בלעטער אין הערבסט, ביסלעכווייז זענען פערשוואונדען געוואָרען די מענשען, איך אָרעם קינד האָב מיט שרעק אַרומגעבלאָנדזשעט, בין ענדליך געבליבען שטעהן פאַר'ן צוים פון אַ פאַשעפעלד נעבען אַ וויסטען פויערן־הויף און האָב דאָרטען געזעהן אַ מענשען, וועלכער האָט מיט אַ רידעל פאַנאַנדערגעגראָבען די ערד, און נעבען איהם אַ מיאוסע, בייזע פרוי, וועלכע האָט געהאַלטען אין פאַרטוך עפּעס אַזוי ווי אַ אָבגעשניטענעם קאָפּ פון אַ מענשען, און דאָס איז געווען די לבנה, און זי האָט איהם מיט מורא און מיט זאָרג אַריינגעלעגט אין אָפענעם גרוב — און הינטער מיר איז געשטאַנען דער פעלצישער אינוואַליד און האָט פאַמעלעך געזאָגט אות באות: „דער קורפירשט לאָזט זיך בעדאַנקען".

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט די זון ווידער געשיינט ווי געוועהנליך דורכ'ן פענסטער, אויפ'ן גאַס איז געגאַנגען דער פויק, און ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אין אונזער וואָהן־שטוב און האָב מיין פאָטער, וועלכער איז געזעסען אין ווייסען פודער־מאַנטעל, געזאָגט גוט מאָרגען, האָב איך געהערט, ווי דער פריזירער מיט די לייכטע פיס האָט איהם בשעת'ן פריזירען גענוי דערצעהלט, אַז היינט בעגריסט מען אויפ'ן ראָטהויז דעם נייעם גרויס־הערצאָג יאָאַכים, און אַז דער דאָזיגער הערצאָג איז פון דער בעסטער

פאַמיליע, און ער בעקומט פאַר אַ פרוי דעם קייזער נאַפּאָלעאָנס שוועסטער, און ער בעזיצט אויך פיעל פערמעגען, און ער טראָגט זיינע שענע שוואַרצע האָר אין לאָקען און אין גיכען וועט ער אַריינפאָהרען אין שטאָדט און וועט זיכער געפעלען ווערען אַלע פרויען. דערווייל איז דאָס פויקערייַ אויפ'ן גאַס אַליין ווייטער געגאַנגען, און איך בין אַרויסגעגאַנגען פאַר דער הויזטהיר און האָב בעטראַכט די אָנקומענדע פראַנצויזישע סאָלדאַטען, דאָס פרעהליכע פאָלק פון רוהם, וואָס האָט זינגענדיג און קלינגענדיג דורכגעצויגען דורך דער וועלט, די הייטער-ערנסטע געזיכטער פון די גרענאַדערען, די בערען-מיצען, די דרייפאַרביגע קאָקאַרדעס, די בלאַנקענדע באַיאָנעטען, די וואָלטיזשערען פול לוסטיגקייט און עהרע-געפיהל, און דעם אַלמעכטיג גרויסען, זילבערגעשטריקטען טאַמבור-מאַיאָר, וועלכער האָט געקאָנט וואַרפען זיין שטאָק מיט'ן פערגאָלדעטען קנאָפּ ביז'ן ערשטען עטאַזש און זיינע אויגען אפילו ביז'ן צווייטען עטאַזש, וואו עס זענען אויך געזעסען ביי'ם פענסטער שענע מעדלעך. איך האָב מיך געפרעהט, וואָס מיר וועלען בעקומען סאָלדאַטען אויף קוואַרטיר — מיין מוטער האָט זיך נישט געפרעהט — און איך האָב מיך געאיילט צו געהן אויפ'ן מאַרק-פלאַץ. דאָ האָט עס איצט גאָר אַנדערש אויסגעזעהן, עס האָט אויסגעזעהן, ווי די וועלט וואָלט גאָר פון דאָס ניי אויסגעקאַלכט געוואָרען, אַ נייער הערב איז געהאַנגען אויפ'ן ראָטהויז, דער אייזערנער פאָרענץ פון באַלקאָן פון ראָטהויז איז געוועזען איבערגעהאַנגען מיט געשטריקטע סאַמעט-דעקען, פראַנצויזישע גרענאַדערען זענען געשטאַנען אויף דער וואַך, די אַלטע העררען ראַטסהערען האָבען שוין איצט געהאַט אַנדערע געזיכטער און האָבען געטראָגען זייערע יום טוב'דיגע קליידער, און האָבען זיך אָנגעקוקט אויף פראַנצויזיש און געזאָגט באָן זשור, פון אַלע פענסטער האָבען געקוקט דאַמען, נייגיעריגע בירגער-לייט און בלאַנקע סאָלדאַטען האָבען אָנגעפילט דעם פלאַץ, און איך צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער האָבען מיר געקלעטערט אויף דאָס גרויסע קורפירשט-פערד און האָבען דערפון אַראָבגעקוקט אין פערשיעדענפאַרביגען מאַרק-טומעל.

דעם שכנ'ס פיטער און דער לאַנגער קונץ האָבען ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט שיער נישט דעם האַלז געבראָכען, און דאָס וואָלט געוועזען זעהר גוט; וואָרום דער ערשטער איז דערנאָך אַנטלאָפען געוואָרען פון זיינע עלטערן, זיך אָבגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט,

געמאַכט פּליטה, און איז אין מאַינץ דערשאָסען געוואָרען צו׳ם טוידט; דער אַנדערער אָבער האָט שפּעטער געמאַכט געאָגראַפּישע אויס־פאָרשונגען אין פרעמדע קעשענעס, דעריבער איז ער געוואָרען אַ הירקליכער מיטגליעד פון אַ עפענטליכען שפּינען־אַנשטאַלט, דערנאָך האָט ער צעריסען די אייזערנע קייטען, וועלכע האָבען איהם צוגע־בונדען צו דעם דאָזיגען אַנשטאַלט און צו׳ם פאָטערלאַנד, איז גליקליך אַריבערגעקומען דעם ים, און איז געשטאָרבען אין לאָנדאָן דורך אַ צו ענגען שניפּס, וועלכער האָט זיך צוגעצויגען פון זיך אַליין, נאָכ־דעם ווי אַ קעניגליכער בעאַמטער האָט איהם אַרויסגעשלעפּט פון אונטער די פיס אַ בענקעל.

דער לאַנגער קונץ האָט אונז געזאָגט, אַז היינט איז מען פריי פון שולע, צוליעב דער בעגריסונג. מיר האָבען לאַנג געמוזט וואַרטען, ביז די דאָזיגע בעגריסונג האָט זיך אָנגעהויבען. ענדליך איז דער באַלקאָן פון ראָטהויז פול געוואָרען מיט פערשיעדענפאַרביגע הערען, פאָהנען און טרומייטען, און דער הערר בירגערמייסטער, אין זיין בעריהמטען רויטען ראָק, האָט געהאַלטען אַ רעדע, וועלכע האָט זיך אַביסעל לאַנג אויסגעצויגען אַזוי ווי ציהענדעס גומי, אָדער ווי אַ געשטריקטע שלאָף־מיץ, אין וועלכער מען האָט אַריינגעוואָרפען אַ שטיין — נאָר נישט דעם שטיין פון הכמה — און פיעלע זאַכען פון דער רעדע האָב איך געקאָנט גאַנץ דייטליך הערען, צו׳ם ביישפּיעל, אַז מען וויל אונז גליקליך מאַכען — און ביי׳ם לעצטען וואָרט האָט מען געבלאָזען אין די טרומייטען, און געמאַכט מיט די פאָהנען, און דער פויק האָט געקלאַפּט, און מען האָט געשריען וויוואַט — און בשעת איך אַליין האָב געשריען וויוואַט, האָב איך מיך פעסט געהאַלטען אָן דעם אַלטען קורפירשט. און דאָס איז געווען נישט גוט, ווייל עס האָט מיר אָנגעהויבען שטאַרק צו שווינדלען פאַר די אויגען, איך האָב שוין געמיינט, אַז די מענשען שטעהען אויף די קעפּ, ווייל די וועלט האָט זיך אַרומגעדרעהט, דער קאָפּ פון קורפירשט מיט דער לאַנגער פּערוק האָט צוגעשאָקעלט און געשעפּטשעט: „האַלט זיך פעסט אָן מיר!“ — און ערשט דורכ׳ן קאַנאָנען־שיעסען, וואָס האָט זיך איצט אָנגעהויבען אויפ׳ן וואַל, בין איך צו זיך געקומען, און בין פון קורפירשט־פערד פּאַמעלעך ווידער אַראָבגעגאַנגען.

ווען איך בין געגאַנגען אַהיים, האָב איך ווידער געזעהן, ווי דער משוגענער אַלאָיזום טאַנצט אויף איין פוס, וועהרענד ער הור׳ט איבער

די נעמען פון די פראַנצויזישע גענערעלער, און ווי דער קרומער גומפערץ וואַלגערט זיך אַרום שכורערהייד אין רינשטאָק, און ברומט „עס קומט, עס קומט" — און צו מיין מוטער האָב איך געזאָגט: מען וויל אונז גליקליך מאַכען, און דעריבער איז מען היינט פריי פון דער שולע.

קאַפּיטעל VII.

אויפ'ן אַנדערן טאָג איז די וועלט ווידער געווען אין בעסטער אָרדנונג, און מען איז ווידער געגאַנגען אין שולע אַזוי ווי פריהער, און מען האָט ווידער געלערנט אויסעגנוועניג אַזוי ווי פריהער — די רוימישע קעניגען, די צאָהלען פון די יאָהרען, די „נאָמינאַ", *) דאָס ענדיגען זיך אויף „ים", די „ווערבאַ אירעגולאַריאַ" **), גריעכיש, העברעאיש, געאָגראַפיע, דייטשע שפּראַך, קאָפּ־רעכענען—גאָט! עס שווינדעלט מיר נאָך איצט דערפון אין קאָפּ — אַלץ האָט געמוזט געלערנט ווערען אויסעגנוועניג. און אַ טייל זאַכען דערפון זענען מיר שפּעטער צו נוץ געקומען. ווייל ווען איך וואָלט נישט געוואוסט אויסעגנוועניג די רוימישע קעניגען, וואָלט דאָך מיר שפּעטער געווען גאַנץ גלייכגילטיג, צי ניעבוהר האָט בעוויזען אָדער נישט בעוויזען, אַז זיי האָבען אין אמת'ען קיינמאָל נישט עקזיסטירט. און וואָלט איך נישט געוואוסט יענע צאָהלען פון די יאָהרען, ווי וואָלט איך מיר שפּעטער געקאָנט אַ עצה געבען אין דער גרויסער שטאָדט בערלין, וואו איין הויז איז גלייך צום אַנדערען ווי אַ טראָפּען וואַסער אָדער ווי איין גרענאַדער צום אַנדערען, און וואו עס איז אונמעגליך צו געפינען די בעקאַנטע, אויב מען האָט נישט אין קאָפּ די נומער פון זייער הויז; איך האָב מיר דעמאָלט ביי יעדען בעקאַנטען געטראַכט צוגלייך אַ היסטאָרישען פאָרפאַל, וואָס די צאָהל פון יאָהר, אין וועלכער ער איז געשעהן, האָט געשטימט מיט דער נומער פון הויז פון מיין בעקאַנטען, אַזוי אַז איך האָב מיר די דאָזיגע נומער זעהר לייכט געקאָנט דערמאָהנען, ווען איך האָב נאָר געטראַכט וועגען דעם היסטאָרישען פאָרפאַל, און דעריבער טאַקי

*) הויפּט־ווערטער.

**) נישט־רעגעלמעסיגע צייט־ווערטער (אין לאַטיינישען).

פלעגט מיר שטענדיג אַרויפקומען אויפ'ן קאָפּ אַ היסטאָרישער פאַר־פאַל, ווייבאַלד איך האָב נאָר דערזעהן אַ בעקאַנטען. אַזוי צו'ם ביישפיעל, ווען איך האָב בעגעגענט מיין שניידער, האָב איך גלייך געטראַכט וועגען דער מלחמה ביי מאַראַטהאָן; האָב איך בעגעגענט דעם שען־אויסגעפוצטען באַנקיר הריסטיאַן גומפּעל, אַזוי האָב איך גלייך געטראַכט וועגען חורבן ירושלים; האָב איך דערזעהן אַ פּאָר־טוגעזישען גוטען פריינד, וועלכער איז געווען איינגעטונקט אין חובות איבער'ן האַלז, אַזוי האָב איך גלייך געטראַכט וועגען מוחמד'ס פליטה; האָב איך געזעהן דעם אוניווערזיטעטס־ריכטער, אַ מענש, וועלכער איז געווען בעקאַנט מיט זיין שטרענגער רעכטליכקייט, אַזוי האָב איך גלייך געטראַכט וועגען המנ'ס טוידט; ווי איך פלעג נאָר דערזעהן וואַדצעק'ן, פלעג איך גלייך טראַכטען וועגען קלעאָפּאַטראַ'ן — אַה, ליעבער גאָט, די אָרעמע בהמה איז איצט טויט, די טרעהרען־קוואַלען זענען אויסגעטריקענט, און מען קאָן זאָגען מיט האַמלעט'ן: סוף כל סוף איז עס געווען אַ אַלטע פרוי, און אַזעלכע ווי די וועלען מיר נאָך אָפט האָבען! ווי געזאָגט זענען די צאָהלען פון די יאָהרען אונבעדינגט נויטיג, איך קען מענשען, וועלכע האָבען קיין זאַך נישט אויסער אַ פּאָר צאָהלען פון יאָהרען אין קאָפּ, און דערמיט האָבען זיי געוואוסט אין בערלין צו געפינען די ריכטיגע הייזער, און איצט זענען זיי שוין וואוילע פּראָפעסאָרען. נאָר איך האָב זיך אין דער שולע גענוג אָנגעליטען צוליעב די פיעל צאָהלען! און מיט'ן רעכענען איז עס נאָך ערגער געגאַנגען. צו'ם בעסטען האָב איך פערשטאַנען חיסור, און דערביי איז דאָ אַ זעהר פּראַקטישער כלל: „פיער פון דריי קאָן מען נישט אַראָבנעהמען, און דעריבער מוז איך איינס באָרגען" — נאָר איך האָב געראַטען יעדען איינציגען, אַז אין אַזעלכע פאַלען זאָל ער שטענדיג באָרגען אַ פּאָר גראָשען מעהר; ווייל מען קאָן נישט וויסען—

נאָר וואָס אָנבעלאַנגט צו דער לאַטיינישער שפּראַך, אַזוי קאָנט איהר זיך גאָרנישט פאָרשטעלען, מאַדאַם, ווי דאָס איז פערדרעהט. די רוימער וואָלט געוויס גאַנץ וועניג געבליבען צייט, איינצונעהמען די וועלט, ווען זיי וואָלטען לאַטיין זיך ערשט געמוזט אויסלערנען. די דאָזיגע גליקליכע מענשען האָבען שוין אין דער וויגעלע געוואוסט, וועלכע „נאָמינאַ" האָבען דעם אַקוזאַטיוו אויף „ים". איך אָבער האָב זיי געמוזט אויסענווענדיג לערנען אין שוויים פון מיין אַנ־

גְעזִיכט; נאָר סַיי ווי סַיי איז עֶס גוט, וואָס איך ווייס עֶס. וואָרום ווען איך וואָלט צום בַּיישפּיעל דעם 20־טען יולי פון יאָהר 1825, בּשעת איך האָב עפֿענטליך אָבגעגעבען אין געטינגען אַ עקזאַמען אויף לאַטיין — מאַדאַם, עס האָט דעמאָלט געלוינט זיך צו צוהערען — ווען איך וואָלט דעמאָלט געזאָגט „סינאַפּעס" אַנשטאָט „סינאַפּים", אַזוי וואָלטען עס אפשר בעמערקט די פוקסען, וואָס זענען דאָרט געזעסען, און דאָס וואָלט פאַר מיר געווען אַ עבּיגע חרפּה. וויס, בּוריס, סיטיס, טוססיס, קוקומיס, אַמוססיס, קאַננאַבּיס, סינאַפּיס — די דאָזיגע ווערטער, וועלכע האָבען געמאַכט אַזאַ רושם אויף דער וועלט, האָבען דאָס געבּראַכט דערצו, וואָס האָטש זיי שטעהען־צו צו אַ בעשטימטער קלאַס, דאָך בּלייבּען זיי אַנ'אויסנאַהם; דעריבּער האַלט איך שטאַרק פון זיי, און דאָס, וואָס איך האָב זיי שטענדיג בּיי דער האַנד, ווען איך קאָן זיי אַמאָל פּלוצלונג דאַרפען האָבּען, דאָס גיעט מיר אין פיעל טריבּע שטונדען פון לעבּען פיעל אינערע בערוהיגונג און טרייסט. נאָר מאַדאַם, די „ווערבּאַ אירעגולאַריאַ" — זיי זענען אַנדערש פון די „ווערבּיס רעגולאַריבּוס" דערמיט, וואָס מען בעקומט בּיי זיי נאָך מעהר שמיץ — זיי זענען אונגעהויער שווער. אין די דומפּפע האַלב־קיילעכדיגע דורכגאַנגען פון פראַנציסקאַנער קלויסטער, נישט וויים פון דער שולע, איז דעמאָלט געהאָנגען אַ גרויסער, געקרייציגטער קריסטוס פון גרויען האָלץ, אַ וויסט בּילד, וואָס טיילמאָל לויפט עס נאָך איצט דורך בּיינאַכט דורך מיינע חלומות און קוקט מיך אָן טרויעריג מיט שטאַרע, בּלוטיגע אויגען — פאַר דעם דאָזיגען בּילד בּין איך אָפט געשטאַנען און געבּעטען: אָ, דו אָרעמער, אויך געפּייניגטער גאָט, אויבּ עס איז דיר נאָר ווי עס איז מעגליך, אַזוי זעה סטאַרע זיך, אַז איך זאָל די „ווערבּאַ אירעגולאַריאַ" געדענקען אויפ'ן קאָפּ.

פון גריעכישען וויל איך שוין בעסער גאָרנישט רעדען, אַז נישט—ווער איך צופיעל אויפגערעגט. די מאָנאַהען אין מיטעלאַלטער זענען גאָרנישט געווען אַזוי אונגערעכט, ווען זיי האָבען פערזיכערט, אַז די גריעכישע שפּראַך איז אַ ערפינדונג פון טייוועל. אַיין גאָט ווייס די צרות, וואָס איך בּין דערבּיי אויסגעשטאַנען. מיט דער העבּרעאישער שפּראַך איז עס שוין בעסער געגאַנגען, ווייל איך האָב שטענדיג געפיהלט אַ גרויסע סימפּאַטיע צו די יודען, האָטש זיי קרייציגען נאָך מיין נאָמען בּיז אויף היינטיגען טאָג; נאָר דאָך

האָב איך אין העברעאישען נישט געקאָנט אַזוי ווײַט דערגרייכען ווי מײַן קעשענע־זייגער, וועלכער האָט געהאַט זעהר פיעל נאָהנטע געשעפטען מיט לײַהען געלד אויף משכנות, און דעריבער האָט ער אָנגענומען פיעל יודישע זיטען — צום בײַשפּיעל, פרײַטאָגצו־נאַכטס איז ער נישט געגאַנגען — און האָט געלערנט די הייליגע שפּראַך, און האָט שפּעטער זי אויך געלערנט גראַמאַטיש; וואָרום אָפט אין שלאָפלאָזע נעכט האָב איך צו מײַן גרעסטער פערוואונדערונג געהערט, ווי ער הזערט פאַר זיך כסדר איבער:

קָטַל, קָטַלְתָּ, קָטַלְתִּי — קִטֵּל, קִטַּלְתָּ, קִטַּלְתִּי — פָּקַד פָּקַדְתִּי — פִּקֵּד, פֹּק — פֹּק — —

דערווײַל אָבער פון דער דײַטשער שפּראַך האָב איך פערשטאַנען פיעל מעהר, און די דאָזיגע שפּראַך איז דאָך גאָר נישט אַזוי לײַכט. וואָרום מיר אָרעמע דײַטשען, וועלכע זענען שוין גענוג געפּײַניגט מיט אײַנקוואַרטירען סאָלדאַטען בײַ זיך, מיט מיליטער־פליכטען, מיט קאָפּ־שטײַערן און טויזענדערליי אַנדערע שטײַערן, האָבען מיר נאָך אויסער דעם צו לײַדען צרות פון אַקוזאַטיוו און דאַטיוו. אַ סך דײַטשע שפּראַך האָב איך געלערנט פון אַלטען רעקטאָר שאַלמײַער, אַ בראַווער גײַסטליכער הערר, וועלכער האָט זיך פאַר מיר אָנגענומען פון קינדווײַז אָן. נאָר אַביסעל פון דעם מין האָב איך אויך געלערנט פון פּראָפעסאָר שראַם, אַ מענש, וועלכער האָט געשריבען אַ בוך וועגען דעם עביגען שלום, און אין זײַן קלאַס האָבען מײַנע חברים אַם מײַסטען זיך אַרומגעקריגט.

וועהרענד איך האָב אין אײַן אָטהעם אַלץ אויפגעשריבען און דערבײַ געקלערט אַלערליי זאַכען, האָב איך מיך נישט ווילענדיג פערפּלוידערט וועגען די אַלטע שול־געשיכטעס, און איך נעהם אָן די דאָזיגע געלעגענהייט, כדי אײַך צו ווײַזען, מאַדאַם, אַז נישט איך בין געווען שולדיג דערין, וואָס איך האָב געלערנט אַזוי ווייניג געאָגראַפיע, אַז איך האָב שפּעטער נישט געוואוסט, ווי זיך אַ עצה צו געבען אין דער וועלט. וואָרום דעמאָלט גראַדע האָבען די פראַנצויזען אַלע גרענעצען צעמישט, אַלע טאָג זענען די לענדער געוואָרען ניי אילומינירט; די, וועלכע זענען ביזהער געווען בלוי, זענען איצט פּלוצלונג געוואָרען גרין, אַנדערע זענען זאָגאַר געוואָרען בלוט־רויט, די בעשטימטע געאָגראַפיע־ביכער זענען אַזוי פיעל אומגע־ביטען און צעמישט געוואָרען, אַז קײַן טײַוועל האָט זיי שוין מעהר

נישט געקאנט דערקענען, די לאנדס־פּראדוקטען האבען זיך אויך געענדערט, ציקאריע און ציבעלעס זענען איצט געוואקסען אין א אזעלכע ערטער, וואו ביז איצט האט מען נאר געקאנט זעהן האזען און הינטערוויילעכטס־לויפענדע לאנד־יונקער, און אויך די האראקטערען פון די פעלקער זענען פערענדערט געווארען, די דייטשען זענען געווארען פלינקע, די פראנצויזען האבען שוין מעהר נישט געזאגט קיין קאמפלימענטען, די ענגלענדער האבען מעהר דאס געלד נישט ארויסגעווארפען דורכ'ן פענסטער, און די ווענעציאנער זענען נישט געווען גענוג היטרע, צווישען די פירשטען איז געווען פיעל פראגרעס, די אלטע קעניגען האבען בעקומען נייע אוניפארמען, נייע קעניגטימער זענען געבאקען געווארען און זענען פערברויכט געווארען, אזוי ווי פרישע זעמעל, דערפאר זענען אנדערע מאנארכען ארויסגעטריבען געווארען פון הויז און הויף, און האבען געמוזט אויף אנאנדער אופן זיך סטארען צו פערדיענען זייער ברויט, און איינינע האבען זיך דעריבער פריה גענומען צו א מלאכה, און האבען צו'ם ביישפיעל געמאכט זיעגעל־לאק אדער — מאדאם, די דאזיגע עפאכע האט ענדליך א ענדע, עס פעהלט מיר שוין שיער אויס אטהעם — קורץ און גוט, אין אזעלכע צייטען קאן מען אין דער געאגראפיע נישט פיעל אויפטהון.

אויף אזא אופן איז עס שוין פיעל בעסער מיט דער נאטור־געשיכטע, דא קאנען נישט פארקומען אזוי פיעל פערענדערונגען, און דא געפינט מען בעשטימטע בילדער פון מאלפעס, קאנגורוה'ן, צעברען, נאז־הארנען . א. וו. אזוי ווי אזעלכע בילדער זענען מיר געבליעבען אין זכרון, דעריבער טרעפט מיר זעהר אפט, אז טייל מענשען קומען מיר פאר ווי אלטע בעקאנטע שוין ביי'ם ערשטען אויגענבליק.

אויך מיט דער מיטאלאגיע איז עס גוט געגאנגען. איך האב מיך זעהר געפרעהט מיט דעם געטער־געזינדעל, וואס רעגיערט איבער דער וועלט אזוי לוסטיג נאקעט. איך גלויב נישט, אז א שולע־יונגעל אין דער אלטער שטאדט רוים זאל האבען אמאל געלערנט אויסענווענינ בעסער ווי איך די הויפט־ארטיקלען פון זיין קאטעחיזמוס. צו'ם ביישפיעל, די ליעבשאפטען פון ווענוס. און מען מוז מודה זיין דעם אמת, ווי באלד מיר מוזען שוין סיי ווי סיי איין מאל אויסלערנען אויסענווענינ די אלטע געטער, אזוי וואלט מען

זײ שוין געדאַרפט לאָזען פאַר זיך אויף שטענדיג, און מיר געווינען אפשר גאַנץ וועניג דורך אונזער נײַ־רוימישער דרײַ־געטערײַ, אָדער אפילו דורך אונזער יודישען אײַנגעצענטום. אפשר איז יענע מיטאָלאָגיע אין גרונד גאָרנישט געווען אַזוי אונמאָראַליש, ווי מען האָט זי פערשריען, עס איז צום בײַשפּיעל אַ זעהר אַנשטענדיגער געדאַנקען פון האָמער'ן, וואָס ער האָט יענער פיעלגעליבטער ווענוס געגעבען אַ מאַן צו דער זײַט.

נאָר צום בעסטען איז עס מיר געגאַנגען אין דער פראַנצויזישער קלאַס פון אַבע ד'אָלנואַ, אַ עמיגרירטער פראַנצויז, וועלכער האָט געשריבען אַ מאַסע גראַמאַטיקעס, און האָט געטראָגען אַ רויטע פערוק, און פלעגט אַרומלויפען אַזוי היטרע, ווען ער פלעגט אונז לערנען זײַן „אַר פּאָעטיק" (פּאָעטישע קונסט) און זײַן „היסטואַר אַלעמאַנד" (דײַטשע געשיכטע). — ער איז אין דער גאַנצער גימנאַזיע געווען דער אײנציגער, וועלכער האָט געלערנט די דײַטשע געשיכטע. דערווײַל אָבער האָט אויך זײַן פראַנצויזיש־לערנען געהאַט פיעל שוועריגקײַטען, און כדי דאָס אויסצולערנען האָט מען געמוזט פיעל תורן, פיעל זוברעווען און שטאַרק צולעגען דעם קאָפּ און קודם כל האָט מען נישט געדאַרפט זײַן קיין „בעט אַלעמאַנד" (אַ דײַטשער הזיר). דאָך פלעגען פאָרקומען אײניגע זעהר זויערע ווערטער. איך דערמאָהן מיך נאָך אַזוי גוט, ווי עס וואָלט ערשט נעכטען געשעהן, אַז איך בין דורך „לאַ רעליזשיאָן" (די רעליגיע) אויסגעשטאַנען פיעל צרות. אַ ודאי זעקס מאָל האָט מען מיר געשטעלט די פראַגע: האַנרי, ווי הײסט דער גלויבען אויף פראַנצויזיש? און זעקס מאָל, און אַלע מאָל ווײניגער האָב איך געענטפערט: ער הײסט: „לע קרעדי" (דער קרעדיט). און צום זיבענטען מאָל, ווען איך בין שוין געווען ברוין ווי קאַרשען אויפ'ן געזיכט, האָט דער צעביזערטער עקזאַמינאַטאָר אויסגערופען: ער הײסט: „לאַ רעליזשיאָן" — און עס האָט גערעגענט קלעפּ, און אַלע קאַמעראַדען האָבען געלאַכט. מאַדאַם! פון יענער צײַט אָן, ווי איך דערהער נאָר דערמאָהנענדיג דאָס וואָרט „רעליזשיאָן", אַזוי ווערט מײַן רוקען בלאַס פאַר שרעק און מײַנע באַקען ווערען רויט פאַר חרפּה. און איך מוז ערליך מודה זײַן, „לע קרעדי" האָט מיר אין לעבען גענוצט פיעל מעהר ווי „לאַ רעליזשיאָן". — אין דעם דאָזיגען אויגענבליק דערמאָהן איך מיך, אַז איך בין דעם לײַבען־ווירט אין

באַלאָניאַ נאָך שולדיג פינף טהאַלער. און ווירקליך, איך נעהם זיך אָן, דעם לייבען־ווירט שולדיג צו ווערען עקסטראַ נאָך פינף טהאַלער, אויב נאָר איך וועל שוין אינים לעבען קיינמאָל נישט דאַרפען הערען דאָס אונגליקליכע וואָרט „לאַ רעליזשיאָן".

באמונות, מאַדאַם! איך האָב אין פראַנצויזישען זעהר פיעל דערגרייכט! איך פערשטעה נישט נאָר פּאַטואַ, נאָר אפילו אַדעליגע באָנען־פראַנצויזיש. נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק, אין אַ עדעלער געזעלשאַפט, האָב איך פערשטאַנען כמעט די העלפט פון דעם שמועס פון צווי דייטשע קאָנטעסען (גרעפינס), וואָס יעדע פון זיי האָט געהאַט העכער פיער און זעכציג יאָהר און אויך אַזוי פיעל אורעלטערן. יאָ, אין קאַפע רואַיאַל (קעניגליכעס קאַפע־הויז) אין בערלין האָב איך איין מאָל געהערט דעם מסיע מיכעל מאַרטענס, ווי ער האָט געפּאַרלט (גערעדט) פראַנצויזיש און איך האָב פערשטאַנען יעדעס וואָרט, האָטש דערין איז געווען גאַנץ ווייניג פערשטאַנד. מען מוז קענען דעם גייסט פון דער שפּראַך, און דאָס לערנט מען זיך צום בעסטען אויס דורך איינהורן און איינפּויקען זיך אין קאָפּ. באמונות, וויפיעל דאַנקבאַרקייט בין איך שולדיג דעם פראַנצויזישען טאַנבור (פּויקער), וועלכער איז ביי אונז אַזוי לאַנג איינגעשטאַנען קוואַרטיר, און האָט אויסגעזעהן ווי אַ טייוועל, און דאָך האָט ער געהאַט אַ גוט האַרץ ווי אַ מלאך, און האָט אַזוי אויסגעצייכענט געפּויקט.

דאָס איז געווען אַ קליינע בעוועגליכע פיגור מיט מוראדיג־שוואַרצע וואָנסעס, אונטער וועלכע די רויטע ליפּען האָבען טראָציג אַפּערגעקוקט, וועהרענד די פייערדיגע אויגען האָבען געשאָסען אַהער און אַהין.

איך קליינער יונגעל האָב זיך צו איהם צוגעקלעבט ווי פּאָקשיווע, און האָב איהם געהאָלפען אויספּוצען זיינע קנעפּ שפּאָגעלבלאַנק און ווייסען זיין וועסט מיט קרייד — דען מסיע לע גראַן האָט זעהר געוואָלט געפעלען ווערען — און איך בין מיט איהם מיטגעגאַנגען אויך אויף דער וואַך, צו דער טרעוואַגע, צום פּאַראַד, — דאָ איז נישט געווען קיין אַנדער זאַך אויסער גלאַנציגע געוועהר און לוסטיגקייט — לע זשור דע פעט סאָן פּאַסע! (די יום־טוב׳דיגע טעג זענען שוין פאַריבער). מסיע לע גראַן האָט גאַנץ ווייניג געוואוסט געבראָכענע דייטש, נישט מעהר ווי די הויפּט־אויסדריקען —

בראָט, קוס, עֶהרע — דאָך האָט ער אויף דער פּויק זעהר גוט זיך געקאָנט דורכרעדען; צום בייַשפּיעל, ווען איך האָב נישט געוואוסט, וואָס דאָס וואָרט „ליבערטע" (פרייַהייט) בעדייַטעט, האָט ער מיר אויסגעפּויקט די מאַרסעליעזע — און איך האָב איהם פערשטאַנען. האָב איך נישט געוואוסט די בעדייַטונג פון וואָרט „עגאַליטע" (גלייַכהייט), האָט ער מיר אויסגעפּויקט דעם מאַרש „סאַ אירא, סאַ אירא — — — לעז אַריסטאָקראַ אַ לאַ לאַנטערן!" (עס קומט, עס קומט — — — ציהט די אַריסטאָקראַטען אויף דער לאַנטערנע) — און איך האָב איהם פערשטאַנען. האָב איך נישט געוואוסט, וואָס „בעטיז" (נאַרישקייַט) איז, האָט ער מיר אויסגעפּויקט דעם דעסויער מאַרש, וועלכען מיר דייַטשען, ווי אויך געטהע דערצעהלט, האָבען געפּויקט אין דער שאַמפּאַניע — און איך האָב איהם פערשטאַנען. ער האָט מיר איין מאָל געוואָלט ערקלערען דאָס וואָרט „ל'אַלמאַן" (דייַטשלאַנד), און ער האָט מיר אויסגעפּויקט יענע גאַנץ איינפאַכע אַלטע מעלאָדיע, וועלכע מען הערט אָפט אין מאַרק־טעג בייַ טאַנצענדע הינד, דאָס איז — דום — דום — דום*) — איך האָב מיך געערגערט, נאָר דאָך האָב איך איהם פערשטאַנען.

אויף אַזאַ מין אופן האָט ער מיך אויך אויסגעלערנט די נייַערע געשיכטע. איך האָב אפילו נישט פערשטאַנען די ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט, נאָר אַזוי ווי ער האָט בשעת'ן רעדען כסדר געפּויקט, האָב איך דעריבער געוואוסט, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגען. אין גרונד איז דאָס די בעסטע לעהר־מעטאָדע. די געשיכטע פון דעם איינעהמען די באַסטיליע, די טואילעריען א. א. וו., פערשטעהט מען גוט נאָר דאַן, ווען מען ווייס, ווי עמן האָט בייַ אַזעלכע געלעגענהייטען געפּויקט. אין אונזערע שולע־ביכער לייענט מען בלויז: — „זייערע עקסעלענצען די באַראָנען און גראַפען און זייערע הויכע פרויען זענען געקעפּט געוואָרען — זייערע הויכווירדיגקייַטען די די הערצאָגען און פּרינצען און זייערע העכסטע פרויען זענען געקעפּט געוואָרען — זיין מאַיעסטעט דער קעניג און זייַן אַלערהעכסטע פרוי זענען געקעפּט געוואָרען —" נאָר ווען מען הערט פּויקענדיג דעם רויטען גיליאָטינע־מאַרש, אַזוי פערשטעהט מען דאָס ערשט ווי עס דאַרף צו זיין, און מען דערוויסט

---

*) דום הייסט אויף דייטש אויך נאַריש.

זיך דעם „וואָרום“ און דעם „ווי“. מאַדאַם! דאָס איז אַ גאַנץ מערקווירדיגער מאַרש! ער האָט מיר דורכגעשוידערט דורך מאַרך און ביין, ווען איך האָב איהם צום ערשטען מאָל געהערט, און איך בין געוועזן גליקליך, וואָס איך האָב איהם פערגעסען. — מען פערגעסט אַזאַ מין זאַך, ווען מען ווערט עלטער, אַ יונגער מאַן מוז איצט האַלטען אין קאָפּ אַזוי פיעל אַנדערע זאַכען — ווהיסט, באָסטאָן, גענעאַלאָגישע טאַבעלען, די בעשלוסען פון טאַגעס־בונד, דראַמאַטורגיע, ליטורגיע, אַנאַטאָמיע — און ווירקליך, טראָץ דעם וואָס איך האָב מיר אַזוי פיעל געריבען דעם שטערן, האָב איך מיר אַ לאַנגע צייט בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָהנען יענע געוואַלדיגע מעלאָדיע. נאָר שטעלט זיך נאָר פאָר, מאַדאַם! נישט לאַנג צוריק זיץ איך ביים טיש מיט אַ גאַנצע מענאַזשעריע פון גראַפען, פרינצען, פרינצעסינען, קאַמער־העררען, הויפמאַרשאַלינען, הויפ־שענקען, אָבערהויפמייסטערינען, הויפזילבערהיטער, הויפיעגערמייסטערינען, און ווי די דאָזיגע פאָרנעהמע דיענער מעגען דאָרט נאָך הייסען, און זייערע אונטערדיענער זענען אַרומגעלאָפען הינטער זייערע שטוהלען און זיי אַרונטערגערוקט די פולע טעלער פאַרן מויל — איך אָבער, וועלכען מען איז איבערגעגאַנגען און פערזעהן, בין געזעסען לעדיג, אָהן אַ מינדעסטע בעשעפטיגונג פון די קינבאַקען, און איך האָב געקנעטען ברויט־קיי־קעלעך, און פון לאַנגווייליגקייט געפּויקט מיט די פינגער, און צו מיין גרעסטען שרעק האָב איך פלוצלונג אויסגעפּויקט דעם רויטען, שוין לאַנג פערגעסענעם גיליאָטינע־מאַרש.

„און וואָס איז געשעהן?“ מאַדאַם, די דאָזיגע מענשען לאָזען זיך אין עסען נישט שטערען, און זיי ווייסען נישט, אַז אַנדערע מענשען, ווען זיי האָבען נישט וואָס צו עסען, הויבען אָן פלוצלונג צו פּויקען, און גראַדע אַזעלכע מאָדנע מאַרשען, וועלכע מען מיינט, אַז זיי זענען שוין לאַנג פערגעסען.

צי דאָס פּויקען איז אַ געבוירענער טאַלענט, אָדער איך האָב עס גאַנץ פריהצייטיג אין מיר אויסגעבילדעט, גענוג אַז עס ליעגט מיר אין די גליעדער, אין די הענד און אין די פיס, און עס ווייזט זיך אָפט נישט ווילענדיג אַרויס. אין בערלין בין איך איין מאָל געזעסען אין קאָלעגיום פון געהיימראַט שמאַלץ, אַ מענש, וועלכער האָט נערעטעוועט די מלוכה דורך זיין בוך איבער דער געפאַהר פון שוואַרצע מאַנטלען און רויטע מאַנטלען. — איהר דערמאָהנט זיך געוויס, מאַדאַם,

פון דעם פויזאַניאַס, אַז איין מאָל האָט מען דורך אַ געשריי פון אַ עזעל ענטדעקט אויך אַזאַ מין געפעהרליכע פערשווערונג. אויך ווייסט איהר פון ליוויוס אָדער פון בעקער'ס וועלט־געשיכטע, אַז די גענז האָבען געראַטעוועט די שטאָדט רוים, און פון סאַלוסט ווייסט איהר גאַנץ גענוי, אַז דורך אַ פלוידערנדיגע הולטייקע, די פרוי פולוויאַ, האָט מען זיך דערוואוסט יענע מוראדיגע פערשווערונג פון קאַטילינא. — דאָך קעהר איך צוריק צו דעם דערמאָהנטען באַראַן, אין קאָלעגיום פון הערר געהיימראַט שמאַלץ האָב איך געהערט לעקציעס וועגען פעלקער־רעכט, און עס איז געווען אַ לאַנגוויילינער זומערדיגער נאָכמיטאָג, און איך בין געזעסען אויף דער באַנק און זיך צוגעהערט אַלץ ווענינער — דער קאָפּ איז מיר געוואָרען איינגעשלאָפען — דאָך פלוצלונג בין איך אויפגעוועקט געוואָרען דורך דעם גערויש פון מיינע אייגענע פיס, וועלכע זענען געבליבען וואַך, און האָבען זיך ווי עס ווייזט אויס צוגעהערט, אַז עס ווערט גערעדט פונקט דער היפּוך פון פעלקער־רעכט און עס ווערט געזידעלט די קאָנסטיטוציאָנס־אָרדנונג, און מיינע פיס, וואָס מיט זייערע קליינע היהנער־אויגען (מאָזאָלעס) זעהען זיי די פיהרונג פון דער וועלט בעסער, ווי דער געהיימראַט מיט זיינע גרויסע יונאָ־אויגען, די דאָזיגע אָרעמע, שטומע פיס, וועלכע זענען ניט אימשטאַנד מיט ווערטער אַרויסצוזאָגען זייער ריכטיגע מיינונג, האָבען זיך געוואָלט ערקלערען דורך פויקען, און האָבען געפויקט אַזוי שטאַרק, אַז איך בין דאַדורך שיער ניט אַריין אין אַ אונגליק.

פערפלוכטע, אונבעקלערטע פיס! אַזאַ מין קונצשטיקעל האָבען זיי מיר אויך אָפּגעטהון, ווען איך האָב איין מאָל אין געטינגען געהערט לעקציעס ביים פּראָפעסאָר זאַאַלפעלד, און ער איז מיט זיין שטייפער בעוועגליכקייט אַרומגעלאָפען אויף דער קאַטעדרע הין און צוריק, און האָט זיך געקאָכט און געהיצט, כדי צו קאָנען דעם קייזער נאַפּאָלעאָן גוט אויסזידלען — ניין, אָרעמע פיס, איך קאָן אויף אייך קיין פאַראיבעל ניט האָבען, וואָס איהר האָט דעמאָלט געפויקט, יאָ, איך וואָלט אויף אייך קיין פאַראיבעל ניט געהאַט, אפילו ווען איהר וואָלט אין אייער שטומער נאַאיוויטעט זיך אויסגעדריקט נאָך פוס־טריטליכער. ווי זאָל איך, לע גראַנ'ס אַ שילער, הערען, ווי מען זידעלט דעם קייזער? דעם קייזער! דעם קייזער! דעם גרויסען קייזער!

און טראכט איך פון דעם גרויסען קייזער, אזוי ווערט אין מיין זכרון ווידער גאר זומערדיג גרין און גאלדיג, א לאנגע אלעע פון לינדען-בוימער שטעהט בליהענדיג אויף פאר מיר, אויף די פרישע צווייגען זיצען זינגענדיגע נאכטיגאלען, דער וואסער-פאל רוישט, אויף קיילעכדיגע זאנגעס שטעהען בלומען און בעוועגען טרוימעריש זייערע שענע קעפ — און איך בין געשטאנען מיט זיי אין מערקווירדיגער פערבינדונג — די אויסגעפוצטע טולפען האבען מיך בעגריסט בעטעל-שטאלץ הכנעה׳דיג, די נערווען-קראנקע ליליען האבען מיר צוגעשאקעלט מיט די קעפ וועהמיטיג-צערטליך, די שכור-רויטע ראזען האבען מיר שוין פון דערווייטען אקעגען געלאכט, די נאכט-פיאלען האבען געזיפצט — מיט די מירטען און לארבערען בין איך נאך דעמאלט נישט געווען בעקאנט, ווייל זיי ציהען נישט צו דורך שימערנדע פארבען, נאר מיט די רעזעדען, מיט וועלכע איך בין איצט אזוי צעקריגט, בין איך געווען גאר בעזונדערס אינטים. — איך רעד פון הויף-גארטען אין דיסעלדארף, וואו איך בין אפט געלעגען אויפ׳ן גראז, און פרום צוגעהערט, בשעת מסיע לע גראן האט מיר דערצעהלט וועגען די מלחמה-טהאטען פון גרויסען קייזער, און דערביי האט ער אויסגעפויקט די מארשען, וועלכע מען האט בשעת יענע טהאטען געפויקט, אזוי אז איך האב אלץ געהערט און געזעהן ווי לעבעדיג. איך האב געזעהן דעם צוג איבער דעם סענבלאן — דער קייזער פאראויס און הינטער איהם די בראווע גרענאדערען, וועהרענד איבערגעשראקענע פויגעל הויבען אויף אין דער הויך זיין קרעכצען און די גלעטשער דונערען פון דערווייטען — איך האב געזעהן דעם קייזער, מיט דער פאהן אין האנד, אויף דער בריק פון לאדי — איך האב געזעהן דעם קייזער אין גרויען מאנטעל ביי מארענגא — איך האב געזעהן דעם קייזער רייטענדיג אין דער מלחמה ביי די פיראמידען — קיין זאך נישט אויסער פולווער-רויך און מאמעלוקען — איך האב געזעהן דעם קייזער אין דער מלחמה ביי אויסטערליץ — אוי! ווי די קוילען האבען דא געפייפט איבער די גלאטע אייז-באהן! — איך האב געזעהן, איך האב געהערט די מלחמה ביי יענא — דום, דום, דום — איך האב געזעהן, איך האב געהערט די מלחמה ביי עלא, וואג-ראם — — — — ניין, איך האב עס קוים געקאנט אויסהאלטען! מסיע לע גראן האט געפויקט, אז מיין אייגענע פויק-פעל איז שיער נישט צעריסען געווארען.

קאַפּיטעל VIII.

היינט ווי איז מיר שוין געוועזען, ווען איך האָב איהם אַליין דערזעהן, מיט הויך־בעגנאַדיגטע, אייגענע אויגען, איהם אַליין, הושענאָ! דעם קייזער.

ער איז פּונקט געוועזען אין דער אַלעע פון הויף־גאָרטען אין דיסעלדאָרף. ווען איך האָב מיך דורכגעדרענגט דורך דאָס זיך־גאַפּענדיגע פאָלק, האָב איך געטראַכט וועגען די טהאַטען און מלחמות, וועלכע מסיע לע גראַן האָט מיר אויסגעפּויקט, מיין האַרץ האָט געקלאַפּט דעם גענעראַל־מאַרש — און דאָך האָב איך אין דער זעלבער צייט אויך געקלערט וועגען דער פּאָליציי־פּאָרערונג, אַז מען טאָר נישט, אונטער פינף טהאָלער שטראָף, רייטען אין מיטען דורך דער אַלעע. און דער קייזער מיט זיינע בעגלייטער איז געריטען אין מיטען דורך דער אַלעע, די ציטערנדע בוימער האָבען זיך פאָרווערטס געבויגט, ווען ער איז פערביי־געריטען, די זונען־שטראַהלען האָבען מורא׳דיג נייגיעריג געציטערט דורך די גרינע צווייגען, און אויפ׳ן בלויען הימעל אין דער הויך האָט מען געזעהן, ווי עס איז געשוואומען אַ גאָלדענער שטערן. דער קייזער האָט געטראָגען זיין איינפאַכע גרינע אוניפאָרם און דאָס קליינע וועלט־היסטאָרישע היטעלע. ער האָט געריטען אויף אַ ווייסען פערדעלע, און דאָס דאָזיגע פערדעלע איז געגאַנגען אַזוי רוהיג שטאָלץ, אַזוי זיכער, אַזוי אויסגעצייכענט, — ווען איך וואָלט דעמאָלט געוועזען דער קרוינפּרינץ פון פּרייסען, וואָלט איך דאָס דאָזיגע פערדעלע מקנא געוועזען. גאָכלעסיג, כמעט הענגענדיג, איז דער קייזער געזעסען, איין האַנד האָט הויך געהאַלטען דעם צוים, די אַנדערע האָט גוטמיטיג געקלאַפּט דעם פערדס האַלז. — דאָס איז געוועזען אַ זוניג־מאַרמאָרנע האַנד, אַ מעכטיגע האַנד, איינע פון די ביידע הענד, וועלכע האָט איינגעהאַלטען די פיעל־קעפּיגע חיה פון דער אַנאַרכיע און האָט איינגעאָרדענט דעם פעלקער־דועל — און זי האָט גוטמיטיג געקלאַפּט דעם פערדס האַלז. אויך דאָס געזיכט איז געוועזען פון יענער פאַרב, וועלכע מיר טרעפען ביי מראַמאָרנע גריעכען־און רוימער־קעפּ, די צוגען פון דעם דאָזיגען געזיכט זענען אויך געוועזען אידעאַל־געמאָסטען אַזוי ווי די געזיכטער פון די אַנטיקען, און אויף דעם דאָזיגען געזיכט איז געשטאַנען געשריבען: דו זאָלסט נישט האָבען קיינע געטער אויסער

מיר. אַ שמייכעל, וואָס דערוואַרעמט און בערוהיגט יעדעס האַרץ, האָט געשוועבט אַרום די ליפּען — און דאָך האָט מען געוואוסט, אַז די דאָזיגע ליפּען דאַרפען נאָר אַ פּייף טהון, — על אַ פּריום נ׳עגזיסטע פּלי (און פּרייסען עקזיסטירט שוין נישט מעהר) — די דאָזיגע ליפּען דאַרפען נאָר אַ פּייף טהון — און די גאַנצע מחנה פון די גייסטליכע איז אַראָפּגעמעקט — די דאָזיגע ליפּען דאַרפען נאָר אַ פּייף טהון — און די גאַנצע הייליגע רוימישע מלוכה טאַנצט. און די דאָזיגע ליפּען האָבען געשמייכעלט און אויך דאָס אויג האָט געשמייכעלט — דאָס איז געווען אַ אויג, קלאָר ווי דער הימעל, עס האָט געקאָנט לייענען אין די הערצער פון די מענשען, עס האָט שנעל מיט איין מאָל געזעהן אַלע זאַכען פון דער וועלט, ווערהרענד מיר אַנדערע מענשען זעהן זיי נאָר איינע נאָך דער אַנדערער און דאָס אויך נאָר זייערע געפאַרבטע שאָטען. דער שטערן איז געווען נישט אַזוי קלאָר, עס האָבען אויף איהם גערוהט אין נעסטען די גייסטער פון די קינפטיגע מלחמות, און צייטענווייז האָט עס אַ ציטער געטהון אויף דעם דאָזיגען שטערן, און דאָס זענען געווען די שאַפענדע געדאַנקען, די גרויסע זיעבענמיילען־שטיוועל־געדאַנקען, מיט וועלכע דער גייסט פון קייזער איז געגאַנגען איבער דער וועלט אונגעזעהן — און איך מיין, אַז יעדער פון די דאָזיגע געדאַנקען וואָלט אַ דייטשען שריפט־שטעלער געגעבען שטאָף צום שרייבען צייט זיין גאַנצען לעבען.

דער קייזער איז געריטען רוהיג אין מיטען דורך דער אַלעע, קיין פּאָליציי־דיענער האָט זיך איהם נישט געשטעלט אַקעגען; הינטער איהם, שטאָלץ אויף סאָפּענדע פערד און בעלאָדען מיט גאָלד און ציערונגען, איז געריטען זיין סוויטע, די פּויקען האָבען געקלאַפּט, די טרומייטען האָבען געקלונגען, נעבען מיר האָט זיך געדרעהט דער משוגע׳נער אַלווידיוס און האָט געזהר׳ט די נעמען פון זיינע גענערעלער, נישט ווייט האָט געברומט דער שכור׳ער גומפּערץ, און דאָס פאָלק האָט מיט טויזענד שטימען גערופען: עס לעבע דער קייזער!

קאַפּיטעל IX.

דער קייזער איז טויט. אויף אַ ווּיסטער אינזעל פון אַטלאַנטישען ים געפינט זיך זיין איינזאַמער קבר, און ער, פאַר וועלכען די ערד איז געווען צו ענג, ליעגט רוהיג אונטער דעם קליינעם

בערגעל, וואו פינף דרויערנדע ווידען (איווא) לאזען אראבהענגען פול מיט שמערץ זייערע גרינע בלעטער און א פרום טייכעלע לויפט פערביי וועהמיטיג קלאגענדיג. עס שטעהט נישט קיין אויפשריפט אויף דער מצבה; נאר קליא*) האט מיט דעם גערעכטיגען גריפעל געשריבען אויף איהר אונגעזעהענע ווערטער, וועלכע וועלען קלינגען דורך די יאהרטויזענדער אזוי ווי גייסטערטענער.

בריטאניא! דיר געהערט דער ים. דאך האט דער ים נישט גענוג וואסער, כדי פון דיר אראבצוואשען די שאנדע, וואס דער גרויסער טויטער האט דיר שטארבענדיג פערשאפט. נישט דיין ווינדיגער סער הואידזאן, ניין, דו אליין ביזט געווען דער סיציליאנישער שמש, וועלכען די פערשווארענע קעניגען האבען געדונגען, כדי זיך אין געהיים אבצורעכענען אין דעם מענשען פון פאלק דערפאר, וואס דאס פאלק האט איין מאל עפענטליך געטהון איינעם פון זיי. — און ער איז געוועזען דיין גאסט און האט זיך געזעצט אין דיין הערבערג —

ביז אין די שפעטסטע צייטען וועלען די קינדער פון פראנקרייך זינגען און זאגען פון דער שרעקליכער גאסט־פריינדשאפט פון בעלעראפאן**), און ווען די דאזיגע שפאט־און טרעהרען־לידער וועלען אריבערקלינגען איבער'ן קאנאל, וועלען רויט ווערען די באקען פון אלע בכבודיגע ענגלענדער. נאר איין מאל וועט דאס ליעד אריבערקלינגען, און עס וועט שוין מעהר נישט זיין קיין בריטאניען, דאס פאלק פון שטאלץ איז געווארפען צו דער ערד, אויסגעמיינסטערס דענקמעלער פון די קברים ליעגען צעשטערט, פערגעסען איז דער קעניגליכער שטויב, וועלכען זיי האבען פערשלאסען —

---

*) די היסטארישע מוזע.

**) א מיטאלאגישער העלד, וועלכער איז געקומען אלס גאסט צו'ם קעניג פון ארגאס. דער דאזיגער קעניג האט אבער נישט געוואלט מקיים זיין די געזעצען פון גאסט־פריינדשאפט און האט דעם העלד געשיקט צו יאבאטעס, צו זיין שוואגער, דעם קעניג פון ליציע, וועלכען ער האט געשיקט א געהיימען בעפעהל צו טוידטען בעלעראפאנ'ען. יאבאטעס האט איהם געהייסען קעמפפען מיט דער הימערע, זייענדיג זיכער, אז זי וועט איהם טוידטען, נאר דער העלד האט געטוידט די חיה, התונה געהאט מיט דעם קעניג'ס טאכטער און איהם אראבגעזעצט.

און סאַנקט העלענאַ איז דער הייליגער קבר, וואוהין די פעלקער פון מזרח און פון מערב וועלען עולה רגל זיין אין פערשיעדענפאַרביג־בעזעגעלטע שיפען און זיי וועלען שטאַרקען זייער האַרץ דורך די גרויסע ערינערונג וועגען די טהאַטען פון דעם אויסלעזער פון דער וועלט, וועלכער האָט געליטען דורך הוּאַדזאָן לאָו, אַזוי ווי עס שטעהט געשריבען אין די עוואַנגעליען לאַ קאַז אָמעראַ און אָטאָמאַרש.

מערקווירדיג: די דריי גרעסטע געגנער פון קייזער האָט שוין געטראָפען אַ שרעקליך שיקזאַל; לאָנדאָנדערי האָט זיך דורכגעשניטען דעם האַלז, לודוויג דער אַכצעהנטער איז פערפוילט אויף זיין טראָן, און פּראָפעסאָר זאַאַלפעלד איז נאָך אַלץ פּראָפעסאָר אין געטינגען.

קאַפּיטעל X.

עס איז געװען אַ קלאָרער, עטוואָס פראָסטיגער הערבסט־טאָג, אַלס אַ יונגער מענש פון סטודענטישען אויסזעהן האָט לאַנגזאַם גע־וואַנדערט דורך דער אַלעע פון דיסעלדאָרפער הויף־גאָרטען, טייל מאָל האָט ער אַזוי ווי מיט קינדערישען השק אויפגעוואָרפען מיט די פיס דאָס רוישענדע גראָז, וואָס האָט בעדעקט די ערד, טיילמאָל אָבער האָט ער אויך וועהמיטיג אַרויפגעקוקט צו די דינע בוימער, אויף וועלכע עס זענען געהאַנגען נאָך גאָר ווייניג גאָלד בלעטער. ווען ער האָט אַזוי אַרויפגעקוקט האָט ער געקלערט וועגען די ווערטער פון לויקאָס:

„אַזוי ווי די בלעטער אין וואַלד, אַזוי זענען די דורות פון מענשען:

עס וואַרפט איצט די בלעטער דער ווינד צו דער ערד, נאָר שפּעטער וועט פרישע

דער בליהענדער וואַלד ברענגען בלעטער, ווען פריהלינג לעבט אויף פון דאָס ניי:

אַזוי אויך די דורות פון מענשען, וואַקסט דער אויף, ווערט יענער פערשוואונדען".

אין פריהעריגע טעג האָט דער יונגער מענש אַרויפגעקוקט טאַקי צו די זעלבע בוימער מיט גאָר אַנדערע געדאַנקען, און ער איז דעמאָלט געווען אַ קינד און האָט געזוכט פויגעל־נעסטער אָדער

זומער־פויגעלעך, וועלכע האָבען איהם זעהר ענטציקט, ווען זיי זענען לוסטיג אַרומגעזומט, זיך געפּרעהט מיט דער שענער וועלט, און זענען געוועזען צופריעדען מיט אַ זאַפטיג־גרינען בלעטעל, מיט אַ טראָפּען טוי, מיט אַ וואַרעמען זונען־שטראַהל און מיט דעם זיסען ריח פון די קרייטער. דעמאָלט איז דעם יונגעלס האַרץ געוועזען אויך אַזוי פול מיט פערגניגען ווי די אַרומפלאַטערנדע היהילעך. איצט אָבער איז זיין האַרץ שוין עלטער געוואָרען, די קליינע זונען־שטראַהלען זענען שוין דערין געוועזען פערלאָשען, אַלע בלומען זענען דערין געוועזען אָבגעשטאָרבען, אפילו דער שענער טרוים פון דער ליעבע איז שוין דערין בלייך געוואָרען, אינ'ם אונגליקליכען האַרץ איז ניט געוועזען קיין זאַך אויסער מוט און טרויער, און זאָל איך שוין זאָגען דאָס ערגסטע — עס איז געוועזען מיין האַרץ.

דעם זעלבען טאָג בין איך צוריקגעקעהרט צו מיין אַלטער פאָטער־שטאָדט, נאָר איך האָב דאָרט ניט געוואָלט איבערנעכטיגען און האָב געבענקט נאָך גאָדעסבערג, כדי זיך אַנידערצוזעצען מיין פריינדין צו די פיס און דערצעהלען וועגען דער קליינער וועראָניקאַ. איך האָב גראַדע דעמאָלט בעזוכט די ליעבע קברים. פון אַלע לעבענדיגע פריינד און קרובים האָב איך נאָך וויעדער געפונען נאָר נאָך אַ פעטער און אַ מוהמע. און האָב איך גאָך אויסער זיי יאָ בעגעגענט בעקאַנטע געשטאַלטען אויף דער גאַס, האָט מיך שוין אָבער קיינער ניט געקענט, און די שטאָדט אַליין האָט מיך אָנגעקוקט מיט פרעמדע אויגען, פיעל הייזער זענען אונטער דער צייט ניי געפאַרבט געוואָרען, פון די פענסטער האָבען אַרויסגעקוקט פרעמדע געזיכטער, אַרום די אַלטע קוימענס האָבען געפלאַטערט נייע שפּאַצען, אַל'ץ האָט אויסגעזעהן אַזוי טויט און דאָך אַזוי פריש, אַזוי ווי סאַלאַט, וואָס וואַקסט אויף אַ בית הקברות; וואו מען האָט אַמאָל גערעדט פראַנצויזיש, האָט מען איצט גערעדט פרייסיש, עס האָט זיך זאָגאַר דאָרט בעזעצט אַ קליין פרייסיש הויפעלע, און די מענשען האָבען בעקומען הויף־טיטלען, מיין מוטערס אַמאָליגע פריזירערין איז געוואָרען אַ הויף־פריזירערין, און איצט האָבען זיך דאָרט געפונען הויף־שניידער, הויף־שוסטער, הויפוואַנצענפערניכטערינען, הויף־שנאַפּסקראָמען, די גאַנצע שטאָדט האָט געשיינט צו זיין אַ הויף־לאַזאַרעט פאַר הויפגייסטיג־קראַנקע. נאָר דער אַלטער קורפירשט האָט מיך דערקענט, ער איז נאָך געשטאַנען אויפ'ן אַלטען אָרט,

נָאר עֶר אִיז ווִי עֶס ווייַזט אוֹיס מָאגֶערֶער גֶעוואָרֶען. טַאקִי דֶערפַאר, וואָס עֶר אִיז שְׁטֶענדִיג גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיפ'ן סַאמֶען מִיטֶען מַארק, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּזט צוּקוּקֶען צוּ אַלֶע אוּנגְלִיקֶען פוּן דֶער צייַט, אוּן זֶעהֶענְדִיג דָאס אַלִין קָאן מֶען נִישְׁט פֶעט ווערֶען. אִיךְ בִּין גֶעוועֶן ווִי אִין חלוֹם, אוּן הָאבּ גֶעקְלֶערְט ווֶעגֶען דֶער לֶעגֶענְדֶע פוּן דִי פֶערצוֹיבֶּערְטֶע שְׁטֶעדְט, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעאייַלְט אַרוֹיסצוּגֶעהֶן פוּן טוֹיעֶר, כְּדֵי אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְחַאפֶּען צוּ פְרִיה. אִין הוֹיפְגָארְטֶען הָאבֶּען מִיר טַייל בּוֹימֶער אִינגַאנְצֶען גֶעפֶעהלְט, טַייל בּוֹימֶער זֶענֶען גֶעווָארֶען קַאלִיקֶעס, אוּן דִי פִיעֶר גְרוֹיסֶע פַאפֶּעלֶען, ווֶעלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ מִיר אַמָאל אוֹיסגֶעווִיזֶען ווִי גְרִינֶע רִיעזֶען, זֶענֶען קְלֵיין גֶעווָארֶען. אֵיינִיגֶע שֶׁענֶע מֶעדְלֶעךְ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירֶען, פֶערשִׁידֶענפַאבִּיג גֶעפּוּצְט, ווִי לֶעבֶּעדִיגֶע טוּלְפֶּען. אוּן דִי דָאזִיגֶע טוּלְפֶּען הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט, ווֶען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעווֶען קְלֵיינִינְקֶע צִיבֶּעלֶעס; ווָארוּם אָה! דָאס זֶענֶען דָאךְ גֶעווֶען דִי שְׁכֵנִישֶׁע קִינְדֶער, מִיט ווֶעלְכֶע אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעשְׁפִּיעלְט „פְּרִינְצֶעסִין אִין טוּרֶעם". נָאר דִי שֶׁענֶע יוּנְגפְרוֹיעֶן, ווֶעלְכֶע אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעקֶענְט אַלְס בְּלִיהֶענְדֶע רָאזֶען, הָאבּ אִיךְ אִיצְט גֶעזֶעהֶן אַלְס פֶערווֶעלְקְטֶע רָאזֶען, אוּן אִין אַ גֶעווִיסֶען הוֹיכֶען שְׁטֶערֶען, וואָס זייַן שְׁטָאלְץ הָאט מִיר אַמָאל עֶנְטְצִיקְט דָאס האַרְץ, הָאט סַאטוּרְן מִיט זייַן סֶערְפּ אַיינגֶעשְׁנִיטֶען טִיעפֶע רוּנְצֶעלֶן. עֶרְשְׁט אִיצְט, נָאר אַה! שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט, הָאבּ אִיךְ עֶנְטְדֶעקְט, וואָס הָאט גֶעוָאלְט בֶּעדייַטֶען דֶער בְּלִיק, ווֶעלְכֶען זִי הָאט אַמָאל צוּגֶעווָארְפֶען דֶעם קִינְד, ווֶעלְכֶער אִיז שׁוֹין בִּיסְלֶעכְווייַז בָּחוּר גֶעווָארֶען; אוּנְטֶער דֶער צייַט הָאבּ אִיךְ אִין דֶער פְרֶעמְדֶע בֶּעמֶערְקְט פִיעל אַזֶעלְכֶע שְׁטֶעלֶען אִין שֶׁענֶע אוֹיגֶען. טִיעף גֶערִיהְרְט הָאט מִיךְ דָאס הַכְנָעה'דִיגֶע אַרָאבּנֶעהמֶען דֶעם הוּט פוּן אַ מֶענְשֶׁען, ווֶעלְכֶען אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעזֶעהֶן רייַךְ אוּן פָּארְנֶעהם, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז עֶר אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעזוּנְקֶען, אַז עֶר אִיז אַ בֶּעטְלֶער גֶעווָארֶען; ווִי מֶען זֶעהט עֶס אִיבֶּעראַל, אַז דִי מֶענְשֶׁען, ווֶען זֵיי הוֹיבֶּען שׁוֹין אָן פַאלֶען, אַזוֹי ווִי נִיוּטָאנְס גֶעזֶעץ, פַאלֶען זֵיי שׁוֹין אַלִין שְׁנֶעלֶער אִין עֶלֶענְד. נָאר ווֶער עֶס הָאט מִיר אוֹיסגֶעזֶעהֶן לְהַלוּטִין אוּנְפֶערֶענְדֶערְט, אִיז דָאס גֶעווֶען דֶער קְלֵיינֶער בַּארָאן, ווֶעלְכֶער הָאט לוּסְטִיג ווִי אַמָאל אַרוּמגֶעטַאנְצְט דוּרְכ'ן הוֹיפְגָארְטֶען, הַאלְטֶענְדִיג מִיט אֵיין הַאנְד אִין דֶער הוֹיךְ דִי לִינְקֶע פָאלֶע פוּן זייַן דָאק, אוּן מַאכֶענְדִיג מִיט דֶער אַנְדֶערֶער אַהִין אוּן אַהֶער מִיט זייַן דִינֶעם שְׁטֶעקֶעלֶע; עֶס אִיז

נאָך אַלץ געווען דאָס זעלבע פריינדליכע פנימ'ל, וואָס זיין דאָזענ=
רויטקייט קאָנצענטרירט זיך צו דער נאָז צו, עס איז נאָך אַלץ
געווען דאָס אַלטע שפיציגע היטעלע, עס איז נאָך אַלץ געווען דאָס
אַלטע צעפעלע, נאָר פון דעם דאָזיגען צעפּעלע האָבען שוין איצט
אַרויסגעקוקט איינציגע ווייסע הערעלעך, אַנשטאָט די אַמאָליגע שוואַרצע
הערעלעך. נאָר האָטש ער האָט אויסגעזעהן אַזוי צופריעדען, דאָך
האָב איך געוואוסט, אַז דער אָרעמער באַראָן איז אונטער דער צייט
אויסגעשטאַנען פיעל טרויער, זיין פנימ'על האָט עס געוואָלט בע=
האַלטען פון מיר, נאָר די ווייסע הערעלעך פון זיין צעפעלע האָבען
דאָס מיר הינטער זיין רוקען אויסגעזאָגט. און דאָס צעפעלע אַליין
וואָלט עס וועלען גערן ווידער אָבלייקענען, און דעריבער האָט זיך
עס געוואַקעלט אַזוי וועהמיטיג לוסטיג.

איך בין נישט געווען מיעד, נאָר דאָך האָט מיך אָנגענומען אַ
חשק, זיך נאָך איין מאָל צו זעצען אויף דער הילצערנער באַנק,
אויף וועלכער איך האָב אַמאָל אויסגעשניטען דעם נאָמען פון מיין
מעדעל. איך האָב איהם קוים געקאָנט ווידער געפינען, עס זענען
אַזוי פיעל נייע נעמען דערויף אויסגעשניצט געוואָרען. אַח! איין
מאָל בין איך אויף דער דאָזיגער באַנק איינגעשלאָפען און האָב
געחלומט וועגען גליק און ליעבע. „אַ טרוים איז שוים". אויך די
אַלטע קינדער=שפּיעלערייען זענען מיר ווידער אַרויפגעקומען אויף
די געדאַנקען, אויך די אַלטע, שענע לעגענדעס! נאָר אַ ניי, פאַלש
שפּיעל, און אַ נייע, מיאוסע לעגענדע, האָט שוין כסדר דאַדורך
געקלונגען, און דאָס איז געווען די מעשה פון צוויי אונגליקליכע נשמות,
וועלכע זענען איינע דער צווייטער געוואָרען אונטריי, און זענען
נאָכדעם אין אונטריידהייט אַזוי וויט דערגאַנגען, אַז זיי זענען אפילו
דעם ליעבען גאָט אַליין געוואָרען אונטריי. דאָס איז אַ אומעטיגע
געשיכטע, און ווען מען האָט נישט וואָס עפּעס בעסערס צו טהון,
קאָן מען איבער איהר וויינען. אָ גאָט! איין מאָל איז די וועלט געווען
אַזוי שען, און די פויגעל האָבען געזונגען דיין עביגען לויב, און
די קליינע וועראָניקע האָט מיך אָנגעקוקט מיט שטילע אויגען, און
מיר זענען געזעסען פאַר דער מאַרמאָרנער סטאַטוע אויפ'ן שלאָס=
פּלאַץ — אויף איין זייט ליעגט דאָס אַלטע, פּערוויסטע שלאָס,
אין וועלכען עס הערט זיך אַ קלייפּעריי און ביינאַכט וואַנדערט אַרום
אַ שוואַרץ=זיידענע דאַמע אָהן אַ קאָפּ, מיט אַ לאַנגער, רוישענדער

שלעפע; אויף דער אַנדערער זייט איז אַ הויך ווייס געביידע, וואָס אין זיינע אויבערשטע צימערען גלאַנצען וואונדערבאַר די פערשיעדענפאַרביגע בילדער מיט גאָלדענע ראַהמען, און אין זיינע אונטערשטע צימערען זענען געשטאַנען אַזוי פיעל טויזענדער מעכטיגע ביכער, וועלכע איך און די קליינע וועראָניקע האָבען אָפט בעטראַכט נייגיעריג, בשעת די פרומע אורזולע האָט אונז אויפגעהויבען צו די גרויסע פענסטער — שפעטער, ווען איך בין שוין געוואָרען אַ גרויסער יונגעל, האָב איך דאָרט אַלע טאָג אַרויפגעקלעטערט אויף די העכסטע לייטער-שטאַפלען, און האָב אַרויסגענומען די העכסטע ביכער און געלייענט אין זיי אַזוי לאַנג, ביז איך האָב שוין מעהר נישט מורא געהאַט פאַר קיין זאַך, אַם וועניגסטענס פאַר דאַמען אָהן קאָפּ, און איך בין געוואָרען אַזוי געשייט, אַז איך האָב פערגעסען אַלע אַלטע שפיעלערייען און לעגענדעס און בילדער און די קליינע וועראָניקע און אפילו איהר נאָמען.

נאָר וועהרענד איך בין געזעסען אויף דער אַלטער באַנק פון הויפגאָרטען און געחלומט צוריק וועגען דער פערגאַנגענהייט, האָב איך הינטער זיך געהערט צעמישטע מענשען-שטימען, וועלכע האָבען בעקלאָגט דעם שיקזאַל פון די אָרעמע פראַנצויזען, וועלכע זענען אין רוסישען קריעג געשלעפט געוואָרען קיין סיביריען אַלס געפאַנגענע, און זענען דאָרט אָבגעהאַלטען געוואָרען פיעל לאַנגע יאָהרען, האָטש עס איז שוין שלום געוואָרען, און ערשט איצט קעהרען זיי צוריק אַהיים. ווען איך האָב אַ קוק געטהון, האָב איך ווירקליך דערזעהן די דאָזיגע יתומים-קינדער פון רוהם; דורך די שפאַלטען פון זייערע צעריסענע אוניפאָרמען האָט אַרויסגעקוקט דאָס נאַקעטע עלענד, אין זייערע פערווייעטע געזיכטער זענען געלעגען טיעפע, קלאָגענדע אויגען, און האָטש זיי זענען געווען צעקאַליעטשעט, אויסגעמאַטערט און על פי רוב הינקענדיגע, איז דאָך ביי זיי נאָך אַלץ געבליבען עפּעס אַ מין מיליטערישער שריט, און, מערקווירדיג גענוג! איין טאַנבור מיט איין פויק האָבען זיך געוואַקעלט פאָרויס; און מיט אַ אינערליכען ציטער האָט מיך אָנגעהאַפּט די ערינערונג וועגען דער לעגענדע פון די סאָלדאַטען, וועלכע זענען ביי טאָג געפאַלען אין דער מלחמה און ביינאַכט שטעהען זיי ווידער אויף פון שלאַכטפעלד און מיט דעם טאַנבור אין דער שפיץ מאַרשירען זיי אין זייער פאָטער-שטאָדט, און וועגען דעם זינגט דאָס אַלטע פאָלקס-ליעד:

„ער קלאפּט אין פּויק אָהן אַ שיער,
זיי שטעהען שוין ווידער פאַר דער נאַכט־קוואַרטיר,
זיי געהען אין געסעל אַרויס,
טראַלערי, טראַלעריי, טראַלעראַ,
זיי געהען פערביי דער געליעבטערס הויז.

און אַט אין דער פריה שטעהען די ביינער
אין דער שורה צוגעפּאַסט, אַזוי ווי פון מתים די שטיינער,
דער פּויק טהוט פאָרויס געהן,
טראַלערי, טראַלעריי, טראַלעראַ,
כדי זיי זאָלען איהם אַלע זעהן".

ווירקליך, דער אָרעמער פראַנצויזישער טאַנבור האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט האַלב פערפוילט אַרויסגעקומען פון קבר, דאָס איז שוין נאָר געווען אַ קליינער שאָטען אין אַ שמוציג צעריסענער גרויער קאַפּאָטע, אַ אָבגעשטאָרבען געל געזיכט מיט גרויסע וואָנסעם, וועלכע האָבען וועהמיטיג אַראָבגעהאַנגען איבער די פערוועלקטע ליפּען, די אויגען זענען געווען ווי פערברענטע קוועק־זילבער, אין וועלכע עס האָבען געגליהט נאָר גאַנץ וועניג פונקעלעך, און דאָך, אָן איין און איינציגען פון די דאָזיגע פונקעלעך האָב איך דערקענט מסיע לע גראַן.

ער האָט מיך אויך דערקענט, און האָט מיך אַראָבגעצויגען אויפ'ן גראָז, און דאָ זענען מיר געזעסען ווי אַמאָל, ווען ער האָט מיך אויפ'ן פּויק געלערענט די פראַנצויזישע שפּראַך און די נייערע געשיכטע. ער האָט נאָך אַלץ געהאַט דעם גוט בעקאַנטען אַלטען פּויק, און איך האָב מיך נישט געקאָנט גענוג אָבוואונדערן, ווי אַזוי ער האָט איהם געקאָנט פערהיטען פון דער רוסישער גייציגקייט. ער האָט איצט ווידער געפּויקט ווי אַמאָל, נאָר איצט האָט ער שוין דערביי נישט גערעדט. נאָר אויב די ליפּען זענען געווען נישט־היימליך צוזאַמענגעפּרעסט, האָבען דערפאַר נאָך פיעל מעהר גערעדט זיינע אויגען, וועלכע זענען בעלויכטען געוואָרען מיט נצחון, ווען ער האָט אויסגעפּויקט די אַלטע מאַרשען. די פּאַפּעלען נעבען אונז האָבען אָנגעהויבען ציטערן, בשעת ער האָט ווידער געלאָזט דערהערען דעם רויטען גיליאָטינע־מאַרש. אויך די אַלטע פריי־הייטס־קאַמפּפען, די אַלטע מלחמות, דעם קייזערס טהאַטען האָט ער גע־

פויקט ווי אמאל, און עס האט אויסגעזעהן, ווי דער פויק אליין איז א לעבעדיגער וועזען, וואס פרעדט זיך, ווען ער קאן אויסדריקען זיין איגערליכען פערלאנג. איך האב ווידער געהערט דאס דונערן פון קאנאנען, דאס פייפען פון קוילען, דעם לארם פון דער מלחמה, איך האב ווידער געזעהן די טויט־מוטיגקייט פון דער גווארדיע, איך האב ווידער געזעהן די פלאטערנדע פאהנען, איך האב ווידער געזעהן דעם קייזער אויפ'ן פערד — נאר ביסלעכווייז האט זיך אריינגעגנבה'ט א טריבער טאן אין יענעם פרעהליכען הארעוואר, פונ'ם פויק זענען ארויסגעדרונגען טענער, אין וועלכע עס זענען געוועזען אונהיימליך אויסגעמישט דאס ווילדעסטע שאלען און דאס שרעקליכסטע טרויערן, עס האט אויסגעוויזען, ווי דאס וואלט געווען א נצחון־מארש און צוזאמען דערמיט א קבורה־מארש, לע גראנ'ס אויגען האבען זיך ווייט געעפענט אזוי ווי ביי רוחות, און איך האב אין זיי קיין אנדער זאך געזעהן ווי א ווייטע, ווייסע אייז־פעלד, בעדעקט מיט מתים — דאס איז געזען די מלחמה ביי מאסקווא.

איך וואלט קיינמאל נישט געגלויבט, אז דער אלטער, הארטער פויק קאן פון זיך ארויסגעבען אזעלכע שמערצליכע טענער, ווי מסיע לע גראן האט איצט געוואוסט פון איהם ארויסצוציהען. דאס זענען געווען געפויקטע טרעהרען, און זיי האבען זיך געהערט אלץ שטילער, און אזוי ווי א טריבער עכא האבען אויסגעבראכען טיעפע זיפצען פון לע גראנ'ס ברוסט. און לע גראן איז געווארען אלץ מיעדער און איז עהנליך געווארען אלץ מעהר צו א רוח; זיינע דארע הענד האבען געציטערט פאר פראסט, ער איז געזעסען ווי אין חלום, און האט מיט זיינע פייקעל־שטעקלעך בעוועגט נאר די לופט, און האט זיך צוגעהערט אזוי ווי צו ווייטע שטימען, און ענדליך האט ער מיך אנגעקוקט מיט א טיעפען, אבגרונד־טיעפען, בעטענדען בליק — איך האב איהם פערשטאנען — און דאן איז זיין קאפ אראבגעפאלען אויפ'ן פויק.

מסיע לע גראן האט אין דעם לעבען שוין מעהר קיינמאל נישט געפויקט. אויך האט זיין פויק שוין מעהר פון זיך קיין טאן נישט ארויסגעגעבען, ער דארף פאר קיין פיינד פון דער פרייהייט נישט דיענען אלס א קנעכטישער מיטעל. איך האב לע גראנ'ס לעצטען, בעטענדען בליק זעהר גוט פערשטאנען, און האב גלייך ארויסגעצויגען דעם שפיז פון מיין שטעקען און צעשטאכען דעם פויק.

XI. קאַפּיטעל

פּונ'ם ערהאַבענסטען ביז'ן לעכערליכסטען איז נישט מעהר ווי איין שריט, מאַדאַם!

נאָר דאָס לעבען איז אין גרונד אַזוי שרעקליך ערנסט, אַז עס וואָלט אונמעגליך געוועזען עס צו פערטראָגען אָהן אַזעלכע פערבינדונג פונ'ם פּאַטהעטישען מיט'ן קאָמישען. דאָס ווייסען אונזערע פּאָעטען. די שרעקליכסטע בילדער פון מענשליכען שגעון ווייזט אונז אַריסטאָפאַנעס נאָר אין דעם לאַכענדען שפּיעגעל פון וויץ, דעם גרויסען שמערץ פון אַ דענקער, וועלכער בעגרייפט זיין אייגענע ניכטיגקייט, וואַגט געטהע אויסצודריקען נאָר מיט די לאַכעדיגע פערזען פון אַ לאַלקעס-שפּיעל, און די טויטליכסטע קלאָג איבער דעם וועלט-שמערץ לעגט שעקספּיר אין מויל פון אַ נאַר, ווערהענד ער שאָקעלט מיט מורא זיין גלעקעל-היטעל.

זיי האָבען זיך דאָס אַלע אָבגעלערנט פון דעם גרויסען ערשטען פּאָעט, וועלכער ווייס אין זיין טויזענד-אַקטיגער וועלט-טראַגעדיע צו מאַכען הומאָר אויפ'ן העכסטען אופן, אַזוי ווי מיר זעהן דאָס טאָג-טעגליך: — נאָכדעם ווי די העלדען געהען אַוועק קומען די קלאָונען און די שפּאַס-מאַכער מיט זייערע נאַרען-קאָלבען און דרשות, נאָך די בלוטיגע רעוואָלוציאָנס-סצענען און קייזער-טהאַטען קומען ווידער צו שפּרינגען די דיקע בורבאָנען מיט זייערע אַלטע אָבגעשטאַנענע שפּאַסעלעך און צאַרט-געזעצליכע גוטווערטלעך, און גראַציעז שפּרינגט דערביי אונטער די אַלטע אַדעלקייט מיט איהר אויסגעהונגערטען שמייכעל, און פון הינטען בעוועגען זיך די פרומע קאַפּוצען מיט ליכט, קרייצען און קירכען-פאָהנען; — אפילו אין דעם העכסטען פּאַטאָס פון דער וועלט-טראַגעדיע פלעגען זיך אַריינגנבה'נען קאָמישע צוגען, דער פערצווייפעלטער רעפּובליקאַנער, וועלכער שטעכט זיך דעם מעסער אין האַרצען אַזוי ווי אַ ברוטוס, האָט פריהער אפשר צו דעם מעסער אַ שמעק געטהון, צי האָט מען מיט איהם אַמאָל נישט געשניטען קיין הערינג, און אויף דער דאָזיגער גרויסער וועלט-ביהנע קומט עס אויך פּאָר פּונקט ווי אויף אונזערע לומפּען-ברעטער, אויך אויף איהר געפינען זיך שכור'ע העלדען, קעניגען, וועלכע פערגעסען זייער ראָלע, קוליסען, וועלכע זענען געבליבען הענגען, אַרויפשרייענדע סופלער-שטימען, טענצערינען, וועלכע מאַכען עפעקט

מיט זייערע לענדען-פּאָעזיע, קאָסטיומען, וועלכע גלאַנצען אַלס הויפּט-זאַך — און אין דער הויך אין הימעל, אין דער ערשטער רייהע שטעהען דערווייל די ליעבע מלאָכים'לעך, און קוקען דורך לאָרנעטען אויף אונז קאָמעדיאַנטען דאָ אונטען, און דער ליעבער גאָט זיצט ערנסט אין זיין גרויסער לאָזשע און לאַנגווייליגט זיך אפשר אָדער ער רעכענט אויס, אַז דאָס דאָזיגע טעאַטער וועט זיך שוין מעהר נישט לאַנג קאָנען האַלטען, ווייל איינער בעקומט צופיעל געהאַלט, דער אַנדערער צו וועניג, און אַלע צוזאַמען שפּיעלען צו שלעכט.

פונ'ם ערהאַבענסטען ביז'ן לעכערליכסטען איז נישט מעהר ווי איין שריט, מאַדאַם! בשעת איך האָב געשריבען די ענדע פון פאָריגען קאַפּיטעל און האָב אייך דערצעהלט, ווי מסיע לע גראַן איז געשטאָרבען, און ווי איך האָב עהרליך ערפילט זיין מיליטערישען טעסטאַמענט, וואָס איז געלעגען אין זיין לעצטען בליק, האָט מען דאַן אָנגעקלאַפּט אין דער טהיר פון מיין שטוב, און עס איז אַריינגעקומען אַ אָרעמע, אַלטע פרוי, וועלכע האָט מיך פריינדליך געפרעגט, צי איך בין אַ דאָקטאָר. און אַז איך האָב געענטפערט יאָ, האָט זי מיך געבעטען שוין גאָר פריינדליך, איך זאָל מיט איהר געהן צו איהר אַהיים, כדי דאָרט איהר מאַן אַרויסצושניידען די מאָזאָלעס פון די פיס.

קאַפּיטעל XII.

די דייטשע צענזאָרען — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — פערשטאָפּטע קעפּ — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — —

קאַפּיטעל XIII.

מאַדאַם! אונטער לעדאַ'ס אויסזיצענדע האַלב=קוגלען איז שוין געלעגען דער גאַנצער טראָיאַנישער קריעג, און איהר קאָנט בשום אופן נישט פערשטעהן די בעריהמטע טרעהרען פון פּריאַמאָס, אויב איך וועל אייך נישט פריהער דערצעהלען וועגען די אַלטע שוואַנענ=אייער. דעריבער זאָלט איהר זיך נישט בעקלאָגען דערפאַר, וואָס איך פערררעד זיך אַלץ אָן אַ זייט. אין די אַלע פריהעריגע קאַפּיטלען איז נישטאָ קיין איין שורה, וועלכע זאָל נישט געהערען צו דער זאַך, איך שרייב זעהר בקיצור, איך מייד אויס אַלץ וואָס איבעריג איז, אָפט לאָז איך זאָגאַר דורך דאָס נויטיגע, צום ביישפּיעל, איך האָב נאָך אַפילו קיין איין מאָל נישט ווי עס דאַרף צו זיין ציטירט — איך מיין נישט גרויסע גייסטער, נאָר פערקעהרט, איך מיין שריפט=שטעלער — און דאָך איז דאָס ציטירען פון אַלטע און נייע ביכער דאָס הויפּט=פערגעניגען פון אַ יונגען שרייבער, און אַזאַ פּאָר גרונד=געלעהרטע ציטאַטען בעצירען פשוט דעם גאַנצען מענשען. מיינט נאָר נישט, מאַדאַם, אַז עס פעהלט מיר בקיאות אין נעמען פון ביכער. אויסער דעם קאָן איך די קונץ פון די גרויסע גייסטער, וועלכע ווייסען ווי אַזוי אַרויסצופּיקען די קאָרינטען פון זעמעל און די ציטאַטען פון די שולע=העפטען; איך ווייס אויך, פון וואַנען באַרטהעל בעקומט זיין זאַפּטיגקייט. אין ערגסטען פאַל וואָלט איך געקאָנט ביי מיינע געלעהרטע גוטע פריינד מאַכען אַ הלואה פון ציטאַטען. מיין פריינד ג. אין בערלין איז ווי מען רופט דאָס אַ קליינער ראָטשילד פון ציטאַטען, און ער וועט מיר גערן לייהען עטליכע מיליאָנען, און האָט ער זיי נישט אַליין אין זאַפּאַס, אַזוי קאָן ער זיי לייכט צונויפזאַמלען פון עטליכע אַנדערע קאָסמאָפּאָליטישע גייסטיגע באַנקירען — אַגב, מאַדאַם, די דריי פּראָצענטיגע בעק'ס זענען שוואַך, דערפאַר זענען די פינפפּראָצענטיגע העגעל'ס געשטיגען — נאָר איך דאַרף נאָך איצט נישט מאַכען קיין הלואה, איך בין אַ מענש, וועלכען עס געהט זיך גאַנץ גוט, איך האָב מיר יעהרליך מיינע 10,000 ציטאַטען צו פערברויכען, יאָ, איך האָב זאָגאַר געמאַכט אַ ערפינדונג, ווי מען קאָן אַזעלכע ציטאַטען אויסגעבען פאַר עכטע. ווען עמיצער אַ גרויסער, רייכער געלעהרטער, צום ביישפּיעל מיכאַל בעער, וואָלט דאָס דאָזיגע געהיימניס ביי מיר געוואָלט אָבקויפען,

וואָלט איך עס גערן אויסגעגעבען פאר 19,000 טהאַלער קוראַנט; איבריגענס, איך וואָלט נאָך געלאָזען עפּעס אראָבדינגען. אַנ'אַנדער ערפינדונג וויל איך צו'ם גליק פון דער ליטעראַטור נישט פער־שווייגען און איך וועל זי מיטטיילען גראַטיס:

און דאָס איז: איך וואָלט געראַטען, מען זאָל אַלע אונבעקאַנטע מחברים ציטירען מיט דער נומער פון זייער הויז.

די דאָזיגע „גוטע מענשען און שלעכטע מוזיקאַנטען"— אַזוי האָט מען אין פּאַנס דע לעאָן געראופען דעם אָרקעסטער— די דאָזיגע אונבעקאַנטע מחברים בעזיצען דאָך שטענדיג אַליין איין עקזעמפּלאַר פון זייער ביכעלע, וואָס איז שוין לאַנג פערגעסען געוואָרען, און כּדי דאָס דאָזיגע ביכעלע בעקאַנט צו מאַכען, מוז מען וויסען זייער הויז־נומער. ווען איך וואָלט למשל ציטירט „שפּיטאַס געזאַנג־ביכעל פאר בעלי מלאכה'שע יונגען"— מיין ליעבע מאַדאַם, וואו וואָלט איהר דאָס געקאָנט געפינען? נאָר ווען איך ציטיר:

„זעה דאָס געזאַנג־ביכעל פאר בעל־מלאכה'שע יונגען,
פון פ. שפּיטאַ; לינעבורג, אויף דער לינערשטראַסע
נומער 2, רעכטס ביי'ם עק—"

דאַן קאָנט איהר, מאַדאַם, בעקומען דאָס ביכעלע, אויב איהר האַלט, אַז עס איז ווערט דער מיה, נאָר דאָס איז נישט ווערט דער מיה.

איבריגענס, מאַדאַם, האָט איהר גאָר קיין פאָרשטעלונג נישט, ווי לייכט איך קאָן ציטירען. אומעטום געפין איך אַ געלעגענהייט אַרויס־צוּווייזען מיין גרויסע בקיאות. רעד איך צו'ם ביישפּיעל וועגען עסען, אַזוי בעמערק איך אין אַ אַנמערקונג, אַז די רוימער, די גריעכען און די העברעער האָבען אויך געגעסען, איך ציטיר די אַלע טייערע געקעכצען, וועלכע די קעכין פון לוקולוס האָט צוּבערייטעט — וועה איז מיר, וואָס איך בין געבאָרען געוואָרען מיט אַנדערטהאַלבען טויזענד יאָהר צו שפּעט!— און איך בעמערק אויך, אַז די געמיינ־שאַפטליכע מאָהלצייטען ביי די גריעכען האָבען געהייסען אַזוי און אַזוי, און אַז די שפּאַרטאַנער האָבען געגעסען שלעכטע שוואַרצע זופּען — עס איז דאָך פּשוט אַ גליק, וואָס איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געלעבט, איך קאָן מיר נישט פאָרשטעלען קיין שרעקליכערע זאַך, ווי ווען איך אונגליקליכער מענש וואָלט געוועזען אַ שפּאַרטאַנער, זופּ איז מיין ליעבסטעס געקעכץ— מאַדאַם, איך רעכען אין גיכען צו פאָהרען קיין לאָנדאָן; נאָר אויב עס איז טאַקי אמת, אַז דאָרט

בעקומט מען נישט קיין זופּ, אַזוי וועט מיך די בענקשאַפט באַלד ווידער טרייבען צוריק נאָך די זופען־פליש־טעפּ פון פאָטערלאַנד. וועגען דעם עסען פון די אַלטע העברעער וואָלט איך געקאָנט אַרומ־רעדען מיט פיעל אַריכות, און איך וואָלט אַזוי געקאָנט דערגעהן ביז צו דער יודישער קיך פון היינטיגער צייט— ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט ציטיר איך דעם גאַנצען שטיינוועג — איך וואָלט אויך געקאָנט אָנווייזען, ווי פיעל בערלינער געלעהרטע האָבען זיך אויס־געדריקט הומאַניש וועגען דאָס עסען פון די יודען, און דאַן וואָלט איך אַרויסגעקומען אויף די אַנדערע מעלות און מדות טובות פון די יודען, אויף די ערפינדונגען, וועלכע מען האָט זיי צו פערדאַנקען, צום ביישפּיעל די וועקסלען, דאָס קריסטענטום— נאָר שטעה! דאָס לעצטע וועלען מיר זיי נישט אַזוי הויך איינרעכענען, ווארום מיר האָבען דאָס נאָך פאָרלויפיג גאַנץ ווענינ אויסגעניצט — איך מיין, אַז די יודען אַליין האָבען דערביי פיעל ווענינער פערדיענט ווי ביי דער ערפינדונג פון די וועקסלען. און האַלט איך שוין ביי יודען האָב איך שוין אויך די געלעגענהייט צו ציטירען טאַציטוס'ן— ער זאָגט, אַז די יודען האָבען אין זייער בית המקדש פערגעטערט איזלען— און האַלט איך שוין ביי איזלען, אַזוי עפענט זיך מיר אויף אַ געלעגענהייט אַזוי פיעל צו ציטירען! וויפיעל מערקווירדיגע זאַכען קאָן מען רעדען וועגען אַנטיקע איזלען, אַלס היפוך פון די מאָדערנע איזלען. ווי קלוג זענען געוועזען די אַמאָליגע, און אַה! ווי נאַריש זענען די איצטיגע. ווי קלוג האָט למשל גערעדט בלעם'ס איזעל

זעה אין הומש, סדרה — — — —

מאַדאַם, איך האָב גראַדע נישט דעם הומש אונטער דער האַנד, און איך וויל לאָזען אָפען די דאָזיגע שטעלע אויף צו ערפילען דער־נאָך. דערפאַר וואָס אַנבעלאַנגט צו דער געשמאַקלאָזיגקייט פון די נייערע איזלען ציטיר איך

זעה — — — —

— — — —

ניין, איך וועל אויך לאָזען אָפען די דאָזיגע שטעלע, אַז נישט וועט מען מיך אויך ציטירען. די נייערע איזלען זענען גרויסע איזלען. די אַלטע איזלען, וועלכע זענען געשטאַנען אַזוי הויך אין דער קולטור,

זעה געסנערי: דע אַנטיקוואַ האָנעסטאַטע אַסינאָרום.

(אין קאָממענט. געטטינג. ט. II. ז. 32)

זײ װאָלטען זיך אין קבר אומגעדרעהט, װען זײ װאָלטען געהערט, װי מען רעדט װעגען זײערע אור-אײניקלעך. אַמאָל איז „אײזעל" געװען אַ עהרען-נאָמען — האָט בעדײט אַזױ פיעל װי איצט „הױף-ראַט", „באַראָן", „דאָקטאָר פילאָזאָפי" — יעקב אָבינו האָט דערמיט פערגלײכט זײן זוהן יששכר, האָמער האָט דערמיט פערגלײכט זײן העלד אַיאַקס, און איצט פערגלײכט מען דערמיט דעם הערר פאָן......! מאַדאַם, בײ דער געלעגענהײט פון אַזעלכע אײזלען װאָלט איך מיך געקאָנט טיעף אַרײנלאָזען אין דער ליטעראַטור-געשיכטע, איך װאָלט געקאָנט ציטירען אַלע גרױסע לײט, װעלכע זענען געװען פערליעבט, צום בײשפיעל אַבעלאַרדוס, פיקוס מיראַנדולאַנוס, באָרבאָניוס, קורטעזיוס, אַנגעלוס, פאָליטיאַנוס, נײמונדוס לוליוס און הענריקוס הײנעאוס. בײ דער געלעגענהײט פון דער ליעבע, װאָלט איך שױן װיעדער געקאָנט ציטירען אַלע גרױסע לײט, װעלכע האָבען נישט געראױכערט קײן טאַבאַק, צום בײשפיעל ציצעראָ, יוסטיניאַן, געטהע, הוגאָ, איך — צופעליג זענען מיר אַלע פינף צו בימלעכװײז אױך יוריסטען. מאָביליאָן האָט אפילו נישט געקאָנט פערטראָגען דעם רױך פון אַ פרעמדער לולקע, אין זײנע „איניטערע גערמאַניקאָ" בעקלאָגט ער זיך אין דער הינזיכט אױף די דײטשע הײזער. דערפאַר אָבער איז בעװאוסט, אַז אַנדערע גרױסע לײט האָבען גראַדע ליעב געהאַט דעם טאַבאַק. ראַפאַעל טהאָרוס האָט געמאַכט אַ הימן אױפ'ן טאַבאַק— מאַדאַם, איהר װײסט אפשר נישט, אַז איזאַק עלזעװיריוס האָט איהם אין יאָהר 1628 אַרױסגעגעבען אין לײדען אין גרױסען פאָרמאַט— און לודאָװיקוס קינשאָט האָט געשריבען דערצו אַ פאָררעדע אין פערזען. גראַעװיוס האָט זאָגאַר געמאַכט אַ סאָנעט אױפ'ן טאַבאַק. אױך דער גרױסער באָקסהאָרניוס האָט געליעבט דעם טאַבאַק. בײל דערצעהלט פון איהם אין זײנע „דיקט. היסט. ע קריטיק"., אַז מען האָט איהם געזאָגט, דאָס דער גרױסער באָקסהאָרניוס האָט בײ'ם רױכערן געטראָגען אַ גרױסען הוט מיט אַ לאָך אין פאָדערשטען ראַנד, און אין דער דאָזיגער לאָך האָט ער אָפט אַרײנגעשטעקט די לולקע, כדי זי זאָל איהם נישט שטערען בײ'ם שטודירען — אַגב, דערמאָהנענדיג דעם גרױסען באָקסהאָרניוס װאָלט איך געקאָנט ציטירען אױך די אַלע גרױסע געלעהרטע, װעלכע האָבען זיך געלאָזט יאָגען אין באָקסהאָרן*)

*) ד. ה. עמיצען איבערגעשראָקען (אַ דײטשער װערטער-שפּיעל).

און זענען אַנטלאָפען געוואָרען. איך וואָלט אָבער נאָר אָנגעוויזען אויף יאָה. געאָרג מאַרטיוס: דע פוגאַ ליטעראַטאָרום א. א. וו. א. א. וו. א. א. וו. ווען מיר בלעטערן דורך די געשיכטע, אַזוי זעהן מיר, אַז אַלע גרויסע לײַט האָבען איין מאָל אין זייער לעבען געמוזט אַנטלויפען:— לוט, טאַרקוויניוס, משה, יופיטער, פרוי פאָן שטאַעל, נבוכדנצר, בעניאָווסקי, מוהמד, די גאַנצע פרײַסישע אַרמעע, גרעגאָר דער VII, רבי יצחק אַבאַרבאַנעל, רוסאָ— איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען נאָך זעהר פיעל נעמען, צ. ב. די, וועלכע זענען אין דער בערזע פערצייכענט אויף דער שוואַרצער ברעט.

זעהט איהר, מאַדאַם, עס פעהלט מיר נישט קיין גרינדליכקײַט און טיעפקײַט. נאָר מיט דער סיסטעמאַטיע געהט עס מיר נאָך אַביסעל שווער צו. אַלס אַ אמת׳ער דײַטשער וואָלט איך דאָס דאָזיגע בוך געדאַרפט אָנהויבען מיט אַ ערקלערונג, פאַרוואָס עס הייסט אַזוי, אַזוי ווי עס איז געווען דער מנהג אין היילינגען רוימישען רײַך. פהידיאַס האָט אפילו צו זיין יופיטער נישט געמאַכט קיין פאָררעדע, ווי אויך נישט צו דער מעדיצעאישער ווענוס— איך האָב זי בעטראַכט פון אַלע זײַטען — און איך האָב אין ערגעץ נישט געפונען קיין ציטאַט;— נאָר די אַלטע גריעכען זענען געווען גריעכען, אונזער ברודער איז אָבער אַ עהרליכער דײַטש, קאָן נישט אָבלייקענען אינגאַנצען די דײַטשע נאַטור, און דעריבער מוז איך איצט געבען אַ ערקלערונג, פאַרוואָס דאָס דאָזיגע בוך טראָגט אַזאַ טיטול.

מאַדאַם, איך רעד אין דעם דאָזיגען בוך:

I וועגען די אידעען.

1. וועגען די אידעען בכלל.

א. וועגען די קלוגע אידעען.

ב. וועגען די נישט קלוגע אידעען.

a. וועגען די געוועהנליכע אידעען.

b. וועגען די אידעען, וועלכע זענען איבערגעצויגען מיט גרינעם לעדער.

די דאָזיגע ווערען ווידער אײַנגעטהיילט אין— נאָר דאָס אַלץ וועט זיך שוין אַליין אַרויסווײַזען.

קאפיטעל XIV

מאדאם, האט איהר בכלל א אידעע וועגען א אידעע? וואס איז א אידעע? „עס ליעגען עטליכע גוטע אידעען אין דעם דאזיגען ראק‟, האט מיין שניידער געזאגט, ווען ער האט מיט ערנסטער אנערקענונג בעטראכט דעם איבער=ראק, וועלכער איז מיר נאך איבערגעבליבען פון מיינע בערליניש=עלעגאנטע טעג, און פון וועלכען עס האט איצט געזאלט געמאכט ווערען א בכבודיגער שלאפראק. מיין וועשערין קלאגט זיך, „דער פאסטאר ס. האט איהר טאכטער אריינגעזעצט אין קאפ איינינע אידעען, און זי איז דאדורך געווארען נאריש און וויל נישט אננעהמען קיין פערשטאנד‟. דער קוטשער פאטענזען ברומט ביי יעדער געלעגענהייט: „דאס איז א אידעע! דאס איז א אידעע!‟ נעכטען אבער איז ער געווארען שטארק אין כעס, ווען איך האב איהם געפרעגט, וואס ער שטעלט זיך פאר אונטער א אידעע. און מיט כעס האט ער געברומט: „נו, נו, א אידעע איז א אידעע! א אידעע איז אלערליי נארישקייט, וואס מען רעדט זיך איין‟. אין דער זעלבער בעדייטונג ווערט דאס דאזיגע ווארט בענוצט אלס טיטעל פון בוך פון דעם הויפראט העערען אין געטינגען.

דער קוטשער פאטענזען איז א מענש, וועלכער וויים ווי צו געפינען דעם וועג אין לינעבורגער וואלד אפילו ביינאכט און אין א נעבעל; דער הויפראט העערען איז א מענש, וועלכער קאן אויך מיט א קלוגען אינסטינקט געפינען די אלטע קאראוואנען=וועגען פון מארגען=לאנד, און דארט וואנדערט ער ארום שוין זייט יאהרען און טעג אזוי זיכער, ווי אמאל א קעמעל פון אלטערטום; אויף אזעלכע מענשען קאן מען זיך פערלאזען! אזעלכע מענשען דארף מען געטרייסט נאכטהון, און דעריבער האב איך דאס דאזיגע בוך א נאמען געגעבען „אידעען‟.

דער טיטעל פון בוך בעדייט דעריבער אויך אזוי וועניג ווי דער טיטעל פון פערפאסער, דער פערפאסער האט דעם טיטול אויסגעוועהלט נישט אויס געלעהרטען שטאלץ, און ער דארף איהם בשום אופן נישט אויסגעטייטשט ווערען אלס פוסטער שטאלץ. געהמט אן, מאדאם, די אונטערטעניגסטע פערזיכערונג: איך בין נישט קיין פוסטער בעל גאוה. די דאזיגע בעמערקונג איז נויטיג, ווי איהר וועט שוין ווייטער איינזעהן. איך בין נישט קיין פוסטער בעל גאוה—

און אפילו ווען אַ וואַלד פון לארבעערען וואָלט געוואַקסען אויף מײַן קאָפּ, און אַ ים פון ווײַהראַך וואָלט פערגאָסען מײַן יונג הארץ— וואָלט איך דאָך נישט געוואָרען קײן פוסטער בעל גאוה. מײַנע גוטע פרײַנד און די איבעריגע חברים אין אָרט און צײַט האָבען שוין דערפאַר געטרײַ געזאָרגט— איהר ווײסט, מאַדאַם, אַז אַלטע ווײַבער שפּײַען אַביסעל אָן אויף די קינדער, וואָס זײ ניאַנטשען, בשעת מען לויבט די שענהײַט פון די דאָזיגע קינדער, כדי עס זאָל זײ חלילה קײן עין הרע נישט שאַדען — איהר ווײסט, מאַדאַם, אַז בשעת אין רוים איז דער טריאומפאַטאָר, בעקרענצט מיט רוהם און פערפוצט אין פורפור, אַרײַנגעפאָהרען אויף זײַן גאָלדענעם וואָגען מיט ווײַסע פערד פון קאַמפּאָ מאַרטיי, אַזוי ווי אַ גאָט אַרויסקוקענדיג פון דעם פײַערליכען צוג פון לעקטאָרען, מוזיקאַנטען, טענצער, פריסטער, שקלאַווען, עלפאַנטען, טראָפעען־טרעגער, קאָנסולען, סענאַטאָרען, סאָלדאַטען: דאַן האָט די מאַסע הינטער דעם אַלעם געזונגען שפּאָט־ליעדער— און איהר ווײסט, מאַדאַם, אַז אין ליעבען דײַטשלאַנד איז דאָ זעהר פיעל אַלטע ווײַבער און מאַסע.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, מאַדאַם, זענען די אידעען, וועגען וועלכע עס רעדט זיך דאָ, פון די פּלאַטאָנישע אידעען אויך אַזוי ווײַט ווי אַטהען פון געטינגען, און פון דעם בוך אַלײן דאַרפט איהר אויך אַזוי ווייניג ערוואַרטען, ווי פון דעם מחבר אַלײן. ווירקליך, ווי מען קאָן פון דעם דאָזיגען מחבר בכלל עפּעס ערוואַרטען, דאָס פערשטעה איך אויך נישט, אַזוי ווי מײַנע גוטע פרײַנד. די גרעפין יוליע וויל די זאַך ערקלערען, און זי פערזיכערט, אַז ווען דער דאָזיגער מחבר זאָגט שוין ווירקליך עפּעס אַרויס אַ זאַך, וואָס איז גײַסטרײַך און נײַ, איז דאָס נאָר אַ פערשטעלונג פון איהם, און אין אמת'ען איז ער אויך אַזוי נאַריש ווי די איבעריגע. דאָס איז נישט ריכטיג, איך פערשטעל זיך גאָר נישט, איך רעד ווי דאָס מויל איז מיר געוואַקסען, איך שרײַב גאָר אונשולדיג און פשוט, וואָס עס קומט מיר אין זינען אַרײַן, און איך בין נישט שולדיג, אויב עס קומט דערפון אַרויס עפּעס רעכטס. נאָר זוי עס ווײַזט אויס האָב איך אין שרײַבען מעהר גליק, ווי אין דער אַלטאָנאַער לאָטעריע— איך וואָלט אַוודאי וועלען, עס זאָל זײַן פערקעהרט — און אַזוי קומען פון מײַן פעדער אַרויס טײל זאַכען, וואָס טרעפען אין האַרץ, טײל געדאַנקען־קוואַטערנען, און דאָס טהוט גאָט;— וואָרום ער, וועלכער

האָט די פּרוּכטע עלאָהא=זינגער און שעפּפונגס=פּאָעטען, ענטזאַגט צו געבען זיי אַלע שענע געדאַנקען און יעדען רוהם אין דער ליטעראַטור, כדי די ערדישע בעשעפּענישען זאָלען זיי נישט צופיעל לויבען און דאַדורך זאָלען זיי נישט פערגעסען דעם הימעל, וואו די מלאָכים גרייטען שוין אָן פאַר זיי אַ דירה: — ער פּלעגט אונז אַיבעריגע, די פּשוטע, זינדיגע, געצענדיענענדע שריפטשטעלער, פאַר וועלכע דער הימעל איז כמעט אַזוי ווי פערריגעלט, נאָך מעהר בעשענקען מיט אויסגעצייכענטע געדאַנקען און מענשען=רוהם, און דאָס האָט ער געטהון אויס געטליכער גנאָד און בארמהערציגקייט, כדי די אָרעמע זעעלע, וועלכע איז דאָך שוין איין מאָל בעשאַפען געוואָרען, זאָל נישט אינגאַנצען לעדיג אויסגעהן און זאָל דאָ אויף דער ערד פיהלען ווענינגסטענס אַ טייל פון יענעם גליק, וועלכעס מען ענטזאַגט איהר דאָרט אין דער הויך.

זעה איין ביי געטהע און ביי די מחברים פון די טראַקטאַטעלעך.

זעהט איהר שוין איצט, מאַדאַם, אַז איהר דאַרפט מיינע שריפטען לעזען, וויל זיי בעווייזען גאָט׳ס גנאָד און בארמהערציגקייט, איך שרייב מיט בלינדען צוטרויען אויף זיין גרויסער קראַפט, אין דער הינזיכט בין איך אַ עכט קריסטליכער שריפטשטעלער, און אין אמת׳ען גערעדט, וועהרענד איך הויב אָן איצט צו שרייבען די דאָזיגע געגענווערטיגע פּראַזע, ווייס איך נאָך נישט, ווי איך וועל זי ענדיגען און וואָס איך דאַרף אייגענטליך זאָגען, און איך פערלאָז מיך דערין אויפ׳ן ליעבען גאָט. און ווי וואָלט איך דען געקאָנט שרייבען אָהן אַזאַ פרומען בטחון: אין מיין צימער שטעהט איצט דאָס יונגעל פון לאַנגהאָפ׳ס דרוקעריי און וואַרט אויף מאַנוסקריפּט, דאָס וואָרט, קוים ווי עס ווערט געבאָרען, וואַנדערט וואַרעם און נאַס אין דער פּרעסע אַריין, און דאָס, וואָס איך טראַכט און פיהל אין דעם דאָזיגען אויגענבליק, קאָן שוין מאָרגען צו מיטאָג זיין מאַקולאַטור.

עס רעדט זיך אייך, מאַדאַם, גאַנץ לייכט, ווען איהר דערמאָהנט מיך אָן האָראַץ׳ס כלל „נאָנום פּרעמאַטור אין אננום". דער דאָזיגער כלל, אַזוי ווי פיעל אַנדערע פון דעם סאָרט, קאָן זעהר גוט זיין אין דער טעאָריע, נאָר אין דער פּראַקטיק טויג ער נישט. ווען האָראַץ האָט דעם מחבר געגעבען דעם דאָזיגען בעריהמטען כלל, צו לאָזען

ליעגען זיין ווערק ניין יאָהר אין פולט, האָט ער איהם אין דער זעלבער צייט געדאַרפט געבען אויך אַ רעצעפּט, ווי אַזוי מען קאָן אָבלעבען ניין יאָהר אָהן עסען. ווען האָראַץ האָט אויסגעטראַכט דעם דאָזיגען כלל, איז ער אַוודאי געזעסען ביי׳ם טיש פון אַ מעצענאַס און האָט געגעסען טרוט=העגער מיט לאָקשען, פאַזאַנענפודינג אויף אַ גוטער זופ, לערכענ=פולקעלעך מיט טעלטאָווער ריבעלעך, צונגען פון פאַוועס, אינדישע פויגעל=נעסטער און גאָט ווייס וואָס נאָך דערצו, און אַליץ אומזיסט. נאָר מיר, מיר אונגליקליכע, וועלכע זענען שפּעט געבאָרען געוואָרען, מיר לעבען אין אַנ׳אַנדער צייט, אונזערע מעצענאַטען האָבען גאַנץ אַנדערע פּרינציפּען, זיי מיינען, אַז מחברים און מיספּעלען געראָטען צום בעסטען, ווען זיי ליעגען אַ געוויסע צייט אויפ׳ן שטרוי, זיי מיינען, אַז די דאָזיגע הינד טויגען נישט אויף דער יאַגד פון געדאַנקען און בילדער, אויב זיי ווערען צו דיק געפּאַשעט, אַח! און פּאַשען זיי שוין יאָ אַמאָל אַ אָרעמען הונד, אַזוי איז עס דער נישט=ריכטיגער, וועלכער פערדינט אַמוועניגסטענס די ברעקלעך, צום ביישפּיעל דער דאַכס, וועלכער לעקט די האַנד, אָדער דער קליינינקער באָלאָניעזער, וועלכער ווייס ווי זיך צו בעהאַלטען אין דעם שמעקעדיגען שויס פון דער הויז=דאַמע, אָדער דער געדולדיגער פּודעל, וועלכער האָט געלערנט אַ ברויט=וויסענשאַפט און קאָן עפּעס ברענגען צו טראָגען און אויך טאַנצען און פייקען.— ווערענד איך שרייב דאָס דאָזיגע, שטעהט הינטער מיר מיין קליינער מאָפּס און בילט— שווייג נאָר, פריינד, דיך האָב איך נישט געמיינט, וואָרום דו ליעבסט מיך און בעגלייטסט דיין הערר׳ן אין נויט און געפאַהר און דו וועסט שטאַרבען אויף זיין קבר, אויך אַזוי טריי ווי טייל אַנדערע דייטשע הינד, וועלכע, זייענדיג פערשטויסען אין דער פרעמדס, ליעגען זיי פאַר דייטשלאַנדס טויערן און הונגערן און וואָיען— ענטשולדיגט מיר, מאַדאַם, וואָס איך בין אַביסעל אַראָב אין אַ זייט, כדי מיין אָרעמען הונד צו געבען אַ עהרענ=ערקלערונג, איצט קעהר איך צוריק צו האָראַץ׳ס כלל און צו דעם, ווי מען קאָן איהם נישט אויסניצען אין ניינצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען די פּאָעטען קאָנען זיך נישט בעגעהן אָהן דער פּאַרטוך=סטיפּענדיע פון דער מוזע — בנאמנות, מאַדאַם, זיי קאָנען נישט אויסהאַלטען אפילו קיין 24 שעה און בפרט נאָך ניין יאָהר, מיין מאָגען האַלט ווענ־יג וואָס פון אונשטערבליכקייט, איך האָב עס מיר שוין איבערלעגט,

איך וויל נאָר ווערען האַלב אונשטערבליך נאָר גאַנץ זאַט, און אויב וואָלטער וואָלט וועלען אַוועקגעבען דרייהונדערט יאָהר פון זיין עבּיגען רוהם פאַר איין גוטע פערדויאונג פון עסען, אַזוי בּין איך בּע־רייט אַוועקצוגעבען נאָך אַמאָל אַזוי פיעל פאַר'ן עסען גופא. אַח! און וואָס פאַר אַ שענע, בּליהענדע עסענוואַרג עס געפינט זיך אויף דער וועלט! דער פילאָזאָף פאַנגלאָז האַט רעכט: עס איז די בּעסטע וועלט! נאָר אין דער דאָזיגער בּעסטער וועלט, מוז מען האָבּען געלד. געלד אין קעשענע און נישט מאַנוסקריפּטען אין פולט. דער ווירט פון „קעניג פון ענגלאַנד“, דער הערר מאַרר, איז אַליין אַ שריפט־שטעלער און ווייס אויך האָראַץ'ס כּלל, נאָך איך רעכען נישט, אַז אויב איך וואָלט וועלען אויספיהרען דעם דאָזיגען כּלל, זאָל ער מיר געבען ניין יאָהר צו'ם עסען.

אין אמת'ען גערעדט, פאַרוואָס טאַקי זאָל איך איהם אויס־פיהרען? איך האָב אַזוי פיעל גוטע זאַכען צו שרייבען, אַז איך דאַרף נישט אַזוי לאַנג וואַרטען. כּל זמן מיין האַרץ איז פול מיט ליעבּע און דער קאָפּ פון מיינע אַרומיגע מענשען איז פול מיט נאַרישקייט, וועט מיר נישט אויסנעהלען קיין שטאָף צו שרייבען. און מיין האַרץ וועט שטענדיג ליעבּען, כּל זמן עס וועלען זיין פרויען; ווערט עס קאַלט פאַר איינער, אַזוי וועט עס גלייך אויפגליהען פאַר אַ צווייטער; אַזוי ווי אין פראַנקרייך שטאַרבּט קיינמאָל נישט דער קעניג, אַזוי שטאַרבּט אויך קיינמאָל נישט די קעניגין אין מיין האַרצען, און אַזוי הייסט עס: די קעניגין איז טויט, עס לעבּע די קעניגין! אויף דעם זעלבּען אופן וועט אויך די נאַרישקייט פון די אַרומיגע מענשען קיינמאָל נישט אויסשטאַרבּען. וואָרום עס איז דאָ נאָר איין און איינציגע קלוגשאַפט, און די דאָזיגע קלוגשאַפט האַט איהרע בּעשטימטע גרענעצען; נאָר עס זענען דאָ טויזענדער נאַרישקייטען, וועלכע מען קאָן זיך גאָרנישט פאָרשטעלען. דער געלעהרטער קאַזואיסט און זעעל־זאָרגער שופּ זאָגט זאָגאַר: „אין דער וועלט זענען פערהאַן מעהר נאַראָנים ווי מענשען—“

זעה איין אין שיפּ'ס לעהר־רייכע שריפטען, ז. 1121.

בּעקלערט מען זיך, אַז דער גרויסער שופּיוס האַט געוואָהנט אין האַמבּורג, אַזוי זעהט מען איין, אַז די דאָזיגע סטאַטיסטישע מיטטיילונג איז נישט קיין גוזמא. איך געפין מיך אין דעם זעלבּען אָרט, און איך קאָן זאָגען, אַז איך פיהל מיך אויסגעצייכענט,

ווען איך בעקלער זיך, אַז די דאָזיגע אַלע נאַראָנים, וועלכע איך זעה דאָ, קאָן איך אויסניצען אין מיינע שריפטען, זיי זענען בּאַרער האָנאָראַר, בּאַרעם געלד. איך געפין מיך איצט פּשוט אין אַ שמאַלץ־גרוב. גאָט האָט מיך געבּענשט, די נאַראָנים זענען היינטיגס יאָהר גאַנץ בּעזונדערס געראָטען, און אַזוי ווי אַ גוטער ווירט בּענוץ איך נאָר גאַנץ וועניג פון זיי, קלייב מיר אויס פון זיי די פעטסטע און לאָז זיי אויף שפּעטער. מען זעהט מיך אָפט אויפ'ן שפּאַציער און מען זעהט מיך אַ לוסטיגען, אַ פרעהליכען. אַזוי ווי אַ רייכער סוחר, וועלכער דרעהט זיך אַרום צווישען די קאַסטענס, פעסער און פעקלעך פון זיין סחורה־לאַגער, רייבּענדיג די הענד מיט פערגעניגען, אַזוי דרעה איך מיך אַרום צווישען מיינע מענשען. איהר זענט אַלע מיינע! איהר זענט מיר אַלע גלייך טייער, און איך ליעבּ אייך ווי איהר אַליין ליעבּט אייער געלד, און דאָס איז אַ גרויסע זאַך. איך האָבּ געמוזט הערצליך לאַכען, ווען איך האָבּ נישט לאַנג געהערט, ווי איינער פון מיינע מענשען האָט זיך אויסגעדריקט מיט זאָרג, אַז ער ווייס נישט, פון וואָס איך וועל אַמאָל לעבּען — און דאָך איז ער אַליין אַזאַ גרויסער נאַר, אַז פון איהם אַליין וואָלט איך שוין געקאָנט לעבּען, אַזוי ווי פון אַ גרויסען קאַפּיטאַל. נאָר עס גיעבּט אויך אַ נאַר, וועלכער איז פאַר מיר נישט נאָר בּאַרעם געלד, נאָר דאָס בּאַרע געלד, וואָס איך קאָן פון איהם אַרויסשרייבּען, האָבּ איך שוין לאַנג בּעשטימט צו עפּעס אַ צוועק. אַזוי צום בּיישפּיעל, פאַר אַ געוויסען, גוט־אויסגעבּעטענעם דיקען מיליאָנ־נאַר וועל איך מיר קויפען אַ געוויסען, גוט־אויסגעבּעטענעם שטוהל, וועלכען די פראַנצויזינס רופען אָן „שעז פערסע". פאַר זיין דיקע מיליאָנ־נאַרין קויף איך מיר אַ פערד. ווען איך זעה דעם דיקען — אַ קעמעל קאָן גיכער אָנקומען אין גן־עדן, איידער דער דאָזיגער מענש וועט אַדורכגעהן דורך אַ לאָך פון אַ נאָדעל — ווען איך זעה דעם דאָזיגען דיקען, ווי ער וואַקעלט זיך אויפ'ן שפּאַציער, אַזוי ווערט מיר אונגעהויער גוט אויפ'ן האַרצען; האָטש איך בּין איהם גאָר אונבּעקאַנט, דאָך גריס איך איהם נישט ווילענדיג און ער גריסט מיך צוריק אַזוי הערצליך, אַזוי אײַנלאַדענד, אַז איך וואָלט אויפ'ן זעלבּען אָרט שוין געקאָנט אויסניצען זיין גוטסקייט, און דאָך פאַל איך אַריין אין פערלעגענהייט צוליעב די פיעל געפוצטע מענשען, וועלכע געהען גראַדע פערבּיי. זיין פרוי איז גאָר נישט קיין שלעכטע פרוי — זי

האט אפילו נאר איין און איינציג אויג, נאר דערפאר איז דאס דאזיגע אויג נאך גרינער, איהר נאז איז אזוי ווי דער טורעם, וואס קוקט ארוים אויף דמשק, איהר בוזעם איז גרויס ווי דער ים, און עס פלאטערען דערויף אלערליי בענדער, אזוי ווי פלאגען פון שיפען, וועלכע זענען אין דעם דאזיגען ים־בוזעם אנגעלאפען — מען בעקומט די ים־קראנקהייט שוין ווי מען קוקט זיך נאר צו דערצו — איהר נאקען איז גאר שען און פעט־געוועלבט ווי א — דאס פערגלייכענדע בילד געפינט זיך עטוואס טיעפער אונטען — און ביי דער פייגעלכען־בלויער גארדינע, וועלכע בעדעקט דאס דאזיגע פערגלייכענדע בילד, האבען אוודאי טויזענד און ווידער אמאל טויזענד זיידענווערעמלעך זייער גאנץ לעבען איינגעשפאנען. זעהט איהר שוין, מאדאם, וואס פאר א פערד איך וועל מיר איינקויפען! בעגעגענט מיך די פרוי אויפ'ן שפאציער, אזוי פרעהט מיך פשוט דאס הארץ, מיר דוכט, אזוי ווי איך וואלט זיך שוין געקאנט אויפזעצען, איך קנאק מיט דער בייטש, איך שנעל מיט די פינגער, איך שנאלץ מיט דער צונג, איך מאך מיט די פיס אלערליי רייטער־בעוועגונגען — האפ! האפ! — בור! בור! — און די ליעבע פרוי קוקט מיך אן מיט אזוי פיעל גייסט, מיט אזוי פיעל פערשטאנד, וואס איך מיין, זי הירזשעט מיט'ן אויג, זי שפרייט פאנאנדער די נאז־לעכער, זי קאקעטירט מיט דער גרזשיווע, זי גאלאפירט, הויבט אן פלוצלונג צו געהן פאמעלעך — און איך שטעה דאן מיט צונויפגעלעגטע ארעמס, און קוק זיך צו צו איהר מיט פערגעניגען, און איך בין זיך מישב, ווי עס וועט בעסער זיין אויף איהר צו רייטען, צי זאל איך איהר געבען א ענגלישען אדער א פוילישען זאטעל — א. א. וו. — מענשען, וועלכע זעהען מיך דעמאלט שטעהענדיג, בעגרייפען גארנישט, וואס עס געפעלט מיר אזוי ביי דער דאזיגער פרוי. לאנגע צינגער האבען שוין איהר מאן געוואלט בעאונרוהיגען און האבען איהם געגעבען וואונקען, אז איך בעטראכט זיין צווייטע העלפט מיט די אויגען פון א ממזר. נאר מיין עהרליכע, ווייך־לעדערנע „שעז פערסע" זאל האבען געענטפערט, אז ער האלט מיך פאר א אונשולדיגען, זאגאר אביסעל שעמעוודיגען יונגען מאן, וועלכער קוקט זיך צו איהם צו מיט א געוויסען אינטערעס, ווי א מענש, וואס פיהלט די בעדערפניש, זיך מיט איהם נעהנטער צו פערבינדען, און דאך האלט ער זיך אב צוריק מיט א רויט־ווערענדע שעמעוודיגקייט. מיין

איידעלעס פערד מיינט פערקעהרט, אַז איך האָב אַ פרייען, נישט געצוואונגענעם געמיט פון אַ ריטער, און מיין בעגריסונג און מיין העפליכקייט בעווייזען נאָר, אַז איך וואָלט וועלען אַמאָל איינגעלאַדען ווערען צו זיי אויף אַ מיטאָג—

זעהט איהר שוין, מאַדאַם, איך קאָן אַלע מענשען אויסניצען, און דער אַדרעס־קאַלענדאַר איז אייגענטליך מיין הויז־פערמעגען. איך קאָן דעריבער אויך קיינמאָל נישט ווערען באַנקראָט, וואָרום מיינע בעלי־חובות אַליין וואָלט איך געקאָנט פערוואַנדלען אין אַ קוואַל פון פערדיענסט. אויסערדעם, ווי איך האָב געזאָגט, לעב איך זעהר עקאָנאָמיש, אונגעהויער עקאָנאָמיש, צום ביישפיעל, וועהרענד איך שרייב דאָס דאָזיגע, זיץ איך אין אַ דונקעלער, בעטריבטער שטוב אויף דער אומעט־שטראַסע — נאָר איך פערטראָג דאָס גערן, ווען איך וואָלט נאָר וועלען, וואָלט איך דאָך געקאָנט זיצען אין שענסטען גאָרטען, אויך אַזוי גוט ווי מיינע פריינד און געליבטע; איך וואָלט נאָר געדאַרפט רעאַליזירען מיינע שנאַפּס־קליענטען. די דאָזיגע לעצטע, מאַדאָס, בעשטעהען פון פערדאָרבענע פריזערען, אַראָבגעקומענע שדכנים רעסטאָראַטאָרען, וועלכע האָבען שוין נישט אַליין וואָס צו עסען, זיי אַלע זענען קבצנים, וועלכע וויסען ווי צו טרעפען אין מיין וואָהנונג, און פאַר אַ גוט טרינק־געלד קאָנען זיי מיר דערצעהלען די סקאַנדאַלעזע חראָניק פון זייער שטאָדט־פיערטעל — מאַדאַם, איהר וואונדערט זיך, פאַר וואָס איך וואַרף נישט אַרויס אַזעלכע לייט איין מאָל פאַר אַלע מאָל הינטער דער טהיר? — וואָס רעדט איהר, מאַדאַם! די דאָזיגע מענשען זענען מיינע בלומען. איך וועל זיי אַמאָל בעשרייבען אין אַ שענעם בוך, וואָס פאַר זיין האָנאָראַר וועל איך מיר קויפען אַ גאָרטען, און מיט זייערע רויטע, געלע, בלויע און פערשיעדענפאַרביג געשפרענקעלטע געשיכטעס ערשיינען זיי מיר שוין איצט אַזוי ווי בלומען פון דעם דאָזיגען גאָרטען. וואָס גערט עס מיך אָן, וואָס פרעמדע נעזער בעהויפּטען, אַז די דאָזיגע בלומען שמעקען נאָר אַזוי ווי קימעל, טאַבאַק, קעז און פערדאָרבענהייט! מיין אייגענע נאָז, דער קוימען פון מיין קאָפּ, אין וועלכען די פאַנטאַזיע שטייגט אַרויף און אַראָב אַלס קוימענקעהרער, פערזיכערט פערקעהרט, אַז זי שמעקט פון יענע מענשען נאָר דעם ריח פון ראָזען, זשאַסמינען, פיילכען, נעלקען, פיאָלען — אָ, ווי בעקוועם וועל איך מיר אַמאָל אין אַ שענעם פרימאָרגען זיצען אין מיין גאָרטען, און זיך צו הערען

צו'ם געזאַנג פון די פויגעל, און וואַרעמען די גליעדער אָן דער ליעבער זון, און איינאָטמען דעם פרישען אָטעם פונ'ם גרינס, און קוקענדיג אויף די בלומען וועל איך מיך דערמאָהנען אָן די אַלטע קבצנים!

דערווייל אָבער זיץ איך נאָך אויף דער דונקעלער אומעט־שטראַסע אין מיין דונקעלען צימער און בענוגען מיך אויפצוהענגען אין מיטען פון דעם זעלבען צימער דעם גרעסטען אַפּיקורס*) פון לאַנד — „נאָר צי דען וועט אייך דערפון ליכטיגער ווערען?" — אַזוי ווייזט עס אויס, מאַדאַם, — דאָך פערשטעהט מיך נישט פאַלש, איך הענג נישט אויף דעם מענשען אַליין, נאָר די קריסטאַלענע לאָמפּ, וואָס איך וועל קויפען פאַר'ן האָנאָראַר, וואָס איך וועל בעקומען פאַר דער בעשרייבונג וועגען איהם. דערווייל אָבער רעכען איך, אַז עס וואָלט געווען נאָך בעסער, און עס וואָלט אין גאַנצען לאַנד פלוצלונג העל געוואָרען, ווען מען זאָל די אַפּיקורסים טאַקי אין אמת'ן אויפהענגען. נאָר קאָן מען די דאָזיגע מענשען נישט הענגען, אַזוי מוז מען זיי בראַנדמאַרקען**). איך רעד דאָס ווידער מיט מליצה, איך בראַנדמאַרק אין דער פאָרשטעלונג. נאַטירליך, הערר פאָן וויים — ער איז וויים און אונבעפלעקט ווי אַ ליליע — האָט זיך געלאָזט ווייס מאַכען, ווען איך וואָלט אין בערלין דערצעהלט, אַז ער איז ווירקליך געבראַנדמאַרקט; דער נאַר האָט זיך דעריבער גע־לאָזט בעקוקען פון דער נאַטשאַלסטוואָ און בעקומען אַ שריפט, אַז אויף זיין רוקען איז נישט אַרויסגעדריקט קיין שטעמפּעל, און דעם דאָזיגען שיין בעטראַכט ער ווי אַ דיפּלאָם, וועלכער מוז איהם געבען איינטריט אין די בעסטע געזעלשאַפט, און ער וואונדערט זיך, ווען מען וואַרפט איהם דאָך אַרויס, און איצט בייזערט ער זיך און שילט מיך אָרעמען מענשען, און וויל מיך דערשיעסען צו'ם טויט מיט אַ אָנגעלאָדענעם פּיסטאָלעט, וואו ער וועט מיך נאָר טרעפען — און וואָס רעכענט איהר, מאַדאַם, וועל איך טהון דאַגעגען? מאַדאַם, פאַר דעם דאָזיגען נאַר, ד. ה. פאַר דעם האָנאָראַר, וואָס איך וועל פון איהם אַרויסשרייבען, קויף איך מיר אַ גוטע פאַס רידעסהיימער רהיינוויין. איך דערמאָהן דאָס אייך, כדי איהר זאָלט נישט מיינען, אַז ווייל איך פרעה מיך מיט זיין אונגליק זעה איך אַזוי לוסטיג אויס, ווען איך

*) אַפּיקורס — געגנער פון בילדונג, אַנהענגער פון פינסטערניש.

**) בעצייכנען מיט אַ פייערדיגען סימן, ווי מען טהוט ביי פערברעכער.

בעגעגען דעם הערר פאן וויים אויף דער גאס. ווירקליך, מאדאם, איך זעה אין איהם נאר מיין ליעבען רידעסהיימער; ווי איך דער-זעה איהם נאר, אזוי ווערט מיר שמעקעדיג און אנגענעהם אויפ'ן הארצען, און נישט ווילענדיג הויב איך אן צו טרילערן: „צו'ם רהיין, צו'ם רהיין, דארט וואקסען אונזערע וויינטרויבען —" „דאס דאזיגע בילד איז בעצויבערנד שען —" „א ווייסע דאמע — —" מיין רידעסהיימער קוקט דעמאלט אויס זעהר זויער, און מען קאן מיינען, אז ער בעשטעהט נאר פון גיפט און גאל — נאר איך פערזיכער אייך, מאדאם, דאס איז וואוילער וויין; און געפינט זיך אפילו אויף איהם נישט דער בעשטעטיגונגס-צייכען, דאך וויים דער קענער ווי דאס צו שעצען, איך וועל דאס דאזיגע פעסעל צאפען מיט גרויס שמחה, און אויב עס וועט געאירען צו שטארק און עס וועט אויף א גע-פעהרליכען אופן וועלען צעשפרינגען, אזוי וועט עס בעפעסטיגט ווערען מיט אייניגע אייזערנע רייפען.

זעהט איהר שוין, מאדאם, פאר מיר דארפט איהר גאר נישט זארגען. איך קאן זיך צו אלץ צוקוקען רוהיג אויף דער וועלט. גאט האט מיך געבענשט מיט ערדישע גיטער, און האט ער מיר דעם וויין אין קעלער נישט גאנץ בעקוועם צוגעשטעלט, האט ער מיר דאך ערלויבט צו ארבייטען אין זיין וויינגארטען, איך דארף נאר די וויינטרויבען לעזען, קעלטערן, פרעסען, און איך האב דאן די קלארע גאטעס מתנה; און פליהען מיר נישט די נאראנים געבראטענערהייד גלייך אין מויל אריין, נאר זיי לויפען מיר געוועהנליך אקעגען רויה און אבגעשמאקט, אזוי ווייס איך דאך ווי זיי ארומצודרעהען אויפ'ן שפיעז, ווי זיי צו שמארען און פעפערען אזוי לאנג, ביז זיי ווערען צייטיג און מען קאן זיי געניסען. איהר זאלט זעהן, מא-דאם, ווי איהר וועט זיין צופריעדען, ווען איך וועל אמאל מאכען א גרויסען מאהלצייט. מאדאם, איהר מוזט מיין קיך לויבען. איהר וועט מוזען מודה זיין, אז איך קאן מיינע סאטראפען אויך אזוי פראכט-פול בעדיענען, ווי אמאל דער קעניג אחשורוש, וועלכער איז געווען א מלך פון הודו ביז כוש און האט געהערשט איבער הונדערט און זיבען און צוואנציג מדינות. גאנצע העקאטאמבען פון נאראנים וועל איך אנשעכטען. יענער גרויסער שנאפס-ליעב-האבער, וועלכער, ווי אמאל יופיטער, סטארעט זיך אין א געשטאלט פון א אקס צו ווערען בעריהמט אין אייראפע, וועט פאר מיין טיש צושטעלען דעם

אָקסען־בראַטען; אַ טרויעריגער טראַגעדיען־פּאָעט, וועלכער האָט אויף די ברעטער, וואָס בעדייטען אַ טרויעריגע פּערסישע מלוכה, אונז געוויזען אַ טרויעריגען אַלעקסאַנדער, וואָס אין זיין בילדונג האָט זיך קיין אַריסטאָטעלעס נישט בעטייליגט, דער דאָזיגער וועט פאַר מיין טיש צושטעלען אַ אויסגעצייכענטען הזיר־קאָפּ, ווי געוועהנליך זויער־זיס שמייכלענדיג, מיט אַ קיילעכדיג שטיקעל ציטרין אין מויל און בעדעקט מיט לאָרבער־בלעטער, אַ דאַנק דער קעכין, וואָס פערשטעהט גוט די קונסט; דער זינגער פון די קרעלען־ליפּען, שוואַנען־העלער, שפּרינגענדע שנעע־בערגעלעך, וויבעלעך, מעדעלעך, קושעלעך און אַסעסאָרעלעך, דאָס מיין איך דעם הערר קלווירען, אָדער ווי די פרומע בערנאַרדינערינען אויף דער פריעדריכשטראַסע רופען איהם: „פאָטער קלווירען! אונזער קלווירען!" דער דאָזיגער עכט שטעלט מיר צו די אַלע יענע געריכטען, וועלכע ער ווייס אַזוי פיין צו בעשרייבען אין זיין יעהרליכען טאַשען־באָרדעלכעל מיט דער פאַנטאַזיע פון אַ נאָשערקע אַ קאַמער־יונג־פרוי, און ער גיעט אונז נאָך צו אַ גאַנץ בעזונדערע עקסטראַ־שיסעלע מיט אַ סעלערי־געמיזעלע, „פון וועלכען עס קאָן אַ מענשען דאָס הערצעלע פאַר ליעבע אויפציטערן!" — אַ קלוגע, דאַרע הויפדאַמע, וואָס פון איהר קאָן מען געניסען נאָר דעם קאָפּ, וועט אונז צושטעלען אויך אַזאַ מין געקעכץ, דאָס הייסט שפּאַרגעל: און עס וועט נישט פעהלען קיין געטינגער וואורשט, האַמבורגער רויכפלייש, פּאָמערשע גענזענע ברוסט, אָקסענע צונגען, געדעמפּפטע קאַלבס־געהירען, רינדסמויל, שטאָקפיש, און אַלערליי סאָרטען זשעלע, בערלינער פּיינקוכענס, ווינער טאָרטען, קאָנפיטורען —

מאַדאַם, איך האָב מיר שוין אין געדאַנקען דעם מאָגען פערדאָרבען! האָלט דער טייוועל אַזעלכע פרעסעריי! איך קאָן נישט פיעל פערטראָגען. מיין פערדויאונג איז שלעכט. דער הזיר־קאָפּ ווירקט אויף מיר ווי אויף דאָס איבעריגע דייטשע פובליקום — איך מוז באַלד דערנאָך עסען אַ ווילי־באַלד־אַלעקסיס־סאַלאַט, וועלכער רייניגט דורך — אָ! דער אונגליקליכער הזיר־קאָפּ מיט דער נאָך אונגליקליכערער זופּ, וועלכע שמעקט נישט גריעכיש, נישט פּערסיש, נאָר ווי טהעע מיט גרינעם זייף — רופט מיר מיין דיקען מיליאָן־נאַר!

קאַפּיטעל XV.

מאַדאַם, איך בעמערק אַ לייכטען וואָלקען פון אומעט אויף אייער שענעם שטערן, און איהר ווייזט מיר אוים צו פרעגען, צי איז עס נישט אונרעכט, וואָס איך בעגעה זיך אויף אַזאַ אופן מיט די נאַראָנים, איך שטעק זיי אויף אַ שפּיז, צעהאַק זיי, בעשמיר זיי מיט שמאַלץ, און פיעל פון זיי שעכט איך זאָגאַר, האָטש איך מוז זיי לאָזען ליגען אונבעערדיהרט, און איצט ווערען זיי צום רויב פאַר די שאַרפע שנאָבלען פון די שפּאַס־פויגעל, ווערענד די אלמנות און יתומים קלאָגען און יאָמערן—

מאַדאַם, אַט אַזוי פיהרט זיך עס בשעת אַ מלחמה! איך וועל אייך שוין איצט דעם גאַנצען סוד אויסזאָגען: איך אַליין בין אפילו נישט פון די קלוגע, נאָר איך בין צוגעשטאַנען צו דער דאָזיגער פּאַרטיי, און זייט 5588 יאָהר פיהרען מיר אַ מלחמה מיט די נאַראָנים. די נאַראָנים האַלטען, אַז מיר בעליידיגען זיי, און זיי פערזיכערען, אַז אין דער וועלט איז פאַרהאַן נאָר איין בעשטימטע מעסטעל קלוגשאַפט, און דאָס דאָזיגע גאַנצע מעסטעל קלוגשאַפט האָבען איצט אַוועקגעגזל'ט די קלוגע, איין גאָט ווייס ווי אַזוי! און עס איז פשוט שרעקליך צו זעהן, ווי אָפט האָט איין און איינציגער מענש פאַר זיך צוגענומען אַזוי פיעל קלוגשאַפט, אַז זיינע ברידער די בירגער און דאָס גאַנצע לאַנד זענען צוליעב איהם אינגאַנצען געוואָרען פערנאַרישט. דאָס איז איין געהיימע סבה פון דער מלחמה, און די מלחמה איז פשוט אויף טויט און אויף לעבען. די קלוגע ווייזען זיך אַרויס, ווי געוועהנליך, אַלס די רוהיגסטע, מעסיגסטע און קליגסטע, זיי זיצען שטאַרק בעפעסטיגט אין זייערע אַלט־אַריסטאָטעלישע ווערק, האָבען פיעל שויך, אויך פיעל מוניציע, וואָרום זיי האָבען דאָך אַליין ערפונדען דעם פולווער, און פון צייט צו צייט וואַרפען זיי גוט־בעוויזענע באָמבעס צווישען זייערע פיינד. נאָר ליידער זענען די דאָזיגע פיינד צו פיעל, און זייער געשריי איז גרויס, און טאָג־טעגליך מאַכען זיי אָן אַ לאַרעם. זייערע מלחמה־ליסטעס זענען אָפט זעהר היטרע צוזאַמענגעשטעלט. איינגע הויפּט־לייט פון דער גרויסער אַרמעע היטען זיך אפילו מודה צו זיין די געהיימע סבה פון דער מלחמה. זיי האָבען געהערט, אַז אַ בעקאַנטער פאַלשער מענש, וועלכער איז אין זיין

פאלשקייט אזוי ווייט דערגאנגען, דאס ער האט ענדליך געשריבען אפילו פאלשע מעמוארען, ד. ה. פושע האט זיך געהאט אויסגעדריקט: די ווערטער זענען געמאכט געווארען כדי צו בעהאלטען אונזערע געדאנקען; און איצט מאכען זיי אן פיעל ווערטער, כדי צו בעהאלטען, אז זיי האבען בכלל נישט קיין געדאנקען, און זיי האלטען לאנגע רעדעס, און שרייבען דיקע ביכער, און הערט מען זיי רעדען, אזוי גלויבען זיי די קוועלע פון די געדאנקען, וועלכע איז נאר אליין אימשטאנד צו מאכען גליקליך, ד. ה. די קלוגשאפט, און זעהט מען זיי, אזוי האבען זיי צו טהון נאר מיט מאטעמאטיק, לאגיק, סטאטיסטיק, מאשינען־פערבעסערונג, בירגערגייסט, שטאהל־פאשע א. א. וו. — און אזוי ווי די מאלפע ווערט אלץ לעכערליכער, וואס מעהר זי ווייזט זיך ארויס ענהליכער צו מענשען, אזוי ווערען אויך יענע נאראנים אלץ לעכערליכער, וואס קליגער זיי פיהרען זיך אויף. אנדערע הויפט־לייט פון דער גרויסער ארמעע זענען אפענהערציגער און זענען מודה, אז זייער קלוגשאפטס־טייל איז גראדע א גאנץ קליינינקער, אז זיי קאנען פיליכט גאר נישט ארויסבעקומען פון דער קלוגשאפט, דערווייל אבער קאנען זיי נישט אנדערש, נאר מוזען פערזיכערען, אז די קלוגשאפט איז זעהר זויער און אין אמת'ן האט זי נישט קיין גרויסען ווערט. דאס איז אפשר אמת, נאר צום אונגליק האבען זיי נישט אפילו אויף אזוי פיעל פערשטאנד, וויפיעל מען דארף האבען כדי דאס צו בעווייזען. דעריבער נעהמען זיי אן אלערליי מיטלען, זיי ענטדעקען אין זיך נייע קרעפטען, זיי ערקלערען, אז אזעלכע מיטלען האבען אויך אזא ווירקונג ווי די קלוגשאפט, און אין געוויסע נויטפאלען — נאך א גרעסערע ווירקונג, צ. ב. דאס געמיט, דער גלויבען, די בעגייסטערונג א. ז. וו., און מיט די דאזיגע סוראגאטען*) פון קלוגשאפט, מיט דער דאזיגער ציבעלעס־קלוגשאפט טרייסטען זיי זיך. מיך אונגליקליכען האבען זיי אבער גאר בעזונדערס פיינד, ווייל זיי פערזיכערען, אז איך בין אמאל געוועזען איינער פון זיי, אז איך בין א בוגד, א איבערלויפער, וועלכער האט צעריסען די הייליגסטע באנדען, און איצט בין איך זאגאר א שפיאן, וועלכער פארשט אויס אין געהיים, וואס זיי, די נאראנים, טהוען אויף,

*) סוראגאט — א זאך, וואס דיענט אנשטאט אַן אַנדער זאך.

כדי נאכדעם אבצולאכען פון זיי פאר מיינע נייע חברים, און איך בין אויך אזוי פיעל נאריש, אז איך זעה אפילו נישט איין, אז די דאזיגע חברים לאכען אין דער זעלבער צייט פון מיר אליין און וועלען מיך קיינמאל נישט האלטען פאר זייער גלייכען — און דערין זענען די נאראנים פאלשטענדיג גערעכט.

עס איז אמת, יענע האלטען מיך נישט פאר זייער גלייכען, און אפט לאכען זיי פון מיר אין די פויסטען. איך ווייס דאס גאנץ גוט, נאר איך מאך זיך נישט וויסענדיג. מיין הארץ בלוטעט דאן אין מיר, און ווען איך בין אליין, רינען דערויף אראב מיינע טרעהרען. איך ווייס דאס זעהר גוט, אז מיין פאזיציע איז אוננאטירליך; אלץ, וואס איך טהו, איז פאר די קלוגע א נארישקייט און פאר די נאראנים א שרעק. זיי האבען מיך פיינד, איך פיהל, ווי אמת עס איז דאס שפריכווארט: „שטיין איז שווער און זאמד איז א לאסט, נאר דער צארן פון נאראנים איז שווערער פון זיי ביידע". און זיי האבען מיך פיינד נישט אונגערעכט. עס איז פאלשטענדיג אמת, אז איך האב צעריסען די היילינגע באנדען, צוליעב גאט און גערעכטיגקייט האב איך געמוזט בלייבען לעבען און שטארבען צווישען נאראנים. און אה! מיר וואלט צווישען די דאזיגע מענשען אזוי גוט געווען! ווען איך וואלט וועלען צוריקקעהרען צו זיי, וואלטען זיי מיך נאך אלץ אויפגענומען מיט אפענע ארעמס. זיי וואלטען מיר אין די אויגען אריינגעקוקט, צי קאנען זיי מיר נישט טהון עפעס א אנגענעהמע זאך. זיי וואלטען מיך יעדען טאג פערבעטען צו'ם טיש, און אין אווענד וואלטען זיי מיך מיטגענומען אין זייערע טהעע־געזעלשאפטען און קלובען, און איך וואלט געקאנט מיט זיי שפיעלען ווהיסט, רויכערן טאבאק, פאליטיזירען, און וואלט איך דערביי געגענעצט, וואלט מען הינטער מיין רוקען געזאגט: וואס פאר א שען געמיט! א נשמה פול גלויבען! — ערלויבט מיר, מאדאם, אבצוגעבען דערפאר א טרעהר פון ריהרונג — אה! און איך וואלט מיט זיי געטרונקען פונש, ביז עס וואלט אנגעקומען די אמת'ע בעגייסטערונג, און דאן וואלטען זיי מיך אין א טראגשטוהל געבראכט צוריק אהיים, מיך בעזארגט מיט מורא, אז איך זאל מיך נישט פערקיהלען, און איינער וואלט מיר שנעל דערלאנגט די פאנטאפעל, דער אנדערער — דעם זיידענעם שלאפראק, דער דריטער — די ווייסע נאכט־מיץ, און זיי וואלטען מיך דאן

געמאַכט פאַר אַ פּראָפעסאָר עקסטראָרדינאַריוס, אָדער פאַר אַ פּרעזידענט פון אַ מיסיאָנערישע געזעלשאַפט, אָדער פאַר אַ אָבער־קאַלקולאַטאָר, אָדער פאַר אַ דירעקטאָר פון רוימישע אויסגראָבונגען, — וואָרום איך וואָלט ווירקליך געוועזען אַ מענש, וועלכען מען קאָן אויסניצען אין אַלע פאַכען, פון זינט אָן איך קאָן זעהר גוט אונטערשיידען די לאַטיינישע דעלינאַציאָנען פון די קאָניוגאַציאָנען, און נעהם נישט אָן אַזוי לייכט ווי אַנדערע מענשען אַ פּרייסישען שטיוועל פון אַ פּאָסטאַליאָן פאַר אַ עטרוסקישע וואַזע. מיין געמיט, מיין גלויבען, מיין בעגייסטערונג וואָלטען נאָך אויסער דעם געקאָנט ווירקען אין די תפלה־שטונדען זעהר פיעל גוטס, און טאַקי פאַר מיר אַליין; היינט מיין גאָר אויסגעצייכענטער פּאָעטישער טאַלענט וואָלט מיר געקאָנט פערשאַפען זעהר פיעל גוטס ביי הויכע געבורטס־טעג און פערלאָבונגען, און עס וואָלט גאָר נישט שלעכט געווען, ווען איך וואָלט אין אַ גרויסען נאַציאָנאַל־עפּאָס בעזונגען די אַלע יענע העלדען, וועגען וועלכע מיר ווייסען גאַנץ בעשטימט, אַז פון זייערע פערפוילטע קערפּער זענען געקראָכען ווערעם, וועלכע האָבען זיך אויסגעגעבען אַלס זייערע יורשים.

אַטייל מענשען, וועלכע זענען נישט קיין געבוירענע נאַראָנים און זענען אַמאָל געווען בעגאַבט מיט קלוגשאַפט, זענען צוליעב אַזעלכע גליקען איבערגעגאַנגען צו די נאַראָנים, לעבען ביי זיי אַנ׳אמת לעבען פון דאַרמאָעדניקעס, די נאַרישקייטען, וואָס צו׳ם אָנהויב האָבען זיי זיך נאָך אַלץ געמוזט שטאַרקען כדי זיי אָנצונעהמען, זענען שוין איצט פאַר זיי געוואָרען די צווייטע נאַטור, יאָ, מען דאַרף זיי שוין נישט מעהר בעטראַכטען אַלס צבועקעס, נאָר אַלס אמת׳ע מאמינים. איינער פון זיי, וואָס אין זיין קאָפּ איז נאָך נישט געוואָרען אינגאַנצען קיין זונען־פינסטערניש, ליעבט מיך זעהר, און נישט לאַנג צוריק, ווען איך בין געוועזען ביי איהם אַליין, האָט ער פערשלאָסען די טהירען און געזאָגט צו מיר מיט אַ ערנסטער שטימע: „אָ נאַר, וואָס דו שפּיעלסט די ראָלע פון אַ קלוגען, און דאָך האָסטו נישט אַזוי פיעל פערשטאַנד, ווי אַ רעקרוט אין זיין מוטערס לייב! צי ווייסטו דען נישט, אַז די גרויסע פון לאַנד דערהויבען נאָר די יעניגע, וועלכע ערנידעריגען זיך אַליין און ריהמען זעהר בלוט בעסער ווי זייער אייגען בלוט. און צום סוף פערדאַרבסטו דאָס מיט די פרומע פון לאַנד! צי דען איז עס

דיר אזוי שווער, צו פערדרעהען די גנאדזועליגע אויגען, אריינצושטעקען די גלויביג-פערלעגטע הענד אין די ארבעל פון ראק, צו לאזען אראבהענגען דעם קאפ ווי א גאטס-שעפסעלע און צו הזר'ען אויסענווענדיג אויסגעלערנטע פסוקים פון דער ביבליע! גלויב מיר, קיין הויך-ערלויכטע פערזאן וועט דיר נישט בעצאהלען פאר דיין גאטלאזיגקייט, די מענער פון ליעבע וועלען דיך פיינד האבען, בערעדען און פערפאלגען, און דו וועסט נישט מאכען קיין קאריערע נישט אין הימעל, נישט אויף דער ערד!“

אה! דאס אלץ איז אמת! נאר איך האב שוין די דאזיגע אונגליקליכע תאוה פאר דער קלוגשאפט! איך ליעב זי, האטש זי בעגליקט מיך נישט מיט געגען-ליעבע. איך גיעב איהר אלץ, און זי פערשאפט מיר גאר נישט. איך קאן זיך פון איהר נישט אברייסען. און אזוי ווי דער יודישער שלמה המלך האט אמאל אין שיר השירים בעזונגען די קריסטליכע קירכע, און גראדע אונטער דעם בילד פון א שווארץ-הנ'ווידיגע, ליעבע-גליהענדע מעדעל, כדי זיינע יודען זאלען דאס נישט בעמערקען: אזוי האב איך אויך אין אונצעהליגע לידער בעזונגען פונקט דעם היפך, דאס הייסט, די קלוגשאפט, און גראדע אונטער דעם בילד פון א ווייסער, קאלטער יונגפרוי, וועלכע ציהט מיך צו און שטויסט מיך אב, אט שמייכעלט זי מיר צו, און באלד בייזערט זי זיך, און ענדליך דרעהט זי זיך גאר איינגאנצען אב פון מיר. דאס דאזיגע געהיימניס פון מיין אונגליקליכער ליעבע, וועלכע איך זאג פאר קיינעם נישט אויס, גיעט אייך, מאדאם, א מאסשטאב צו שעצען מיין נארישקייט, איהר זעהט דערפון ארויס, אז די דאזיגע נארישקייט איז פון א אונגעוועהנליכען סארט, און זי טרעט גרויסארטיג ארויס איבער די געוועהנליכע נארישע טהאטען פון די מענשען. לעזט מיין „ראטקליף“, מיין „אלמאנזאר“, מיין „לירישעס אינטערמעצא“ — קלוגשאפט! קלוגשאפט! קיין זאך אויסער דער קלוגשאפט! — און איהר וועט זיך דערשרעקען איבער די הויכקייט פון מיין נארישקייט. מיט די ווערטער פון אגור, דער זוהן פון יאקע, קאן איך זאגען: „איך בין דער נארישסטער, און מענשען-פערשטאנד איז נישט ביי מיר“. הויך איבער דער לופט הויבט זיך דער אייכען-וואלד, הויך איבער דעם אייכען-וואלד פליהט דער אדלער, הויך איבער דעם אדלער ציהען די וואלקען, הויך איבער די וואלקען בליצען די שטערען — מאדאם,

ווערט עס נישט צו הויך? איז הייסט עס — הויך איבער די שטערען שוועבען די מלאכים, הויך איבער די מלאכים רוהט — גייןן, מאדאם. העכער קאן עס שוין מיין נארישקייט נישט ברענגען. זי האט עס שוין געבראכט גענוג הויך! עס שווינדעלט איהר פאר איהר אייגענער ערהאבענהייט. זי מאכט מיך פאר א ריעז מיט זיעבען-מייל-שטיוועל. צו מיטאג-צייט פיהל איך מיך, ווי איך וואלט געקאנט אויפעסען אלע עלעפאנטען פון הינדאסטאן און מיר אויסשטעכען די צייהן מיט'ן שטראסבורגער מינסטער; אין אבענד ווער איך אזוי סענטימענטאל, אז איך וואלט געקאנט אויסזופען די מילכשטראסע פון הימעל, און אפילו נישט קיין קלעהר טהון דערביי, אז די קליינע פיקס-שטערען קאנען א מענשען בלייבען ליעגען אין מאגען אונפערדויט; און ביינאכט הויבט זיך ערשט אן דער אמת'ער ספעקטאקעל, אין מיין קאפ פערזאמעלט זיך דאן א קאנגרעס פון אלע פעלקער פון דער געגענווארט און פון דער פערגאנגענהייט, עס קומען אשור, מצרים, מדין, פרס, ישראל, פלשתים, פראנקפורט, בבל, קארטאגען, בערלין, רוים, שפארטא, טירקיי, קימעלטירקען — מאדאם, עס וואלט געווארען א צו גרויסע אריכות, ווען איך וואלט אייך געוואלט בעשרייבען די דאזיגע אלע פעלקער, לעזט נאר הארא'דאט'ן, ליוויוס'ן, די הוידע-און ספענערשע צייטונג, קורציוס'ן, קארנעליוס נעפאס'ן, דעם „געזעלשאפטער". איך וועל דערווייל פריהשטיקען, היינטיגען פריהמארגען געדט מיר עפעס נישט אין שרייבען אזוי פרעהליך, איך בעמערק, אז דער ליעבער גאט פערלאזט מיך — מאדאם, איך האב זאגאר מורא, אז איהר האט עס בעמערקט נאך פריהער ווי איך — יא, איך בעמערק, אז די אמת'ע הילף פון גאט איז נאך היינט גארנישט געקומען צו מיר. — מאדאם, איך וויל אנהויבען א נייעם קאפיטעל, און אייך דערצעהלען, ווי איך בין נאך לע גראנ'ס טויט אנגעקומען אין גאדעסבורג.

XVI. קאפיטעל

ווען איך בין אנגעקומען אין גאדעסבורג, האב איך מיך ווידער געזעצט צו די פיס פון מיין שענער פריינדין — און נעבען מיר האט זיך געלעגט איהר ברוינער דאכס-הונד — און מיר ביידע האבען ארויפגעקוקט איהר אין אויג אריין.

הייליגער גאט! אין דעם דאזיגען אויג איז געלעגען די גאנצע שענקייט פון דער ערד און א גאנצער הימעל איבער דעם. מאר גליק וואלט איך געקאנט שטארבען, בשעת איך האב אין יענעם אויג געקוקט, און וואלט איך געשטארבען, אזוי וואלט מיין נשמה אריינגעפלויגען גלייך אין יענעם אויג אריין. א, איך קאן יענעם אויג נישט בעשרייבען! — איך וועל שיקען רופען פון דולהויז א פאעט, וועלכער איז אוים ליעבע משוגע געווארען, כדי ער זאל פון דעם אבגרונד פון שגעון קאנען ארויסבעקומען א בילד, מיט וועלכען איך וועל פערגלייכען יענעם אויג — צווישען אונז גערעדט, בין איך אליין אויך געוועזען גענוג משוגע, אזוי אז איך האב צו אזא געשעפט נישט געדארפט האבען קיין מיטהעלפער. גוט ד—ן!— זאגט דערביי א ענגלענדער,— ווען זי בעטראכט א מענשען אזוי גאנץ רוהיג פון אויבען ביז אונטען, אזוי ווערען ביי איהם צעשמאלצען די קופערנע קנעפ פון פראק און אויך דאס הארץ אינווייניג.— פ—ע!— זאגט א פראנצויז,— זי האט אויגען פון גרעסטען קאליבער, און ווען עס שיעסט ארויס אזא מין דרייסיג-פונטיגער בליק, קראח! אזוי איז מען פערליעבט. דערביי איז געוועזען א אדוואקאט פון מאינץ מיט א רויטען קאפ, האט ער געזאגט: איהרע אויגען זעהען אוים ווי צוויי טאסען שווארצער קאפע— ער האט געוואלט זאגען עפעס זעהר זיסעס, ווארום ער האט שטענדיג געווארפען אונמענשליך-פיעל צוקער אין זיין קאפע— שלעכטע פערגלייכען!

איך און דער ברוינער דאכס-הונד זענען געלעגען שטיל צו די פיס פון דער שענער פרוי, און מיר האבען געקוקט און געהערט. זי איז געזעסען נעבען א אלטען אייז-גרויען סאלדאט— א ריטערליכער געשטאלט מיט קווער-ריצען אויף דעם איינגערונצעלטען שטערען. זיי האבען ביידע גערעדט וועגען די זיבען בערג, וועלכע די שענע אבענד-רויטקייט האט בעשטראהלט, און וועגען דעם בלויען רהיין, וועלכער איז נישט ווייט פערביי געשוואומען גרויס און רוהיג.— וואס זענען אונז אנגעגאנגען די זיבען בערג און די אבענד-רויטקייט און דער בלויער רהיין און די זעגעלווייסע שיפלעך, וועלכע זענען איבער איהם געשוואומען, און די מוזיק, וועלכע האט ארויסגעשאלט פון איין שיפעל, און דער שעפסען-קאפ פון סטודענט, וועלכער האט דערין געזונגען אזוי שמעלצענד און ליעבליך— איך און דער ברוינער דאכס, מיר האבען געקוקט אין דאס אויג פון דער פריינדין

און האָבען בעטראַכט איהר געזיכט, וועלכעס האָט ראָזיג-בלייך אָפּגע-
גלאַנצט פון צווישען די שוואַרצע צעפּ און לאָקען, אַזוי ווי
די לבנה פון די דונקעלע וואָלקען — דאָס זענען געווען הויכע גריכע-
כישע געזיכטס-צוגען, מוטיג-געוועלבטע ליפּען, אַרומגערינגעלט מיט
וועהמוט, גליק און קינדישע לוינע, און ווען זי האָט גערעדט, אַזוי
זענען די ווערטער געווען עטוואָס טיעף, כמעט זיפצענדיג אַרויסגע-
ווייעט און דאָך אומגעדולדיג שנעל אַרויסגעשטויסען — און ווען זי
האָט גערעדט, און איהר רעדען האָט אַזוי ווי אַ וואַרעמער, הייטערער
בלומען-רעגען אַראָבגעטריעפט פון דעם שענעם מויל — אָ! דאַן
האָט זיך געלעגט די אָבענד-רויטקייט איבער מיין נשמה, עס זענען
מיט אַ קלינגענדיגער שפּיעל דורכגעצויגען די ערינערונגען פון דער
קינדהייט, נאָר מעהר ווי אַלץ האָט אין מיר אַזוי ווי גלעקעלעך
אָנגעהויבען קלינגען די שטימע פון דער קליינער וועראָניקע — און
איך האָב אָנגענומען די שענע האַנד פון דער פריינדין, און זי צוגע-
דריקט צו מיינע אויגען, ביז דאָס קלינגען אין מיין נשמה האָט אויפ-
געהערט — און דאַן בין איך אויפגעשפּרונגען און האָב געלאַכט,
און דער דאַכס האָט געבילט, און דער שטערען פון אַלטען געגעראַל
האָט זיך ערנסטער איינגערונצעלט, און איך האָב מיך ווידער גע-
זעצט און ווידער אָנגענומען די שענע האַנד און זי געקושט און
דערצעהלט וועגען דער קליינער וועראָניקע.

קאַפּיטעל XVII.

מאַדאַם, איהר פערלאַנגט, איך זאָל דערצעהלען, ווי די קליי-
נע וועראָניקע האָט אויסגעזעהן. נאָר איך וויל נישט. איהר, מאַדאַם,
קאָנט נישט ווערען געצוואונגען צו לעזען מעהר, ווי איהר ווילט,
און איך ווידער האָב דאָס רעכט, אַז איך דאַרף נאָר שרייבען
דאָס, וואָס איך וויל. איך וויל אָבער איצט דערצעהלען, ווי עס
האָט אויסגעזעהן די שענע האַנד, וועלכע איך האָב געקושט אין
פאָריגען קאַפּיטעל.

קודם כל מוז איך מודה זיין: — איך בין נישט ווערט געווען
צו קושען די דאָזיגע האַנד. דאָס איז געווען אַ שענע האַנד, אַזוי
צאַרט, דורכזיכטיג, גלענצענד, זיס, שמעקעדיג, זאַנפט, ליעבליך —
ווירקליך, איך מוז שיקען אין אַפּטייק אַריין, מיר צו ברענגען פאַר
צוועלף גראָשען ביי-ווערטער.

אויפ'ן מיטעל=פינגער איז געזעסען א רונג מיט א פערל — איך האב נאך קיינמאל נישט געזעהן קיין פערל, וועלכער האט געשפיעלט א טרויעריגערע ראלע — אויפ'ן גאלדפינגער האט זי געטראגען א רונג מיט א בלויען אנטיק — שטונדען=לאנג האב איך דורך איהם שטודירט ארכעאלאגיע — אויפ'ן צייגע=פינגער האט זי געטראגען א דימענט — דאס איז געווען א קמיע; כל זמן איך האב אויף איהם געקוקט, בין איך געווען גליקליך, ווארום וואו ער איז געווען איז דאך אויך געווען דער פינגער מיט זיינע פיער קאלעגען — און מיט אלע פינף פינגער האט זי מיר אפט א קלאפ געטהון איבער'ן מויל. זייטדעם איך בין אויף אזא אופן בעריהרט געווארען, גלויב איך שטייף און פעסט אין מאגנעטיזמוס. נאר זי האט נישט שטארק געשלאגען, און ווען זי האט געשלאגען האב איך עס שטענדיג פערדיענט דורך עפעס א גאטלאזע בעמערקונג, און ווען זי האט מיך געשלאגען, אזוי האט זי גלייך דערויף חרטה געהאט און האט גענומען א קוכען, איהם צעבראכען אויף צווייען, און האט מיר געגעבען איין העלפט און דעם ברוינעם דאכס די אנדערע העלפט, און דאן האט זי געשמייכעלט און געזאגט: „איהר ביידע האט נישט קיין רעליגיאן און וועט נישט גליקליך ווערען, און מען מוז אייך אויף דער וועלט פאשען מיט קוכענס, וויל אין הימעל ווערט פאר אייך קיין טיש נישט געדעקט". בימלעכווייז האט זי אפילו געהאט גערעכט, איך בין דעמאלט געווען זעהר נישט רעליגיעז און האב געלעזען טהאמאס פען, דאס „סיסטעם דע לא נאטיור", דעם „וועסטפעלישען אנצייגער" און שלייערמאכער'ן, און האב מיר געלאזען וואקסען די בארד און דעם פערשטאנד, און האב געוואלט צושטעהן צו די נאציאנאליסטען. נאר ווען די שענע האנד איז מיר אריבערגעפאהרען איבער'ן שטערען, איז מיר דער פערשטאנד געבליבען שטעהן, און זיסע חלומות האבען מיך אנגעפיהלט, און מיר האט זיך געדוכט, אז איך הער ווידער פרומע לידער, און איך האב געקלערט וועגען דער קליינער ווראניקע.

מאדאם, איהר קאנט זיך קוים פארשטעלען, ווי שען די קליינע ווראניקע האט אויסגעזעהן, ווען זי איז געלעגען אין דער קליינינקער טרומנעלע. די ברענענדע ליכט, וועלכע זענען געשטאנען קיילעכדיג ארום און ארום, האבען געווארפען זייער שימער אויף דאס בלייכע שמייכלענדיגע פנימ'על און אויף די רויט=זיידענע רויזעלעך און

רױשענדע גאָלד־פּאַסקעלעך, מיט װעלכע דאָס קעפּעלע און דאָס װײַסע טױטענ־העמדעלע איז געװען פּערציערט — די פֿרומע אורזולע האָט מיך אין אָבענד אַרײַנגעפֿיהרט אין שטילען צימער, און װי איך האָב דערזעהן דעם קלײנעם קערפּער מיט די ליכט און די בּלומען אױסגעשטעלט אױפ'ן טיש, האָב איך צום ערשטען געמײנט, אַז דאָס איז אַ שײן הײליג בּילד פֿון װאַקס; נאָר בּאַלד האָב איך דערקענט דאָס ליעבּע פּנים'ל, און האָב לאַכענדיג געפֿרעגט, פֿאַרװאָס די קלײנע װעראָניקע איז אַזױ שטיל, און אורזולע האָט געזאָגט: דאָס טהוט דער טױדט.

און װי זי האָט געזאָגט: דאָס טהוט דער טױדט— נאָר איך װיל בּעסער הײנט נישט דערצעהלען די מעשה, זי װעט אַרױסקומען צו לאַנג, איך װאָלט אױך פֿריהער געמוזט דערצעהלען װעגען דער לאַהמער װראָנע, װעלכע האָט אַרומגעהינקט אױפ'ן שלאָס־פּלאַץ און איז אַלט געװען דרײ הונדערט יאָהר, און איך װאָלט דערבּײ געקאָנט װערען שטאַרק מעלאַנכאָליש.— מיך האַפּט אָן פּלוצלונג אַ חשק, צו דערצעהלען אַנ'אַנדער מעשה, און די דאָזיגע מעשה איז אַ פֿרעהליכע, און זי פּאַסט אױך אױף דעם אָרט, װאָרום דאָס איז טאַקי אײגענטליך די מעשה, װעלכע האָט געזאָלט דערצעהלט װערען אין דעם דאָזיגען בּוך.

קאַפּיטעל XVIII.

אין דער בּרוסט פֿון דעם ריטער איז נישט געװען קײן זאַך אױסער נאַכט און שמערץ. די שװערד־שטאָכען פֿון דער רכילות האָבּען איהם גוט געטראָפֿען, און װי ער איז אַזױ געגאַנגען איבּער דעם סאַנקט מאַרקוס־פּלאַץ, האָט ער זיך געפֿיהלט, אַזױ װי זײַן האַרץ װאָלט װעלען צעבּראָכען און פֿערבּלוטעט װערען. זײַנע פֿיס האָבּען זיך געשטרױכעלט פֿון מידיגקײט— די אײדעלע חיה איז דעם גאַנצען טאָג געהעצט געװאָרען, און עס איז געװען אַ הײסער זומער־טאָג— דער שװײס איז געלעגען אױף זײַן שטערען, און װען ער איז אַרײַנגעשטיגען אין דאָס שיפֿעל, האָט ער טיעף אַ זיפֿץ געטהון. ער איז געזעסען אָהן געדאַנקען אינ'ם שװאַרצען שיפֿעל, אָהן געדאַנקען האָבּען איהם געשאָקעלט די װײכע װעלען, און האָבּען איהם געטראָגען אױפ'ן גוט־בּעקאַנטען װעג קײן בּרענטאַ—

און ווען ער איז אַרויסגעשטיגען פֿאַר דעם גוט־בעקאַנטען פּאַלאַץ, האָט ער געהערט, אַז סיניאָראַ לווירע איז אין גאָרטען.

זי איז געשטאַנען אָנגעלעהנט אָן דער סטאַטוע פֿון לאַאָקאָאָן, נעבען דעם רויטען ראָזען־בוים ביי׳ם עק פֿון דער טעראַסע, נישט ווייט פֿון די טרויער־ווייַדען, וועלכען בייגען זיך אַראָב וועהמיטיג איבער דעם פערבייציהענדען טייַכעל. דאָ איז זי געשטאַנען שמייכלענדיג, אַ ווייַך בילד פֿון ליעבע, אַרומגעשמעקט פֿון ראָזען. נאָר ער האָט זיך אויפגעהאַפּט אַזוי ווי פֿון אַ שוואַרצען חלום, און ער איז פּלוצלונג ווי פערוואַנדעלט געוואָרען אין מילדקייט און בענקשאַפט. „סיניאָראַ לווירע!״— האָט ער געזאָגט— „איך בין עלענד און בעדריקט פֿון שנאה און נויט און ליגען״— און דאַן האָט ער זיך פערהאַקט, און האָט געשטאַמעלט: „נאָר איך ליעב אייך״— און דאַן האָט זיך אין זיינע אויגען בעוויזען אַ פריידיגע טרעהר, און מיט פייַכטע אויגען און פלאַמענדע ליפּען האָט ער אויסגערופען: „זיי מיינע, מעדעל, און ליעב מיך!״

עס ליעגט אַ געהיימניס־דונקעלער שלייער איבער דער דאָזיגער שטונדע, קיין שטערבליכער ווייס נישט, וואָס סיניאָראַ לווירע האָט געענטפערט, און ווען מען פרעגט וועגען דעם איהר גוטען מלאך אין הימעל, אַזוי פערהילט ער זיך און זיפצט און שווייַגט.

איינזאַם איז נאָך דער ריטער לאַנג געשטאַנען ביי דער סטאַטוע פֿון לאַאָקאָאָן, זיין געזיכט איז געוועזען אויך אַזוי פערצערט און וויַס, בעוואוסטלאָז האָט ער אויסגעריסען אַלע בלעטער פֿון די ראָזען פֿון ראָזענבוים, ער האָט זאָגאַר צעקוועטשט די יונגע שפּראָסעלעך— דער בוים האָט שוין מעהר קיינמאָל נישט געבליהט— אין דער ווייטען האָט געקלאָגט אַ משוגענע נאַכטיגאַל, די טרויער־ווייַדען האָבען זיך געסוד׳עט מיט מורא, פערשטיקט האָבען געמורמעלט די קיהלע וועלען פֿון דער ברענטאַ, די נאַכט איז אַראָבגעקומען מיט איהר לבנה און איהרע שטערען— אַ שענער שטערען, דער שענסטער פֿון אַלע, איז אַראָבגעפאַלען פֿון הימעל.

קאַפּיטעל XIX.

איהר וויינט, מאַדאַם?

אָ, הלואי זאָלען די אויגען, וועלכע פערגיעסען איצט אַזעל־

כע שענע טרעהרען, נאך לאנג בעלייכטען די וועלט מיט זייערע שטראהלען, און א ווארעמע, ליעבע האנד זאל זיי אמאל צודריקען אין דער שטונדע פון טויט! א ווייכע שטערבע-קישען, מאדאם, איז אויך א גוטע זאך אין דער שטונדע פון טויט, און הלואי זאל זי אייך דעמאלט נישט פעהלען; און ווען דער שענער, מידער קאפּ וועט דערויף אנידערפאלען, און די שווארצע לאקען וועלען זיך אראבקוילערען איבער דאס בלייך-ווערענדע געזיכט, א! הלואי זאל אייך גאט דעמאלט בעצאהלען פאר די טרעהרען, וועלכע זענען פאר מיר פערגאסען געווארען— ווארום איך בין אליין דער ריטער, פאר וועלכען איהר האט געוויינט, און איך בין אליין יענער בלאנ-זשענדער ריטער פון ליעבע, דער ריטער פון געפאלענעם שטערן.

איהר וויינט, מאדאם?

אָ, איך קען די דאזיגע טרעהרען! צו וואס זאל איך זיך נאך אלץ פערשטעלען? איהר, מאדאם, זענט דאך אליין טאקי די שענע פרוי, וועלכע האט שוין אין גאדעסבורג אזוי ליעבליך געוויינט, בשעת איך האב דערצעהלט די טרויעריגע לעגענדע פון מיין לעבען— אזוי ווי פערעל איבער ראזען, האבען זיך אראבגעקייקעלט די שענע טרעהרען איבער די שענע באקען— דער דאכס האט גע-שוויגען, דאס אבענד-קלינגען פון „קעניגסווינטער" איז פערשוויגען געווארען, דער רהיין האט געמורמעלט שטילער, די נאכט האט בעדעקט די ערד מיט איהר שווארצען מאנטעל, און איך בין געזעסען צו אייערע פיס, מאדאם, און האב געקוקט אין דער הויך אין אויסגעשטערנטען הימעל — צום ערשטען האב איך געהאלטען אייערע אויגען אויך פאר צוויי שטערען — נאר ווי קאן מען אזעלכע שענע אויגען פערבייטען מיט שטערען? די דאזיגע קאלטע לייכטער פון הימעל קאנען נישט וויינען איבער דעם אונגליק פון א מענשען, וועלכער איז אזוי אונגליקליך, אז ער קאן שוין נישט מעהר וויינען.

און איך האב נאך א בעזונדערע סבה, די דאזיגע אויגען נישט צו פערלייקענען — אין די דאזיגע אויגען וואהנט די נשמה פון דער קליינער ווראניקע.

איך האב אויסגערעכענט, מאדאם, אז איהר זענט געבארען פונקט אין דעם טאג, ווען די קליינע ווראניקע איז געשטארבען. יאהאנע אין אנדערנאך האט מיר פאראויס געזאגט, אז אין גאדעסבורג וועל איך ווידער געפינען די קליינע ווראניקע — און איך האב

אייך גלייך ווידער דערקענט. — דאס איז געווען א שלעכטער איינפאל, מאדאם, וואס איהר זענט דעמאלט געשטארבען, גראדע ווען עס האבען זיך ערשט געדארפט אנהויבען די אמת'ע שפיעלען. פון זינט די פרומע אורזולע האט מיר געזאגט: „דאס טהוט דער טויט“, בין איך אליין און ערנסט ארומגעגאנגען אין דער גרויסער בילדער־גאלעריע, די בילדער האבען מיר שוין נישט געוואלט געפעלען ווערען אזוי גוט ווי פריהער, זיי האבען מיר פלוצלונג אויסגעזעהן ווי פערבלייכט, נאר איין און איינציגס פון זיי איז נאך געבליבען מיט דער גאנצער פארב און גלאנץ — איהר ווייסט, מאדאם, וועלכעס בילד איך מיין:—

דאס איז דער סולטאן און די סולטאנשע פון דעלהי.

דערמאהנט איהר זיך, מאדאם, ווי מיר פלעגען אפט שטעהן פאר דאס דאזיגע בילד גאנצע שטונדען, און די פרומע אורזולע האט אזוי מאדנע געשמייכעלט, ווען די מענשען האבען אויסגעדריקט זייער פערוואונדערונג, אז די געזיכטער אויף יענעם בילד האבען מיט אונזערע געזיכטער אזוי פיעל עהנליכקייט? מאדאם, איך מיין, אז איהר זענט אויף יענעם בילד זעהר גוט ארויס, און עס איז נישט צו פערשטעהן, ווי אזוי דער מאלער האט אייך פארגעשטעלט זאגאר מיט די קליידער, וואס איהר האט דעמאלט געטראגען. מען זאגט, אז ער איז געווען משוגע, און אייער בילד האט זיך איהם געחלומ'ט. אדער זיין נשמה איז אפשר געזעסען אין דער גרויסער, היילינגער מאלפע, וועלכע האט אייך דעמאלט אבגעהיט ווי א ושאקיי? — אויב אזוי מוז ער זיך נאך געוויס דערמאהנען דעם זילבער־גרויען־שלייער, וועלכען ער האט איין מאל בעגאסען מיט רויטען וויין און פערדארבען — איך האב מיך זעהר געפרעהט, וואס איהר האט איהם אויסגעטהון, ער האט אייך נישט בעזונדערס געקליידעט, ווי די איראפעאישע קליידער פאסען פאר פרויענצימער בכלל פיעל בעסער ווי די אינדישע. נאטירליך, שענע פרויען זענען שען אין יעדער ארט קליידער. דערמאהנט איהר זיך, מאדאם, אז איין גאלאנטער בראהמינער — ער האט אויסגעזעהן ווי גאנעזא, דער גאט מיט'ן שנאבעל פון א עלעפאנט, וועלכער רייט אויף א מויז — האט אייך אמאל געמאכט דעם קאמפלימענט, אז די געטליכע מענעקא, ווען זי איז אראבגעגאנגען פון אינדרא'ס גאלדענעם שלאס צו'ם קעניגליכען בעל־תשובה וויסוואמיטרא, איז געוויס נישט געווען שענער, ווי איהר, מאדאם!

איהר דערמאָהנט זיך שוין דאָס נישט? עס זענען קוים פערבייגעגאַנגען 3000 יאָהר זייט מען האָט אייך דאָס געזאָגט, און שענע פרויען זענען דאָך נישט געוואוינט צו פערגעסען אַזוי גיך אַ צאַרטע הניפה, וואָס מען זאָגט זיי.

דערפאַר אָבער זענען פאַר מאַנסלייט די אינדישע קליידער פיעל פאַסענדער ווי די איראָפּעאישע. אָ, מיינע ראָזאַ־רויטע, לאָטאָס־געבלומטע פאַנטאַלאָנען פון דעלהי! ווען איך וואָלט אייך געטראָגען, בשעת איך בין געשטאַנען פאַר סינאָרא לורע און געבעטען ליעבע — וואָלט דאָס פריהעריגע קאַפּיטעל גאָר אַנדערש אויסגעזעהן! נאָר אַה! איך האָב דעמאָלט געטראָגען שטרוי־געלע פאַנטאַלאָנען, וועלכע אַ ניכטערנער חינעזער האָט געוועבט אין נאַנקינג — מיין אונגליק איז דערין אַריינגעוועבט געוואָרען — און איך בין געוואָרען אונגליקליך.

אָפט זיצט אַ יונגער מענש אין אַ קליין דייטש קאַפע־שטיבעל און טרינקט רוהיג זיין גלעזעל קאַפע, און אין ווייטען חינא וואַקסט דערווייל און בליהט זיין אונגליק, און ווערט דאָרט געשפּונען און פערוועבט, און טראָץ דער הויכער חינעזישער מויער ווייס עס ווי צו געפינען זיין וועג צום יונגען מענשען, וועלכער מיינט, אַז דאָס זענען אַ פּאָר נאַנקינגע הויזען און טהוט זיי אָן אָהן זאָרג און ווערט עלענד, אונגליקליך — און, מאַדאַם, אין דער קליינער ברוסט פון אַ מענשען קאָן זיך בעהאַלטען זעהר פיעל אונגליק און זיך דאָרט בעהאַלטען אַזוי גוט, אַז דער אונגליקליכער מענש אַליין פיהלט עס נישט אַ לאַנגע צייט, און ער איז זיך גאַנץ פרעהליך, און טאַנצט לוסטיג און פייפט און טרילערט — לאַלאַראַללאַלאַ, לאַלאַראַללאַלאַ — לאַלאַראַל — לאַ — לאַ — לאַ.

קאַפּיטעל XX.

זי איז געווען ליעבענסווירדיג, און ער האָט
זי געליעבט; נאָר ער איז נישט געווען
ליעבענסווירדיג, און זי האָט איהם נישט
געליעבט.
(אַניאַלט שטיק).

און צוליעב דער דאָזיגער נאַרישער מעשה האָט איהר זיך

גֶעוואָלט דעֶרשיִעסען צוּ'ם טויט?

מאַדאַם, ווען אַ מענש וויל זיך דערשיִעסען צוּ'ם טויט, אַזוי האָט ער שוין שטענדיג דערצוּ פיִעל סבּות פון לאַנג, דערויף קאָנט איהר זיך פערלאָזען. נאָר צי וויִיס ער אַליין די דאָזיגע סבּות, דאָס איז די פראַגע. ביז צוּ'ם לעצטען אויגענבּליק שפיִעלען מיר אַ קאָמעדיע מיט זיך אַליין. מיר פערמאַסקירען אפילו אונזער אונגליק, און בשעת מיר שטאַרבען צוליעב אַ וואונד אין דער ברוסט, בעקלאָגען מיר זיך אויף צעהנוועהטאָג.

מאַדאַם, איהר מוזט אַוודאי וויסען אַ מיטעל קעגען צעהנוועהטאָג?

איך אָבער האָב געהאַט צעהנוועהטאָג אין האַרצען. דאָס איז אַ מיאוס'ע זאַך, און דערצוּ העלפט זעהר גוט דאָס אָנפילען מיט בליי און דאָס צעהנ־פולווער, וואָס בערטהאָלד שוואַרץ האָט ערפינדען.

אַזוי ווי אַ וואָרעם האָט דאָס אונגליק גענאָגט אין מיין האַרצען, און האָט גענאָגט — דער אָרעמער הינעזער איז דערין גאָר נישט שולדיג, איך האָב דאָס דאָזיגע אונגליק מיט זיך מיטגעבראַכט אין דער וועלט אַריין. עס איז שוין מיט מיר אין וויִעגעל געלעגען, און בשעת מיין מוטער האָט מיך געוויִעגט, האָט זי עס אויך מיטגעוויִעגט, און ווען זי האָט מיך אַיינגעזוּנגען צוּ'ם שלאָפען, איז עס מיט מיר אַיינגעשלאָפען, און עס האָט ערוואַכט, ווי באַלד איך האָב נאָר וויעדער די אויגען געעפענט. ווען איך בין גרעסער געוואָרען, איז אויך דאָס אונגליק געוואַקסען, און ענדליך איז דאָס געוואָרען זעהר גרויס, און האָט צעבראָכען מיין —

לאָמיר בעסער רעדען פון עפּעס אַנדערש, פון דעם יונגפרויען־קראַנץ, פון מאַסקענבּעלער, פון פרעהליכקייט און התונה־שמחות — לאַלאַראַלאַלאַ, לאַלאַראַלאַלאַ, לאַלאַראַל — לאַ — לאַ — לאַ.

דער טהעע.

(אַ הומאָרעסקע).

דער אָרט פון דער געשיכטע, וועלכע איך וויל איצט דערצעהלען, זענען די בערג פון לוקאַ.

דערשרעק זיך נישט, דײַטשער לעזער; עס איז דערין נישטאָ קיין פּאָליטיק, נאָר בלויז פילאָזאָפיע, אָדער נאָך מעהר, אַ פילאָזאָפישע מאָראַל, וואָס דו האָסט זעהר ליעב. עס איז ווירקליך זעהר פּאָליטיש פון דײַן זײַט, וואָס דו ווילסט נישט וויסען פון קיין פּאָליטיק, ווארום דערפון וואָלסטו דאָך נאָר געהאַט אונאַנגענעהמהייטען און אומעט. מײַנע גוטע פרײַנד זענען גערעכט, ווען זיי זענען מיט מיר נישט צופריעדען דערפאַר, וואָס איך בעשעפטיג זיך די לעצטע יאָהרען כמעט נאָר מיט פּאָליטיק און האָב זאָגאַר אַרויסגעגעבען פּאָליטישע ביכער. „מיר לעזען אייך אפילו נישט, — האָבען זיי געזאָגט, — נאָר עס האַפט אונז שוין אָן אַ שרעק דערפאַר, וואָס אַזאַ

מין זאַך דרוקט זיך אין דייטשלאַנד, אינ'ם לאַנד פון פילאָזאָפיע און פּאָעזיע. ווילסטו נישט מיט אונז צוזאַמען טרוימען, טאָ הער אונז אַמוועניגסטענס נישט אויף פון זיסען שלאָף. לאָז צורוה די פּאָליטיק, פערבּרענג נישט דערויף דיין שענע צייט, לאָז נישט פערדאָרבּען ווערען דיין שענעם טאַלענט פאַר ליעבּעס־ליעדער, טראַגעדיעס, נאָוועלען, און גיעב אונז דערין דיינע קונסט־מיינונגען אָדער עפּעס אַ גוטע פילאָזאָפישע מאָראַל".

גאַנץ געווים, איך וויל רוהיג אַזוי ווי די אַנדערע זיך אויסציהען אויף אַ טרוימערישע קישען און דערצעהלען מיין געשיכטע. די פילאָזאָפישע מאָראַל, וועלכע די דאָזיגע געשיכטע דאַרף ענטהאַלטען, בּעשטעהט אין דעם זאַץ: אַז טייל מאָל קאָנען מיר ווערען לעכערליך, האָטש מיר אַליין זענען דערין גאָרנישט שולדיג. אייגענטליך וואָלט איך אין דעם דאָזיגען זאַץ געדאַרפט רעדען אין ערשטער פּערזאָן אויף „איך"— נו יאָ, איך וויל דאָס, ליעבּער לעזער, נאָר איך בּעט דיך, לאַך נישט פון מיר פאַר אַ זאַך, וואָס איך בּין אין איהר נישט שולדיג. וואָרום צי דען בּין איך עפּעס שולדיג, וואָס איך האָבּ אַ גוטען געשמאַק, און וואָס גוטער טהעע שמעקט מיר גוט? און איך בּין אַ דאַנקבּאַרער מענש, און ווען איך בּין געווען אין די בּעדער פון לוקאַ, האָבּ איך געלויבּט מיין הויז־ווירט, וועלכער האָט מיר דאָרט געגעבּען אַזאַ גוטען טהעע, ווי איך האָבּ נאָך קיינמאָל נישט געטרונקען.

דאָס דאָזיגע לויבּ־ליעד האָבּ איך זעהר אָפט געלאָזט הערען אויף בּיי לעדי וואולאַן, וועלכע האָט געוואָהנט אין דעם זעלבּען הויז ווי איך, און די דאָזיגע דאַמע האָט זיך דערויף זעהר געוואונדערט, און בּפרט נאָך דערפאַר, ווייל זי, ווי זי האָט זיך געקלאָגט, האָט טראָץ איהרע אַלע בּיטען נישט געקאָנט בּעקומען פון אונזער הויז־ווירט קיין גוטען טהעע, און דעריבּער איז זי געווען געצוואונגען צו לאָזען בּרענגען טהעע פון ליוואָרנאָ מיט אַ בּעזונדערן שטאַפעט.

„דערפאַר אָבּער איז דער דאָזיגער טהעע הימליש!" — האָט זי צוגעגעבּען און האָט געטליך געשמייכעלט.

— מילעדי, — האָבּ איך געענטפערט, — איך ועט זיך, אַז מיין טהעע איז נאָך פיעל בּעסער.

די דאַמען, וועלכע זענען צופעליג געווען דערבּיי, זענען איצט דורך מיר געוואָרען איינגעלאַדען צום טהעע, און זיי האָבּען צו־

געזאָגט צו קומען אויף צו מאָרגענס אום זעקס אוהר אויף יענעם פּרעכטיגען בערגעל, וואו מען קאָן זיצען צוזאַמען אַזוי טרויליך און אַראָבקוקען אין טהאַל.

עס איז אָנגעקומען די שטונדע, דאָס טישעלע איז געווען געדעקט, בוטערבראָטעלעך זענען געווען אָנגעשניטען, דאַמעלעך האָבען זיך מיט פערגניגען געפּלוידערט — נאָר קיין טהעע איז נישטאָ.

עס איז געווען זעקס, עס איז געוואָרען האַלב זיבען, די אָבענד־שאָטען האָבען אַרומגערינגעלט די פיס פון די בערג אַזוי ווי שוואַרצע שלאַנגען, די וועלדער האָבען געשמעקט אַלץ מיט מעהר בענקשאַפט, די פויגעל האָבען געצווישערט אַלץ שטאַרקער — נאָר קיין טהעע איז נישט געווען. די זונען־שטראַהלען האָבען נאָך בעלויכטען נאָר די קעפּ פון די בערג, און איך האָב די דאַמען דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז די זון שיידט אָב זעהר פּאַמעלעך, און מען זעהט, אַז זי פערלאָזט נישט גערן די געזעלשאַפט פון איהרע שוועסטער די זונען.

דאָס איז געווען זעהר גוט געזאָגט — נאָר קיין טהעע איז נישט געקומען.

ענדליך, ענדליך איז מיט אַ זיפצענדיג געזיכט געקומען מיין בעל־הבית און האָט געפרעגט: צי ווילען מיר נישט אַמאָל געניסען מאָרבעט אַנשטאָט טהעע?

— טהעע! טהעע! — האָבען מיר אַלע אויסגערופען איינשטימיג.

— און גראַדע דעם זעלבען — האָב איך צוגעגעבען — וועלכען איך טרינק אַלע טאָג.

— פון דעם זעלבען, עקסעלענצען? דאָס איז נישט מעגליך!

— פאַר וואָס נישט מעגליך? — האָב איך אויסגערופען מיט פערדרוס.

מיין בעל־הבית איז מיר געוואָרען אַלץ מעהר פערלעגענער, ער האָט זיך פערהאַקט, ער האָט געשטאַמעלט; נאָר נאָך אַ לאַנגען שטאַמלען, האָט ער זיך סוף כל סוף מודה געווען — און עס האָט זיך ערקלערט דאָס שרעקליכע רעטעניש.

מיין הערר בעל־הבית, הייסט עס, האָט פערשטאַנען די בעקאַנטע קונץ, וויעדער אָנצופילען מיט זעהר הייסען וואַסער דעם טשייניק, פון וועלכען עס איז שוין געטרונקען געוואָרען, און דער־

טהעע, וועלכער האָט מיר אַזוי גוט געשמעקט, און וועלכען איך האָב אַזוי שטאַרק געלויבט, איז געווען טאַקי דער צוגאָס פון דעם זעלבען טהעע, וואָס מיין שכנ׳טע, לעדי וואולאַן, האָט געלאָזט ברענגען פון ליוואָרנאָ.

די בערג אַרום די וועלדער פון לוקאַ האָבען אַ גאַנץ אונגעוועהנליכען עכאָ, און זיי קאָנען אַ דאַמען־געלעכטער ווידערהאָלען אָהן אַ שיעור מאָל.

געדאנקען און איינפאלען.*)

איבער זיך אליין.

מיין גייסט איז זעהר פריעדליך געשטימט. מיין פערלאנג איז: א בעשיידענער געצעהלט, א שטרוי־דאך, נאר א גוטע בעט, גוטעס עסען, מילך און פוטער זעהר פרישע, פאר'ן פענסטער בלומען, פאר דער טהיר עטליכע שענע בוימער, און אויב דער ליעבער גאט וויל מיך שוין גאר גליקליך מאכען, וועט ער מיך לאזען דערלעבען די שמחה, אז אויף די דאזיגע בוימער זאלען אנ'ערך פון זעקס ביז זיעבען פון מיינע שונאים אויפגעהאנגען ווערען. מיט א געריהרטען הארצען וועל איך זיי פאר זייער טויט מוחל זיין פאר אלע עולות, וועלכע זיי זענען קעגען מיר בעגאנגען אין לעבען —

---

*) די דאזיגע אפאריזמען האט מען אויפגעזאמעלט פון היינע'ס פאפיערען נאך זיין טויט. היינע האט געהאט א געוואהנהייט צו פערשרייבען יעדען גע־דאנקען, וואס איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז ער וועט איהם שפעטער קאנען בעארבייטען, אין דער פארם, ווי ער איז איהם איצט איינגעפאלען. מיר גיבען פון דיעזע אפאריזמען איינינע פון די שענסטע און טיעפסטע.

יאָ, מען מוז אונזערע שונאים מוחל זיין, נאָר נישט פריהער, ביז מען הענגט זיי אויף.

*

איך בין נישט קיין בעל נקמה — איך וואָלט גערן געוואָלט מיינע שונאים ליעב האָבען; נאָר איך קאָן זיי נישט ליעב האָבען, ביז איך האָב מיך אין זיי נישט נוקם געוועזען — ערשט דאַן עפענט זיך פאַר זיי אויף מיין האַרץ. כל זמן מען האָט זיך נישט נוקם געווען, בלייבט נאָך אַלץ איבער אַ ביטערקייט אין האַרצען.

*

גאָט וועט מיר מוחל זיין פאַר די נאַרישקייטען, וועלכע איך האָב איבער איהם געשריעבען, אַזוי ווי איך בין מוחל מיינע געגנער פאַר די נאַרישקייטען, וועלכע זיי האָבען געגען מיר געשריבען, האָטש זיי זענען געשטאַנען גייסטיג טיעף נידעריגער פון מיר, אַזוי ווי איך שטעה פיעל נידעריגער פון דיר, אָ מיין גאָט!

װעגען רעליגיע און פילאזאפיע.

דער געדאַנקען איז די נישט־געזעהענע נאַטור, די נאַטור איז דער געזעהענער געדאַנקען.

*

יודענטום איז— אַריסטאָקראַטיע: איין גאָט האָט בעשאַפען די װעלט און רעגירט איבער איהר; אַלע מענשען זענען זיינע קינדער, נאָר די יודען זענען זיינע געליעבטעסטע און זייער לאַנד איז זיין אויסערװעהלטער טעמפּעל. ער איז אַ מאָנאַרך, די יודען זענען די אַריסטאָקראַטען, און פּאַלעסטינע איז גאָט׳ס מדינה.

קריסטענטום איז — דעמאָקראַטיע: איין גאָט, װעלכער האָט אַליין בעשאַפען און רעגירט, נאָר אַלע מענשען ליעבט ער גלייך און אַלע מדינות בעשיצט ער גלייך. ער איז שוין נישט קיין נאַציאָנאַל־גאָט, נאָר אַ אוניװערסעלער.

*

די יודישע געשיכטע איז שען; נאָר די יונגע יודען שאָדען די אַלטע, װעלכע מען װאָלט געקאָנט שטעלען פיעל העכער װי די גריעכען און די רוימער. איך מיין: װען עס װאָלט שוין מעהר נישט געװען קיין יודען און מען װאָלט געװאוסט, אַז עס געפינט זיך ערגעץ איין עקזעמפּלאַר פון דעם דאָזיגען פאָלק, װאָלט מען הונדערט שטונדען געפאָהרען, אַבי איהם צו זעהן און איהם צו דריקען די הענד —און איצט װייכט מען אונז אויס!

*

די געשיכטע פון די נייערע יודען איז טראַגיש, און שרייבט

מען וועגען דאָס דאָזיגע טראַגישע, אַזוי ווערט מען נאָך אויסגעלאַכט— דאָס איז דאָס טראַגישסטע.

*

זייט גאָר טאָלעראַנט אָדער גאָרנישט, געהט אין אַ גוטען וועג אָדער אין אַ שלעכטען; נאָר כדי צו בלייבען שטעהן וואַרטענדיג אויפ'ן שיידע-וועג, דערצו זענט איהר צו שוואַך — דאָס האָט אפילו קיין הערקולעס נישט געקאָנט, און ער האָט זיך אין גיכען געמוזט בעשליסען, אין וועלכען וועג צו געהן.

*

דער טויפ-צעטעל איז דער אַריינגאַנגס-בילעט צו דער איראָ-פעאישער ליטעראַטור.

*

איך ליעב זיי (די יודען) פערזענליך.

*

די יודען, ווען זיי זענען גוט, זענען זיי בעסער ווי די קריסטען, ווען זיי זענען שלעכט, זענען זיי ערגער ווי די קריסטען.

*

פאַר דעם פאַרצעלאַן, וואָס די יודען האָבען אַמאָל געמוזט קויפען אין זאַקסען, בעקומען איצט די, וועלכע האָבען דאָס בעהאַלטען, בעצאָהלט דעם הונדערט-פאַכסטען פרייז. — ענדליך וועט ישראל פאַר זיינע קרבנות בעצאָהלט ווערען דורך דעם, וואָס די גאַנצע וועלט וועט איהם אַנערקענען, דורך רוהם און גרויסקייט.

*

איז שוין די מיסיע פון די יודען געענדיגט? איך מיין: דאס וועט זיין ערשט ווען דער וועלטליכער ערלעזער וועט קומען: אינדוסטריע, ארבייט, פרייד. דער וועלטליכער ערלעזער קומט אויף א אייזענבאהן, מיכעל טרעט אויס פאר איהם א וועג, רויזען ווערען אויסגעשפרייט פון זיינעטוועגען.

*

וויפיעל האט שוין גאט געטהון, כדי אויסצוהיילען דאס שלעכטס פון דער וועלט! אין משה'ס צייט האט ער געטהון וואונדער איבער וואונדער, שפעטער האט ער אין דער געשטאלט פון קריסטוס זיך געלאזט זאגאר שמייסען און קרייציגען, ענדליך האט ער אין דער געשטאלט פון אנפאנטען געטהון דאס אונגעהויערסטע, כדי צו רעטען די וועלט: ער האט זיך געמאכט לעכערליך — נאר אומזיסט! נאר סוף כל סוף וועט איהם פיליכט אנהאפען דער שגעון פון פערצווייפלונג, און ער וועט צעקלאפען זיין קאפ אן דער וועלט, און ער און די וועלט וועלען צעטרימערט ווערען.

*

די פילאזאפען האבען אין זייער קאמפף קעגען דער רעליגיאן צעשטערט די היידנישע רעליגיאן, נאר א נייע, די קריסטליכע רעליגיאן, איז אויפגעקומען. אויך מיט דער דאזיגער איז מען שוין באלד פערטיג, נאר עס וועט געוויס אנקומען א נייע, און די פילאזאפען וועלען ווידער האבען א נייע ארבייט, נאר ווידער טאקי אומזיסט: די וועלט איז א גרויסע שטאהל פון בהמות, וועלכע עס איז נישט אזוי לייכט אויסצורייניגען, ווייל בשעת מען קעהרט אויס בלייבען דערין די אקסען און מאכען כסדר אן נייע מיסט.

*

אין דונקעלע צייטען זענען די פעלקער צום בעסטען געפיהרט געווארען דורך די רעליגיאן, אזוי ווי אין א שטאק-פינסטערע נאכט איז א בלינדער אונזער בעסטער וועג-ווייזער; ער קען דעמאלט די

וועגען און שטעגען בעסער ווי אַ זעהענדיגער. — עס איז אָבער נאַריש, ווי באַלד עס ווערט נאָר טאָג, נאָך אַלץ צו בענוצען די אַלטע וועג־ווייזער.

*

צי איז אין דער היסטאָריע אויך דאָ טאָג און נאַכט, אַזוי ווי אין דער נאַטור.? מיט'ן דריטען יאָהרהונדערט פון קריסטענטום הויבט זיך אָן די דונקעלהייט, אומעטיגע אָבענד־רויטקייט פון די געאָפּלאַטאָניקער, דאָס מיטעלאַלטער איז געווען אַ דיקע נאַכט, איצט שטייגט אַרויף דאָס פריהמאָרגען־ליכט — איך גריס דיך, פעבוס אַפּאָלאָ! וואָס פאַר אַ טרוימען זענען געווען אין יענער נאַכט, וועלכע רוהות, וועלכע נאַכט־וואַנדערער, וואָס פאַר אַ גאַסען־לאַרעם, מער־דערייען און רציחות — איך וועל וועגען דעם דערצעהלען.

*

איך זעה קלאָר די וואונדער פון דער פערגאַנגענהייט. אַ שלייער ליעגט אויף דער צוקונפט, נאָר דער דאָזיגער שלייער איז אַ ראָזען־פאַרביגער, און דורך איהם שימערען גאָלדענע זיילען און ציערונגען און עס קלינגט זיעס.

ווענען קונסט און ליטעראטור.

אַ בוך מוז אויסשטעהן זיין צייט, אַזוי ווי אַ קינד. אַלע ביכער, וועלכע ווערען שנעל געשריבען אין וועניג וואָכען, ערוועקען אין מיר אַ געוויסען שלעכטען געפיהל קעגען זייער פערפאַסער; אַ אָרענטליכע פרוי ברענגט נישט איהר קינד אויף דער וועלט פאַר דעם נייַנטען מאָנאַט.

*

אין דער קונסט איז די פאָרם אַלץ, דער שטאָף איז גאָרנישט. שטויב בערעכענט פאַר'ן פראַק, וועלכען ער נעהט אויף נישט מיט זיין טוך, דעם זעלבען פרייז, ווי פאַר אַ פראַק מיט זיין איינענעם טוך. ער הייסט זיך נאָר בעצאָהלען פאַר די פאָרם און דעם שטאָף שענקט ער.

*

אַ סקולפטאָר, וועלכער שניצט גלייכצייטיג אויס אַ אַ בילד פון נאַפּאָלעאָן אַ אַ בילד פון וועלינגטאָן, קומט מיר פאָר אַזוי ווי אַ פריעסטער, וועלכער וויל אום צעהן אוהר פרעדיגען אין אַ קירכע און אום צוועלף אוהר דאַווענען פאַר'ן עמוד אין אַ שוהל — פאַרוואָס נישט? ער קאָן דאָס; נאָר וואו דאָס טרעפט, וועט מען אין גיכען אויפהערען צו בעזוכען אַ די קירכע, אַ די שוהל.

פאַר פאָעטען איז עס נאָך שווערער ווי פאַר סקולפטאָרען צו רעדען מיט צוויי שפּראַכען — אַה! דאָס רוב פון זיי קאָנען קוים איין שפּראַך רעדען.

*

מען לויבט דעם דראַמאַטישען פּאָעט, וועלכער פערשטעהט אַרויסצורופען טרעהרען. — אַזאַ טאַלענט האָט אויך די ערגסטע ציבעלע, מיט דער דאָזיגער ציבעלע טיילט זיך אַזאַ מין דראַמאַטישער פּאָעט מיט זיין רוהם.

*

דאָס טעאַטער איז נישט גינסטיג פאַר פּאָעטען.

*

אַזוי ווי בכלל קוקט יעדער מענש אויף אַ בעשטימטע זאַך אויף אַנאַנדער אופן, אַזוי זעהט אויך יעדער מענש אין אַ בעשטימטען בוך עפּעס אַנדערש ווי אַ צווייטער. דעריבער מוז אויך דער איבערזעצער זיין אַ גייסטיג־בעגאַבטער מענש, וואָרום ער מוז זעהן אין בוך דאָס וויכטיגסטע און בעסטע, כדי ער זאָל דאָס קאָנען איבערגעבען. דעם פערשטאַנד פון וואָרט, דעם קערפּערליכען זינען קאָן איבערזעצען יעדער, וועלכער האָט געלערנט אַ גראַמאַטיק און זיך פערשאַפט אַ ווערטער־בוך. נאָר נישט יעדער קאָן איבערזעצען דעם גייסט פון אַ בוך.

וועגען מלוכה און געזעלשאפט.

די געזעלשאפט איז שטענדיג רעפובליק — די איינצעלנע שטרע־בען שטענדיג ארויס בעזונדער און דער כלל שטויסט זיי צוריק.

*

דאס אייל, וואס ווערט געגאסען אויף די קעפ פון די קעניגען, צי שטילט עס די געדאנקען־שטורמען?

*

דיענער, וועלכע האבען נישט קיין הערן, זענען נאך דערי־בער נישט קיין פרייע מענשען — דאס דיענען ליעגט אין זייער נשמה.

*

דער דייטשער איז גלייך צו א שקלאוו, וועלכער פאלגט זיין הערן אהן קייטען, אהן א בייטש, נאר בלויז דורך א ווארט, יא אפילו דורך א בליק. די קנעכטשאפט איז אין איהם אליין, אין זיין נשמה; ערגער ווי די מאטעריעלע שקלאווערייַ איז די גייסטיגע. מען מוז די דייטשען פון אינוועניג בעפרייען, פון אויסענווענדיג העלפט עס גאר נישט.

*

די דייטשען ארבייטען איצט אויסצובילדען זייער נאציאנא־ליטעט, נאר זיי האבען זיך דערצו גענומען צו שפעט. ווען זיי וועלען דאס שוין פערטיג מאכען, וועט דער גייסט פון נאציאנאליטעט שוין האבען אויפגעהערט אויף דער וועלט, און די דייטשען וועלען אויך זייער נאציאנאליטעט מוזען פערלאזען, נישט ארויסציהענדיג דערפון קיינע נוצען, אזוי ווי די פראנצויזען אדער בריטען.

*

* * האָט ניִשט ליִעב די יודען. ווען איך האָב איהם איין מאָל געפרעגט וועגען דעם, האָט ער מיר געענטפערט: „זיי ווענען שלעכט אָהן גראַציע, ערוועקען מורא קעגען די שלעכטקייט און ברענגען מיר מעהר שאָדען ווי נוצען".

*

אויך ראָטשילד וואָלט געקאָנט בויען אַ וואַלהאַלאַ*) — אַ פאַנטעהאָן**) פון אַלע פירשטען, וועלכע האָבען ביי איהם געלד געבאָרגט.

*

די הויפט־אַרמעע פון ראָטשילד'ס שונאים בעשטעהט פון די אַלע, וועלכע האָבען גאָר ניִשט; זיי אַלע טראַכטען: וואָס מיר האָבען ניִשט, האָט ראָטשילד. צו זיי קומט נאָך צו די מאַסע פון די יענינגע, וועלכע פערליערען זייער פערמעגען; אַנשטאָט צו פערשטעהן, אַז זיי האָבען דאָס פערלאָרען צוליעב זייער נאַרישקייט, מיינען זיי, אַז דערין איז שולדיג די היטרעקייט פון די, וועלכע האַלטען יאָ איין זייער פערמעגען. קוים האָט עמיצער שוין מעהר קיין געלד ניִשט, אַזוי ווערט ער ראָטשילד'ס אַ שונא.

*

דער קאָמוניסט, וועלכער האָט מיט ראָטשילד'ן געוואָלט צע־טיילען זיך מיט זיינע 300 מיליאָנען; ראָטשילד האָט איהם אָב־געשיקט די ניין סו, וואָס קומען אויס אויף זיין חלק — „און איצט לאָז מיך צורוה!"

---

*) אַ גן־עדן בעשטימט פאַר העלדען.

**) אַ פאַלאַץ פאַר גרויסע לייט.

*

נאָך די פּעטע קיה, קומען די מאָגערע, נאָך די מאָגערע בלייבט מען אינגאַנצען אָהן פלייש.

*

איך וויל נביאות זאָגען: איין מאָל אום ווינטער וועט איהר דערלעבען אַ רעוואָלוציע, וועלכע וועט זיין שרעקליכער ווי אַלע פריהעריגע! ווען דאָס בלוט רינט אין שנעע!

*

די אַלטע לעגענדע וועגען די דריי ברידער ווערט מקוים. איינער לויפט הונדערט מייל אין איין שטונדע, דער אַנדערער זעהט אויף הונדערט מייל וויים, דער דריטער שיעסט אויף הונדערט מייל וויים, דער פיערטער בלאָזט אַוועק גאַנצע אַרמעען — אייזענבאַהן, טעלעסקאָפּ, האַרמאַטען, פּולווער אָדער די פּרעסע.

*

וואָס געהגטער די מענשען זענען געשטאַנען ביי נאַפּאָלעאָן, אַלץ מעהר האָבען זיי איהם בעוואונדערט — ביי אַנדערע העלדען טרעפט עס פּונקט פערקעהרט.

*

נאַפּאָלעאָן איז נישט געוועזען פון דעם זעלבען האָלץ, פון וועלכען עס ווערען געמאַכט די קעניגען — ער איז געוועזען פון יענעם מאַרמאָר, פון וועלכען מען מאַכט געטער.

ווענען מלוכה און געזעלשאַפט.

*

זיי האָבען איהם געזידעלט, גאָר דאָך שטענדיג מיט אַ גע־וויסען רעספּעקט — בשעת זיי האָבען מיט דער רעכטער האַנד אויף איהם געוואָרפען שמוץ, האָבען זיי אין דער לינקער געהאַלטען דעם הוט.

*

מען ווייס נישט, פאַר וואָס אונזערע פירשטען ווערען אַזוי אַלט — זיי האָבען מורא צו שטאַרבען, זיי האָבען מורא, טאָמער וועלען זיי אויף יענער וועלט זיך ווידער טרעפען מיט נאַפּאָלעאָן.

*

דאָס פאָלק פון פּאַריז האָט בעפרייט די וועלט, און האָט דערפאַר אפילו קיין טרינק־געלד נישט אָנגענומען.

*

דאָס יונגע דיענסט־מעדעל זאָגט: „דער העררר מוז זיין זעהר רייך, ווייל ער איז זעהר מיאוס". דאָס פּובליקום זאָגט זיך אויך אַרוים אויף דעם זעלבען אופן: „דער דאָזיגער מענש מוז זיין זעהר געלעהרט, ווייל ער איז זעהר לאַנגווייליג". דערפון נעהמט זיך דער ערפאָלג פון פיעל דייטשען אין פּאַריז.

———

וועגן פרויען, ליעבע און הייראט.

וואו עס הערט אויף די פרוי, הויבט זיך אן דער שלעכטער מענש.

*

אין דער יוגענד איז די ליעבע שטורמישער, נאר נישט אזוי שטארק, נישט אזוי מעכטיג ווי שפעטער. אויך איז זי אין דער יוגענד נישט אזוי דויערהאפט, ווייל דער קערפער ליעבט אויך, ער פערלאנגט קערפערליכע אויסדרוקען פון דער ליעבע, און ער גיעט איבער דער נשמה דעם גאנצען שטורעם פון זיין בלוט, זיין גאנצע קראפט. שפעטער, ווען דאס דאזיגע הערט אויף, ווען דאס בלוט פליעסט שוין פאמעלעכער אין די אדערען, ווען דער קערפער איז שוין מעהר נישט פערליעבט, ליעבט די נשמה גאר אליין, די אונשטערבליכע נשמה, און אזוי ווי די נשמה איז א עביגע, אזוי ווי זי איז נישט אזוי שוואך ווי דער קערפער, דעריבער האט זי זיך צייט, און זי ליעבט שוין נישט מעהר אזוי שטורמיש, נאר דערפאר דויערהאפטער, נאך אבגרונד-טיעפער, נאך איבער-מענשליכער.

*

אז קסאנטיפעס מאן איז געווארען אזא גרויסער פילאזאף, איז מערקווירדיג. א מענש זאל נאך קאנען דענקען טראץ אלע מחלוקת'ן! נאר שרייבען האט ער נישט געקאנט, דאס איז שוין געווען אונמעגליך: סאקראטעס האט נישט איבערגעלאזט קיין איינציג בוך.

*

וויפיעל העכער שטעהט די פרוי ביי משה, ווי ביי אלע אנדערע מזרח-פעלקער, אדער אפילו ווי ביי די מאהמאדאנער נאך ביז היינטיגען טאג! די מאהמאדאנער זאגען בעשטימט, אז די פרוי קומט קיינמאל

ניִשט איִן גן־עדן; מאַהמעד האָט זיי פון דאָרט אויסגעשלאָסען. ציִ האָט ער ניִשט אַמאָל גערעכענט, אַז דער גן־עדן וואָלט קיין גן־עדן ניִשט געווען, ווען יעדער מענש וואָלט דאָרט צוריִק געפונען זיין פרוי?

*

די מוזיק ביים פיִהרען צו דער חופה דערמאָהנט מיִך שטענדיִג אָן דער מוזיק ביי סאָלדאַטען, וועלכע געהען איִן אַ מלחמה.

ז. י. אנכי.

צווישען הימעל און ערד.

פערלאג
„וועלט-ביבליאטעק"
ווארשא
תרס"ט

אִינְהַאלְט.

אליה דער שוחט.

חיים וואלטערמאַן.

מאַניע.

מיט דער וואַנד.

גבריאל.

Типографія „Гацефира“ Панская 40.

אֵליה דֶער שוחֵט.

אויף דעם ברייטען, לאַנגען שליאַך, וועלכער פיהרט פון סלאַוואַטשע קיין טראָקסק, אַראָב אַ הויכען באַרג, אויפן מיטען וועג צווישען די ביידע שטעדט, ליגט זיך אַליין אַ קליין שטעדטעלע זאַמאָסטע. ווינגע גריזע, קרומליבע, אַלטינקע הייזעלעך שטעהען זיך צעוואָרפען איינס פון דעם אַנדערען, און פערטרונקען זענען זיי אין אַזאַ ווילדער עלענקייט, אַז עס כאַפּט אַ רחמנות ביים האַרצען. די ברייטע, לאַנגע פעלדער, וועלכע רינגלען עם אַרום און פערשפרייטען זיך אין גאַנץ וועלט אַריין אַזוי פריי און אָפען, מאַכען דאָס שטעדטעלע נאָך מעהר עלענד און ווילד, מעהר רחמנות׳דיג...

און אין דעם דאָזיגען שטעדטעלע זאַמאָסטע האָט געוואוינט אַ שוחט. זיין נאָמען איז געווען אליהו. ער איז געווען אַ ייד אַ יאָהר דרייסיג. מאָרגע הויך געוואַקסיג און מאָרגע דין, מיט אַ משונה יונגען פנים, פון וועלכען עס האָט אַרויסגעשטעקט אַ שיטער קליין ציגעשע, ווייס-געלבליך בערדיל, מיט גרויסע אַרויס-געשטאַרטשעטע תמ׳עוואַטע אויגען. נעבען ווינקעל פון זיין רעכ-טען זייט מויל איז שטענדיג געלעגען אַ קליינער, ביטערער, אונגעלומפערטער קנייטשיל.

מענשען לעבען דאָך; מען ווערט געבוירען, מען שטאַרבט,— און ווער ווייס, צוליעב וואָס מען ווערט געבוירען און פאַר וואָס מען שטאַרבט?... איין גאָט אין הימעל ווייס, און אפשר ער אויך ניט... מען האָט הנאה צו זעהן, ווי די זון געהט-אויף און פער-געהט אין אַ ליעבען זומערטאָג,— און ווער ווייס, פון וואַנען די הנאה קומט?... מענשען ליעבען דאָך; מען האָט ליעב די אויגען פון שענע פרויען און מען פערהאַסט אַ מיאוס טאַריש פנים, מען האָט ליעב דעם, פיינט יענעם,—און ווער ווייס די סבות פון אַלץ, וואָס קומט פאַר אין לעבען און אין מענשענ׳ס האַרצען? ווער ווייס?... אליהו דעם שוחט האָט מען אין שטעדטיל ניט ליעב געהאַט. פאַר וואָס האָט מען איהם ניט ליעב, האָט קיינער ניט געוואוסט אויף קלאָר.

ער איז געווען ווער אַן אָרענטליכער מענש, אַן אמתער מענש, גרייט צו טאָן יעדערן אַ טובה און אַ גרויסער „אומן“ אין זיין שחיטה. נאָר... „אַ נאַר“ — האָבען אַלע געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף איהם. „און בעסער מיט אַ קלוגען אין גיהנם, איידער מיט אַ נאַר אין גן־עדן“.

אין וואָס איז בעשטאַנען זיין נאַרישקייט, האָט אויך כמעט קיינער ניט געוואוסט אויף קלאָר. אָט אַזוי ווי ער אַליין, וועלכער האָט אָפט געקלערט וועגען דעם, וואָס דאָס שטעדטיל האָט איהם ניט ליעב, האָלט איהם פאַר אַ נאַר און האָט אויך ניט געוואוסט פאַר וואָס און פאַר ווען.

— וואָס איז דאָ פאַראַן אַ סך וואָס צו שמועסען — פלעגט בעריל דער קצב, אַ הויכער, אַ מגושמ׳דיגער יוד מיט אַ ווילדען אַרומגעוואַקסענעם שוואַרצען פנים, אויסשריינן פעסדיג מיט זיין מגושמ׳דיגער שטים, ווען מען פלעגט רעדען וועגען אליה דעם שוחט — אַ נאַר און אַ סוף מיט די בעבעלעס!

און עפּיס טאַקי דוקא מיט איהם פלעגען זיך טרעפען מאָדנע מיבות, אַזינע, פון וועלכע דאָס שטעדטיל פלעגט תמיד האָבען וועגען וואָס צו רעדען און פון וואָס צו לאַכען. למשל: נעהמט זיך אליה דער שוחט אויף אַ סורדוק. ער סטאַרעט זיך צו נעהמען די שענסטע סחורה און נעהען נעהט ער דעם סורדוק ביי חיים דעם פאָלדאַט, דעם בעסטען שניידער אין שטעדטיל. וואָרום ליעב האָט ער, אַז אַ בגד זאָל זיין שען און פיין און גוט אָבגענעהט. און דאָך צום סוף קומט אַרויס, אַז אין דעם סורדוק איז אָדער די פאַליע אין איהם אַזוי הויך, אָדער דער קאָלנער אין איהם זיצט אַזוי נידעריג, אַז אַלע קוקען און שמייכלען און המצאה׳ן זיך... אָדער נעהט ער זיך ווען אַן איבער־בגד. דער קאָלנער און די טאַליע אין איהם ליגען זיך שוין יאָ אויף זייערע ערטער ווי עס בעדאַרף צו זיין, זענען אָבער די אַרבעל אַזוי לעכערליך קורץ. און ווען ער נעהט זיך אויף זומער אַ פּאָר גרינגע הויזען, דערצו בעשליסט ער ביי זיך פעסט אויפצונעהען זיך אַ פּאָר גוטע שענע שיך פון אמת׳ען האַמבורג־לעדער, און ער חלומט ביי זיך אין האַרצען, בעהאַלטען פון אַלעמען, ווי אַזוי ער וועט דאָס אַרומגעהן מיט די אַראָבגעלאָזענע הויזען — ער האָט זעהר ליעב געהאַט געהן מיט אַראָבגעלאָזענע הויזען — אויף די שען־אויסגעפּוצטע שיך. ער וועט זיך פיהלען דאַן אַזוי לייכט, אויפ׳ן האַרצען וועט זיין אַזוי פרעהליך, גוט. בין מנחה למעריב אַ גאַנצע וואָך אָדער שבת פאַר מנחה, ווען ער וועט זיך דורכגעהן שפּאַצירען איבער דער

אײן־אײנציגער גאס פֿון זאַמאָסטע, איבער דעם גאַנצען שטעדטיל און נאָך װײַטער, חוץ שטעדטיל אין שליאַך אַרײַן, האָט ער דאַן אַזוי הנאה האָבען פֿון די הױזען מיט די שיך... איז אָבער װען ער מעסט אָן די הױזען, זענען זײ אויף איהם אַזוי קורץ, אַזוי קורץ... און װאָס נאָך? — זאָגט ער דעם גולם, הײם דעם סאָלדאַט:

— אַזוי קורץ!...

שטעלט אויף איהם אַרויס הײם דער סאָלדאַט אַ פּאָר אױנגעלומפּערטע אױגען און מאַכט זיך תמיהאַטע:

— װאָסי, װאָס?... אַ ריסטוקראַט זענט איהר?... איהר זענט דאָך אַ שוסט און טראָגט דאָך שטיװעל...

און אין שטעדטיל, אויף מאָרגען, טראָגען זיך שוין אַרום גלײַכװערטלעך און המציאות מכה איהם אין זײַנע קורצע הױזען. לסוף דערװעדט מען זיך אויך, אין שטעדטיל, צו זײַן בעהאַלטענעם סוד אין האַרצען, אַז איהם האָט זיך געװאָלט טראָגען די הױזען מיט אַראָבגעלאָזענע קאַלאָסען, און מען שמײכעלט, און מען לאַכט פֿון איהם.

און ניט דוקא בנוגע צו זײַנע בגדים פֿלעגט ער האָבען עגמת־נפש — עפּיס אין אַליך, אין אַלע זײַנע מעשים, װאו ער זאָל זיך ניט קעהרען און װענדען. װאָלט ער כאָטש אין גאָר נישט ניט געמישט זיך, װאָלט ער כאָטש זיך ניט מתעסק געװען אין שטעדטיל־זאַכען, פֿלעגט אָבער טרעפֿען, אַז ניט װעלענדיג, ניט װעלענדיג, און ער כאַפּט זיך אַרײַן אין אַ שטעדטילדיגען עסק'ל. אין מתעסק זײַן זיך אין װאָס פֿאַר אַ זאַך דאָס זאָל ניט זײַן פֿלעגט ער תמיד מיט חשק, מיט היטץ און התלהבות. אין שטעדטיל פֿלעגט מען אָנרופֿען אַלע זײַנע עסקים „נאַרישע“, און דער סוף פֿון אַלע זײַנע עסקים איז געװען, אַז תמיד פֿלעגט עפּיס טרעפֿען אַזאַ זאַך, פֿאַר װאָס מען פֿלעגט שרײַען און זידלען איהם. ער אַלײן פֿלעגט טיעף אין האַרצען ניט פֿערשטעהן, װאָס װילען זײ פֿון איהם. װאָס שרײַען זײ? דאַכט זיך, ער איז גערעכט... למשל: אין בית המדרש איז ניטאָ קײן זײגער. איז דאָס דען טאַקי אַ כבוד פֿאַר אַ בית המדרש אָהן אַ זײגער? אמת טאַקי, דאָס שטעדטיל איז זעהר אָרים, אָבער... מען װײס דאָך ניט, אויף װאָס פֿאַר אַ װעלט מען איז, און מען װײס ניט, װען צו שטעלען זיך דאַװנען אין דער פֿריה. און עס איז גלאַט קײן צורה ניט אַ בית המדרש אָהן אַ זײגער. מאַכט ער אַ װאָלבער און צושטעלט די בעלי־בתים

פון שטעדטיל צוקאפיקע אוועק פון יעדערען, און דער חשבון טראגט אויס אזוי, אז אין משך פון א האלבען יאהר וועט שוין אנקלייבען זיך דאס גאנצע געלד. אין טאמער וועט אפילו ניט דערגעהן ביז א רובל אנ'ערך, וועט שוין איהם דער טראקסקער זייגערמייסטער דערבארגען — פארט זאמאסער שוחט! קלייבט ער אליין דעם וואכער אלע פרייטאג ביי טאג און חלומ'ט שוין, ווי ער וועט זיך אין איינעם א גוטען זומער=טאג אין דער פריה אוועק=פאהרען קיין טראקסק קויפען דעם זייגער. אין קריטע, צוואנציג ווייארסט פון זאמאסע, ביי ר' חיים דעם קרעטשמער, מיט וועלכען ער איז בעקאנט, וועט ער פערברענגען א פאר שעה. מען וועט איהם דארטען צונעהמען בכבוד גדול, ווארום ר' חיים דער קרעטשמער איז א גרויסער מוקיר רבנן און אנ'אידעלער מענש. ער וועט זיך מיט איהם דורכשמועסען אביסעל אין וועלט=זאכען און וועט פאהרען ווייטער. און זומער פאהרען אין וועג צווישען א געדיכטען וואלד אדער אין פראנקע און פרייע פעלדער!... מען פאהרט און מען קוקט פאראויס אויף די וועלדער און פעלדער, וועלכע מען פאהרט פארביי... אויפ'ן הארצען קיין עגמת נפש'ן איז ניטא, און מען פאהרט... אין טראקסק וועט ער נעכטיגען. ער וועט זיך דארט דורכשמועסען מיט ישראל דעם זייגערמייסטער, וועלכען ער האט געזעהן אמאל אין זאמאסע און וועלכער הערט זיך פאר א קלוגען יודען. ער וועט ביי איהם ארומפרעגען, וואס הערט זיך אין טראקסק, און וועט זיך אנהערען פון איהם נייעס, דערהערען זיך, וואס עס טוט זיך אויף דער גאנצער וועלט... אויך וועט ער אפשר פערגעהן צום שוחט אין טראקסק. ער וועט זיך עפים גאר אבפרישען מיט דער נסיעה, אבלעבען זיך. ווארום טאקי מען ליגט פערווארפען שטענדיג אויף איין ארט אין דער קליינינקער זאמאסע... און איבערהויפט ער וועט פאהרען... פאהרען... ער וועט פאהרען דורך געדיכטע וועלדער און אפענע, פרייע פעלדער... ער ווערט אינגאנצען צורייצט און צוהיצט, קלערענדיג וועגען דער נסיעה. א פאר וואכען פאר דער נסיעה רעדט ער שוין א סך און מיט היץ מכח זיין פאהרען קיין טראקסק. דינגט זיך שוין מיט די בעלי עגלות און סטארעט זיך, אז די נסיעה זיינע זאל קאסטען וואס וועלוועלער — קהל'שע געלד!.. איז אבער גראד א פאר טעג פאר דער נסיעה, ווען ער געהט אריין אין שול צו מנחה, דערזעהט ער ישראל דעם טראקסקער זייגערמייסטער פאר די אויגען, און ער הערט, ווי יענער זאגט, אז מען דארף גאר ניט פאהרען נאכ'ן זייגער. זאל מען איהם,

נאָר געבען דאָס געלד, וועט ער דעם זייגער אַליין צושיקען מיט וועמען עס איז. ביי איהם אין הארצען רייסט זיך עפּיס אָב, און ער פֿיהלט, ווי זיין פּנים פֿלאַקערט עפּיס משונה. ער סטאַרעט זיך זיין איינגעהאַלטען, זיין רוהיג. געהט צו צו דעם רעדעל מענשען, וועלכע רינגלען אַרום ישׂראל דעם זייגער-מייסטער, גיט איהם אָפּ „שלום" און זאָגט, דאַכט זיך, שטיל, געלאַסען, איינגעהאַלטען:

— פֿונדעסטוועגען איז דאָך דאָס אַ זייגער... מען קאָן נישט מיט אַבי וועמען שיקען איהם. מען דאַרף אַליין פֿאָהרען...

פֿאַלען אָן אויף איהם אַלע מיט אַ כעס און מען שרייט:

— וועה, ווי ער האָט זיך צוקאָכט און צוהיצט... פֿאָהרען ווילט זיך איהם, ווי אַ קליין קינד... איהר ווילט אַרויסוואַרפֿען געלד אין בלאָטע, דינגט אייך אַ פֿוהר, פֿאַר אייערע אייגענע געלד און פֿאָהרט אייך כאָטש קיין האַצעפּלאַץ...

און אויף מאָרגען פֿריה צום דאַווענען, ווען דאָס גאַנצע שטעדטיל קומט זיך צונויף אין שיל, איז ניטאָ קיין סוף פֿון דעם לאַכען און שמייכלען פֿון איהם.

אָדער, מען דערהערט אין שטעדטיל, אַז נעבען זאַמאָסטע, אַ ווייאָרסט צעהן, האָבען יודישע וואַלד-סוחרים געהאַנדעלט אַ וואַלד און האָבען זיך דאָרטען שוין בעזעצט אויסצוהאַקען דעם גע-קויפֿטען וואַלד. קומט אויס ביי איהם, אַז אַזוי ווי פֿון די סוחרים וועט מען דאָך אין שטעדטיל גאָר נישט פֿערדינען, און דעם וואַלד האָבען זיי דאָך געהאַנדעלט ביי דעם זאַמאָסער פּריץ, איז אַ יושר, אַז זיי זאָלען מנדב זיין האָלץ אויף ווינטער פֿאַר דעם בית-המדרש. און ער רעכענט, אַז זיי וועלען עס געווים טון. מען דאַרף מעהר נישט פֿאָהרען צו זיי און בעטען. לעגט ער פֿאַר דעם פּלאַן אין איינעם אַ פֿריה-מאָרגען אין שיל ביים דאַווענען. געפֿינען דאָס אַלע פֿאַר אַ גלייכע זאַך. נו, און פֿאָהרען, פֿער-שטעהט זיך, דאַרף ער פֿאָהרען. וואָרום ווער דען? דער רב זאָל פֿאָהרען — איז דאָך דאָס פֿאַר איהם צו פֿיעל טרחה. נו, בלייבט דאָס אַזוי. חלומ'ט ער שוין ווידער מכה דער נסיעה, מכה ניי'עם הערען, מכה זיינע שמועסען מיט די סוחרים, מכה די אָפֿענע פֿעלדער און די געדיכטע וועלדער... אָבער זאָגט איי-נער אַ סברה, און טאַקי אַט אַ טאָג פֿאַר דער נסיעה, אַז ביי איי-נעם פֿון די סוחרים איז די טעג יאָהרצייט, און ער האָט געהערט אַז ער רעכענט צו קומען קיין זאַמאָסטע אויף יאָהרצייט. רייסט זיך איהם ווידער עפּיס אָב אין הארצען, דער פּנים, פֿיהלט ער,

פֿלאַקערט ווידער משנה, און ער זאָגט, דאַכֿט זיך, ווידער איינגעהאַלטען, געלאַסען:

— דאָס איז דאָך ניט אַ געהיסע זאַך, און טאָמער קומט ער ניט?...

פֿאַלט מען אויף איהם ווידער אָן מיט כעס און געשריי:

— זעה, ווי ער האָט זיך צוקאָכֿט און צוהיצט... פֿאָהרען ווילט זיך איהם ווי אַ קליין קינד...

און בעריל דער קצבֿ, וועלכֿער איז גראָד דערביי אין בית־המדרש, טענה׳ט אויפ׳ן קול:

— וואָס איז דאָ פֿאַראַן אַ סך וואָס צו שמועסען — אַ נאַר איז אַ נאַר, און אַ סוף מיט די בעבעכֿעס!

פֿאַר אַ שוחט אין זאַמאָסטע איז אליהו אָנגעקומען אַ יאָהר דריי נאָך זיין התונה. ער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָהר צוויי און־צוואַנציג. תיכף ווי נאָר ער איז אַריינגעפֿאָהרען אין זאַמאָסטע, האָט ער אָנגעהויבען צו פֿיהלען, אַז איהם לעבט זיך עפּיס ניט ווי עס בעדאַרף צו זיין... שווער... פֿאַר וואָס איז דאָס אַזוי?.. ווער איז אין דעם שולדיג?... ווי קאָן ער עפּיס מאַכֿען, אַז ס׳זאָל זיך איהם לעבען אַנדערש, און אין וואָס בעשטעהט די שווערקייט פֿון זיין לעבען? דאָס אַליין האָט ער אויך קלאָר אַליין אויך ניט געוואוסט. נאָר עפּיס שטענדיג, שטענדיג דריקט איהם אויפ׳ן האַרצען. אין דעם ערשטען האַלב יאָהר פֿון זיין בעזעצען זיך אין זאַמאָסטע, האָט ער שוין בעמערקט, אַז דאָס גאַנצע שטעדטעלע, וואָס איז בעזעצט מיט עמי־הארצים און גראָבע מענשען, האָבען איהם ניט ליעב. זיי יאַכֿמערען זיך נאָך!... און בעריל דער קצבֿ רופֿט איהם אָן אין די אויגען „נאַר"... כאָטש ניט דער רבֿ אַליין האָט זיך משתדל געווען יאָ צו מקרבֿ זיין איהם, האָט געפּרובֿט ריידען גוטעס וועגען איהם און איינרעדען אַלעמען אין שטעדטיל, אַז מען זאָל זיך מיט איהם גוט בעגעהן. נאָר ניט זיינע רייד האָבען וואָס געהאָלפֿען און ניט זיין התקרבֿות האָט איהם געמאַכֿט גרינגער אויפ׳ן האַרצען. עפּיס דעם רבֿ׳ס התקרבֿות צו איהם האָט נאָר נישט געגעבען. האָט איהם נאָר נישט געמאַכֿט בעסער, פֿרעהליכֿער אויפ׳ן האַר־

צען... פאר וואס האט מען איהם ניט ליעב אין שטעדטיל, פאר וואס האלטען איהם אלע פאר א נאר און פאר וואס האט דאס בעריל דער קצב די העזה רופען איהם אין די אויגען נאר? — האט ער ניט געוואוסט, ניט פערשטאנען. און עס פלעגט טרעפען, אז ער פלעגט ווערען ביי זיך שטארק ברוגז און אין כעס אויף אלעמען און פלעגט בשום אופן ניט פערשטעהן, וואס איז דאס אזוינס. ער, וועלכער קאן כמעט אויף אויסווייניג דעם צהר התיבה, וואס ניט נאר א שוחט, אפילו גרויסע קענערס ווייסען איהם אויך ניט אזוי קלאר ווי ער. ער, וועלכער איז אזא פיינער בעל-קריאה, מיט דקדוק... און וועלכער איז בהבינ'ט אין פאליטיק און אין וועלט-זאכען און קאן דורכשמועסען זיך מיט א מענשען אויך און דוקא גאר פיין! וועלכער האט אזוי פיעל מענשען אנגעזעהן, ווען ער איז געוועזן א „זיצער" ביים רבי'ן, איידער ער איז אריינגעפאהרען אין זאמאסטע, און אויך בשעת ער האט זיך געלערנט שחיטה אין דענעבורג. הײנט אזא „אומן" אין דער שחיטה און אין שטעלען א חלף, — איז ער ווי, די שוטים און פראסטע מענשען, ניט געפעלען... זיי יאמערען זיך נאך!... און ער איז אזוי עלענד אין שטעדטיל, אפילו אנ'אמת'ן גוטען פריינד האט ער ניט... הײנט א חוץ דעם וואס מען האט איהם ניט ליעב אין שטעדטיל, וואס מען האלט איהם פאר א נאר — זיין אייגענעם לעבען: זיין חייב די „בריאה משונה" און די אבגעלאזענע. אין שטוב איז שטענדיג ניט ריין, אויף דער נשמה איז שטענדיג ניט גוט און דאס הארץ דריקט, דריקט און שטיקט עפיס... און אט אזוי איז א טאג נאך א טאג געלאפען, א יאהר נאך א יאהר געגאנגען. די בגדים זיינע, וועלכע ער פלעגט זיך אויפנעהען, פלעגען תמיד ארויסרופען ביי אלעמען געשפעט און המצאות, און פאר וואס ער זאל זיך ניט נעהמען זיך מתעסק זיין נאך אלע זיינע קאלבען זיך, היצען זיך, ווערט צום סוף פון דעם גאר ניטש, און מען שרייט נאך אויף איהם און מען וידעלט איהם און מען לאכט פון איהם. דאס ווייב זיינס האט דריי מאל נאכאנאנד טפיל געווען, און דאס קינד, וואס זי האט יא געהאט א לעבעדיגעס צום פיערטען מאל, איז אויך א שלאפינקעס, א קריינקליכעס און שרייט תמיד. און זי אליין פון טאג צו טאג ווערט מיאוס'ער און מיאוס'ער, מעהר אבגעלאזען, און אין שטוב איז ניט אריינצוגעהן פון ניט ריינקייט און פון דעם פערשטיקטען אויר...

און אויפ'ן הארצען דריקט, דריקט, און פון טאג צו טאג אלץ מעהר און מעהר. עס טוט אזוי וועה דאס הארץ, אז עפיס

איסדערצעהלען דאָס האַרץ פֿאַר וועמען עס איז ווילט זיך... ווילט זיך... און עפּיס ווילט זיך איהם, אַז כאַטש אויף אַ ווײַלע, אויף איין ווײַלע, זאָל איהם זײַן לײַכטער און גרינגער אויפֿ'ן האַרצען... איין ווײַלע... נאָר עפּיס ווי אַ בייזער שונא שטעהט הינטער זײַנע פּלײצעס און לאָזט ניט צו צו דעם.

עס פֿלעגט טרעפֿען, ער כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף זומער אין דער פֿריה. דורכ'ן טיר פֿון זײַן פֿינסטערען שלאָף־צימער זעהט ער, ווי די זון צוגיסט זיך דורך די פֿענסטער אין עס־צימער אַרײַן, — זײַן וואוינונג איז בעשטאַנען פֿון צוויי צימערן: אַ עס־צימער און אַ פֿינסטער שלאָף־צימער, — און זי בעלײַכט דאָס צימער מיט אַזאַ קלאָרער, בלישצענדיגער, פֿרישער ליכטיגקײט און מאַכט דאָס צימער אַזוי לעבעדיג און ריין. איהם טוט אַ שלעפּ אין דעם דאָזיגען ליכטיגען, ריינעם צימער. ער טוט זיך אָן, גיסט אָב נעגעל־וואַסער, געהט אַרויס אין עס־צימער און עפֿענט פֿונאַנדער אַ פֿענסטער. זײַן פּנים בעגעגענט אַ שטראָם פֿון אַ ריינעם, פֿרישען פֿעלד־ווינטעלע, און אַ זשוק אַ שוואַרץ גלאַנצענדיגער פֿליהט דורך זשוזשענדיג פֿאַרביי זײַן פּנים. ער שטעקט אַרויס דורכ'ן פֿענסטער זײַן פּנים אין גאַס אַרײַן. דאָס שטעדטעלע שלאָפֿט נאָך. נאָר דאָרט, אויפֿ'ן סוף שטעדטעלע פֿאָהרען זיך פּאַמעליך, ווי
נאָר דאָרט, אויפֿ'ן סוף שטעדטעלע פֿאָהרען זיך פּאַמעליך, ווי
פֿערשלאָפֿענע, אַ פּאָר ציגײַנער. די פֿערד געהען זיך טראָט ביי טראָט, פֿערדרעמעלט, און די רעדער פֿון זייערע וועגען סקריפּען זיך, סקריפּען טרוקען, פֿערשלאָפֿען... זיי פֿאָהרען זיך אַהין, ווײַט, ווײַט אין ברייטען, לאַנגען שליאַך אַרײַן. און אַלץ — דאָס שטעדטעלע, דער שליאַך מיט די ציגײַנער און די פֿרײַע פֿעלדער אַרום, אַלץ ווערט פֿערטרונקען אין קלאָרער, פֿרישער, אָנגעזאַפּט מיט טוי, ליכטיגקײט, און אַ ריח פֿון טוי שמעקט פֿון אַלץ... ער קוקט אַ ווײַלע אין פֿענסטער און אַ שטילע ליכטיגע הנאה הויבט אָן צו וועבען זיך ביי איהם אין האַרצען. ער עפֿענט פֿונאַנדער אַלע פֿענסטער פֿון צימער, געהט צו צום סאַמאָוואַר, שטעלט איהם אָן און וואַשט אויס ריין, זעהר ריין אַ גלאָז מיט אַ מעסל. אַז דער סאַמאָוואַר ווערט פֿאַרטיג, שטעלט ער איהם אַוועק אויפֿ'ן טיש, גיסט אָן אַ גלאָז טיי, נעהמט אַראָב פֿון אַ פּאָליטשקע, אין דער הויך, אין ווינקעל פֿון צימער נעבען טיש, זײַן געליבטען צדה התיבה און זעצט זיך נעבען טיש טרינקען טיי און מעין זײַן אין דעם איינציגען פֿרײַען און קלוגען ביכעל, וואָס ער האָט. און ער הויבט זיך אָן צו פֿיהלען לײַכט, גוט

און גאהודיג... דאס צימער איז פול מיט ריינע, פרישע ליכט, אויפ'ן גאס איז אזוי פריש, און א ווינטעלע מיט ריחות פון זו-מערדיגע פעלדער, בלומען און בוימער, אנגעזאפטיגט מיט טוי, שפיעלט זיך מיט זיין פנים... דער כאמאוואר זידט, קאכט פרעהליך, דאס גלאז איז אזוי ריין, דער טיי אין איהם איז אזוי קלאר, אז זיין פנים שפיגעלט זיך אין איהם ארויס... און דער צהר התיבה איז אזוי שכל'דיג טיעף און גרינג פערשטענדיג... ווארום טאקי: צוויי שוא'ען קאנען ניט קומען אין אנהויב פון א ווארט איינער נאך דעם אנדערן, ווארום ווי אזוי וועט מען עס לייענען?.. בכן מוז קומען א נקודה אונטער איינעם פון די צוויי שוא'ען... אזוי גרינג און שכל'דיג!... און אט אזוי זיצט ער זיך אליין ביים טיש און ביי איהם וועבט זיך, וועבט זיך אין הארצען א הנאה פון דער ליכטיגקייט, פון דעם ריינעם גלאז טיי, פון דעם צהר התיבה, פון דעם לעבען... ער נעהמט ארויס פון קעשענע זיין טאבאק-פושקע, מאכט געלאסען מיט א הרחבה א פאפיראס, צינדט איהם אן, ציהט אין זיך אריין מיט גרויס געשמאק דעם ריח און לאזט איהם ארויס פון מויל שטיל, לאנגזאם און פערקלערט זיך. עס קלערט זיך איהם, אז ער איז א שוחט אין א גרויסער שטאדט, גאר אין א גרויסער, אט אין בלאהאוסטע, למשל... דאס שעכט-הויז איז א הויך שטיבל, אט הי: אין דערנעבען למשל, און אלע אין דער פריה קומט נאך איהם א גוטע בריטשקע, אויף רעסארען, איינגעשפאנט אין א גוטען שע-נעם פערד, נעהמען איהם אין שעכט-הויז. דער וואס קומט נאך איהם, געהט אריין אין שטוב מיט א בכבוד'דיגען ברייטען „גוט-מארגען" און מאכט צו איהם: „נו, ר' אליה, קומט, זייט זיך מטריח, מיר וועלען פאהרען". ער געהט ארויס, זעצט זיך ארויף אין בריטשקע און פאהרט אין שעכט-הויז. און דאס שעכט-הויז איז ווייט, ווייט פון שטאדט... מען פאהרט ארויס פון שטאדט און מען פאהרט דורך פעלדער און וועלדער, איבער בערג מיט געלען פייכטען זאמד, און דורך טאלען, פערוואקסענע מיט פרישען גרינעם גראז, און ער פאהרט דורך די פעלדער און וועלדער, איבער די בערג און טאלען... ער פאהרט... פאהרט...

און דערינען געהט ארויס די שוחט'קע פון דעם פינסטערן שלאף-צימער מיט איהר, ווי תמיד, אנגעשוואלענעם פנים, מיט די קרומע, קעצישע אויגען. דער קאפ איהרער איז בעדעקט מיט ניט א ריינעם הייבל, וועלכער ליגט אויפ'ן קאפ צודרעהט, ניט אויף אנ'ארט, דאס קלייד איז הינטען ניט פערשפיליעט, און א

עמוציג הערט זיך אַרויס. די קאָפּטקע איז נאָר האַלב פֿערשפּילעט, און עס טאַרטשעט אַרויס פֿון איהר אַ בּרודנע, העני־געדיגע נאַרישע בּרוסט... און אידם אויפ'ן האַרצען ווערט עפּיס אַזוי ניט גוט...

— וואַלסט זיך, כאַטש, אָנגעטאָן ווי אַ מענש — ווענדט ער זיך צו איהר מיט האַרץ־ווערטאָג.

— דאַ?... — זינגט זי אידם מיט'ן נאָז האַלב פֿערשלאָ־פֿען — וואָס זאָגסטו?

— דאָס קלייד שלעפּט זיך, ניעראַכע! — מאַכט ער צו איהר מיט כעס.

— זעה, וואָס שרייסטו אַזוי? — שרייט זי אויס מיט אַ וויל־דען פֿערשלאָפֿענעם קול — שאַ, דיר געפֿעלט ניט, דאַרף מען ניט זען, ס'אַרא שרייען!

און אידם ווערט נמאס דאָס לעבען.

און דאַמאָלסט לאָזט ער אַוועק דעם טיש, דעם טיי, דאָס דיינע גלאָז און דעם צהר התיבה, שטעלט זיך אַוועק נעבען פֿענסטער און קוקט אין גאַס אַריין. דאָס שטעדטיל איז שוין וואַך. מלכה די קרעמערקע, אַ הויכע יודענע, וועלכע וואוינט גע־גענאיבער זיין וואוינונג, שטעהט שוין נעבען דער אָפֿענער קראָם, וואָס איז צוזאַמענגעבויט מיט'ן הויז, אין אַ הייביל אויפ'ן קאָפּ, אין אַ פֿערשמאָלצענעם קליידיל אָהן אַ קאָפּטקע, און שיילט קאַר־טאָפֿעל אויף וואַרמעס, און שרייט און שילט אַנב דעם מאַן, וועל־כער איז אין שטוב, פֿאַר וואָס ער האָט געלאָזען חיים'קען, איהר יעקב־יאָהריגען זוהן, אַ הוילינקען, אין איין העמדעלע, אויפ'ן גאַס. צו חיים'קען ווענדעט זי זיך מיט אַ ווייכער גוטער שטימע, אַז ער זאָל אַריין אין שטוב אָנטון זיך. חיים'קע מאַכט זיך ניט הערענדיג און זיצט זיך, אויף די הוילע פּיסלעך איינגעבויגען צום גריינעם גראָז, האַב וואַקסט אַרום דייער שטוב. ער כאַפּט פֿאַר די פֿליגעלעך אַ ווייסינקע, מעהלערדיגע באַבאָטשקע, און, האַבענדיג פּחד פֿאַר איהר אויפֿצוהויבען זי ביז זיין פּנים, האַלט ער זי אויפ'ן גריינעם גראָז און קוקט עטוואָס פּחד'דיג אויף איהר און האָט הנאה, פֿון איהר צאַפּלען זיך... פֿון איינינע הייזער דער־הערט זיך אַ געוויין פֿון קליינע קינדער, וועלכע זענען אויפֿגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט. און אין דער קלאָרער, שטילער, שטע־הענדיגער ליכטיגקייט איז זייער געוויין אַזוי מאָדנע, אַזוי ווילד, אַט ווי דאָס גאַנצע קליינע אָרימע שטעדטעלע אין די בּרייטע,

פרייע פעלדער, וועלכע רינגלען עם ארום. חיים דער שמירער, וועלכער וואוינט נעבען מלכה דער קרעמערקע, שמירט שוין די רעדער פון זיין גרויסען וואגען, אויף וועלכען עס ליגט א גרויסע פאס דיעגעכטס, און קלייבט זיך שוין צו פאהרען מיט די דיעגעכטס אין דארף אריין. פינע דער בלינדער, שאַסע דעם קרעטשמערס איינציגער זוהן, וועלכער איז נאך קינדווייז בלינד געווארען פון דעם וויין, און וועלכען מען האט איהם געבארען פאר א סגולה וועגען, געהט שוין אין בית המדרש אריין. זיינע ביידע הענד זענען בלינד פערשפרייט פאראוים זיך אין לופטען. זיי זוכען פאר איהם דאס ליידיגעס, דאס פוסטעס אין גאטס וועלט. זיינע פיס זענען פונאנדערגערוקט איינס פון דעם אנדערן, און זייערע שווערע, ניט זיכערע טריט טאפען פעסט די ערד, אויף וועלכער ער טרעט. חיים'קע, דערזעהענדיג פינע דעם בלינדען, לאזט אוועק די באבעטשקע און לאפט רייצען זיך מיט פינען:

— פינע, פינע — שרייט ער אויס — א פוהר פאהרט, א פוהר פאהרט.

פינע דערשרעקט זיך און קעהרט זיך אב, ספקות'דיג און שווער, אן א זייט און שרייט מיט זיין ווילדען קול:

— וואו א פוהר? דו ליגסט, דו ליגסט, וואו א פוהר? — גוואלד!!!...

חיים'קע דערשרעקט זיך פאר פינעס ווילדען קול און ענטלויפט אין שטוב אריין. אויפ'ן וועג זאגט איהם א שטיק מוסר די מאמע דערפאר, וואס ער רייצט זיך מיט א בלינדען. צו פינען ווענדעט זי זיך מיט א ווייכען בערוהיגענדען קול:

— געה, געה, ניט שריי. ער ליגט, ער ליגט: ניטא קיין פוהר, געה...

און אליה דער שוחט קוקט און קוקט אין דער וועלט אריין, און אויפ'ן הארצען דריקט עפיס, דריקט, און פערשיעדענע מחשבות בורמלען זיך אין קאפ ביי איהם. אפט אין אזוינע צייטען פלעגט זיך איהם דערמאנען זיינער א חבר פון חדר, וועלכער איז אן אפיקורס געווארען, — עסט טרפות און לייקענט אין אלץ... איהם פלעגט זיך דאמאלסט אזוי קלאר הערען די ווערטער, וועלכע זיין חבר האט איהם אמאל געזאגט. און עפיס גלייך ווי אט, אט הענגט פאר זיינע אויגען זיין חבר'ס שטים. ער זאגט:

— ניטא קיין גאט...

דער גאנצער שטח פון דער ערד ביזן הימעל, און אלץ,

וואָס אין דעם שטח איז פֿאַרהאַן, פֿלעגט עפּיס ווערען אַזוי ווײַס... ווײַס... ווײַס און מטושטש... און אַ גרויסער פּחד פֿלעגט איהם אָנכאַפּען פֿאַר אַלץ, וואָס ער זעהט פֿאַר זיך — פֿאַר דער ערד, הימלען, הײַזער, מענשען... עפּיס אַלץ הענגט אין דער לופֿטען, אַלץ איז ווײַס... ווײַס און מטושטש... און עס איז אַזאַ פּחד!..

ער פֿלעגט זיך אָנכאַפּען בײַם פֿענסטער, גלײַך, ווי ער וואָלט העלען אָנכאַפּען זיך בײַ עפּיס אַ זאַך, וואָס עס האָט עפּיס אַ ממשות, וואָס מען קאָן דאָס אָנטאַפּען, און צו דערפֿיהלען זיך, צי שטעהט ער אויף עפּיס, צי שטעהט ער נאָך נעבען פֿענסטער, צי ניט... און ער פֿלעגט זיך אומקעהרען נאַריש, אומגעלומפּערט פֿערקלערט צום טיש.

און עס פֿלעגט טרעפֿען, אַז ווען ער זיצט אַזוי אומגעלומפּערט פֿערקלערט, פֿלעגט אַרײַנלויפֿען בעריל דער קצב מיט אַ גוואַלד אין שטוב אַרײַן:

— ען!... איך וועל אײַך דאָס ניט שווײַגען! דאָס קאַלב ליגט און שרײַט, און ער זיצט זיך און טרינקט טיי. איך האָב אײַך נעכטען געזאָגט, אַז איהר זאָלט קומען פֿריה פֿאַר'ן דאַווענען קוילענען דאָס קאַלב, צי ניט?! ען! דאָס קאַלב שרײַט, אַז מען קאָן אין שטוב ניט אײַנזיצען.

———

אַרײַנגעהן צו וועמען זיצען, פֿערברענגען פֿלעגט אליה דער שוחט צו קיינעם ניט, מעדר נישט צום רב פֿלעגט ער יאָ קומען זעהן, נאָר אויף אַ קלײנע ווײַלע. ער פֿלעגט אפילו אַרײַן מיט דער מחשבה צו פֿערברענגען, נאָר איהם פֿלעגט עפּיס באַלד ווערען אומעטיג. אויפֿ'ן האַרצען הויבט אָן צו חדיקען וואָס, און ער הויבט זיך אויף און געהט אַוועק. עס פֿלעגט טרעפֿען, אַז נאָכדעם פֿלעגט ער אַ צײַט, אַ צײַט ניט אַרײַן צום רב. אָט אַזוי פֿלעגט זײַן ווינטער. נאָר זומער, ווי עס פֿלעגען זיך נאָר אָנהויבען די הייסע טעג, פֿלעגט ער אַלע שבת־צו־נאַכט קומען צום רב. ווײַל שבת־צו־נאַכט אין די הייסע טעג איז שוין געוועזען אַ חזקה, אַז מען געדט זיך באָדען, און צו באָדען זיך האָט אליה דער שוחט געהאַט אַ משונה'ם חשק, אָט ווי צו פֿאָהרען... איבערהויפּט איז זײַן חשק געוועזען גרויס צו דעם בײַנאַכטיגען באָדען זיך. שוין פֿון פֿרײַטאָג אָן פֿלעגען זײַנע מחשבות זײַן פֿערנומען מיט דעם שבת־צו־נאַכט. עס פֿלעגט איהם עפּיס שרעקען דאָס האַרץ, טאָמער וועט מאָרגען זײַן אַ רעגענדיגער טאָג, אָדער אַנדערע סבות וועלען זיך טרעפֿען, און דאָס

באָדען זיך וועט ווערען צושטערט. אויף מאָרגען, שבת, פלעגט ער אַ גאַנצען טאָג זיין צוהיצט און צוריצט, וואַרטענדיג אויף דער מינוט, ווען מען וועט שוין אַוועקגעהן באָדען זיך. אין שטעדטיל האָבען אַלע געוואוסט פון זיין דאָזיגער תאוה און מען פלעגט לאַכען פון איהם דערפאַר און המצאה'ען זיך איבער איהם. ער פלעגט זיך סטאַרען בעהאַלטען זיין תאוה טיעף, טיעף אין האַרצען פון אַלעמען, זעהן זיין איינגעהאַלטען, רעדען מכה דעם באָדען זיך שטיל, רוהיג, נאָר דאָך עפּיס האָבען אַלע געלאַכט פון זיין חשק צו באָדען זיך. אָבזאָגען זיך אינגאַנצען פון דעם באָדען זיך האָט ער ניט געקאָנט. עס שלעפּט איהם.

און באַלד נאָך מעריב, תיכף ווי ער פלעגט אָבמאַכען אין דער היים אויף אַ גלאָז מילך הבדלה, פלעגט ער קומען צום רב. ביים רב איז שוין דער סאַמאָוואר זידענדיג געשטאַנען אויפ'ן טיש. און אַבּאַ דער מלמד מיט מאָטע דעם קרעמערס זונגען איידעם זיצען שוין ביים טיש און אָנגעגאָסענע גלעזער טיי נעבען זיי. ער פלעגט זיך אויך אַוועקזעצען נעבען טיש. די פענסטער פון צימער זענען אָפען, און די זומער־נאַכט, וועלכע שוועבט אויפ'ן שטעדטעלע און אויף די פעלדער אַרום איהר, ווילט זיך אַריינשוועבען דורך די אָפענע פענסטער אויך אין צימער אַריין... דער רב גערט אַרום אַהין און צוריק, צונויפלעגענדיג דעם טלית, וועלכען מען האָט אום שבת ניט געטאָרט צונויפלעגען, און זינגט אויפ'ן קול היימליך „ויתן לך". מאָטע דעם קרעמערס איידעם העלפט איהם אונטערברומלענדיג. די רביצען, גאוה'דיג, נאָך אין שבת'דיגען צעפּטשיק, גיסט אָן טיי פאַר'ן רב, פאַר'ן שוחט, פאַר זיך. אַ צומישונג פון אַלערליי גרינגע רייצענדיגע ריחות, איינגעוויקעלט אין דער נאַכטיגער שטילקייט, בלאָזען זיך דורך די פענסטער אין שטוב אַריין און גלעטען און פאַרשכור'ן דאָס האַרץ, דעם מח... עס הערט זיך פון גאַס, ווי דאָס שטעדטיל לויפט צום ברונען, וועלכער איז געוועזען נעבען רב'ס הויז, כאַפּען וואַסער פון מרים'ס קוואַל, וואָס שבת־צו־נאַכט נאָך הבדלה קייקעלט ער זיך דורך איבער אַלע ברונעמער פון דער גאַנצער וועלט... עס הערט זיך, ווי עס ווערען פאַרשוואונדען אין דער שטומער זומערנאַכט האַלבע ווערטער. האַלבע געלעכטערס, וועלכע קומען פאַר צווישען די שעפּער וואַסער, און דער אָצעפּ סקריפּעט אַזוי זומערדיג... און אליה דעם שוחט'ס פּנים איז משונה, מעהר ווי אַלע מאָל, יונג, די אויגען מעהר, ווי אַלע מאָל, אַרומגעטאַרמשעט און אינגאַנצען נאַריש צוהיצט און ניט רוהיג, ווי עפּיס אַ מענש, וואָס וואַרט אַזוי אויף אַ בעגעהרטע

זאַך, וואָס מוז פֿאָרקומען, נאָר אײן גאָט אין הימעל ווײס, צי דאָס וועט יאָ, איף אַנ'אמת פֿאָרקומען...

נאָכדעם, אַז מען פֿלעגט אָבטרינקען טיי און אַביסעל אָבקיהלען זיך, פֿלעגט מען אַוועקגעהן באָדען זיך. אין שטעדטעלע איז שיין שטיל, וואו ניט וואו איז נאָך אָפֿען אַ פֿענסטער, וואו ניט וואו זיצט ווער איף אַ פּריזבע נעבען שטוב אין די אונטערשטע ווײסע הויזען און אין אַרבע כנפֿות און דרעמלט. איפֿ'ן גאַנץ שטעדטיל פֿלעגען זיי עפּיס ווי דערזעהן ווייט פֿון זיך צום שליאַך צו אַ פּאָר שאָטענס פֿון מענשען, וועלכע האָבען זיך געשפּילט אַוועק־געהן ווייטער, ווייטער אַהין, אַהין אין שליאַך אַריין. ביי אַלעמען אין מח פֿלעגט הערכלייפֿען, ווי אַ ווינטעלע, אַ מחשבה, אַז אפֿשר איז דאָס שמואל'קע דער שניידער מיט יאַכנע־דאַשע דער בערע־רינס טאָכטער, איף וועלכע מען מורמעלט אין שטעדטיל, און מען פֿלעגט זיך אַוועקגעהן ווייטער. אליה דעם שוחט פֿלעגט אפֿילו די מחשבה ווי אָבשטעלען איף אַנ'אָרט און די שאָטענס פֿלעגען עפּיס ווי אַ שלעפּ טון איהם צו זיך, נאָר ער פֿלעגט אַוועקגעהן מיט אַלעמען גלייך. מען פֿלעגט אַרויסגעהן פֿון שטעדטיל, אַרויפֿגעהן איף דעם פּריצ'ס לאָנקע, איבער וועלכער מען געהט צום טייך.

דעם פּריצ'ס לאָנקע האָט געדאַט פֿון אײן זייט אַ געדיכטען שוואַרצען וואַלד און פֿון דער אַנדער זייט אַ פֿריי אָפֿענעם פֿעלד. די טיעפֿע שטומע זומער־נאַכט פֿלעגט זיין פֿערזונקען אין סודות און מחשבות. דער הימעל איז ריין און טיעף, די לבנה מיט די שטערן קוקען זיך איף גאָט'ס וועלט אַזוי שטיל און נאַאיוו. אַלץ איז פֿערקלערט, אַלץ איז פֿערטראַכט... שטומע, אייביגע שטומע מחשבות נעהמען אַרום די גאַנצע וועלט און ווערען געבוירען אין איהר פֿון רגע צו רגע אַלץ מעהר און מעהר. שטומע, אייביגע שטומע מחשבות טראָגען זיך איבער די גרינע שטילע גראָזען, זענען באַהאַלטען אין דעם געדיכטען וואַלד, זיי הענגען איף יעדען צווייג, צוגעמפּליעט צו יעדען בוים, זענען פֿערשפּרייט און שוועבען איבער די פֿעלדער און די סוד'ען זיך שטום... שטומע, אייביגע שטומע זומער־נאַכטיגע מחשבות!... ווער ווייס, וואָס סוד'ען זיי זיך?.. זומער־נאַכטיגע הימעל און ערד, וועלדער און פֿעלדער, ווער ווייס דיעזע שטומע, אייביגע שטומע מחשבות אין די ליעבע, טיעפֿע האַרצבענקעניש'ע שטומע זומער־נעכט?... ווער ווייס?....

און זיי, דער זאַטאָמער רב, אַבאַ דער מלמד, מאָטע דעם קרעמערס איידעם און אליה דער שוחט בראש געהען זיך איבער דער

לאַנגקע צום טייך צו. זייערע שאָטענס פּויזען זיך איבערן גראָז הינטער זיי. דער ערשטער צום טייך קומט תמיד אליה דער שוחט. ער טוט אַ שטעק די האַנד אין וואַסער אַריין און זאָגט משונה פּרעהליך:

— ועהר תארים...

מען טוט זיך שטיל אויס. מאָטעל דעם קרעמערס איידעם זאָגט זיך דערביי אַ פּאָר גלייכווערטלעך, און מען לאָזט זיך אין טייך אַריין, וואו עס איז פערטרונקען אַ גאַנצעס שטיק הימעל מיט שטערען. אַריינלאָזענדיג זיך אין טייך, טוט זיך דער פערטרונקענער הימעל מיט די שטערען אַביסעל אַ דרעה אין וואַסער אַהין און אַהער, און פיער ווייסע, קלאָרע קערפּער ווערען פערטרונקען אין דעם קלאָרען, אָהן־קאַלירדיגען וואַסער פון טייך. אליה דעם שוחט, פון די ווייסע, קלאָרע קערפּער, וועלכע ווערען פערטרונקען אין דעם קלאָרען וואַסער, פון דעם דרעהען זיך אַהין און אַהער אין וואַסער, דער פערטרונקענער הימעל מיט די שטערען, הויבט אָן אין זיין האַרצען וואָס צו רייצען זיך היימליך און פרעהליך. און ער הויבט אָן שטיפענדיג, ווי אַ קינד, צו ווייזען אַלערליי קונצען אין שווימעריי: אויפ'ן רוקען, אָהן הענד, אַזוי געדרעהט זיך אין וואַסער אויף אַלערליי אופנים... נאָכדעם אַז מען פלעגט אַרויס פון טייך און מען האָט שוין אָנגעטאָן זיך, פלעגען אַלע פעררייכערען צו פּאַפּיראָסען און מען פלעגט געהן אַהיים. געהן פלעגט מען שטיל, לאַנגזאַם, אָט עפּיס גלייך ווי די שטומע, טיעפע מחשבות פון דער נאַכט שלעפּען צו זיך, און עס איז באַנג צו שיידען זיך מיט זיי... נאָר לאַנגזאַמער פון אַלעמען, און פון דערהינטען, איינער אַליין, פלעגט געהן זיך טיעף פערקלערט אליה דער שוחט. עפּיס דאָס האַרץ איז ביי איהם פול, פול. דערצעהלען וועמען ווילט זיך איהם, ציהט איהם וועגען אַ סך, אַ סך מעשות פון זיך... דערצעהלען וואָלט זיך איהם שטאַרק וועלען וועגען דעם, ווי ער האָט אַמאָל, זענענדיג אַ בחור, געלערנט מיט גרויס התמדה... אַז דער מחותן איז געקומען זעהן איהם דאָס ערשטע מאָל, האָט ער איהם אַ גלעט געטאָן פאַר'ן באַק און האָט געזאָגט: „אַ שעהנער בחור"... און אויך דערצעהלען וואָלט זיך איהם וועלען וועגען דעם, וואָס אין דעם ערשטען האַלב יאָהר נאָך זיין חתונה האָט ער זיין ווייב געוואָלט גט'ן דערפאַר, וואָס זי איז אַ מיאוס'ע... אויך וועגען דעם וכו', וואָס ער האָט אַמאָל, זענענדיג אין דענעבורג, גערעדט מיט אַן אַפּיקורס, און וועגען דעם, ווי ער איז ביי זיין פעטער אַלס יתום געווען און איז אַנטלאָפען פון איהם צו פוס

אין הארטקע אין קלויז לערנען... איהם רייסט, איהם רייסט דאס הארץ צו דערצעהלען דאס אלץ, נאר... וועמען?... וועמען?.. און ער גערט זיך הינטער אלעמען איינער אליין שטיל, לאנגזאם. די גראז, אנגעזאפט מיט טוי, בויגט זיך אונטער זיינע פיס. די זשאבעס קוואקצען; וואו ניט וואו טוט א שפרונג א זשאבע פון אונטער זיינע פיס און ווערט צוריק פערשוואונדען אין די גראז. די הימלען און די ערד, די פעלדער און די וועלדער זענען פער־טרונקען אין שטומע, אייביג שטומע מחשבות... און זיין הארץ דריקט און דריקט און איז פול און עס ווילט זיך איהם דערצעהלען כאטש וועמען עס איז אסך מעשות וועגען זיך... אדער איבער־חזר'ן נאך אמאל יענע, יענע, אמאליגע מעשות; לערנען אין קלויז מיט התמדה... גט'ן זיין מיאוסע ווייב... אנטלויפען צו פוס... לויפען איבער בערג און טאלען, איבער וועלדער און ברייטע, פרייע פעלדער...

און צוגעהענדיג צו זיין וואוינונג, פלעגט איהם דריקען דאס הארץ און א פחד פלעגט איהם אננעהמען פאר זיין וואוינונג, פאר זיין ווייב, פאר דעם פינסטערען שלאף־צימער...

אט אזוי האט זיך אליה דעם שוחט שווער געלעבט אויף דער וועלט. און פון טאג צו טאג אלץ שווערער און שווערער. זויך האט שמואל דער גביר פון שטעדטיל אג'אידעם גענומען. א דארינקער, א קליינטשינקער יונגער־מאנטשיק איז ער געווען, און ער פלעגט שטענדיג המצאה'ען זיך. אין זאמאסע האט מען איהם געהאלטען פאר דעם קלינסטען פון גאנץ שטעדטעלע. ער פלעגט לאכען פון אלעמען אין שטעדטיל, נאר דערהויפט האט ער זיך אנגעזעצט אויף איהם, אויף אליה דעם שוחט. ער פלעגט לאכען פון זיינע בגדים, פון זיין תאוה צו פאהרען, פון זיין חשק צו באדען זיך. און לאכען פלעגט ער פון איהם אזוי קיילעכדיג, קלוג, אזוי געלעכטערדיג, אז אלע, הערענדיג זיינע המצאות, פלעגען זיך האלטען ביי די זייטען פון געלעכטער. און פון טאג צו טאג פלעגט ער אלץ מעהר לאכען פון איהם, און אלץ שטארקער און אלץ קלוגער, און אליה דעם שוחט פלעגט פון טאג צו טאג אלץ מעהר דריקען דאס הארץ, מעהר רייסען די נשמה, ער פלעגט אלץ מעהר חלומ'ען וועגען א נסיעה'לע וואוהין עס איז. זיין חבר פון

הדר, דער אפיקורס, פלעגט זיך איהם אלין אפטער דערמאנען, און זיינע ווערטער פלעגען איהם אלין אפטער הערען זיך און הענגען פאר איהם אין אויער פאר די אויגען:

— ניטא קיין גאט...

און אפטער פלעגט דער גאנצער שטח פון דער ערד ביזן הימעל און אלין, וואס אין דעם שטח איז פאראן, עפיס ווערען ווייס... ווייס... ווייס און מטושטש... און א גרויסער פחד פלעגט איהם אנכאפען פאר אלין, וואס ער זעהט פאר זיך: פאר דער ערד, הימלען, הייזער, מענשען... עפיס אלין הענגט אין דער־לופטען, אלין איז ווייס... ווייס און מטושטש... און עס איז אזא פחד!... און כמעט שטענדיג, שטענדיג פלעגט איהם ליגען אין זכרון, ווי ער איז אמאל, אז ער איז א יונגעל געוועזען, אנטלאפען צו־פוס פון זיין פעטער. און נאך אמאל זיין א יונגעל פלעגט איהם רייסען דאס הארץ און נאך אמאל לויפען... לויפען איבער בערג און טאלען, לויפען... לויפען איבער וועלדער און ברייטע, פרייע פעלדער...

און איינמאל איז ער געגאנגען א שבת־צו־נאכט פון בארען זיך, ווי אלע מאל הינטער פון אלעמען. ער איז דאן געוועזען זעהר, זעהר טיעף פערטראכט און דאס הארץ האט איהם זעהר, זעהר שטארק געדריקט, מעהר ווי אלע מאל. און די שלייפען פון קאפ עפיס ווי צושפאלטען זיך ווילען זיי. עס רייסט זיך עפיס פון הארצען, און פלוצלונג האט איהם משונה אקעדור געטאן דער מח נעבען די שלייפען און... דער הימעל איז אויף דער ערד אראבגעפא־לען...

פון דאמאלסט אן האט ער עפיס אויפגעהערט צו געדענקען די טעג פון וואך. אויך ווייס ער ניט, אויף געני, וואו ער געפינט זיך. עס טוט איהם עפיס ווען א ברען שארף דער מח, און עפיס ער לויפט, לויפט האסטיג איבער פעלדער און וועלדער... ער לויפט... אויך זעהט ער שוין ניט פאר זיך, פון דאן אן, ניט שמואל דעם גביר'ס איידעם, ניט זיין מיאוסע ווייב, ניט בעריל דעם קצב, ניט גאנץ זאמאסע מיט איהרע איינוואוינער. און ער פיהלט זיך אזוי פריי... אזוי פריי... אזוי גרינג אויפ'ן הארצען... וואס איז מיט איהם איצט אזוינס? פאר וואס פיהלט ער זיך אזוי פריי? וואו זענען עפיס אלע מיט אמאל פערשוואונדען געווארען פון איהם? קיין סך טראכט ער וועגען דעם ניט, דאס איז איהם אזוי פער־שטענדיג — דער הימעל איז אויף דר'ערד אראבגעפאלען!...

אין עס טרעפט ווען, אַז ער דערהערט פלוצלונג אַ משונה'ם קלאַפּ, דאַכט זיך אים, ווי אַ גרויסער דונער וואָלט אַ קלאַפּ געטאָן, און עפּיס דאַכט זיך אים, אַז ער געפינט זיך אין אַ געדיכטען וואַלד. פאַר זיינע אויגען זעהט ער נאָר בוימער און בוימער, און אַ זומערדיגער שלאַקסרעגען גיסט און גיסט.. . אויך טרעפט ווען, עכּים ער פּיהלט, אַז איהם איז משונה קאַלט, אַזוי קאַלט, אַז די ציינער טרייסלען זיך ביי איהם אין מויל, און ער דערזעהט עפּיס פאַר זיך אַ ווייסע וועלט, דורך איינגעוויקעלט אין שניי, און אומ־בעקאַנטע מענשען געהען אַרום מיט פערפראָרענע פנימ'ער, און עפּיס אַ מחשבה לויפט דורך אין מח: שוין לאַנג, לאַנג אַ חלק אין די הענד ניט געהאַלטען...

1906

חַיִּם װָאלְטֶערְמַאן.

חיים וואָלטערמאַן — אַ בחור אַ יאָהר אַלט און צוואַנציג, אַ הוילליכער, מיט אַ פּנים, וואָס איז בעוואַקסען מיט אַ פּערלאָזענער שוואַרצער באָרד, און וואָס איז תּמיד פערזאָרגט, פערדאגה׳ט, און מיט בלאַסע, קינדערשע כּשר׳ע אויגען — האָט שוין אויף דעם דריטען חודש פון זיין אין ק. אָנגעהויבען צו קלערען וועגען אַוועקפאָהרען פון דער דאָזיגער שטאָדט. אָט אַזוי ווי בשעת ער איז געווען אין ה., איידער ער איז אַוועקגעפאָהרען קיין ק., און ווען ער איז געווען אין א., איידער ער איז אַוועקגעפאָהרען קיין ה., אָט אַזוי איצט אויך האָט ער אָנגעהויבען ניט צופרידען זיין פון דעם מין לעבען, וועלכעס איהם לעבט זיך דאָ. ניט אויף אומזיסט איז ער געפאָהרען קיין ק. און ניט צוליעב אַזוינס האָט ער וואָס צו פערבלייבען דאָ אויף ווייטער.

און ניט צופרידען איז חיים וואָלטערמאַן געווען פון אַלץ, וואָס האָט נאָר אַ שייכות געהאַט צו איהם דאָ אין ק., אויך אפילו פון זיין וואוינונג איז ער געווען ניט צופרידען. זיין צימער איז געווען אַזוי אומעדיג און אַזוי רחמנות׳דיג. זיין פינקטליכע פיערקאַנטיגקייט און זיין נידריגקייט האָט עפּיס געמאַכט אַלץ, וואָס אין איהם געפינט זיך: דאָס בעטיל, דאָס קליינע פיערקאַנטיגע טישעל און די פּאָר שטולען — ווי אַלץ שטעהט ניט אויפ׳ן אָרט, און אַלץ, אַלץ איז ביטער אומעדיג. און די ווענד זיינע מיט די אַלטע וויים־געלע אביצעס זענען עפּיס געווען אַזוי רחמנות׳דיג, אָט כאָטש נעהם און רייס דיין האַרץ און גיב זיי אָב — אַלץ ניט אַזוי ווי עס בעדאַרף צו זיין און אַלץ ניט דאָס, צוליעב וואָס ער איז אַוועקגעפאָהרען פון ה. אַהער קיין ק. און עס האָבען זיך ביי איהם אָנגעהויבען ווידער זיינע איבערלעבונגען, וועלכע זענען איהם אַזוי גוט בעקאַנט געווען פון דער לעצטער צייט.

זיין גאַנצער קערפּער איז עפּיס ווי איינגעדריקט געוואָרען און איינגעקאָרטשעט האָט ער זיך. ביי נאַכט פלעגט ער שלאָ-

פֿען אמרוהיג און משונה נאַרישע חלומות פלעגען איהם פלאַטערן זיך אַ גאַנצע נאַכט. אין דער פריה פלעגט ער אויפשטעהן פֿון שלאָף מיט אַ נאַרישען קאָפּ-ווערהטאָג און מיט אַ פוסטען מה און הארץ. אַזאַ פוסטקייט, פֿאַר וועלכער מענשען שרעקען זיך אַזוי און וועלכע דריקט אַזוי שטאַרק די נשמה... ער פלעגט זיך פיהלען נערוועז, בייז. פֿון זיינע בעקאַנטע פלעגט ער וויכען, פלעגט זיך סטאַרען ניט צו בעגעגענען זיך מיט זיי, אַ גאַנצען טאָג פלעגט ער קיין אָרט ניט געפינען פֿאַר זיך און פלעגט אַרומשלעפּען זיך איינער אַליין אין די גאַסען פֿון ק., וועלכע ער האָט אַזוי ניט ליעב געהאַט. וועלכע האָבען איהם גלייך ווי געיאָגט, געטריבען וואָס גיכער פּטור ווערען פֿון זיי... און אין זיין מח פלעגען פלאָנטענען זיך האַלבע, צוריסענע, ווילדע מחשבות וועגען מענשען און לעבען און וועגען זיך, און ווילדע, נאַרישע ווילדע פֿאַנטאַזיעס פֿון וואָס עס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. אַז ער פלעגט קומען ביי נאַכט אַנאַיינגעמאַטערטער אין אומעדיגען צימער מיט די רחמנות'דיגע ווענד, פלעגט איהם אָנכאַפּען אַזאַ פוסטקייט ביים האַרצען און אַזאַ רחמנות פֿאַר זיך... ער פלעגט זיך אַוועקזעצען ביים טישעל, פלעגט פרובען געדענקען לייענען אַ וואָסער עס איז בוך, נאַר עפּיס אַזוי ווייט ניט געהעריג צו איהם פלעגט זיין אָט דאָס אַלץ, וואָס ווערט געשריבען און געטראַכט אין די ביכער, אַזוי פוסט און קאַלט, טויט און אַזוי ווייט פֿון איהם... און ער פלעגט ווידער זיך פֿערקלערען. ער פלעגט קלערען איבער די טעמים, פֿאַר וואָס ער טוט פֿון ק. אַוועקפֿאָהרען. און דער הויפּט-טעם, פלעגט זיך איהם דוכטען, איז דאָס, וואָס זיין לעבען איז עפּיס דאָ אַוועק ניט אַזוי ווי עס בעדאַרף צו זיין... און אויך איבער דעם, וואָס זיינע בעקאַנטע דאָ זענען צופעליגע, מענשען ניט פֿון זיינע, און ניט ער איז אַ מענש פֿון זייערע... דאָס איז געווען אַ גאַנצע חבורה פֿון יונגע מענשען, וועלכע פלעגען אַזוי ליעב האָבען און פלעגען אַזוי בעגייסטערט ווערען פֿון פרעמדע מחשבות, פֿון פרעמדע גבורות... און קלערענדיג וועגען דעם, פלעגט ער אַוועקלאָזען דעם טישעל, פלעגט אָנהויבען אַרומגעהן אין זיין צימער אַהין און אַהער, רויכערנדיג אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, און פלעגט ווידער אומקעהרען זיך צו זיינע פֿאַנטאַזיעס און האַלבע אָהן-סדר'דיגע מחשבות. ער פלעגט אפילו בשעת מעשה טיעף אין האַרצען וויסען, פיהלען, אַז ניט די צוריסענע, האַלבע מחשבות, ניט די ווילדע נאַרישע פֿאַנטאַזיעס וועלען איהם געבען וואָס, וועלען מאַכען קליגער און

בעסער דאָ זיין לעבען, נאָר דאָך פלעגט איהם אַזוי ציהען דווקא צו די האַלבע צוריסענע האַלבע מחשבות, צו די ווילדע, נאַרישע ווילדע פאַנטאַזיעס פון וואָס עס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. אַ צייט, אַ צייט פלעגט ער אַזוי אַרומגעהן אין זיין צימער, רויכענענדיג אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס, מיט פערהלומ'טע אויגען, האַלטענדיג פעסט איין האַנד אין דער הויזען־קעשענע און טרעטענדיג גרויסע טריט און הילכיג איבער'ן פאָדלאָגע. הערנאָך, אַז ער פלעגט זיך לעגען שלאָפען, פלעגט ער, ליגענדיג אויף זיין אומעדיגען בעטעל געגען דער אַזוי רחמנות'דיגער וואַנד, איידער ער פלעגט נאָך פערלעשען דעם לאָמפּ, אַזוי געשמאַק פערטיפען זיך וועגען זיינע נאָך אַלטע קינדערשע פאַנטאַזיעס; עס פלעגט זיך קלערען איהם, אַז אַלע מענשען זענען פּלוצלינג מיט איין מאָל אויסגעשטאָרבען אויף דער וועלט... עס האָט געטראָפען אַזוינעס, פון וואָס אַלע מענשען זענען אויסגעשטאָרבען און זענען פערשוואונדען געוואָרען... אַלע... געבליבען איז נאָר ער אַליין... איינער אַליין... משונה פּוסט איז גאָטס וועלט און משונה טיעף איז זי... ווילדע וועלדער, משונה'דיגע בערג און טאָלען, — און פּוסט און טיעף איז אַלץ אַרום איהם, און ער איז איינער אַליין אויף גאָטס וועלט... איינער אַליין... ער פלעגט זיך אין מיטען אויפכאַפּען און פלעגט ווערען בייז אויף זיך פאַר זיינע נאַרישקייטען, פלעגט פערלעשען דעם לאָמפּ, פלעגט זיך נאָך מעהר איינקאָרטשענען און פלעגט אַזוי וועלען וואָס גיכער, וואָס גיכער אַוועקפאָהרען פון ק.. אויף מאָרגען פלעגט זיין בעל־הבית'טע, אַן אַלטע פערביטערטע יודענע, איהם געוועהנליך זאָגען מיט אַ האַלבען שמייכעל און מיט אַ האַלבען אויסרייד:

-- אַ מאָדנער בחור זענט איהר. פריהער געהט איהר אַרום איבער'ן צימער און טאָפּעט מיט די פיס אַ גאַנצע נאַכט, אַז מען קאָן ניט שלאָפען, און דערנאָך, אַז איהר לעגט זיך שלאָפען, שרייט איהר פון שלאָף קולות, אַקוראַט ווי מען קוילעט אייך...

אָט אַזוי האָט חיים וואַלטערמאַן אָפּגעלעבט אין ק. צוויי חדשים נאָכאַנאַנד, זינד ער האָט אָנגעהויבען צו קלערען וועגען אַוועקפאָהרען, ביז וואַנען ער האָט געקראָגען אַ בריעף פון וו., אַז פון וואַב צו לעבען וועט ער דאָרט ווי עס איז קריגען און ער כאָז

קומען צופאָהרען. ווי נאָר ער האָט בעקומען דעם בריעף, איז איהם זעהר לייכט געוואָרען אויפ'ן הארצען. דער בעוואוסטזיין, אז ער פאָהרט אַוועק פון ק., האָט ווי אַריינגעבלאָזען אין זיין הארצען אַ פרישקייט און פרעהליכקייט. זיין קערפער איז גלייכער געוואָרען און גלייך ווי ער איז אין איין מינוט אויסגעוואַקסען העכער. זיין תמיד אומעדיגער שטערן איז שטאָלצער געוואָרען און זיינע בלאָהע, קינדערש כשר'ע אויגען האָבען אָנגעהויבען צו גלאַנצען. אויף גאַנץ וועלט איז דאַן פריהלינג געווען, דער שטענדיג אַלע יאָהר נייאינקער פריהלינג.

עס זענען הויך און ליכטיג געוואָרען די הימלען פון דער שטאָדט ק., די איז בעלייכט געוואָרען מיט אַ ווייכער פרישער ליכטיגקייט, און עס האָט פערשמעקט איבער אַלץ פון אַ ליכטיגער פרעהליכקייט און פון גרינגינקע קלאָרינקע האָפנונגען. די בוימעלעך און בוימער אין די גאַסען און אין גערטנער האָבען פרעהליך פערשמעקט מיט גרינע, זאַפטיגע בוימער-ריחות, און פרעהליך דערצעהלט האָבען זיי פון אַ האָפנונג, אז היי-יאָהר, היי-יאָהר וועלען זיי פונאַנדערלאָזען זיך און אויסוואַקסען מיט זייער גאַנצען מוט און קראַפט. עס זענען מונטער און גרין געוואָרען אין די שטאָדט-גערטנער די גרעזעלעך, און צווישען זיי האָבען זיך בעלעך זענען אַזוי פריש און זייערע בלישצענדיגע אויגעלעך זוכען וואָס גאַסען האָט געבלאָזען און געשפּיעלט זיך מיט די מענשישע פנים'ער, מיט די מאַנסבילשע בערד און מיט די פרויען-צעפּ און האָר אַ פריהלינגס-ווינטעלע, וואָס איז אָנגעקומען ווי פון ווייט, ווייט, פון אַ הויצ'ן שטאָדט, פון די בעגרינטע פריהלינגס-פעלדער און וועלדער. און צווישען די סך מענשען אין די גאַסען האָבען זיך בעוויזען און געוואָרפען אין די אויגען, ווי די בלאָהע קאָראָס-קעס צווישען די זאָמען קאָרן אין די פעלדער, יונגינקע שענינקע מיידעלעך אין גרינגינקע ווייסינקע קאָפטעלעך. זייערע נאַיווע פנים-לעך זענען אַזוי פריש און זייערע בלישצענדיגע אויגעלעך זוכען וואָס און שפּיעלען זיך מיט אַלעמען. פון ערגיץ אַן אָפענעם פענסטער הערט זיך, שוועבענדיג אין גאַס אַריין און צוזאַמענמישענדיג מיט דעם פרעהליכען פריהלינג, אַן אַקאָרד פון אַ פּיאַנע. אַ פער'הלומ'טער, אַ בענקענדיגער. נאָר דאָך אַזוי פיל איז ער מיט פריהלינג... און אַלץ, אַלץ, וואָס איז פערטרונקען אין דעם ליעבען ליכטיגען פרישען און ווייסען פרעהליכען פריהלינגס-טאַניץ, אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין דעם שטח פון די הימלען ביז דער ערד, אַלץ איז אַזוי פיל מיט' פריהלינג. און אַלץ פון גאַנץ וועלט — יעדע זאַך און יע-

דער מענש, ווי אריבערשטייגען וויל ער דעם אנדערען אין פריהלינג, גלייך ווי ער וויל ווייזען, אז ער איז מעהר מונטער פאר דעם צווייטען, מעהר פרעהליך און גליקליך...

און אז חיים וואלטערמאן איז ארויס אויף דער גאס מיט דער פרעהליכער מחשבה, אז ער פאהרט אוועק פון דאנען, און אז אלץ אט דאס, וואס האט איהם אזוי געדריקט דא זיין נשמה, האט שוין אויף איהם קיין שליטה ניט און אז אלץ איז שוין גאר ניט שייך מעהר צו איהם, איז איהם אזוי געפעלען געווארען גאטס וועלט. אלץ, אלץ, אויך זיינע בעקאנטע, אויך זיין אומעדיג און רחמנות'דיג צימער, אויך די גאנצע שטאדט מיט אידרע פיעלע נארישע געדיכטע מויערן איינע נעבען דער אנדערער, פון וועלכע ער האט זיך אזוי געריסען פון זיי פטור צו ווערען, — אט דאס אלץ איז ווי פערשוואונדען געווארען עפּיס וואו הינטער איהם, עפּיס וואו אין א וועלט, וואס האט צו איהם קיין שום שייכות ניט, אין א וועלט, וועלכע איז לגמרי ניט זיינע... און ווי שען און ליעב איז גאטס וועלט! א קוואל, גרויס ווי די וועלט, פון פרישען, ווייכען פריהלינגס-ליכט, א ווייכער, גרינגער שפּיעלענדער פריהלינגס-ווינד מיט ליעבע גרינגע פריהלינגס-ריחות פון בוימער און בוימעלעך, פון גראזען און אלערליי בלימעלעך. יונגינקע בחורים און מיידעלעך מיט כשר'ע פנימ'לעך און שענינקע ליעבע אויגעלעך, פרישע זאפטיגע בליהענדע בוימער, גרינע גרעזעלעך און ליכטיגע, קלאר-ווייסינקע בלימעלעך — א שענע ליעבע וועלט!

אויף מארגען, ווי ער האט בעקומען דעם בריעף, איז ער שוין געשטאנען, מיט בלישצעדיגע אויגען, נעבען פענסטער אין וואגאן, קוקענדיג פערקלערטערהייד אויף די וועלדער און פעלדער, וועלכע ווייזען זיך און ווערען תיכף פערשוואונדען, און איז געפאהרען קיין וו.. אויפ'ן הארצען איז איהם געווען פריי און עפּיס פרעהליכעס האט זיך געפלאנטערט ביי איהם אין מח. אויף קלאר אפילו, אויך בעשטימט, אין וואס פאר א אופן און ווי אזוי וועט זיך איהם לעבען אין וו.., האט ער ניט געוואוסט. נאר גענוג איז פאר איהם דערווייל געווען, אז פון דעם לעבען און מענשען, וואס ער האט געוואוסט ביז איצט, פאהרט ער אוועק. און זיין נשמה איז געווען פריי, מונטער און פרעהליך...

אין וו. איז חיים וואלטערמאן געקומען מיט דער זעלבער פרעהליכער נשמה, ווי בשעת ער איז אוועקגעפאהרען פון ק. אין זיינע אויגען האט נאך געבלישצעט נאר דאס פריהלינגס-ליכט, און אין די גאסען האבען זיך געווארפען פאר זיינע אויגען נאר די

יונגינקע בחורימלעך און מיידעלעך. ער האָט שוין מונטער גענומען אַ צימער, אָנגעהויבען פלייסיג צוזוכען פון וואָס צו לעבען דאָ. און ווענענדיג פער׳שכור׳ט פון דעם נייעם אָרט, פון דער נייער שטאָדט, האָט זיך איהם דערוויילע געלעבט פרעהליך און גרינג, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, גאָר נישט ניט געפאָדערט, ניט פון זיך און ניט פון קיינעם, — אָט עפּיס גלייך ווי ער לעבט ערגיץ אין דער לופטען, ניט האָבענדיג קיין שייכות צו גאָרנישט, וואָס עס איז דאָ אויף דער וועלט. אויך האָט ער זיך דערוואוסט, קומענדיג אין וו.. אַז אין אַ פאָרשטעדטיל דאָ וואוינט איצט ויינע וועהר אַ גוטע בעקאַנטע, ליזע, וועלכע ער האָט שוין פיער יאָהר ניט געזעהן. ער האָט זי געדענקט פאַר אַ מיידעל מיט אַ פּאָר ליבע ברענענדיגע שוואַרצע אויגען, מיט אַ פּנים פול מיט חן און אַ פערשעמטער ווילדקייט. אין די עטליכע טעג, ביז וואַנען ער האָט זיך איינגעאָרדענט מיט אַ צימער און האָט זיך געקליבען געהן זעהן זיך מיט ליזען, איז זי ווי אַ לעבעדיגע געשטאַנען פאַר איהם. אָט הערט ער, דאַכט זיך, דעם מיידעלשען ריח פון איהרע שוואַרצע, ווי אַ זשוק, האָר און אָט זעהט ער, דאַכט זיך, איהר ליילטען, לעבעדיגען קערפּער מיט איהר מיידעלשער צנועה׳דיגער ברוסט. און חלומ׳ען האָט זיך איהם גע׳חלומ׳ט די עטליכע טעג, אַז ער וועט זיך נאָר איינאָרדנען דאָ, וועט ער אָפּט זיין ביי איהר אָט ווי אַמאָל, אַמאָל, ווען זיי האָבען געלעבט ביידע אין מ. און אַזוי ווי דעמאָלסט וועט ער איצט אויך אויסדערצעהלען איהר פון אַלץ, וואָס זיין האַרץ דריקט. אָט ווי אַמאָל, וועט ער איצט אויך, פערקאַמענדיג איהרע ליבע, ווייכע, לאַנגע שוואַרצע האָר, דערצעהלען איהר, ווי אומרוהיג איהם האָט זיך געלעבט אין די פיער יאָהר און ווי שווער זיי זענען ביי איהם אַריבער. און דער דאָזיגער חלום האָט נאָך געמאַכט גרינגער און פרעהליכער זיין נשמה.

נאָר עס איז אַריבער אַ חדש פון היים וואָלטערמאַנס זיין אין וו.. און ערגיץ טיעף, טיעף אין האַרצען האָט ער אָנגעהויבען פיהלען אַ פּחד פאַר עפּיס ווידער אַזוינס, וואָס ער האָט געפיהלט, וועננענדיג אין ק.. איידער ער איז אַוועקגעפאָהרען פון דאָרטען. אָבער ווי אַזוי איז דאָס געוואָרען? ווען האָט זיך דאָס אָנגעהויבען?.. וואָסער טאָג? וועלכע מינוט? — האָט ער אַליין אויך ניט געוואוסט. ווי נור ער האָט אָנגעהויבען לעבען נאָרמאַל, — ער האָט שוין געהאַט אַ שטענדיגע אַלע-טאָגעדיגע צימער, שטענדיגע, אַלע-טאָגעדיגע אַרבייט און שטענדיגע אַלע-טאָגעדיגע בעקאַנטע, — האָט איהם אָנגעהויבען צייטענווייז צו הערען שווער אויף זיין נשמה. די שכרות

פון דעם נייעם אָרט האָט אָנגעהויבען אויסצואַדעבען זיך פון איהם. דאָס פריהלינגס־ליכט האָט אָנגעוואָרען איהר גלאַנץ, און אין די גאַסען האָבען זיך אָנגעהויבען צו וואַרפען פאַר זיינע אויגען וואָכעדיגע, פערביטערטע יודישע פּנימ'ער מיט פערקנייטשטע שטערענס און אויגען פול מיט אַנגסט, וועלכע רעדען אַזוי פון גלות און פון אייביגע, אייביגע צרות... אויך דער חלום וועגען ליזען האָט זיך צו גאָרנישט אויסגעלאָזען. ער האָט די געפונען ניט אַזאַ, ווי ער האָט געהאָפט צו געפינען, און פון זיין חלום איז גאָרנישט געוואָרען. איהרע אויגען זענען נאָך אַפילו איצט אויך געוועזען צימטענווייז ליעבע און ברענענדיגע, איהר פּנים איז נאָך היינט אויך געווען פול מיט חן, נאָר די פערשעמטע בעהאַלטענע ווילדקייט איז שוין ניט געווען אין איהם. פונקט ווי אַ גראָבע האַנד פון אַ גראָבען מענשען האָט דאָס אָבגעווישט, אָבגעוואַשען. אויך האָבען זיך בעוויזען אויף איהר פּנים נעבען די ווינקלעך פון איהר מויל אַ פּאָר פראַסטע קנייטשלעך; קנייטשלעך, וועלכע רעדען פון לעבען, פון דער ערד, פון קאָפּוועהטאָג און זאַטקייט, און איהר גאַנצער קערפּער האָט אָנגעוואָרען זיין לייכטקייט און ער איז געוואָרען ווי אָבגעלאָזען, פויל און מיעד... און צו דעם אַלץ האָט ער זי נאָך געפונען זענענדיג זעהר נאָהענט מיט איינעם אַ בחור פּאָדאָלסקי. דאָס איז געווען אַ בחור אַ יאָהר ניין־און־צוואַנציג, אַ לעהרער פון חסידישע שטונדען, מיט אַ נאַרישען זאַטען פּנים און קערפּער. דאָס איז געווען איינער פון די מענשען אויף דער וועלט, וואָס ניט דאָס לעבען פאָדערט פון זיי וואָס און ניט זיי פון לעבען... זיי זענען תמיד גלייכגילטיג און לאַניש, מוזען האָבען אַלע טאָג אַ בלאַט, האָבען עטליכע גוטע שטונדען און אַ שענע פרוי, צו וועלכער זיי זאָלען קאָנען צוקלעפּען זיך, ווי אַ פּיאַווקע צו מענשען, און האָבען הנאה פון דער וועלט... און אַזוי נאָהענט איז שוין ליזע געווען מיט פּאָדאָלסקי'ן, אַז זיי פלעגען זיך שוין דערצעהלען איינער דעם אַנדערען וועגען קאָפּ־וועהטאָג, וועגען אַ וואָרימעס, וועלכער פלעגט ניט געפעלען זיין, און וועגען דעם מאָגען, אַז ער איז ניט אין אָרדענונג... און אַזוי האָט איהם געטרופען זיין נשמה און פערדראָסען האָט איהם זיין האַרץ איבער ליזען.

און פון טאָג צו טאָג פלעגט דער פּחד ביי איהם פאַר זיינע בעקאַנטע געפיהלען און איבערלעבונגען ווערען מעהר און מעהר, און זיין נשמה האָט דערפיהלט, ווי זיי קומען שוין אָן. און פון טאָג צו טאָג האָט זיך איהם אַלץ מעהר אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען דעם לעבען און מענשען... וועגען אַמאָליגע זיינע בעקאַנטע.

צווישען וועלכע עס איז געווען אויך ליזע, העגען זיך, וועגען ליזען. געקלערט האט ער ביטער וועגען אלע זיינע באקאנטע, וועלכע האבען געלעבט צוזאמען מיט פיער יאהר צוריק אין מ., אלע צוזאמען פערבונדען מיט ניט קלארע אפילו, נאר הייסע און ריינע חלומות וועגען דעם, ווי זיי וועלען לעבען אויף דער וועלט שען און גרויס, ווי זיי וועלען מיטטראגען מיט זיך אין לעבען עפיס אזוינס נייעס, נייעס פון א שענעם, ריינעם און גרויסען לעבען. געקלערט האט ער וועגען דעם, וואס פון זיי אלעמען איז איצט געווארען ניט אט דאס, גאר ניט אזוינס, ווי מען האט דאמאלסט געחלומט. איטליכען פון זיי האט עפיס דאס לעבען צוגעשטופט, צוגעדריקט צו אנ׳ארט, א ווינקעל, און אזוי ווערען ביי זיי פערלאשען פון טאג צו טאג און אבגעווישט פון זייער הארצען די אמאליגע חלומות און מחשבות וועגען דעם לעבען, מענשען און וועגען זיך... און ווען ער פלעגט קלערען וועגען דעם, פלעגט איהם אנכאפען ביים הארצען אזא בענקעניש נאך עפיס אזוינס אנדערש וואס, אנדערש וואס ער זעהט פאר די אויגען און וואס ער ווייס פון דעם לעבען, און אזא פחד און א רחמנות פלעגט איהם אננעהמען פאר דאס אלץ, וואס ער זעהט און ווייס...

און געקלערט האט ער אסך, אסך וועגען זיך אליין. וועגען דעם, וואס פון דער גאנצער חבורה דאן אין מ. איז נאר ער אליין געבליבען אזוי מאדנע לעבעדיג אויף דער וועלט און קאן זיך ניט געפינען קיין שום ארט, קיין שום ווינקעל אין לעבען... עפיס אין ערגיץ קאן ער זיך ניט אבשטעלען און צו גארנישט טויג ער ניט... אמאל מיט ארבייטער האט ער געהאט אנ׳עסק. ער האט געלעבט מיט זיי, ער פלעגט מיט זיי שמועסען וועגען קנעכט און הארען, וועגען שטענדיגע צרות אין מענשענס הארצען, פון דעם קויטיגען, שטענדיגע פאלשען לעבען. פלעגען זיי עפיס זיין ניט צופרידען פון איהם: „ער רעדט און רעדט, פלעגען זיי זאגען אויף איהם, היצט זיך און היצט זיך, און קיין טאלק קענען מיר פון איהם אלץ ניט דערהערען“. אויך ווען ער האט אמאל געפרובט אוועקשיקען א זאך אויף צו דרוקען, האט מען איהם געענטפערט: „איהר דענקט, האט א הייסעס הארץ, נאר די טעכנישע זייט פעהלט אייך“. און איין מאל, ווען א מיידעל האט איהם געליעבט, און ער זי אויך, און אין א נאכט, ווען אזוי טרויעריג איז זיין נשמה געווען און נאך א נשמה דערביי האט זיך געריסען זיין הארץ צו דערפיהלען, און ער האט דאן זיין געליעבטע ארומגענומען, האט איהם עפיס פלוצלונג געכאפט אזא פחד פאר איהר, פאר איהם, פארן לעבען... עפיס

משוגה האָט איהם אויסגעוויזען אין זיינע אָרעמס אָט דער נעבעלדיגער, הייזעריגער קערפּער... די בלישטשענדיגע, משוגהדיגע, אָהנזינענדיגע אויגעלעך... וואָס איז דאָס אַזוינס?.. ווער איז ער?.. זי?.. די הימלען... די ערד... מענשען?.. ער האָט דאַן דערפֿיהלט, אַז זיין מוח טאַפּט עפּיס אָן אַזוינע מחשבות, וואָס אַזאַ פּחד כאַפּט פֿאַר זיי... און ער האָט פֿאַר איהר דאַן גערעדט, געצערט פֿון אַזוינס, וואָס זי האָט געקוקט אויף איהם מיט משוגהדיגע, ניט פֿערשטענדיגע און אומגעלומפּערטע אויגען...

אויך אַסך, אַסך פּלעגט זיך איהם קלערען וועגען ליזען, וואָס דאָס לעבען האָט זי אַזוי גיך איבערגעבראָכען... אָט די אַמאָליגע צוואַנציג יאָהריגע ליזע, וואָס אַלע האָבען דאַמאָלסט אין האַרצען געגלויבט אין איהר און געהאָפּט פֿון איהר מעהר, מעהר, ווי פֿון אַלעמען... און אַזוי ביטער און האַרצרייסענדיג פּלעגט ער קלערען איבער איהר...

און די דאָזיגע ביטערע מחשבות זענען פֿון טאָג צו טאָג געוואָרען אַלץ מעהר און מעהר, און אַלץ ביטערער האָבען גענומען אויך דאָ אין וו. אַרומנעהמען זיין האַרץ זיינע אַלטע, גוטבעקאַנטע איבערלעבונגען. ווידער עפּיס אַ נאַרישע אונצופֿריעדענקייט פֿון אַלץ, וואָס איז נאָר נוגע צו איהם דאָ און אַ ווילדער כעס עפּיס ניט אויף וועמען עס איז בעזונדערס אָדער אויף וואָס עס איז אַ דייטליכעס, נאָר אַזוי, סתם, גלאַט אין דער וועלט אַריין... ווידער די נאַרישע חלומות אַ גאַנצע נאַכט, ווידער דאָס אויפֿשטעהן מיט אַ פּוסטקייט אין מוח און אין האַרצען, פֿון וועלכע עס דריקט אַזוי די נשמה... ווידער די האַלבע, צעריסענע מחשבות און די נאַרישע, ווילדע נאַרישע פֿאַנטאַזיעס פֿון וואָס עס איז ניט געשטויגען און ניט געפֿלויגען און ווידער דאָס פֿערטיפֿען זיך פֿאַר'ן שלאָף אויפ'ן בעטיל אין די קינדערישע, נאַרישע מחשבות, אַז אַלע, אַלע מענשען פֿון דער גאַנצער וועלט זענען אויסגעשטאָרבען און זענען פֿערשוואונדען געוואָרען. און אויף דער פּוסטער און ווילדער גאָטס וועלט איז נאָר ער איינער אַליין געבליבען... ער איינער אַליין... איינער אַליין... און ווידער רייסט אַזוי די האַרץ אַוועקפֿאָהרען פֿון וו., אַוועקלויפֿען פֿון דעם אָרט, פֿון דער דאָזיגער שטאָדט, וואו ער געפֿינט זיך יעצט, גלייך ווי אויף אַנ'אמת'ן אָט דאָ, אָט נאָר אין דער דאָזיגער שטאָדט איז בעהאַלטען דאָס גאַנצע אומגליק פֿון זיין שווערער נשמה...

ביי ליזען פּלעגט ער אַפּילו זיין גאַנץ אָפּט, נאָר ליזע פּלעגט איהם גאָר ניט גרינגער מאַכען זיין האַרץ. פֿערקעהרט, נאָכ'ן אַוועקגעהן פֿון איהר, פּלעגט אויף זיין נשמה ווערען נאָך

שווערער. אַז ער פלעגט קומען צו איהר, פלעגט ער זי געפינען ליגענדיג אין בעטיל מיט פונאַנדערגעלאָזענע האָר און מיט אַ פוילען קערפּער און נשמה, און פּאָדאָלסקי פלעגט זיין נעבען איהר, ניט אָבטרעטענדיג פון בעטיל ניט אויף איין מינוט. אַז זי פלעגט איהם דערזעהן, פלעגט זי עפּיס ווי פערשעמען זיך פאַר איהם, און עס איז ניכר געוועזען פון דאָס טרויעריגעס, וועלכעס פלעגט דורכלויפען איהר פּנים, ווען ער פלעגט אַריין, אַז ער שטערט איהר עפּיס אין וואָס און מאַכט איהר שווער אויף איהר נשמה. נאָר דאָך פלעגט זי בלייבען ליגען אויפ'ן בעטיל די זעלביגע, ווי איידער ער פלעגט קומען. אָפט, זעהר אָפט פלעגט זיך איהם וועלען דורכשמועסען זיך מיט איהר. עפּיס וואָס דערצעהלען איהר, עפּיס וואָס זאָגען איהר... נאָר די פלעגט ווי סטאַראַען זיך ניט צו בלייבען מיט איהם אַליין, גלייך ווי זי וואָלט מורא האָבען פאַר איהם... פאַר זיינע רעד... מעהר ניט איינמאָל האָט זיך געטראָפען, אַז ער האָט מיט איהר אָנגעהויבען צו רעדען וועגען זיין לעבען, וועגען זיך, נאָר באַלד האָט איהם אָנגעכאַפּט אַ פערדראָס פאַר זיינע רעד, און ער איז אַנטשוויגען געוואָרען. איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אומזיסט איז זיין ודוי פאַר איהר. ליזע האָט אפילו געהערט איהם מיט אַן'אומעדיגען פּנים און האָט דערביי אַ זיפץ געטאָן, נאָר איהם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דעמזעלבען אומעדיגען פּנים און דעמזעלבען זיפץ האָט ער בעמערקט נעכטען פון ליזען, ווען פּאָדאָלסקי האָט פאַר איהר זיך געקלאָגט, אַז זיין מאָגען איז ניט אין אָרדנונג. — און ער איז אַנטשוויגען געוואָרען. ליזא איז בלייך געוואָרען, גלייך ווי איהר האָט שטאַרק אָנגעריהרט זיין אַנטשוויגען ווערען מיט אַמאָל. נאָר ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק. און אַ גרויסער רחמנות האָט אָנגענומען זיין האַרץ פאַר דעם לעבען, פאַר איהר און פאַר זייערע ביידע לעבענס... און אַזוי אַוועקצופאָרען פון ז., וואָס גיכער פון ז. האָט געריסען זיין האַרץ.

איינמאָל, אַ פאַרנאַכט, אין איינעם זעהר אַ שווערען טאָג אויפ'ן האַרצען ביי היים וואָלטערמאַן, איז ער געקומען צו ליזען. קיינער איז דאָן ביי איהר ניט געוועזען, און ער האָט זי געפונען איינע אַליין. אַ צייט זענען זיי געזעסען ביידע און האָבען געשוויגען, און בייזען איז געווען, גלייך ווי עס טוט זיך וואָס ביי זיי אין האַרצען; עס ווילט זיך וואָס זאָגען איינער דעם אַנדערען, נאָר עס רעדט זיך ניט.

— אייערע שיך זענען עפּיס מאָדנע צעריסען — האָט לסוף

צווישען הימעל און ערד.

ליזע געזאָגט, קוקענדיג אויף זיינע פיס, אַט אַזוי זי: קיין אַנדער זאַך האָט זי ניט געפונען צו זאָגען איהם.

ער האָט אַ קוק געגעבען אויף זיינע צוריסענע שיך און האָט געזאָגט שעמעדיג מיט אַנ'אומעדיגען שמייכעל:

— אַט אַזוי ווי מיין נשמה...

ליזע האָט אומעדיג אַ שמייכעל געטאָן.

— וואָס זאָל זיין? — האָט זי ליעבליך געשמייכעלט — איהר קאָנט ניט לעבען אויף דער וועלט...

— איך ווייס ניט, צי איך קאָן ניט לעבען — האָט ער שטילערהייד געזאָגט, קוקענדיג אויף זיינע שיך — אָדער אַלע לעבען ניט אַזוי, ווי עס בעדאַרף צו זיין... איך ווייס ניט... איך ווייס ניט...

אַ הייסער האָלקען איז דורכגעלאָפען ליזעס פנים, און טרויעריג ביז צו טרערען זענען איהרע אויגען געוואָרען, און זיי זענען ווידער אַנטשוויגען געוואָרען. באַלד איז געקומען פּאָראָלסקי מיט זיין זאַטען קערפּער און פנים, און חיים וואָלטערמאַן איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק פון ליזען, ווי אַלע מאָל, אַנ'אומעדיגער, מיט אַ צופלאָנטעטען מח און האַרצען, און עפּיס דאָס מאָל נאָך מעהר ווי אַלע מאָל. דער דאָזיגער קליינער שמועס מיט ליזען האָט אַזוי ביטער אויפגערעגט איהם.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון ליזעס דאַטשע און איז אַוועק צום שטאָדט צו. עס איז שוין געווען שפּעט פאַרנאַכט און די זון איז שוין פערגאַנגען. ווינטעלעך, גרינגע, ליעבע, סודות'דיגע ווינטעלעך לויפען איינער צו דעם אַנדערען אין דעם גאַנצען שטח פון דער ערד ביז די הימלען, פּלאָנטערען זיך איינער מיט דעם אַנדערען און וועבען, וועבען סודות'דיג די פול מיט סודות שטילע, טיעפע זומער-נאַכט. און זיי וועבען זי אַזוי געשווינד און ערנסט. אַלץ אַרום — די בערגלעך, די טאָלען, די וועלדעלעך, די עטליכע בוימדעלעך דאָרט אין דער זייט, ווייט, ווייט. און די הייזער שטילערהייד צעוואָרפענע דאָ און דאָרטען צווישען קופּקעלעך בוימער, — אַלץ, אַלץ, יעדע זאַך ווערט אויף אַ קליינע ווילע איינזאַמער, ווי אַ בעזונדער וועלט פאַר זיך... ווערט פון מינוט צו מינוט טונקעלער און ווערט פערוועבט און פערוויקעלט אין דער שטומער, שטילער, טיעפער נאַכט. און אַ בילד נאָך אַ בילד ווערט פערשוואונדען. און אַ שטערן נאָך אַ שטערן בעווייזען זיך אין די טיפע קלאָרע שטומע הימלען. און פון מינוט צו מינוט ווערען די אָרעמס פון דער נאַכט אַלץ גרעסער, טיעפער און סודות'דיגער

אין לאָזען זיך איף דער וועלט. אַלץ שטילער און פּעסטער נעהמען זיי אַרום די וועלט און אַלץ וואָס אין איהר איז דאָ. היים וואַלטערמאַן איז געגאַנגען איינער אַליין פֿערקלערטערהייד, און זיינע פֿערחלומ'טע אויגען האָבען געקוקט, ווי די טיפֿע ווּנדער־נאַכט קוקט אָן. שוין איז צו קוקען אויף גאָטס וועלט. גרויס איז זי, טיף איז זי און פֿול מיט שטומע מחשבות פֿון אייביגקייט... און זיין האַרץ האָט משונה ביטער געפּרעסט און געפּרעסט. ער איז צוגעגאַנגען צום שטאָדט. אַ לאַנגע אַ גרויסע גאַס האָט זיך געצויגען פֿאַר איהם ווייט אין שטאָדט אַריין.

אַ שטיק פֿייער פֿון אַן עלעקטרישער לאַמטערנע דאָ ניט ווייט פֿון איהם האָט אָבגעשטופּט ווי מיט גוואַלד די שוואַרצע טיפֿע, סודות'דיגע נאַכט און געוועלטיגט, ווי אויף צו להכעיס דער נאַכט, אויף אַ שטיק גאַס. עטליכע איזוואָשטשיקעס לויפֿען דורך איבער'ן גאַס, דונערענדיג איבער דער ערד. און דאָרטען אין מיטען גאַס געהען מענשען אַרום געשווינד, גיך אַהין און אַהער. ער האָט געקוקט אַ ווײַלע אין גאַס אַריין, און אַזוי טרויעריג און פחדיג איז איהם געווען צו געהן איצט אין שטאָדט אַריין, אַהיים אין זיין צימער. ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק. ער איז געגאַנגען פֿערקלערטערהייד, ניט וויסענדיג, וואוהין ער געהט און נאָך וואָס ער געהט. ער איז אַרויף אויף אַ בערגיל נעבען די דאַטשעס און האָט זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט אַ קוק געגעבען אַהין, דאָרטען צום שטאָדט צו, און האָט געקוקט אויף דער שטאָדט, וועלכע איז געלעגען אויף דער שענער טיפֿער גאָטס וועלט ווי אַ גרויסע מיאוסע לאַטע פֿון אַ סך, אַ סך פֿערשיעדענע מויערן, צוגעדריקט איינער נעבען דעם אַנדערן. און אַזוי מיאוס, ניט גוי־טיג האָט איהם אויסגעוויזען די דאָזיגע גרויסע מויערן־לאַטע... ער האָט צוגענומען זיינע אויגען פֿון דער שטאָדט און האָט זיך פֿערטיפֿט אין דער נאַכט, און די נאַכט איז אַזוי פֿול מיט אייביגקייט און אַזוי טיף... און אַזוי געלוסט דיין נשמה כאַפּען, אָנטאַפּען דעם עיקר, דעם תוכן, די נשמה פֿון דער דאָזיגער גרויסער זאַך, וועלכע נעהמט אַרום די גאַנצע וועלט און דיך אויך, און דו קוקסט אויף דעם, דאַכט זיך, מיט אָפֿענע וועהענדיגע אויגען... און דאַכט זיך, אָט, אָט טאַפּט דיין נשמה אָן אָט דעם גרויסען סוד, אָט די טיפֿע נשמה פֿון דער נאַכט. אָט, אָט נעהמט דיין נשמה אַרום דאָס אַלץ... און דאָך רייסט דיין האַרץ, און דו פֿיהלסט, אַז קיינמאָל, קיינמאָל וועסטו ניט אָנטאַפּען אָט דאָס, צו וואָס דיין נשמה ציהט אַזוי... קיינמאָל, קיינמאָל וועט דאָס דיין

הארץ ניט ארומנעהמען, אט אזוי ווי די ריחות פון בינטלעך שמעקענדיגע בלומען: דיין נשמה שמעקט זיי, און דאכט זיך, נאך א ווײַלע, נאך א ווײַלע פיהלען זייערע ריחות, און אט, אט וועסטו כאפען דעם עצם ריח, דעם סוד פון די דאזיגע אײַנשיכורנדיגע ריחות, — און דאך פיהלסטו, אז דאס איז מעהר נישט ווי ווינטעלעך פון דעם דאזיגען סוד, פון דעם אמת'ן בלומען־ריח... ער איז געזעסען פערטיעפט אין דער שטומער נאכט. און איבער זיין הארץ האבען זיך געצויגען נשמה־רײַסענדיגע מחשבות... געריסען האט איהם דאס הארץ איבער דעם, וואס ער ווייס ניט, ווי צו לעבען אויף דער וועלט און קאן ניט לעבען; איבער דעם, וואס ער ווייס ניט, וואס איז דאס אזוינס דאס לעבען, מענשען און דאס אלץ, וואס ער זעהט פאר זיך און ווייס פון דעם לעבען... עפּיס אלע, אלע מענשען זענען אזוי זיכער אין זייער לעבען, אין זייערע מחשבות און מעשים... און ער... ער ווייס ניט... ער ווייס ניט... ער ווייס ניט, ווי צו לעבען... ער ווייס ניט, ווי לעבען דאס אזוי אלע אויף דער וועלט... וועגען גאט רעדען אלע אזוי זיכער און געוויס... ווער ווייס?... פאראן א גאט אויף דער וועלט?... פאראן א גאט?... דארטען, דארטען אין די טיעפע, אייביג שטילע הימלען... אין די שטומע הימלען... פאראן א גאט?... א גאט א פראסטער... אן אמת'ער גאט... א גאט... און ווארים ווערט אויפ'ן הארצען, אויב יא... ווער ווייס?.. ער ווייס ניט... גארנישט ווייס ער ניט... גאר נישט... און געבענקט האט זיין הארץ און ביטער געדריקט פון דעם, וואס שוין לאנג, לאנג האט ער ניט געפיהלט נעבען זיך א נשמה, וועלכע זאל זיין היים צו איהם, וועלכע זאל איהם כאטש ווען עס איז, כאטש אויף א קליינע ווײַלע גרינגער מאכען... שוין לאנג לאנג האט ער ניט געהערט קיין היים ווארט צו איהם פון ווען עס איז... קיין ערנסטען הייסען דריק פאר זיין האנד... זיין נשמה האט אזוי משונה געדריקט און וועה געטאן... און עפּיס ווי זיין הארץ איז פול געווען ווי מיט מוראשקעס, וועלכע טאטשען, טאטשען און נאגען זיין הארץ און עפּיס גלײַך ווי ניט נאר אינווייניג אין הארצען, אויך זיין העמד נעבען ברוסט איז פול מיט מוראשקעס און עס טאטשעט און נאגט אזוי זיין קערפער און נשמה...

זיינע ביטערע מחשבות און הארצדריקעניש האבען איהם ניט געלאזען אײַנזיצען אויף אן ארט. ער איז אויפגעשטאנען און איז אוועק ווײַטער צו די דאטשעס צו. ער איז געגאנגען ווי א פערשכורטער פון זיינע מחשבות, ניט וויסענדיג און ניט פרעגענדיג בײַ זיך,

וואוהין געהט ער און צוליעב וואס געהט ער. ער איז צוגעקומען צו ליזעס דאטשע, צוגעגאנגען צום הויז, וואו ליזע האט געוואוינט. די פענסטער פון ליזעס צימער זענען געווען אפען, און איהם האט געצויגען נעהענטער צו דער שטוב, צו דעם אפענעם פענסטער פון ליזעס צימער, נאר עפּיס א ביטערע פראגע איז הרב געלאפען זיין הארץ: וואס טו איך דא, וואס דארף איך דא און וואוהין בין איך געגאנגען?... ער איז געבליבען שטעהן אויף אן ארט און האט געקוקט, ווי א פערשכורטער, פאראויס זיך. עס האט שוין אנגעהויבען צו טאגען. אלץ ארום איהם — די אויסגעצויגענע ביימער, די שטוב, די גרעזעלעך ארום זענען געווען בעשפּריצט מיט פרישען, קלארען, פערשלאפענעם טוי, און אזוי שטיל, אזוי טיעף פערשלאפען איז אלץ געוועזען ארום איהם... א צייט איז ער אזוי געשטאנען, קוקענדיג אויף אלץ, וואס ער זעהט פאר זיך, און אין הארצען האט זיך ביטער געריסען די פראגע: וואס דארף ער דא, און וואס טוט ער דא?.. און שטיל, לאנגזאם מיט א משונה'ם וועהטאג אין הארצען איז ער אוועק צוריק...

— וואלטערמאן, וואלטערמאן! — האט ער דערהערט ליזעס קול, אבגעהענדיג עטליכע טריט פון שטוב.

ער האט זיך אומגעקעהרט פערוואונדערט אויף הינטען און האט דערזעהן פאר זיך אין פענסטער ליזען מיט פונאנדערגעלאזענע האר. איהר פּנים איז געווען אזוי מיעד און אידרע אויגען זענען געווען אזוי בענקענדיג...

— ווי אזוי קימט איהר אהער? האט זי משונה פערוואונדערט געפרעגט. און איהר פערמאטערטער ניט געשלאפענער פּנים איז עטוואס ליכטיגער געווארען.

איך וויים אויך ניט — האט ער שעמענדיג געענטפערט — איך בין א גאנצע נאכט דא אויף א בערגיל געזעסען...

ווארט -- האט זי איהם געבעטען — איך וועל באלד צו איך ארויס... מיר האט זיך אויך די נאכט ניט געשלאפען...

ליזע איז ארויס פון שטוב, און זיי האבען זיך געזעצט ביידע אויף א בענקיל נעבען שטוב.

-- וואלטערמאן — האט ליזע מיט אמעדיגע און בענקענדיגע אויגען געווענדט זיך צו איהם — וואס קלערט איהר וועגען מיר?..

ער האט געשוויגען.

— איהר ווייסט, וואס טוט זיך אב ביי מיר אין הארצען?...

— האט זי ווידער געפרעגט.

עפּיס ווי א שטיק הארץ האט זיך אבגעריסען ביי איהם

אײנגעווײנט. אַזאַ רחמנות האָט איהם אָנגענומען פאַר איהר... זי... זי ווערט אויך אויסגעריסען—האָט געענטפערט אין זיין אײנגעמאַ־טערטען מח. נאָך אַ העלט מיט צרות... זי איך... זי איך... ער האָט ניט געפינען, וואָס צו זאָגען איהר. שווער איז איהם געווען צו רעדען מיט איהר, און ער האָט געשוויגען. און זי האָט איהם דערצעהלט, אַז פון דאַן אָן, ווי ער איז אַהער געקומען, לאָזען איהר ניט רוהען איהרע אַמאָליגע מחשבות און חלומות, און שטענדיג, שטענדיג, ווי זי דערזעהט איהם, שעמט זי זיך אַזוי פאַר איהם... זי האָט איהם דערצעהלט פון נעכט אָהן שלאָפען, אָט ווי היינטיגע נאַכט, און פון האַרצרייסעניש אויף אַ סך, אַ סך זאַכען פון איהר איצטיגען לעבען...

אַ צייט זענען זיי געזעסען נעבען שטוב. נאָכדעם זענען זיי אַוועק ביידע און האָבען אַרומגעוואַנדעלט אַ גאַנצען פריה־מאָרגען און אַ גאַנצען טאָג איבער די דאַטשעס און איבער די גאַסען פון ז.. די גאַנצע צייט האָט ער געשוויגען. ער האָט גאָרנישט ניט גערעדט. זיין מח האָט אַזוי געקעבערט און זיין נשמה האָט איהם אַזוי געריסען... און זי האָט אַליין גערעדט און גערעדט פאַר איהם... אויסגעדערצעהלט האָט זי פאַר איהם איהר גאַנצעם ביטער האַרץ... גערעדט האָט זי פון דעם, וואָס אין לעבען איז אַלץ צופעליג... גערעדט האָט זי איבער מאַנסבילען, וועלכע פערשכורין פרויען מיט זייער זאַטען קערפער... און אַז מען כאַפּט זיך נאָכדעם אויף פון דער דאָזיגער שכרות, ווערט אַזאַ רחמנות אויף זיך און אַזוי ביטער פערדריסט פאַר די אומזיסטע אַוועקגעגעבענע האַרץ און נשמה...! זי האָט גערעדט וועגען זיך, אַז זי קאָן שוין ניט נאָך אַמאָל אָנהויבען צו לעבען איבער אַ נייעס... אַנאַנדער לעבען... אַז עפּיס אַזוינעס איז פערלאָשען געוואָרען... אַוועקגעגאַנגען פון איהר אויף איביג... אויף איביג... זי האָט גערעדט וועגען דעם ביטערען לעבען מיט אַ מענשען אַ זאַטען... און נאָך און נאָך וועגען אַזוינעס, וואָס היים וואָלטערמאַנ'ס האַרץ האָט אַזוי געריסען און גענאָגט פאַר איהר... און אַזוי ביטער האָט ער געקלערט וועגען מענשען און לעבען... און קומענדיג פאַרנאַכט אַליין אַהיים מיט אַן איינגעמאַטערטען מח און מיט אַ צובראָכענעם קערפער, האָט ער זיך אַוואַרף געטאָן אויף זיין בעטיל און האָט דאָס ערשטע מאָל, זינט ער וואוינט אין זיין צימער, מיט אַ משוגע־דיגען פחד בעמערקט, אַז אין דערהויך אין באַלקען פון זיין צי־מער איז פאַראַן אַ גרויסער שוואַרצער אייזערנער קרוק... און

אַ ביטערע, אומעדיגע און ווילדע מחשבה איז דורכגעלאָפֿען איך זיין איינגעמאַטערטען צוּבראָכענעם מח...

און פֿון דער דאָזיגער נאַכט אָן איז ביי היים וואָלטערמאַנען בעשלאָסען געוואָרען אויף בעשטימט וואָס גיכער אַוועקצופֿאָהרען אויך פֿון ה. און זיין צימער מיט דעם קאַלטען שוואַרצען אייזערנעם קרוק פֿלעגט איהם אָנכאַפּען אַזאַ פּחד צו פֿערבלייבען אַליין... און אַז אין אַ וואָך אַרום נאָך דער דאָזיגער נאַכט האָט ער בעקומען אַ בריעף פֿון זיינעם אַ בעקאַנטען פֿון ד., אַז ער קאָן קומען צו פֿאָהרען אַהין, האָט איהם אַפּילו דער דאָזיגער בריעף קיין שום פֿרעהליכע האָפֿנונגען ניט אַריינגעבראַכט אין זיין האַרצען. נאָר תיכף אין יענעם טאָג איז ער אָבגעפֿאָהרען פֿון ה.

פֿאָהרענדיג צום וואָקזאַל, איבער די גאַסען פֿון ה., איז זיין מח געווען פֿערנומען מיט אומעדיגע מחשבות. אַזוי פֿיעל פֿון האָפֿנונגען און פֿון עפּיס פֿרעהליכעס איז געווען זיין האַרץ... ביטער האָט זיך געפּלאָנטערט אין זיין מח אַ מחשבה, אַז ניט נאָר אין די דאָזיגע שטעדט, אין וועלכע ער האָט געלעבט ביז איצט איז געווען בעהאַלטען דאָס אומגליק פֿון זיין שווערען לעבען... אַז ניט אין דעם, ניט אין דעם ליגט בעהאַלטען דער אמת'ער סוד פֿון זיין שווערען לעבען... נאָר אַרויסגעהענדיג פֿון וואָקזאַל צום צוג צו און דערזעהענדיג פֿאַר זיך די לאַנגע, לאַנגע רעלסען, וועלכע ציהען זיך אַוועק אין ביידע זייטען וויט, וויט אין גאָטס וועלט אַריין, — גלייך ווי זיי זאָגען פֿרעהליך און ווילד: „מענש, אַ גרויסע, אַ גרויסע און אַ ברייטע וועלט איז ביי גאָט... פֿריי איז זי און אָפֿען... מענש, קום, רעכטס, לינקס — וואוהין דיין האַרץ געלוסט"...—איז אַ ווילדער פֿרעהליכער ווינד דורכגעלאָפֿען זיין האַרץ...

פֿרעהליך און ווילד, ווילד האָט ווער זיין נשמה גערופֿען:

— מענש, אַ גרויסע, אַ גרויסע און אַ ווילדע וועלט איז ביי גאָט... פֿריי איז זי און אָפֿען... מענש, קום, רעכטס, לינקס — וואוהין דיין האַרץ געלוסט!...

מאנֵיע .

אַ טאָג, וועלכער לויפט אַריבער אַזוי גיך, געשווינד; פוסט און לער און אַזוי אָרים מיט נייעס, מיט לעבען; אָספּער מיט איהר תמיד קלאַגען זיך אויף מענשען; גרינשטיין, וועלכער טרייבט אין שטענדיג אויפן האַרצען אַ פּוסטע אומעטיגקייט — און אַז דער טאָג געהט אַריבער, פאַר'ן שלאָף, ווערט אַזאַ טומפּער פערדראָס אין האַרצען פאַר די טעג, וועלכע געהען אַוועק ניט אין לעבען, ניט אין טוהן וואָס, אויך אַפילו ניט אין טראַכטען וועגען וואָס אַ סך און ערנסט, — איז דען פאַראַן צוליעב וואָס צו אײַלען זיך, אין דערפריה אויפצושטעהן? מיט דעם דאָזיגען חשבון פלעגט מאַניע ליגען אַ צייט אין דערפריה אויף איהר געלעגער, ניט ווייסענדיג, צוליעב וואָס האָט זי אויפצושטעהן פון איהר בעט. וועמען אויף דער וועלט וועט וואָס פעהלען, ווען זי וואָלט היינט גאָר ניט אויפגעכאַפּט זיך אויך איבער פון איהר שלאָף, און וואָס וואָלט איהר אַליין אין דעם געפעהלט?...

קלערען אַזוי וועגען זיך און וועגען איהר לעבען האָט מאַניע אָנגעהויבען נאָר ניט לאַנג. ווען זי איז געפאָהרען, אין אַ קלײנער צייט אַרום נאָך איהר ענדיגען גימנאַזיע, אין דער שטאָדט מ., וואו זי לעבט שוין דריי יאָהר, איז איהר נשמה מיט איהר קערפּער פול דורכגעדרונגען געווען מיט האָפנונג און שטרעבונג. זי איז דאַן אַלט געווען אַ יאָהר צוואַנציג. נחת האָט זי דאַן געקליבען פון איהר געזונדען און שעהנעם קערפּער. מיט איהרע לאַנגע ווייכע קאַשטאַנעווע האָר, וועלכע זי האָט ליעב געהאַט אויסצופלעכטען אין אַ לאַנגען, דיקען, ווייכען צאָפּ, האָט זי געשטאָלצירט. אויך האָט זי געוואוסט, אַז בײַ איהר איז אַן אַנגענעהמער שעהנער פּנים און אַ פּאָר ניט געוועהנליכע פרישע, אָפענע קאַרשען-אויגען. איהר נשמה איז געווען ריין, קלאָר און ליכטיג, דאָס האַרץ פול מיט יוגענד, און געריסען האָט זיך די נשמה צו בעווייזען זיך פאַר מענשען, פאַר דעם לעבען און אַליין צו זעהן אַלע יענע קלוגע, גרויסע און שעהנע מענשען, וועלכע

דענקען טיעף און אמת, לערנען גוטעס און ליעבען מענשען, און מיט זיי צוזאמען לעבען, דענקען און ליעבען. קומענדיג אין מ., האט זיך איהר איינגעגעבען גלייך בעקאנט צו ווערען מיט א גאנצער חברה פון אזוינע, איבער וועלכע עס הערט זיך אזו פיעל גוטעס און וועלכע זי האט אזוי עהרליך געהאלטען, בעת זי האט געהערט פון זיי. איהר נשמה האט זיך אפילו, בעקאנט ווערענדיג מיט זיי, עפּיס ווי אנגעשטויסען זיך שטילערהייט, שטום און ניט דייטליך פאר זיך אליין, אן אזוינס, וועלכעס עס האט בעדארפט, הולט זיך, אנדערש זיין. נאר דאך האט איהר גאנצער מהות די געצויגען צו זיי, צו די מענשען, וועגען וועלכע זי האט אזוי פיעל גוטעס געהערט. בעזונדערס וואס די טעג זענען זיך ביי איהר געגאנגען אט אזוי, ווי זיי געהען זיך ביי אלע מענשען — מען לעבט, עס שטארבט ווען א האפנונג. די נשמה טוט א ציטער א וויילע,— און א פרעהליכער ניגון, א מינוט פון א זונען-שיין מאכט עס פערגעסען. מען כאפט זיך ביי א טעות וועגען א מענשען, וועגען דעם, וועגען יענעם, — און א ליעבליכעס ווארט, א גוטער קוק פון א צווייטען מענשען בערוהיגט... מען שטויסט זיך ווען אן אין לעבען אויף אזוינס, וואס רייסט ארויס פון הארצען א גאנצען בנין פון א נשמה'שען חלום. עס בענקט, עס ציהט דאס הארץ, מען טוט א ווילע א קלער ביטער וועגען לעבען און מענשען,—ביז וואנען א נייער חלום הויבט זיך אן צו וועבען אויף די חורבות פון דעם פאריגען... מען לעבט!... אט אזוי האט זיך איהר לעבען געוועבט און געשפונען די גאנצע דריי יאהר. נאר עפּיס די לעצטע צייט האבען זיך אנגעהויבען בישלעכווייז,—און זי ווייס אליין ניט ווי אזוי— צו וועבען אין איהר מח קליינע, אפילו האלבע, ניט דערטראכטע ביז'ן סוף געדאנקען, נאר אזוינע, וועלכע האבען צווישען זיך א נאהענטקייט, א שייכות, און וועלכע ווערען ניט פערשוואונדען און גריבלען. און זיי האבען זיך געוועבט און געוועבט, ביז וואנען פון זיי אלעמען זענען אויסגעפלאכטען געווארען מחשבות גאנצע און נייע און וועלכע האבען אנגעהויבען איבערצואנדערן איהרע מיינונגען וועגען איהרע בעקאנטע, צווישען וועלכע זי לעבט, און וועגען איהר אייגענעם לעבען.

און ליגענדיג אזוי אין דערפריה אויף איהר בעט, און טראכטענדיג וועגען איהר לעבען און איהרע בעקאנטע, פלעגט זי זיך פערטראכטען בכלל איבערן לעבען, וועגען וועלכען זי האט נאך אזוי ווייניג און ניט ערנסט געטראכט... עפּיס משונה איז דאס לעבען... און משונה זענען א מאל די מחשבות וועגען איהם.

אַזש דערצעהלען זיי וועמען שעמט זיך און לעבערליך איז עס... עפּיס מענשען לעבען, לעבען און מען שטאַרבט... אַלע, אַלע מענשען שטאַרבען אויף דער וועלט... און מען בעגראָבט די מענ־שען אין דער ערד... משונה ווילד, ביז צום לאַכען און וויינען בוזאַמען... און איהר נעהמט אָן אַזאַ בענקעניש נאָך דער וועלט. נאָך דעם, וואָס די מענשליכע אויגען זעהען אָט גלייך ווי אין דער אמת׳ן, אָט באַלד, אָט נעהמט זי אָבשייד אויף אייביג, אויף אייביג פון די הימלען, לעבען און מענשען. און עס בענקט איהר האַרץ נאָך די ברייטע טיעפע פריהלינגס־הימלען, נאָך דעם ליכטיגען, ליעבען זונען־שיין, נאָך די פריהלינגס־ריחות פון אַלער־ליי גרעזעלעך, נאָך די ווייסינקע בלימעלעך, וועלכע זי האָט אַזוי ליעב... נאָך דעם לעבען... און עס בענקט, און אַזוי טרויעריג איז עס... און זעענדיג טיעף פערטראַכט אין בענקעניש און טרוי־ער, ליגט זי אַזוי אין איהר בעט, ביז וואַנען אין איהר צימער קומט אַריין אסתּר.

II

אסתּר איז געווען אַ מיידעל אַ יאָהר ניין און צוואַנציג מיט אַן אויסגעמאָגערטען קערפּער און פּנים, מיט אויגען שוואַרצע, אין וועלכע עס זענען נאָך פערבליבען סימנים פון אַ מאָל געוועזענע לעבעדיגקייט און פלינקייט, נאָר איצט צייטענווייז טרוקען אויסגע־לאָשענע. איהר פּנים פלעגט אַפילו ווען עס איז אויפגעלעבען זיך און מיט אַ יודישען חן פלעגט ער בעלויכטן ווערען, נאָר אַזוינס פלעגט טרעפען זעלטען, זעלטען, דאָס־רוב איז ער געווען אַזוי פערמאַטערט, פון הונגער אויסגעצויגען. אין איהרע שוואַרצע, גלייך פערקאַמטע האָר אויפ׳ן קאָפּ האָבען זיך געוויזען וואו ניט וואו איינציגע, איינציגע גראָהע האָר. זי האָט געוואוינט אין דעמזעלבען הויז וואו מאַניע, אין אַ צווייטען צימער, און מיט איהר אַריינקומען אין דערפריה, פלעגט זיך ביי מאַניען אָנהויבען דער טאָג.

אַז אסתּר פלעגט אַריין, פלעגט מאַניע נעהמען אָנטון זיך, און אין מח ביי איהר פלעגען דורכלויפען מחשבות וועגען דעם, וואָס זינט זי איז מיט אסתּר׳ן בעקאַנט, אָט די גאַנצע דריי יאָהר, וואָס זי לעבט דאָ אין מ., האָט זי ניט בעמערקט אין איהר פּנים דאָס, וואָס זי הייבט אָן צו זעהן אין איהם איצט. אסתּר׳ס פּנים איז צייטענווייז אַזוי בייז און ערדיש... איהר שטערן אין דער־

פֿריה גלאַנצט אַזוי מדוקען, אין די קליינע, האַלבע קנייטשעלעך נעבען בײדע זייטען מויל רעדען אַזוי פֿון אומזיסטען האַרצקלעמעניש און צאָרן... און ניט נאָר איהר פּנים, עפּיס אַספּיר אינגאַנצען מיט איהר נשמה איז איהר די לעצטע צייט אַזוי שווער... אַספּיר פֿלעגט אַנהויבען צו שמועסען וועגען וועמען עס איז אַ בעקאַנטען, און אין די רעד איז תמיד געלעגען אַ קלאָגען זיך אויף וועמען עס איז, אַ גיפֿט, אַפֿילו אַ פֿערבעהאַלטענער, נאָר אַזוי דײַטליך די לעצטע צייט פֿאַר מאַניען, און פֿול פֿלעגט זיין איהר שמועס מיט פֿערשיעדענע דינגע, צייטענווייז טיעפֿע בעמערקונגען וועגען די שוואַכע זייטען פֿון דער מענשליכער נשמה, וואָס נאָר שטאַרק פֿערביטערטע הערצער, אָהן רחמנות דערשלאָגענע נשמות פֿון לעבען און מענשען בעמערקען אַזוינס. מאַניע פֿלעגט זיך פֿיהלען בשעת אַזוינע שמועסען אָט אַזוי, ווי עס פֿיהלט זיך, ווען מען מוז קוקען אויף אַן אָפֿענער וואונד. רחמנות האָסטו אויף דעם מענשען, נאָר אַזוי וואָלט זיך דיר וועלען, אַז אי דער וואונד, אי דער קראַנקער מענש זאָלען פֿון דיינע אויגען פֿערשוואונדען ווערען...

דערווייל פֿלעגט אַריינקומען גרינשטיין, אַ שטענדיגער, אַלעטאָגיגער גאַסט. גרינשטיין איז געווען אַ בחור אַ יאָהר דרייסיג אין מיטעלען געוואוקס, מיט אַ גרויסען טרוקענעם שטערן. אין די קנייטשלעך אַרום זיינע איינגעמאַטערטע קאַרע אויגען איז געווען בעהאַלטען אַ ביטערער פֿערדראָס, ווי אויף וואָס געשטאָרבענעם אין זיין האַרצען, אויף וואָס פֿערלאָשענעם אין זיין נשמה, און אַן אָנגעוועהגליכע מידקייט איז געלעגען אויף זיין פֿערעלטערטען, געגאָלטען פּנים. ווי גרינשטיין פֿלעגט אַריינקומען, פֿלעגט אַספּיר ווערען מיט אַמאָל גאָר אַן אַנדערע. איהר קול פֿלעגט זיך פּלוצלונג אומבייטען, זי פֿלעגט וועלען זיין פֿרעהליך, מונטער, און זי פֿלעגט עפּיס אַרויסווייזען אַזאַ ווייכקייט אין איהר נשמה, אַזאַ קינדערשע גוטסקייט. און עפּיס אָט אַלין אין איהר: איהר קול, איהרע לייכטע, אָט ווי פֿערשעמטע בעוועגונגען פֿון איהר קערפּער, איהרע בליקען — אַלין, אַלין אָט ווי עס בעט זיך קינדעריש, נאַאיוו צו טון איהר גוטעס, צו גלעטען זי און צו שטיפֿען מיט איהר ווי מיט אַ קליין קינד... ווען זיי זיצען אַלע דריי ביים טיי-טרינקען, הויבט אַספּיר אָן רעדען אַ סך וועגען איהרע איבערלעבונגען; וועגען דעם, ווי שווער עס איז אַ מענשען מיט אַ נשמה צו לעבען אין אַזאַ צייט, ווען עס איז אַזאַ כאַאָס אין אַלעס — אין לעבען און אין די מחשבות; וועגען דעם, וואָס איצט איז אַפֿילו די סאַמע אינטערעסאַנטסטע צייט אין לעבען, און אַז די קומענדיגע דורות וועלען אונז מקנא

זיין, וואס מיר האבען געלעבט אין אזא קאלעדיגער און רייכער צייט, נאר ווי פיעל געזונד אזא לעבען קאסט... און רעדען פלעגט זי א סך און נערוועז וועגען דעם, ווי פיעל געזונד איהר האבען געקאסט אט די אלע איבערגעהענישען פון איין גלויבען אין דעם אנדערן: פריהער פון דעם טאטען און מאמעס גלויבען, פון ניט א געוועהנליכען פרומען טאטענס און מאמעס וועלט אין א וועלט פון נייע מחשבות. פון מחשבות וועגען דעם, אז דעם טאטענס און מאמעס לעבען איז א פוסטעס און ניט א ריכטיגעס, דערנאך פון ציוניזם צום בונד און פון בונד צו דער פארטיי... גרינשטיין פלעגט הערען אט דאס אלץ און פלעגט קוקען אויף אספיר'ן מיט א בליק פון א מענשען, וועלכער ווייס, וואס דאס אלץ בעטייט און פערשטעהט זי אזוי גוט... און מאניען פלעגט עפיס אזוי זיין ניט געשמאק אויפ'ן הארצען אי פון דעם, וואס אספיר ענדערט זיך אזוי גיך אום און ווערט אן'אנדערע צווישען מאנספילען און איבערהויפט פאר גרינשטיינען, אי פון דעם, וואס אין איהרע רעד און איהרע דערצעהלונגען וועגען זיך, וועגען איהרע איבערלעבונגען פלעגט זיך איהר הערען א סך, א סך ניט אמת, א סך אליין בעשאפענע פאקטען און מעשיות פון וואס עס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען... א משונה'דיגער פערדראס פלעגט זי אננעהמען פאר אספיר'ן, און זי פלעגט זיצען און קוקען אהן אן'אויפהער אויף וואס עס איז אויפ'ן טיש, אדער אין א פינטעל אויפ'ן וואנד, ווי פחד האבענדיג פאר וואס עס איז צו בעגעגענען זיך מיט אספיר'ס אדער גרינשטיינס א בליק.

איך האט געטראפען ווען, אז גרינשטיין פלעגט לייענען זיינעם א פעליעטאן — ער איז געוועזען א מיטארבייטער אין אן'ארטיגען בלאט — פלעגט אספיר אזוי צוהערען זיך, און איהר פנים איז דאן געוועזען אזוי נאריש אנגעשטרענגט. אז גרינשטיין פלעגט ענדיגען צו לייענען, פלעגט זי א צייט זיצען ווי פערשטיינט, טיעף פערטראכט אין מחשבות, גלייך ווי דאס אנגעשריבענע האט געמאכט אזא איינדרוק אויף איהר, אז ווילענדיג, ניט ווילענדיג מוז זי דערטראכטען אט יענע מחשבות, וועלכע דאס געשריבענע האט אויפגעוועקט אין איהר. נאכדעם פלעגט זי אויפהויבען זיך פון איהר ארט, און קוקענדיג גרינשטיינען אין פנים אריין, מיט א ליכטיגער מינע אויף איהר פנים און מיט א גרויסען דאנק אין איהרע אויגען, פלעגט זי צוגעהן צו איהם, פלעגט אוועקלעגען איהרע ביידע הענד אויף זיינע אקסלען און זי ניט געפינענדיג א רעכטס, פאסענדעס ווארט, וואס זאל אויסדריקען אט דאס, וואס זי וויל איצט זאגען

אידם. און ווי שעמענדיג זיך צו זאָגען אידם אַט דעם וואָרט, וועלכעס ער האָט פֿערדיענט, פֿלעגט זי ווענדען זיך צו מאַניען:

— דו האָסט פֿערשטאַנען?...

מאַניע פֿלעגט פֿיהלען, אַז זי אינגאַנצען, פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, ווערט רויט ווי אַ קליין קינד, ווען מען כאַפּט עס ביי אַ גנבֿה־זאַך. זי פֿלעגט עפּיס ניט וויסען, וואָס איז דאָ פֿאַרהאַן וואָס צו פֿערשטעהן און פֿון וואָס איז דאָ נתפּעל צו ווערען. ערטערוויז אַ געוועהנליכער פֿעליעטאָן, זעהר אַ געוועהנליכער, וואָס אַזוינס ליי־ענסטו אין אַלע געוועהנליכע בלעטער, און ערטערוויז עפּיס דאַכט זיך דיר אַזוינס, וואָס דו האָסט שוין דאָס געלייענט וואו און אַליין געערדט וועגען דעם. אין גרינשטיינ׳ס פּנים פֿלעגט דערווייל פֿון אַספּיר׳ס התפּעלות ווערען צוהיצט, און ער פֿלעגט אָנהויבען צו רעדען מיט היץ און מיט אַ מאָדנעם קינדערשען גלויבען צו אַספּירען און צו מאַניען וועגען דעם לעבען, מענשען און וועגען זיין שרייבען, אויך וועגען דעם, אַז ער רעכענט צונויפֿקלייבען אַלע זיינע פֿעליעטאָנען און אָבדרוקען זיי אין אַ בעזונדער ביכעל מיט׳ן נאָמען „לעבען און געדאַנקען“. מאַניע׳ן פֿלעגט דאַן גרינשטיין מיט זיין צרות׳דיגען און צוהיצטען פּנים אויסווייזען אַזוי נאַריש און אַזוי אומעטיג. פֿערדראָסיג, ניט וויסענדיג אַליין פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען, פֿלעגט מאַניע׳ן ווערען אויפֿ׳ן האַרצען. שווער און שעמעדיג פֿלעגט איהר זיין צו זעהן, ווי גרינשטיין מיט אַספּיר׳ן חלומ׳ען אויפֿ׳ן וואָהר פֿון עפּיס אַזוינס פּוסטעס, נאַרישעס און אַזוי טומפּ־אומעטיגעס...

שפּעטער פֿלעגט זיך אָנהויבען אַ גאַנצע רייהע פֿון בעקאַנטע, וועלכע פֿלעגען קומען צו מאַניען, צו אַספּיר׳ן, אָפּט אויך צו זוכען ביי זיי גרינשטיינען, און עס פֿלעגט זיך אָנהויבען אַ טומעל, אַ הודאַ, און אָט אַזוי אין טומעל און אין הודאַ פֿלעגט אַריבער דער טאָג.

ביינאַכט פֿלעגט זיך ווידער צונויפֿקלייבען אַ גאַנצע חבֿורה ביי מאַניע׳ן אין צימער. דאָס רובֿ נעכט פֿלעגען אַוועקגעהן אין וכּוחים, אין וועלכע די הויפּט־רעדנער פֿלעגען זיין גרינשטיין און אַספּיר. מאַניע פֿלעגט זיצען אַליין פֿאַר זיך, הערענדיג די דאָזיגע וכּוחים, און עס פֿלעגט זיך איהר אַמאָל אַזוי וועלען וויסען, וועגען וואָס עס ווערט געשמועסט. די פֿראַגע וועגען וואָס זיי איז גערעכט, נאָר די וכּוחים פֿלעגען אַזוי פֿערטשעפּען דעם מח, דאָס האַרץ, אַז עס איז איהר ניט מעגליך געווען אָנצוטאַפּען, צו דערפֿיהלען דעם ערנסטען אמת.

אַמאָל פֿלעגט טרעפֿען, אַז זיצענדיג אַזוי און זיך צוהערענדיג

צו זייערע רער, פלעגט איהר נשמה פערחלומ'ען זיך, און חלומ'ען פלעגט זיך פון א נייער וועלט, וועלכע עס קומט אן אויף דער ערד... עס וועט קומען א צייט, און, דוכט זיך, באלד, גאר ניט ווייט איז זי, א צייט פון אנ'אנדער לעבען... פון א נייעם לעבען... קלאר, אפילו דייטליך אין אלע פרטים, ווי אזוי עס וועט דאן זיין, ווייס זי ניט, קאן זי זיך ניט פארשטעלען, אבער דאן, דאן וועלען מענשען לעבען אנדערש ווי איצט, ריינער, שענער און בעסער... אלע, אלע וועלען דאן זיין פריי, גרויס; ריין און שען וועט זיין דאס קומענדיגע לעבען... איהר נשמה פלעגט זיך וועלען אריינדרינגען אין די שענע קומענדיגע צייט, וועלכע אָט־אָט הענגט זי נעבען איהר דארטען, דארטען אין דער הויך, ווי איבער איהר קאפ, און אט, אט קומט זי אן... נאך עטליכע הייסע ווערטער פאר די פערפינסטערטע אומגליקליכע מענשען, נאך עטליכע מענשען, מיט צימרעכט דערשלאגענע, עפענען די אויגען, נאך עטליכע אומגליקליכע קנעכט דערצעהלען, אז קנעכט זעגען זיי... נאך א שטארקען קאמפף מיט די שלעכטע מענשען פון דער וועלט,—און אט קומט עס אן, אט דאס קלארע, ליכטיגע שענע לעבען, וועלכעס דו זעהסט נאך אפילו ניט דייטליך, קלאר, נאר אט גלייך אזוי, ווי ווען דו קוקסט אין די קלארע, בלאהע, טיעפע הימלען אריין... דארטען, דארטען, ווייט־ווייט ווערט שוין דיין בליק צימישט, ער קאן ניט ארומנעהמען דייטליך, וואס דארטען איז אזוינס און אריינדרינגען אהין, נאר דו פיהלסט, אז דיינע אויגען קוקען אין א וועלט א שענע, א טיעפע — א הימלישע וועלט... ליכטיגעס, ניט פון דער וועלט, א נחת צוגיסט זיך ביי איהר אין הארצען און איבער איהר גאנצען קערפער. גרינג איז עס איהר קערפער, איהר נשמה. די אויגען, ווי גרעסער ווערען זיי, זעהען ברייטער, און אלץ, וואס זי זעהט פאר זיך, ווערט גרעסער, דייטליכער און ליכטיגער... שענער און ליכטיגער ווערען אלע פנימ'ער, וועלכע זי זעהט פאר זיך, זייערע אויגען בלישטשענדיגער, מיט מעהר אינהאלט און טיעפער... און דער חלום איז אזוי אנגענעהם: אט דאס אלץ, וואס איצט איז, וועט אריבער, און עס וועט קומען א צייט... און ווען אפילו דו וועסט מוזען שטארבען... דו וועסט שוין דאן ניט זיין אויף דער וועלט, אבער מענשען וועלען לעבען פריי, ריין, שען, גוט און גליקליך... א גאנצע כוואליע פון ליכטיגקייט פליסט אין איהר הארצען. איהר וואלט זיך וועלען טאן איצט אזוינס, פון וואס עס זאל ווערען אלעמען, וועלכע עס געפינען זיך איצט דא, אזוי גוט... אזוי היימליך און ליכטיג זאל

ווערען אלעמען אויפ'ן הארצען... און זי הויבט אן צוצוהערען זיך ווידער צו די רעד ארום איהר איצט, און עפיס פון מיטט צו מי־ נוט ווערט איהר חלום ווי פערלאשען, פערלאשען און אוועקגעטרי־ בען פון איהר, און אויפ'ן הארצען ווערט אלץ אומעטיגער און טעמ־ פער... מען רעדט, מען איז זיך מתוכח, דער זאגט אזוי, דער אנדערש, און עס דוכט זיך, אז ווען דער רעדט, איז ער גערעכט, און ווען דער אנדערער רעדט, איז יענער גערעכט... מען קען טראכטען אזוי און אזוי, גלייך ווי אין מה ליגט אזוינס, וועלכעס מען קען ציהען אהער און אהין... און וואס מעהר די הערסט, ווערט דער מה מעהר פערדרעהט, דאס הארץ פערטעמפט. און איהר וואלט זיך אזוי וועלען, אזוי וועלען דערגעהן אין דער אמת'ן, ווער פון זיי איז גערעכט... זי זיצט אזוי און הערט, ביז וואנען עפיס בייזעס דערוועקט זיך ביי איהר אין הארצען אויף זיי אלע־ מען, און איהר וואלט זיך אזוי וועלען, אז וואס גיכער זאלען [illegible] פון איהר אוועקגעהן און לאזען זי איינע אליין פערטיפען זיך אין עפיס אנדערש וואס און בעטראכטען עס טיעף און ערנסט... אין אז מען פלעגט זיך שוין צוגעהן, שפעט ביינאכט, פלעגט איהר הארץ אזוי טעמפ פרעסען מיט א פערדראס אויף דעם פוסטען טאג און נאכט, וועלכע זענען אין גארנישט אריבער. פוסט און נאריש.

III

און אט אזוי האט זיך ביי מאניע'ן אנגעהויבען צו וועבען אזוינס אין הארצען, וואס אויף קלאר, וואס דאס איז און פון וואס דאס האט זיך אנגעהויבען, האט זי אליין אויך ניט געוואוסט. און עס פלעגט טרעפען, אז גלייך ווי האבענדיג פחד אט פאר דאס אלץ, וואס עס קומט פאר א גאנצען טאג ביי איהר אין צימער, פלעגט זי זיך איילען אוועקציגעהן, איידער עס פלעגט נאך קומען ווער צו איהר, און פלעגט ארומגעהן אליין אין די גאסען.

אנגעטאן אין איהר קורצען, פעסט פערשפילעטען מאנטעל, פון וועלכען עס פלעגט זיך ארויסזעהן לעבעדיג די איידעל בולט־ דיגע שטריכען פון איהר לייכט בעוועגענדיגען קערפער, פלעגט זי ארומגעהן איינע אליין אין די גאסען גיך, ווי עס וואלט זי וואס שטופען צו ענטלויפען ערגיץ, ענטלויפען פון אלץ און פון אלע־ מען... עס איז געווען שפעט אין סוף זומער. די טראטוארען און

דער ברוק פון די גאסען זענען געווען טרוקען, און טרוקען הילכיג איז געווען יעדער טראט פון א מענשען, יעדער דונער פון א פוהר. א קאלטער ווינד בלאזט. פון די בוימער אין די זייטען פון די גאסען פאלען געלע טרוקענע בלעטער, זיי דרעהען זיך א וויילע אין אויר צווישען הימעל און ערד און פאלען אראב נעבען טראטואר און אויפ'ן טראטואר. דער רעש פון די פוהרען איז אזא טרוקענער. און עפיס אלץ — די געפאלענע געלע בלעטער, דער ריינער קאלטער ווינד, דער טרוקענער, קאלטער ברוק, — אלץ דערמאנט אן דעם ערשטען ווייסינקען קלארען שניי, וואס דארף באלד אנקומען. מיט א ווייכער, קאלטער, קלארינקער ווייסקייט איז דאן גאנץ וועלט בעדעקט, און דיין נשמה איז אזוי העל, ריין איז זי און פעסט... א גאנצע כוואליע פון עפיס ריינעס, קלארעס און פעסטעס דריקט איהר הארץ, און עס ווילט זיך איהר אזוי געהן, געהן אנטקעגען דעם ווינד, וואוהין די אויגען טראגען... עס ווילט זיך זינגען, זינגען א פרעהליכען, לייכטען ניגון און געהן אנטקעגען דעם ווינד אט ווי אויף צו להכעיס איהם... געהן און שניידען דעם אויר, וועלכער איז פול מיט א טרוקענעם, פעסטען, פרישען, קאלטען ווינד... אט שטעהט נעבען א הויף א גרויסער וואגען, אנגעלאדען מיט גרויסע קאסטענס פול מיט שווערע משא. א הויכער, געזונדער יוד בויגט אן זיין פלייצע צום וואגען, ער טוט א בויג ארויף זיין קאפ צום הימעל, א נויג דאס קעסטיל צום פלייצע און מיט א לייכטען, פרייען הימליכען אויסגעשריי: „האפ!" געהט ער זיך אוועק לייכט מיט דעם קעסטיל אויף די פלייצעס, אט ווי ניט איהם מיינט מען דאס, גלייך אין גרויסען הויף אריין און ווערט פערשוואונדען... פרעהליך לאכען ווילט זיך איהר און עס בענקט איהר קערפער, ער בענקט צו אויך עפיס אזוינס...— גוט איז פיהלען די קראפט אין זיך!... און זי געהט אוועק נאך גיכער ווי פריהער, גיכער, גיכער...

איינמאל, געהענדיג אזוי און ניט האבענדיג פאר זיך קיין ציעל, איז זי ארויסגעקומען צו א סוף שטאדט. א ווילדעס, פרייעס בילד האט זיך פלוצלינג געעפענט פאר איהרע אויגען. ניט ווייט, אנטקעגען איהר, אין א טאל אהן א סוף, האט זיך אוועקגעצויגען א פוסטעס, ווילדעס פעלד. דא און דארט איינזאמע ווילדע בוימער מיט קופקעס ווילדע געלע בלעטער ארום, און ברייטע, פיעפע לאנגע הימלען. משונה ליכטיג איז געווארען איהר מח, און א פרייער, ווילדער ווינד האט געבלאזען פון דעם ווילדען פעלד אין איהר פנים און איז אין איהר הארצען אריין. זי איז געשטאנען

קוקענדיג פאַראויס זיך אויף דאָס לאַנג ניט געזעהענע, נייע בילד, און איהר הארץ ווערט אַלץ ברייטער און ברייטער, די אויגען גלייך ווי זיי ווערען גרעסער, די נשמה ליכטיגער און גרינגער, און עפּיס פּרטאַלען זיך אין מח, אין האַרצען שטומע מחשבות אָהן ווערטער: איך בין גערעכט... איך בין גערעכט... פאַרהאַן נאָך אַ וועלט... אַ וועלט, אַנ'אָמת'ע, אַ פרייע, אַ ריינע, אַ ווילדע.... אַ וועלט מיט ברייטע, פרייע, ווילדע פעלדער און הימלען... איהר מח און הארץ ווערען ווי פערשיכּור'ט, און זי זעצט זיך אויף דער קאַלטער ערד. עס שטעהען אויף פאַר איהר גאַנצע רייהען בילדער פון איהר לעבען, ווען זי איז נאָך אין דער היים געווען אין איהר קליינעם שטעדטיל, וואו זי איז געבאָרען. עס דערמאָנט זיך איהר אָט יענע זיסע, ליבע זומער-פאַרנאַכטען. פול איז עס דאַן די גאַנצע וועלט צווישען הימעל און ערד מיט פרישע ריחות פון אַלערליי בלומען און גראָזען, און אַ טיעפער, איידעלער ווינד, פול מיט סודות, שוועבט פון די אַרומיגע אָפענע פעלדער און פון די טיעפע איינזאַמע וועלדער און פערהילט טיעף און מיט בענקשאַפט דאָס גאַנצע שטעדטעלע, און דיין נשמה און דיין קערפער איז דאַן גרינג און שכּור פרעהליך... איינמאָל אַ זומער זענען ציגיינער געווען אַרום זייער שטעדטיל. צווישען די איז געווען אַ יונגע ציגיינערין. זי האָט געהאַט אַ שוואַרצען פּנים אָנגעזאַפּט מיט זונען-שיין, איהרע אויגען זענען געווען שוואַרצע, גרויסע, פרישע און בלישצענדיגע, און איהר קערפּער איז געווען אַזוי שען, לייכטבעוועגיג, ווי אַ פייכטער טשערעט אין ווילדען פעלד, און אַזוי פול איז ער געווען מיט ווילדען לעבען און פרייהייט... און עס געדענקט זיך איהר, ווי איינמאָל, — אַ חתונה איז ביי די ציגיינער דאַן געווען, — און דאָס דאָזיגע שען, ווילד מיידעל איז דורכגעלאָפען אויף אַ שענעם, קאָכעדיגען פערד, פול מיט לעבען, עטליכע מאָל איבער דער גאַס, וואו זיי האָבען געוואוינט, שרייענדיג מיט אַ ווילדען געשריי: „העפּ! העפּ! העפּ!" דאָס פערד, דער וואָגען מיט איהר זענען געווען ווי אויסגעגאָסען אין אַ שטיק ווילדען, פרייען שטורמווינד, און דאָס טראָגט זיך אין דער וועלט אַריין צווישען הימעל און ערד: „העפּ! העפּ! העפּ!" דאָס פערד טראָגט, די גלעקלעך אַרום זיין שענעם האַלז קלינגען שטורמדיג, דין און איידעל. מוטערס האַפּען זייערע קינדער פון דער גאַס, דער ציגיינערינס אויגען בלישטשען ווי שוואַרצע בליצען, איהר פּנים פלאַקערט פון לעבען, און איהר ווילדער קול דערצעהלט פון אַ זדיגען, טיעפען האַרץ, וועגען פרייהייט פון אָהן-סוף'יגע ווילדע פעלדער, פון בעהאַלטענע טיעפענישען פון דער

מענשליכען הארץ און פון א פרייער ווילדקייט טיעף, טיעף בעהאל-
טען אין דער מענשליכער נשמה — „העפ! העפ! העפ!“... א צייט
איז זי געזעסען, און איהר גאנצער מהות איז געווען פערנומען אט
מיט די פרייע, ברייטע הימלען, וועלכע זי זעהט פאר זיך, מיט די
ווילדע פעלדער אהן א סוף און מיט דעם הילדען, פרייען קול פון
יענער שענער, ווילדער ציגיינערין, און א משונה'דיגער צארן איז
געוואקסען אין איהר הארצען צו איהר איצטיגען לעבען און צו
אלע איהרע בעקאנטע, וועלכע האבען זיך איהר אויסגעוויזען איצט
אזוי ווייט פון איהר און אזוי קליין, נידעריג און רחמנות'דיג און
וועלכע מאכען זוי בלויז איהר אזוי שווער אויף דער נשמה...

קומענדיג אהיים, שפעט ביינאכט, האט זי געפונען אספיר'ן,
זיצענדיג ביי איהר אין צימער. פון אספיר'ס פערביטערט צוהיצטען
פנים, פול מיט הארצקלעמעניש, און פון איהר ווי איינגעדריקטען
און דערשלאגענעם קערפער האט זי פערשטאנען, אז היינט איז
עפיס פארגעקומען א צוזאמענשטויסונג ביי איהר מיט גרינשטיינען.
צוזאמענשטויסונגען ביי אספיר'ן מיט גרינשטיינען פלעגען אפט פאר-
קומען, און תמיד פלעגען זיך מאניען אויסווייזען אזוינע סצענעס
אזוי נאריש און לעכערליך. פאר גארנישט פלעגט מען זיך צו-
אמפערן, זיך צוקריגען. גרינשטיין פלעגט ארויסווייזען דאן אזוי פיעל
גיפט צו אספיר'ן, גלייך ווי זי וואלט אין דער אמת'ן זיין שולדיג
געגען איהם אין זעהר א וויכטיגער זאך אין לעבען. אספיר פלעגט
אפילו אויך דאן אנרעדען איהם א סך גראבע און שלעכטע ווער-
טער, נאר תמיד פלעגט זיך הערען אין איהר קול, עס פלעגט זיך
זעהן דערביי אין איהר פנים עפיס א פחד פאר דאס אלץ, וואס זי
רעדט, און עפיס א באלד אנגעקומענע פערענטפערונג זיך פאר
איהם אויף אלע איהרע איצטיגע רייד, פלעגט זיך פיהלען, איז
בעהאלטען און אנגעגרייט ערגיץ וואו ביי איהר פאראויס,—און אט-
אט הויבט זיך דאס אן... מאניען איז אזוי שווער געווארען אויפ'ן
הארצען, דערזעהענדיג אספיר'ן. אזוי האט זיך איהר ניט געוואלט
הערען אט דאס אלץ, וואס אספיר וועט באלד אנהויבען מיט איהר
צו רעדען. און אספיר האט טאקי באלד דערצעהלט איהר מיט א
ביטערען פעדראס, וואס עס איז פארגעקומען ביי איהר מיט גרינ-
שטיינען. אויך האט זי גענומען קלאגען זיך וועגען דעם, וואס מענ-
שען פערשטעהען אזוי ניט איינער דעם צווייטען און זענען גרייט
יעדע מינוט, ווען זיי גיט זיך דאס נור איין, ארייננצוקריכען מיט
גראבע, איינגעריכטע הענד אין דעם צווייטענס הארץ אריין, און
דעם זאמטע צעוועדמאטשען ארט פון דער נשמה און גראבלען זיך

דארט... אויך האט זי זיך ביטער געקלאגט וועגען דעם, וואס אין איהר גאנצען לעבען, וואס איז דורכגעגאנגען מיט הונגער און הארצקלעמעניש, האט זי שטענדיג, שטענדיג, מיט וועמען זי זאל זיך ניט בעגעגענען אין לעבען, אלעמען מעהר געגעבען, ווי מען פלעגט געבען איהר... תמיד איז זי צו אלעמען געווען היים, גוט, און צו איהר פלעגט מען זיין קאלט און אכזריות'דיג... און נערווען און ביטער זענען געווען איהרע רעד וועגען מענער, וועלכע זענען ניט ווערט, אז א מיידעלשע נשמה זאל זיי דערווארימען... און איהר קול פלעגט וואס וויטער ווערען נערוועזער, גיפטיגער, און עס האט זיך געהערט אין איהם אזא ביטערע פראגע: צוליעב וואס?.. צוליעב וואס האב איך געהונגערט, געליטען, אויסגעריסען געווארען אין מיין לעבען?... צוליעב וואס און וועמען?... און ליגענדיג צוזאמען מיט מאניען איינגעטאגענע אין בעט, האט זי, ווי פערשכור'ט פון דער ביטערניש פון איהר נשמה, גע'חלומ'ט אויפן וואהר פאר מאניען פון ליעבע-מעשיות, וועלכע זענען פארגעקומען ביי איהר אמאל, אמאל, און אזא בענקשאפט אט צו די מעשיות, אט אז זיי זאלען פארקומען אויפן וואהר אט איצט, האט געקלונגען אין איהרע רעד... און ווי פער'שכור'ט צוהיצענדיג זיך, האט זי גע'טענה'ט נערוועז און גיפטיג איבער דעם, וואס פרויען זענען אכזריות'דיג בעשאפען, און אז ווען זי וואלט א מאנסביל געווען, וואלט זי דאן געוועזן פון די ערשטע ניט כשר'ע מאנסבילען אויף דער וועלט... און אראבווארפענדיג די דעקע פון זיך, האט זי אזוי פער'שכור'ט פון צרות געפרעגט ביי מאניען:

— זאג, מאניע, זאג, ביי מיר איז א מיאוס'ער קערפער?... זאג, מען קען מיך ליעבען?.. זעה, ווי ער איז היים... וויפיעל אין איהם איז פארהאן לעבען... מאניע, זאג... זעה... דו ווייסט ניט, ווי איך קאן ליעבען... דו ווייסט ניט...

זי האט ארומגענומען שטייף מיט איהרע הענד מאניעס האלז, זי האט געדריקט מאניען צו זיך אזוי היים, אזוי שטייף, זי האט געקוש'ט, אזוי ווילד, איהר רוקען, איהר ברוסט—און איהר גאנצער קערפער האט זיך געטרייסעלט, ווי פון קעלט... מאניען איז אזוי שווער געווען צו קוקען גלייך אספירען אין די אויגען אריין. עפים מיאוס, געשעמט האט זי זיך צו הערען אט דאס אלץ, וואס אספיר האט מיט איהר גע'שמועסט. און שטומערהייד, ניט גאר דייטליך פאר זיך אליין האט געפיהלט איהר גאנצער מהות, ווי מיאוס עס איז צו רעדען אזוי וועגען זיך... מיאוס איז צו קלאגען זיך אזוי אויף די אייגענע קלעמעניש'ען פון דיין הארץ...

מיאוס, ניט שיין איז אַזוי צו עפֿענען די וואונדען פֿון דיין נשמה... און עפּיס האָט געמורמעלט זיך טיעף, טיעף אין איהר נשמה אַ שטומע מחשבה, אַז מיאוס. מיאוס איז צו האָבען אַזוינע צרות... אַט עפּיס גלייך ווי אַט דער מענש, וועלכער האָט אַזוינע צרות, איז אַליין אַ מיאוס'ער, ניט קיין שענער מענש... ניט שיין פֿאַר זיך... ניט שיין פֿאַר דעם צווייטען צו בעווייזען אַזוינס... ניט שיין... ניט שיין... זי האָט געגלעט אָספּיר'ען איבער איהרע האָר, איהר האָט זיך געוואָלט גרינגער מאַכען מיט וואָס אָספּיר'ן אויפ'ן האַרצען, און אין איהר אייגענעם האַרץ האָט עפּיס אַזוינס געמורמולט ביז אויף אַלץ און אויף אַלעמען... מען האָט זיך צונויפֿגעקליבען אַלע צוזאַמען אין איין אָרט און מען דריקט און מען שטיקט איינער דעם אַנדערען... און מען צופּט און מ'רייסט זיך אַליין... דאָס אייגענע האַרץ, די אייגענע נשמה... און געבענקט האָט זיך איהר אַט נאָך דער אַנדער וועלט, אַט נאָך יענער וועלט מיט די טיעפֿע, פֿרייע, ברייטע הימלען און פֿעלדער...

IV

און די מחשבות ביי מאַניען אין האַרצען וועגען דעם לעבען און וועגען די אַרומיגע מענשען, וועלכע זי קען, זענען אַלץ געוואָרען גרעסער און ביטערער. אויך האָט עפּיס גרינשטיין אָנגעהויבען צו צוקוקען זיך צו איהר, האָט אָנגעהויבען צו ווערען מיט איהר נעהענטער ווי פֿריהער, און דאָס האָט איהר אַזוי שווער געמאַכט אויפ'ן האַרצען. זי וואָלט אַזוי וועלען, אַז גרינשטיין זאָל זי ניט בעמערקען, אַט אַזוי ווי ביז איצט. צו דעם איז אויך עפּיס אָספּיר, זינט גרינשטיין האָט אָנגעהויבען צו זיין נעהענטער צו איהר, אַזוי געוואָרען צו איהר בייז און צאָרעניג.

עס פֿלעגט טרעפֿען, אַז גרינשטיין פֿלעגט אַ פֿרעגע טון ביי איהר, וואָס איז זי אַזוי פֿערטראַכט, פֿערקלערט. זי פֿלעגט איהם ענטפֿערען, אַז עס איז גאָרנישט... אַזוי זיך... און אָספּיר, וועלכע פֿלעגט דערביי זיין, פֿלעגט אַזוי גיפֿטיג קוקען אויף איהר און אויף גרינשטיינען, בעמערקענדיג דערביי מיט אַ געמאַכטען שמייכעל:

— וועגען וואָס קען זי טראַכטען? מען טראַכט...

און מאַניע וואָלט דאַן אַזוי וועלען, אַז זיי ביידע, אי גרינ-

שטיין, אַז אסתּיר זאָלען זי לאָזען צורוה. נאָר גרינשטיין פֿלעגט אַליין מעהר און מעהר נאָכקוקען נאָך איהר און ווי היטען זי האָט ער אָנגעהויבּען. ער האָט אָנגעהויבּען צו זאָגען איהר, אַז ער זעהט אין איהר עפּיס אַ נייעס, אַז זי איז גאָר אַן אַנדער מיידעל געוואָרען, און איהם וואונדערט, ווי אַזוי האָט ער דאָס גאַנצע יאָהר, וואָס ער לעבּט דאָ צוזאַמען מיט איהר, ניט בּעמערקט זי בּיז איצט. איינמאָל האָט ער אויך עפּיס ווי פֿערענטפֿערט זיך פֿאַר איהר, וואָס ער האָט זי בּיז איצט ניט געקענט. ער האָט איהר דאַן געזאָגט, אַז די לעצטע צייט איז בּיי איהר גאָר אַן אַנדער פּנים געוואָרען, אַ טיעפֿערער, מיט מעהר מחשבות דורכגעדרונגען, און אַז קיינער, קיינער פֿון די אַרומיגע איהרע מענשען קאָן זי ניט און פֿערשטעהט זי ניט, און ער האָט זיך עפּיס אַזוי געבּעטען בּיי איהר צו דערצעהלען איהם, וואָס דריקט איצט איהר האַרץ, איהר נשמה, און אַז זי זאָל ניט טראַכטען אַזוי פֿיעל. און בּעת זיין קול האָט דאָס גערעדט, האָבּען זיינע אויגען, מיט וועלכע ער האָט געקוקט אויף איהר, דערצעהלט איהר עפּיס וועגען אַזוינס, פֿון וואָס איהר גאַנצער מהות פֿלעגט אַ ציטער טאָן. אסתּיר פֿלעגט פֿון טאָג צו טאָג ווערען בּייזער אויף איהר און צאָרענדיגער. זי פֿלעגט אַ סך רעדען מיט כּעס וועגען דעם, וואָס אַ מענש איז תּמיד אַליין, וועגען דעם, אַז זי גלויבּט ניט אין פֿריינדשאַפֿט, אַז קיין אמת'ע פֿריינד זענען ניטאָ, אַז צו איהר זענען אַלע מאָל איהרע פֿריינד פֿאַלש געווען, אַז מען פֿלעגט זיך בּעגעהן מיט איהר ניט מענשליך... און קיינמאָל, קיינמאָל, אַפֿילו די נאָהענטסטע פֿריינד איהרע האָבּען זיך ניט גערעכענט מיט איהרע איבּערלעבּונגען און אַז אַלע מאָל אין איהר לעבּען האָט געטראָפֿען אַזוי, אַז אַקוראַט דאַן, ווען איהר האָט זיך שוין יע אָנגעהויבּען צו לעבּען לייכטער און אין איהר צוקונפֿט האָט אָנגעהויבּען ווי צו בּלישטשען וואָס, פֿלעגט זיך אין מיטען אַריינמישען ווער עס איז און פֿלעגט אָהן רחמנות צושטערן אַלע איהרע חלומות... אויך פֿלעגט טרעפֿען, אַז אסתּיר פֿלעגט עפּיס פֿאַר גאָרנישט בּייז זידלען זי. און מאַניע האָט אָנגעהויבּען צו פֿיהלען, אַז אַחוץ דעם, וואָס עס טוט זיך בּיי איהר אינעווייניג אין האַרצען, הייבּט זיך אָן צו העבּען נאָך וואָס אַזוינס אין איהר לעבּען... אַרום איהר ווערט בּעשאַפֿען אַזוינס אומגעלומפּערט-פֿערפּלאָנטעטעס און נאַרישעס.

און איין מאָל, שפּעט בּיי נאַכט. מאַניע איז געלעגען פֿערזונקען אין מחשבות. זי איז געלעגען [illegible] אין

איהר בעט. דער לאָמפּ האָט נאָך געברענט. זי איז געלעגען מיט אַ קלאָרער, ריינער דעקע איבערגעדעקט. זי האָט געפֿיהלט איהר הייכען, געזונדען, שענעם און זיבעצען קערפּער. איהר קערפּער האָט נאָך וואָס געבענקט. און דאָס האַרץ איהרס איז געווען אַזוי פֿול. איהר נשמה האָט געצויגען צו נאָך אַ נשמה, צו אַ מענשען אַ נאָהענטען, אַ טייערען, פֿאַר וועלכען מען שעמט זיך ניט אויס־צודערצעהלען אַט דאָס אַלץ, פֿון וואָס דאָס האַרץ דריקט; צו נאָך אַ נשמה, פֿאַר וועלכער עס איז טייער אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר ביי דיר אין מוח, אין האַרצען — אַלץ, אַלץ איז פֿאַר איהם טייער, און מען קאָן זיין פֿאַר איהם פֿריי... פֿריי... פֿריי מיט די מעשים. פֿריי זיין און געטריי זיין נאָך אַ נשמה, געטריי זיין אַ מענשען, וועלכער איז דיר אויך אַזוי טייער און נאָהענט. און לעבען אין אמת... לעבען ריין, שען און פּראָסט... לעבען!...

מיט אַמאָל הערט זי אין טיר אַ קלאַפּ:

— מען קאָן אַריין?...

זי דערקענט גרינשטיינס קול. אין האַרצען רייסט זיך ביי איהר וואָס אָב. אַ ביטערער פֿערדראָס פֿערקלעמט איהר האַרץ. גלייך ווי איהרער אַ בייזער שונא טרייבט פֿון איהר אַ נאַרישען, בייזען קאַמאַוועס... און זי פֿערלעשט גיך דעם לאָמפּ.

— ניין.

— איך דאַרף דאָ מעהר נישט אַ בוך נעהמען. איך האָב איהם דאָ פֿערגעסען, — זאָגט גרינשטיין מיט אַ משונה'ם געבעט.

זי ווערט אַזוי בייז אויף איהם. גרינשטיין געהט אַריין אין איהר צימער, און זי שפּירט אין דער פֿינסטער, אַז ער זוכט עפּיס דאָס בוך ניט ערנסט... און אַזוי לאַנגזאַם.

— איך קאָן עס ניט געפֿינען, — מורמעלט גרינשטיין אין אַ ווילע אַרום. און זיין קול ציטערט, ווי ביי אַ מענשען, וואָס רעדט פֿון הויז — און געהן אַהיים איז אַזוי אומעדיג...

מאַניע שווייגט. און איהר ווילט זיך, אַז ער זאָל וואָס גיכער, וואָס גיכער אַוועקגעהן פֿון איהר צימער.

— איהר רעכענט מאַקי שלאָפֿען, מאַניע?... — פֿרעגט גרינשטיין מיט אַ משונהדיג, ווי ניט מיט זיין קול.

— יאָ... איך וויל שלאָפֿען... — איילט זי זיך צו זאָגען איהם.

און גרינשטיין שטעהט אַזוי נאַריש ביי איהר אין צימער, ווי ניט וויסענדיג, וואָס ער זאָל אָנהויבען צו טהון.

— ניי, — זאָגט ער פֿערביטערט צוגעהענדיג נעהנטער צו איהר בעט — נאַט איך אַ האַנד... אַ גוטע נאַכט...

— איך בין שוין אַ אויסגעטאָנענע — אײַלט זי זיך צו פֿערענטפֿערען אויף דעם, וואָס זי גיט איהם די האַנד ניט. און אַזוי װילט זיך איהר ניט, אַז ער זאָל צוגעהן נאָהענט צו איהר בעטיל. זי וויל ניט. ער איז איהר אַזוי שווער...

זי פֿיהלט, אַז גרינשטיינס פנים ווערט נאָך מעהר צוטומעלטער און נאַרישער. איהר פֿערדריסט אויף איהם און אַ רחמנות כאַפּט איהר אָן ביים האַרצען אויף איהם, נאָר זי וואָלט אַזוי וועלען, אַז וואָס גיכער, וואָס גיכער זאָל ער אַוועקגעהן פֿון איהר.

— מאַניע, וואָס זענט איהר אויף מיר אַזוי אָנגעשטויסען?... — בעט זיך גרינשטיין מיט אַ רחמנות'דיגען קול.

— גרינשטיין, גרינשטיין, לאָזט מיך צורוה... איך וויל שלאָפֿען... איך וויל שלאָפֿען... — רײַסט זיך בײַ איהר נערוועז אַרויס.

גרינשטיין געהט אַוועק אַ צוטומולטער, און איהר האַרץ דריקט, דריקט אַזוי ביז צום וויינען... וויינען... צודריקען דאָס קאָפּ אָט צו דעם קאַלטען, קאַלטען קישען... און וויינען... וויינען...

און אויף מאָרגען גאַנץ פֿריה, ווי נאָר זי כאַפּט זיך אויף פֿון שלאָף, קומט אָספּיר און הויבט אָן, ווי פֿון דער זײַט, און ווי, דאַכט זיך, ניט צו איהר געהעריג איז דאָס, צו דערגעהן וועגען דעם, צי גרינשטיין איז נעכטען בײַ נאַכט, אַוועקגעהענדיג פֿון איהר, פֿערגאַנגען צו מאַניען אויך, וויפֿיעל איז ער בײַ איהר געוועזען און וועגען וואָס האָבען זיי גערעדט. און עס פֿלעגט אַזוי ניכר זײַן פֿון אָספּיר'ן, אַז אַלץ, וואָס מאַניע זאָגט איהר וועגען דעם, גלויבט זי איהר אַזוי ניט.. און ווען אַפֿילו זי זאָל זיך איהר שווערען מיט אַלץ, וואָס איהר איז נאָר טײַער, וועט זי איהר גאָרניט, גאָרניט וועגען דעם גלויבען... און מאַניע פֿלעגט דערפֿיהלען, ווי איהר נשמה שטויסט זיך אָן מיט עפּיס אַזוינס קויטיגעס, ניט שענעס און ניט ריינעס... און איהר פֿלעגט אַזוי דריקען איהר האַרץ.

V

און די צײַט איז זיך געגאַנגען, אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך און אַ חודש נאָך אַ חודש. און גלײַך ווי אַ פֿאַרדאַנג,

וועלכער דאָס געהאַט פֿערצויגען, פֿערבעהאַלטען פֿון מאַניען די מענשען, דאָס לעבען, האָט זיך פֿאַר איהר אָנגעהויבען אויפֿצוהייבען, אויפֿצועפֿענען זיך. און פֿון דעם אַלץ, וואָס זי הויבט אָן צו דערזעהן, ווערט געוועקט ביי איהר אין מוח, אין האַרצען אַזאַ זאַך, וואָס מאַכט אַזוי שווער איהר נשמה, און עפּיס אַ טיעפֿע זאַך, וועלכע ווערט אַלץ גרעסער, גרעסער און טיעפֿער דריקט איהר גאַנצען מהות. צווישען אָספּיר'ן מיט איהר איז אַלץ פֿון טאָג צו טאָג געוואַקסען מעהר נאַרישעס, ניט ריינעס... און וואָס מעהר זי פֿלעגט זעהן אויסצומיידען דאָס, פֿלעגט דאָס נאָך מעהר וואַקסען און גרעסער ווערען. גרינשטיין פֿלעגט אַלץ בעטען זיך ביי איהר, וואָס איז מיט איהר אַזוינס, און ער פֿלעגט טענהען, אַז פֿון טאָג צו טאָג ווערט זי אַלץ מעהר אומגעענדערט, און אין איהר פּנים בעווייזט זיך עפּיס קרענקליכעס.

זיצענדיג איינמאָל מיט איהר אַליין אין איהר צימער, האָט ער אַזוי רחמים געבעטען זיך ביי איהר:

— מאַניע, וואָס איז מיט אייך?...

— גאָרנישט...— האָט זי קוים געענטפֿערט, ווי אַ מענש, וועלכען מען ריהרט אָן זעהר אַ וועהטאָגדיגען אָרט.

גרינשטיין האָט זיך מיט איהר ענטפֿער ניט בערוהיגט. און האָט אַלץ געבעטען זיך זאָגען איהם, וואָס איז מיט איהר.

— אפֿשר זענט איהר ניט געזונד?...

— גאָר נישט... איך ווייס אויך ניט... אפֿשר בין איך ניט געזונד... עס קאָן זיין... איך ווייס נישט...

— צו פֿיעל טראַכט איהר די לעצטע צייט... ניט טראַכט אַזוי פֿיעל...— האָט ער זיך געבעטען ביי איהר.

— עס טראַכט זיך... עס טראַכט זיך אַליין, ניט מיט דיין ווילען...— האָט זיך איהר אַרויסגעריסען ביטער פֿון איהר האַרצען.

— זעהט, מאַניע,— האָט גרינשטיין מאָדנע ביטער געזאָגט — איהר האָט זיך אויף אַ ווײַלע פֿערטראַכט, זענט איהר צעטומעלט געוואָרען — און איך טראַכט שוין לאַנג, לאַנג... שוין אַ יאָהר צוועלף... און דאָך לעב איך נאָך... צוועלף יאָהר נאָכאַנאַנד, מאַניע, טראַכטען וועגען מענשען און לעבען, טראַכטען, טראַכטען און טראַכטען...

מאַניע האָט ביטער אַ קוק געגעבען אויף גרינשטיינס איינגעמאַגערטען, טרויקענעם פּנים, וואָס איז פֿול מיט צרות פֿון לעבען. זיינע אויגען האָבען געבלישטשעט אַזוי טרויעריג און די קנייטשלעך אַרום זיי האָבען גערעדט פֿון אַזאַ האַרצקלעמעניש. איהר האָט זיך

געוואַלט, אַז ער זאָל איהר דערצעהלען פון די ביטערנישען פון דעם מענשליכען לעבען, אַט גלייך ווי דערמיט וועט זי אָבקיהלען איהר אייגענע ביטערע נשמה. גרינשטיין האָט דאָס דערפיהלט, און ווי אַ מענש, וועלכער האָט שוין אַזוי לאַנג געוואַרט אויף דעם, אויף דער מינוט, ווען ער וועט האָבען די מעגליכקייט צו באַווייזען איהר דעם גאַנצען גאַל, וועלכער פערביטערט זיין האַרץ,— האָט ער אָנגעהויבען ביטער צו דערצעהלען איהר וועגען הונגער און אַלערליי צרות פאַר עפּיס ליכטיגעס אין לעבען... ער האָט איהר דערצעהלט ביטער וועגען חלומות אין די לעצטע צוועלף יאָהר פון זיין לעבען, וועלכע זענען אַרויסגעריסען געוואָרען ביי איהם פון האַרצען מיט אַזוינע ווערטאָגען פון דער נשמה... און קיינער, קיינער ווייס פון דעם אַפילו ניט... געריסען די חלומות ביי איהם פון האַרצען האָבען מענשען, דאָס לעבען, און ניט מענשען, ניט דאָס לעבען ווילען אַפילו וויסען פון דעם... ער האָט גערעדט וועגען חלומות, אַז ער איז אַ גרויסער, גרויסער מענש, וועלכער דאַרף מציל זיין יודען פון זייער אומגליקליכען לעבען אויף דער וועלט... וועגען חלומות, אַז ער איז אַ נייער, נאָך אַ לאַסאַל אויף דער וועלט... און אַז לאַסאַל איז שוין געשטאָרבען ביי איהם אין האַרצען, האָט ער געחלומט וועגען ניטשען, דערנאָך וועגען אַ נייעם יודישען מאַרקסען... און דערצעהלט האָט ער איהר פון זיין איצטיגען לעבען, אַ לעבען פון אַ געוועהנליכען, ניט נוציגען פעליעטאָניסט, וואָס ניט די וועלט און מענשען דאַרפען איהם און ניט ער קאָן מיט דעם לעבען... ער האָט גערעדט וועגען דעם, ווי נאַריש און פוסט עס איז צו דריקען, דריקען זיין מה, צו קוועטשען און קוועטשען פון איהם די לעצטע טראָפּענס פייכטקייט, כדי אָנצושרייבען אַ געוועהנליכען, ניט נוציגען פאַר קיינעם פעליעטאָן... און מיט אַזוינס דאַרף ער איצט לעבען, מיט אַזוינס דאַרף ער לעבען און שטאַרבען נאָך די אַלע הונגער און צרות און נאָך די אַלע געשטאָרבענע, מיט געוואַלד אַרויסגעריסענע פון זיין האַרצען, גרויסע, שענע חלומות... מאַניע האָט צוגעהערט זיך צו די דאָזיגע ביטערע רעד — און ניט-נאָר ניט געקיהלט האָבען זיי איהרע אייגענע ליידען פון איהר האַרצען, נאָר נאָך אַ סך ביטערקייט איז טיעף אין איהר האַרצען צוגעקומען, און עפּיס ווי נאָך אַ שטיק פאַרהאַנג פון דעם לעבען און מענשען האָט זיך פאַר איהר אויפגעהויבען... און זי האָט דערפיהלט, אַז פון דעם שמועס אין ווערט אַט די זאַך, וואָס עס דריקט אַזוי טיעף און שווער איהר נשמה, גרעסער, און ביטערער ווערען איהרע מחשבות וועגען

מענשען און זייער לעבען... און עפּיס ווי זי זינקט אין אַזוינס, וואָס האָט ניט קיין סוף, קיין אָבּגרונד און קיין דעק...

און איינמאָל ביינאַכט, נאָך אַן איומגעלומפּערטען, נאַרישען צוזאַמענשטויס ביי מאַניען מיט אַספּירען, ווען אַספּיר האָט זיך פונאַנדערגעשריען מיט אַ ביטערער היסטעריקע ביי זיך אין צימער, און מאַניע האָט זיך אויסגעלעגט ביי זיך אין איהר צימער, איינוויקלענדיג זיך אין אַ פּאַטשיילע, און איהר קערפּער האָט אַזוי געטרייסעלט פון האַרצוועהטאָג און ביטערניש, — איז גראָד געקומען צו איהר גרינשטיין. געפינענדיג זי מיט אַזאַ פערביטערטען בלייכען פּנים, האָט ער אָנגעהויבען, ווי געוועהנליך, צו בעטען זיך ביי איהר, אַז זי זאָל זיך בערוהיגען. ער האָט, ווי אַלע מאָל, גערעדט איהר וועגען דעם, אַז זי זאָל אויפהערען צו טראַכטען אַזוי פיעל, און צום סוף האָט ער געבעטען זיך ביי איהר:

— מאַניע, פאָהרט גאָר אַוועק פון דאַנען..

מאַניע האָט אַ קוק געגעבען אויף איהם מיט אַ ביטערן שמייכעל.

— וואוהין?...

— פאָהרט אַוועק... פאָהרט אַוועק פון דאַנען — האָט זיך גרינשטיין געבעטען — ניט איבער דעם אָרט... איהר זייט נאָך יונג, מאַניע... פאָהרט און בעגעגענט זיך מיט נייע, אַנדערע מענשען... אפשר מיט בעסערע, ווי די, וועלכע איהר האָט געוואוסט ביז איצט...

— אַ ליגען... ניט אמת... — האָט מאַניע גערעדט בלייך און טרייסלענדיג זיך מיט איהר גאַנצען קערפּער, ווי פון קעלט — ניט אמת... וואָס?... שלעכטע מענשען זענען אַט די אַלע, וועלכע איך קען דאָ?... און איהר?.. און אַספּיר... פאַרוואָס בעסערע פון איך?... אַ ליגען... וואוהין פאָהרען?... וועמען זוכען?... כיידען נעהמען אַ באָמבע, אַ גרויסע, ווי דאָס לעבען אַליין, און אַ וואָרף טון אָט אין דאָס, וואָס האָט געמאַכט אומגליקליך דעם לעבען און וואָס האָט אַזוי צובראָכען איך, אַספּירען, און וועט מיך אויך, אַזוי ווי איך, צוברעכען, צושמעטערן... און וואָס איז דאָס אַזוינעס?... וואָס?... וואָס?... איהר ווייסט?..

מאַניע האָט דערפיהלט, אַז אין איהר האַרצען דריקט אַזוינעס, וואָס לאָזט זי ניט איינליגען אויף איהר בעטיל, אַזוינעס, וואָס צוטומעלט אַלץ, וואָס זי זעהט פאַר זיך, און עס ווערט עפּיס אַלץ צוזאַמענגעגאָסען: דער סופיט, דער ווייסער אויוען אין איהר צימער, דער לאָמפּ, וועלכער שטעקט אַזוי איהרע אויגען, און גרינשטיינס

בנים, — אַלץ איז עפּיס צוזאַמענגעמישט און דריקט אַזוי איהר נשמה. און גרינשטיינס קול בעט זיך ביי איהר:

— מאַניע... איהר זייט ניט געזונד?... פאָהרט אַוועק פון דאַנען... פאָהרט אַוועק פון אונז... איך... אַספּיר... מיר וועגען צו אַלט פאַר איך... פאָהרט אַוועק...

עפּיס וואָס ביי איהר אין האַרצען האָט זי אויפגעהויבען פון איהר בעטיל. זי האָט אָנגעטאָן איהר איבערשטען בגד און איז אַוועק אין גאַס, לאָזענדיג גרינשטיינען ביי זיך אין צימער. עס איז געווען אַן אומגעלומפּערטער, נאַרישער שטורעמווינד. קאַלט איז געווען ביז דערפראָרען צו ווערען. אין די גאַסען איז געווען שטיל, מען האָט קיינעם ניט געזעהן. פינסטער איז געווען, און עס האָט עפּיס אַזוינס אומגעלומפּערט אַכזריות'דיג געדרעהט זיך, פייפענדיג בייז, צווישען הימעל און ערד, און עס האָט פערשאָטען מיט אַ טרוקענעם שניי די גאַס און די טראָטואַרען. מאַניע איז געגאַנגען איינגעדרעהטער הייד פון קעלט, ניט וויסענדיג אַליין, וואוהין און צוליעב וואָס געהט זי איצט אַרום אין גאַס, און אין איהר מח און האַרצען האָט עפּיס געדריקט שרעקליכעס... און אין אַלץ, וואָס זי האָט געזעהן פאַר זיך, האָט זיך איהר געזעהן און געפיהלט אַזאַ שרעקליכעס...: עפּיס אַן אייביגקייט דאָט זיך איהר אַרום זיך געפיהלט... אייביג... אייביג וועט זיין אָט דער קאַלטער, אומגעלומפּערטער שטורמווינד... אייביג, אייביג וועט ער אַזוי אַכזריות'דיג דרעהען זיך צווישען הימעל און ערד און וועט אַזוי בייז פייפען... אייביג, אייביג וועלען שטעהן אַזוי אָט די קאַלטע, קאַלטע מויערן... אייביג, אייביג וועט דריקען איהר האַרץ אָט אַזוי ווי איצטער, און אייביג, אייביג וועט צווישען הימעל און ערד און דעם אומגעלומפּערטען אַכזריות'דיגען שטורמווינד, צווישען די קאַלטע, קאַלטע מויערן, אַרומגעהן אַ מענש, אָט אַזוי ווי זי איצט, אַן איינגעדרעהטער אין זיך פון קעלט און פון שרעקליכעס ביי זיך אין האַרצען... און עפּיס אַזוי האָט זיך איהר געוואָלט, ערגיץ וואו טיעף, טיעף אין האַרצען, טראַכטען וועגען דעם, וואָס וועט זיין נאָכ'ן שטאַרבען... אויך עפּיס אַ בייזער כעס איז געווען וואו בעהאַלטען טיעף, טיעף אין איהר האַרצען איבער דעם, וואָס קיינמאָל, קיינמאָל דאָט זי ניט געהערט רעדענדיג די גאַנצע צייט, וואָס זי לעבט אין ט., פון וועמען עס איז וועגען דעם, צי עס איז טאַקי פאַראַן נאָך אַ וועלט, אַ יענע וועלט... און אויך קיינמאָל, קיינמאָל האָט מען ניט גערעדט פון גאָט... און עפּיס וואו אין מח, אין האַרצען האָט זיך ביי איהר געכוּר-מעלט איהר מאַמעס שבת-צונאַכטיגע תפילה. גאָט פון אַברהם יצחק

ויעקב... גאָט פֿון אַברהם יצחק ויעקב... און אַזוי האָט זיך איהר געוואָלט הערען דאָס וואָרט — גאָט... גאָט... גאָט...

און אַז זי איז געקומען צוריק אין איהר צימער, האָט זי געפֿינען אין איהם גרינשטיינען, זיצענדיג אַזוי ביטער פֿערטראַכט, אויך אַספּירען האָט זי דאָרט געפֿינען זיצענדיג אין אַ זייט נעבען אויווען. אַזוי ביז האָט אַספּיר געקוקט אויף איהר. דערזעהענדיג זיי ביידען, האָט איהר הארץ נאָך מעהר אָנגעהויבען צו דריקען. עפּיס וואָס שאַרפֿעס האָט געריסען זיך פֿון הארצען אַרויס און האָט געוואָרגען איהר האַלז... אַט, אָט שרייט זי זיך פֿונאַנדער מיט אַזאַ ווילדען ביטערן קול... זי האָט זיך געזעצט אויף איהר בעטיל, און איהר מח האָט געטומעלט און געגריבעלט גרינשטיינס ווערטער: „מאַניע, וואָס איז מיט אייך?...“ און איהר שטענדיגער ענטפֿער איהם: „גאַרנישט“... „גאַרנישט“... וואָס איז מיט איהר? וואָס טוט זיך דאָס מיט איהר? דאַכט זיך, גאַרנישט... גאַרנישט... דאָס לעצטע האַלב יאָהר איז, דאַכט זיך, קיין נייעס אין איהר לעבען ניט פֿאָרגעקומען... זי האָט געלעבט אָט אַזוי, ווי די גאַנצע דריי יאָהר, וואָס זי לעבט אין מ. דאַכט זיך, גאַרנישט... גאַרנישט... זי האָט זיך מעהר ניט פֿערטראַכט אַ ווייַלע... גאַרנישט... גאַרנישט... וואָס איז מיט איהר?... ביי איהר איז דורכגעלאָפֿען אין מח דאָס גאַנצע לעצטע האַלב-יאָהר פֿון איהר לעבען, פֿון דאַן אָן, ווי זי האָט דערפֿיהלט, אַז עפּיס נייעס וועבט זיך ביי איהר אין האַרצען, אַז עפּיס זינקט זי ערגיץ, זינקט זי אין אַזוינס, וועלכעס האָט ניט קיין סוף, קיין דעק... זי האָט געזוכט עפּיס בעזונדערס, אַ ניט געוועהנליכעס, וואָס האָט מיט איהר געטראָפֿען, און זי האָט ניט געפֿונען... און עפּיס אַזוי לאַנג, אַזוי גרויס האָט איהר אויסגעוויזען דאָס דאָזיגע האַלב-יאָהר... אַזוי גרויס... און וואָס, וואָס האָט מיט איהר געטראָפֿען?... וואָס און ווען האָט זיך אַזוינעס געטראָפֿען אַרום איהר, אין איהר לעבען, וואָס האָט געמאַכט אַזאַ איבערקעהרעניש אין איהרע מחשבות?... דאַכט זיך, גאַרנישט פֿאָרגעקומען... גאַרנישט...

און זי האָט געפֿיהלט, אַז דאָס, וואָס מיט איהר טוט זיך איצט, איז שוין אויף אייביג, אויף אייביג, ביז דעם טויט ביטערניש אין איהר האַרצען!... אייביג... אייביג... זי האָט געקוקט אויף גרינשטיינען מיט אַספּירען מיט פֿערטומעלטע אויגען, און אַזוי ביטער האָט געריסען איהר מח וועגען דעם לעבען... ביטער האָט געפּרעגט איהר נשמה, פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס האָט דאָס לעבען גרינשטיינען אַזוי אומגליקליך געמאַכט?... צוליעב דעם, אַז מען זאָל זיין אַ געוועהנליכער, אומגליקליכער פֿעליעטאָניסט, ניט קיין נוציגער פֿאַר

מענשען אין לעבען, דארף מען דען פֿריהער אַזוי פֿיעל צרות איי־בערלעבען, און אַזוי פֿיעל חלומות מוזען שטאַרבען מיט וועהטאָגען אין האַרצען?... פֿאַרוואָס איז אָספּיר צו נײַן און צוואַנציג יאָהר אַזוי אַלט? פֿאַר וואָס האָט זי אַזוי בײז געמאַכט דאָס לעבען און זי האָט שוין גראָהע האָר אין איהר קאָפּ?... פֿאַר וואָס קאָן איהר איצט קיינער ניט פֿון די, וואָס זיצען דאָ, ניט גרינשטיין, ניט אָספּיר, כאָטש אויף וויפֿיעל עס איז אויף אַנ׳אֶמת גרינגער מאַכען אויפ׳ן האַרצען, אַרויסטרייבען פֿון דאָרטען אָט דאָס, וואָס דאָרט טוט זיך איצט?... פֿאַר וואָס איז אָספּיר אויף איהר אַזוי בײז, אַז ווען אַפּילו זי זאָל פֿאַלען איהר איצט אויפ׳ן האַלז, קושען זי און שווערען זיך איהר מיט טרערען, אַז זי איז ניט שולדיג אין גאָרנישט קעגען איהר. וועט זי איהר ניט גלויבען?... געריסען האָט איהר ביטער איהר האַרץ איבער דעם, וואָס מענשען זענען אויף דער וועלט אַזוי אַליין... אַליין... ניט איינער קאָן פֿערשטעהן דעם צווייטען, ניט ווער קאָן העלפֿען... מיט אַנ׳אֶמת העלפֿען דעם צווייטען אין די שרעקליכע, שרעקליכע מינוטען פֿון לעבען... אַליין... אַליין... אין הילף האָט זיך איהר געוואָלט בעטען ביי די ווילדע ברייטע הימלען און פֿעלדער, ביי די זומערדיגע פֿאַרנאַכטען פֿון איהר קליין שטעדטעלע, ביי די ווייסע, קלאָרע בלימעלעך, וועלכע זי האָט אַמאָל אַזוי ליעב געהאַט... אָבער עפּיס וואָס האָט שטומערהייד געזאָגט איהר ביטער אין פֿעסט, אַז דאָס אַלץ, אַלץ איז ניט פֿון איהר וועלט, ניט פֿון דער מענשליכער וועלט און לעבען. און דאָס אַלץ וועט שטום זיין פֿאַר איהר, שטום, אייביג שטום, וועט דאָס זיין פֿאַר איהר. אייביג שטום — אָט ווי דער אומגעלומפּערטער קאַלטער שטורמ־ווינד איצט אין גאַס און ווי די טויטע, קאַלטע מויערן אין דרויסען... שטום, שטום, אייביג שטום...

אויף מאָרגען איז דער שטורמווינד אויפ׳ן גאַס געווען נאָך גרעסער, ווי די פֿאַריגע נאַכט.

עס ווערט אָנגענומען דאָס אַבאָנאַמענט אויף יאהר 1909
אויף די פערשפּרייטעסטע טעגליכע צייטונג

„אונזער לעבען“

דריטער יאהרגאַנג.

אין וועלכען עס נעהמען אַנטייל די בעסטע פּובליציסטישע און ליטעראַרישע קרעפטען.

אויסער די פרישעסטע אינפאָרמאַציעס און ספּעציעלע י ד י ע ו ת פ ו ן ד י ע ר ש ט ע ק וו ע ל ע ן, ערקלערט „אונזער לעבען“ אין לייט-אַרטיקלען און איבערזיכטען אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע צייט-פראַגען, ווי איבערהויפּט אַלע וויכטיגע פּאַסירונגען, וואָס אינטערעסירען דעם לעזער אַלס יוד, מענש און בירגער. פון דער גאָסוד. דומע ברענגט „אונזער לעבען“ אויסער דעפּעשען פון די טעלעגראַפען-אַגענטורען, אויך אייגענע

דעפּעשען פון איהר ספּעציעלען קאָרעספּאָנדענט אין דער דומא

טעלעגראַפישע מעלדונגען און גענויע בעריכטען וועגען אַלץ וואָס קומט-פאָר אין דער דומא און צווישען די דעפּוטאַטען.

„אונזער לעבען“ איז בעזונדערס אויפמערקזאַם צו אַלע פראַגען, וואָס קעהרען זיך אָן מיט יודען אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד.

„אונזער לעבען“ ברענגט איהרע לעזער פיעל ליטעראַרישעס מאַטעריאַל, פעליעטאָנען, ערצעהלונגען, ליטעראַרישע איבערזיכטען, קריטיק, הומאָר און דערגלייכען פון אונזערע בעסטע שרייבער.

רעדאַקטאָר-אַרויסגעבער ש. האָלבערג.

אַבאָנעמענטס-פּרייז אין רוסלאַנד:

יעהרליך 6 רובל, האַלב-יעהרליך 3 רובל, פיערטעל-יעהרליך 1.50 רובל, אַ מאָנאַט 60 קאָפּ.

פּרייז פון אַ איינצעלנעם נומער נאָר 2 קאָפּ.

Редакція „УНЗЕРЪ ЛЕБЕНЪ“, Варшава, Велькая 48.
Redakcja „UNSER LEBEN“, Warszawa, Wielka 48.

עס ווערט אנגענומען דאָס אַבאָנאַמענט

אויף דער גרויסער טעגליכער צייטונג

„די נייע וועלט"

וועלכע ווערט אַרויסגעגעבען מיט דעם שטענדיגען אַנטהײל פון די בעסטע יודישע שריפטשטעלער.

די צייטונג, וועלכע איז רייך אין די פרישעסטע און גענויע אינפאָרמאַציעס, ברענגט יעדען טאָג אָריגינעלע פובליציסטישע לייט-אַרטיקלען וועגען אַלע פראַגען פון יודישען לעבען, אַ טעגליכע פאָליטישע איבערזיכט מיטין נאָמען „די וועלט", אָריגינעלע קאָרעספאָנדענציעס פון אייגענע קאָרעספאָנדענטען אין פעטערבורג, בערלין, ווין, פאַריז, לאָנדאָן, נויאָרק און אַנדערע גרויסע שטעדט אין דער גאַנצער וועלט; ספעציעלע טעלעגראַמען פון אייגענע קאָרעספאָנדענטען, טעגליכע פעריעטאָנען, ערצעהלונגען, קריטיק און קונסט פון די בעסטע יודישע שרייבער, אַ גרויסע אַבטהײלונג פאַר סוחרים, מיט'ן נאָמען „האַנדעלס-צייטונג", קורסען, פרייזען פון תבואה, מעטאַל, האָלץ או"וו.

אין גיכסטען וועט זיך אין די „נייע וועלט" אָנהויבען דרוקען

א גרויס ווערק פון שלום-עליכם.

דאָס דאָזיגע ווערק איז אַ ריזען-אַרבייט, וועלכע האַפט אַרום אַלע שיכטען פון יודישען לעבען, און נאָר אַזאַ גרויסער טאַלענט ווי שלום עליכם האָט דאָס געקענט בעשאַפען.

דאָס ווערק וועט הייסען:

„אייזענבאַהן געשיכטען"

שריפטען פון אַ קאָמי-וואָיאַזשאָר אַרויסגעגעבען פון שלום עליכם.

די אייזענבאָהן-געשיכטען—דאָס איז אַ מין נייאַרטיגער ראָמאַן, אַ קאַליידאָסקאָפ פון משוגה-מאָדנע טיפען, אַ פאַנאָראַמע פון לעבעדיגע בילדער, איינגעטהײלט אין בעזונדערע געשיכטען. געשריבען גאָר אין דער לעצטער צייט, מיטין בעקאַנטען הומאָר פון בעקאַנטען „שלום עליכם".

די „אייזענבאַהן-געשיכטען" ווענען געקניפט און געקייטעלט איינע מיט דער אַנדערע, דורכגעוועבט מיט איין פאָדעם, און דאָך איז זיך יעדע געשיכטע אַ מעשה פאַר זיך.

אַלע וואָך און וואָך, וועלען מיר געבען אַ בעזונדער געשיכטע.

ערשטע אייזענבאַהן-געשיכטע.

„קאָנקורענטען"

דאָס דאָזיגע גרויסע נייע ווערק פון „שלום עליכם" איז ספעציעל געשריבען פאַר די „נייע וועלט" און ווערט געלעזען מיט דעם גרעסטען אינטערעס.

די צייטונג „די נייע וועלט" האָט מיט איהר פאָרמאַט, רייכען און אנשטענדיגען אינהאַלט, גלייך פון די ערשטע נומערן שטאַרק נושא-

ז. י. אָנכי.

צווישען הימעל און ערד.

פערלאג
„וועלט-ביבליאָטעק"

ווארשא
תרס"ט

Типографія „Гацефира“ Панская 40

גבריאל

I.

אויף אנ׳איינזאמען, שווערען, אבער גלייכען וועג איז זיך גבריאל ביז איצט — ער איז אלט געווען זיבען און צוואנציג יאהר — גלייך געגאנגען ביי דער זייט פון מענשען און זייער לעבען. דאס לעבען האט איהם פערטריבען פון זיך, און ער האט אליין אנ׳אייגענעם וועג פאר זיך בעשאפען ביי דער זייט פון איהם, צווישען הימעל און ערד. ער איז זיך געגאנגען אויף איהם איינזאם, זענענדיג פערנומען מיט זיינע אייגענע מחשבות, ביז וואנען ער האט דערפיהלט, אז ווייטער געהן איז ניטא וואוהין.

פון קינדווייז אן, ווי נור דער מוח האט אנגעהויבען צו ארבייטען און דאס הארץ האט אנגעהויבען צו פיהלען, האט דאס לעבען געוויזען גבריאל׳ן אזוינס, וועלכעס האט געשאפען אין זיין הארצען וועהטאגען און יסורים. אויך מענשען האבען זיך פאר איהם געוויזען אין אזוינע געשטאלטען, וועלכע זיין פערחלום׳טע, איידעלע און ערנסטע נשמה האט ניט געקאנט פערליידען. נאך פון זיינע קינדערשע יאהרען אן איז איהם געווען אזוי אנגענעהם אט די דאזיגע מחשבה, וועלכע ער פלעגט הערען פון זיין שטענדיג טרויעריגען פאטער און פון דער תמיד, תמיד פערחלום׳טער מוטער, אז דאס לעבען איז ניט אזא, ווי עס בעדארף זיין, אז דאס אמת׳ע לעבען איז דארטען, דארטען אויף יענער זייט הימעל און שטערען, און אז מענשען זענען ניט אזוינע, ווי זיי דארפען זיין; נור אמאל, אמאל זענען אמת׳ע מענשען געווען, און עס וועט ערשט קומען אזא צייט, ווען זיי וועלען ווידער ווערען אזוינע, ווי זיי דארפען זיין. אז ער איז עלטער געווארען, האט ער מיט הנאה אזוינס געלערנט אין די יודישע הייליגע ספרים. נאכדעם האבען דאסזעלבע, אז דאס אמת׳ע לעבען און די אמת׳ע מענשען דארפען נאך אנקומען, געלערנט איהם נאך אנדערע גרויסע, שענע ביכער. און זיין הארץ און מוח איז אינגאנצען פער-

נומען געוואָרען מיט דער מחשבה — דאָס לעבען איז ניט אַזאַ, ווי עס בעדאַרף זיין, און מענשען זענען ניט אַזוינע, ווי זיי דאַרפֿען זיין.

לעבענדיג פֿון זעכצעהן יאָהר אָן אַליין, אָהן קיין שום מענשליבע הילף און טרייסט ביי די אַלע אַכזריות'דיגע צוזאַמענשטויסען מיט דעם לעבען און מענשען, האָט אַלץ מעהר און מעהר געוואַקסען אין זיין הארצען דאָס דאָזיגע בעוואוסטזיין. און זענענדיג בעשאָנקען פֿון דער נאַטור מיט ניט אַ געוועהנליכען, שאַפֿענדען מוח, מיט ניט אַ געוועהנליכער, שענער פֿאַנטאַזיע, מיט אַ צאַרטען, הייסען האַרץ און מיט אַ שטאָלצער נשמה, האָט מיט דער צייט געוועבט זיך און געוואַקסען אין זיין האַרצען אַנ'אַנדער וועלט, אַ צווייטע וועלט, אַ ווייטע פֿון יענער, פֿון וועלכער דאָס לעבען האָט איהם דערצעהלט. עס איז אויסגעוואַקסען ביי איהם אין האַרצען אַ וועלט, וועלכע האָט אין זיך געהאַלטען די הויפט־מחשבה, אַז די ערד און דאָס לעבען אויף איהר דאַרפֿען אויך זיין אַזוי ריין, אַזוי קלאָר און שען, ווי די הימלען מיט די שטערן אין דער הויך איבער אונזערע קעפּ, און אַז די מענשען אויף דער ערד דאַרפֿען זיין תמיד שטאַרק, תמיד ריין און שען, תמיד אמת — מענשען אין דער געשטאַלט פֿון יענעם גאָט, וועלכען די חלומות פֿון אונזערע עלטערן האָבען פֿאַר אונז אויסגעוועבט... זיין נשמה איז געוועזען פֿול מיט אמונה און מיט הייליגקייט צו די דאָזיגע זיינע מחשבות, און געהענדיג איינזאַם אויף זיין שווערען וועג, איז ער דאָך געגאַנגען גלייך און פֿול מיט בטחון, וועבענדיג און בעשאַפֿענדיג זיין אייגענע וועלט.

אַז די דאָזיגע וועלט האָט זיך אינגאַנצען אויסגעוועבט ביי איהם און ער האָט געוואָלט אַריינבריינגען זי אין דאָס לעבען, אויף דער ערד, און ער האָט געוואָלט ווערען אַ נביא פֿון זיין אייגענער בעשאַפֿענער וועלט און מענשען, האָט דאָס לעבען אַכזריות'דיג זיך אויסגעלאַכט פֿון איהם... אַ האָריזאָנט פֿון אַ פּוסטען קאַלטען הימעל־ים האָט ער דערזעהן פֿאַר זיך, און אַ לאַנגער, לאַנגער וועג פֿול בעשאָטען מיט געוועלקטע חלומות פֿון זיין נשמה האָט זיך איהם געזעהען הינטער זיך, און זיין נשמה האָט ניט געהאַט מיט וואָס אָנצופֿילען אָט דעם פּוסטען, קאַלטען הימעל־ים פֿאַר זיך, און האָט ניט געוואוסט מיט וואָס צו פֿערענטפֿערן די גזילה פֿון זיינע חלומות. אויך קיין שום טרייסט האָט איהם דער גאָט פֿון לעבען ניט געגעבען פֿאַר זיין צוועהטאָגטע נשמה און האַרץ,

זיין הויכע, שטאָלצע פיגור, אין וועלכער עס איז געוועזען אַזוינס, וואָס האָט דערמאָהנט אָן אַמאָליגע, אַמאָליגע מענשען, ווען צווישען די ווילדע בערג און טהאָלען פון גאָטס ווילדער וועלט זענען אַרומגעגאַנגען מענשען-נביאים מיט נייע אייגענע בעשאַפענע אמונות. איז ווי העכער און שטאָלצער געוואָרען; זיינע שוואַרצע, ווי סמאָלע שאַרפע אויגען האָבען געבלישטשעט מיט ליידען און מיט קעלט פון טויט; אויף זיינע פעסט פערמאַכטע און נערוועזע ליפען איז פערשטאַרט געוואָרען זיין תמיד ביטערער, ביטערער שמייכעל; אויף זיין גרויסען און איידעלען שטערן האָט זיך אַראָבגעלאָזען אַ משונה'דיגער, יורישער, עמוואָס ווילדער טרויער און אַ מחשבה, קאַלט ווי פראָסט, און אונבעוועגט ווי דער טויט אַליין, פלעגט אָפט דריקען זיין האַרץ, פלעגט מאַכען פרירען און פערגליווערן זיין מוח און נויטען אין איהרע שוואַרצע פליגלען זיין נשמה — אוועקצוגעהן אויף אייביג פון דעם לעבען און מענשען; אַליין מיט דעם אייגענעם ווילען אָבגעבען זיך אין די אָרעמס פון דעם קאַלטען, קאַלטען טויט...

גבריאל האָט זיך דאַן בעזעצט אין דעם קליינעם פאָרשטעדטעל ד. וואו ער איז געבאָרען געוואָרען, נעבען דער גרויסער און קאָכעדיגער שטאָדט נ.; און איינזאַם, איינזאַם איז ער געוועזען פערנומען מיט זיין טרויער און ליידען, וועלכע האָבען געוואַקסען ביי איהם אין האַרצען פון טאָג צו טאָג.

און גלייך עפּים ווי מיט אַ כּונה, כּדי צו מעהרען זיינע ביטערע מחשבות וועגען מענשען און לעבען, האָט זיך אַזוי משונה צוגעקלעפּט צו גבריאל'ן אין דעם דאָזיגען פאָרשטעדטעל ד. איינער אַ בחור שטיין. ער איז געוועזען אַלט אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג. ער האָט געהאַט אַ געזונדען, אַנ'אָפענעם פּנים. זיין קערפּער איז געוועזען געבויט זעהר פעסט און געזונד; פעסטע און געזונדע פּלייצעס האָט ער געהאַט און אַ שטאַרקע פעסטע ברוסט. זיינע טיפע אויגען האָבען אַזוי אָפען און קלאָר געקוקט אויף גאָט'ס וועלט. נאָר אונגעוועהנליך, משונה'דיג זענען געוועזען שטיין'ס הענד. זיי זענען געוועזען נערוועז, ניט געוועהנליך ברייט און לאַנג און פון עפּים ניט געזונדעס, ניט נאָרמאַלעס האָבען זיי דערצעהלט. גבריאל'ן האָט עפּים דער דאָזיגער שטיין מיט זיין געזונדען און פעסטען קערפּער, מיט זיינע ניט געוועהנליכע משונה'דיגע הענד, אַ ציה געטהון צו זיך. אויך שטיין האָט זיך תיכּף, ווי גבריאל איז געקומען אין ד., שטאַרק צוגעבונדען צו גבריאל'ן. ער פלעגט

זעהר אָפּט זײַן בײַ גבריאל'ן און זיצען בײַ איהם אין צימער תמיד שווײַגענדיג, און אין זײַן שווײַגען פלעגט זיך גבריאל'ן פיהלען עפּיס-וואָס שווערעס. אָפּט פלעגט שטײַן אַרײַנקומען צו איהם בײַ נאַכט. שטיל פלעגט זײַן אין דעם ניט גרויסען גבריאלס צימער, און שטיל, שטיל פלעגט ברענען דער לאָמפּ. וועלכער פלעגט בעלויכטען דאָס צימער. גבריאל פלעגט אַרומגעהן, ווי זײַן שטײַגער איז, אהין און צוריק, זענענדיג פערנומען מיט זײַן טרויער און מיט זײַנע מחשבות. שטײַן פלעגט זיצען שטום און פלעגט קוקען מיט זײַנע אָפענע אויגען פאַר זיך און, אַזוי ווי אַלע מאָל, ווען שטײַן פלעגט זאָגען וואָס ערנסט, פלעגט ער עפּיס משונה אַ קוק געבען אָן דער זײַט, אַ פינסטערער וואָלקען פלעגט אַרויף אויף זײַן שטערן, און ער פלעגט זיך ווענדען צו גבריאל'ן מיט זײַן ערנסטער, גראָבער און קלאָרער שטים:

— טאַקי אײביג, אײביג וועלען מענשען פון דעם ניט וויסען? ... אײביג? ...

גבריאל פלעגט שווײַגען. ער האָט געוואוסט די פראַגע, וועלכע האָט אַזוי ניט געלאָזען רוהען דעם משונה'דיגען געזונדען מענשען. שטײַן האָט איהם אַמאָל דערצעהלט פון זײַן לעבען, וועלכעס איז געווען אַזאַ אומרוהיגעס און האָט אין זיך געהאַלטען אַ ציעל, צו וועלכען ער איז געגאַנגען גלײַך: ער האָט געזוכט אַן ענטפער אויף די אײן פראַגע. ער פלעגט ניט קאָנען אײַנזיצען אויף אײן אָרט. ער איז שוין געווען אין זײַן לעבען בעגײַסטערט מיט פערשידענע גלויבענס און מענשליכע האָפנונגען וועגען דעם לעבען און מענשען. ער האָט געפּרובירט פערנעהמען זיך מיט פערשידענע אַרבײַטען; ער איז געווען אַ לעהרער, אומגעפאָהרען אויף קאָנדיציעס. געווען אַ צײַט אַן אַרבײַטער און האָט געאַרבײַט אין אַ פאַבריק. פערנומען זיך מיט שאַפען ליכטיגקײַט אין די מוחות פון די אומגליקליכע, פערבּיטערטע, דערשלאָגענע קנעכט אויף דער וועלט און פלאַנצען אין זײ אַ רצון און אַ האָפענונג פון אַ בעסערען, ליכטיגערען, פרײַערען לעבען ... נאָר גאָרנישט האָט איהם ניט בערוהיגט. וויסען וויל ער וועגען דעם, וואָס לאָזט איהם אַזוי ניט רוהען.

— פאַרהאַן אַ גאָט, צי ניט? ... — פלעגט שטײַן פרעגען מיט זײַן ערנסטער, גראָבער און קלאָרער שטים — פאַרהאַן אַ גאָט? ...

גבריאל פלעגט אַרומגעהן אין צימער אהין און צוריק און

פלעגט שוויַיגען, ער האט געוואוסט, אז בערוהיגען אט דעם משונה'דיגען מענשען איז ניטא מיט וואס. עפּיס־וואס אזוינס קלארעס און גלייבעס, וועלכעס קאן ניט ליידען קיין שום טונקעלעס. קיין שום נעבעל סיי אין לעבען, סיי אין זיינע מחשבות, איז געווען ביי דעם מענשען אין מוח, אין הארצען. עפּיס־וואס אזוינס פון יענער זייט פון דער מענשליכער לאגיק. גבריאל האט געוואוסט, אז בערוהיגען קאן איהם נור אזא גלייכער, געוויסער און קלארער ענטפער, אט אזוי ווי גלייך, געווים און קלאר איז זיין פראגע, וועלכע פערגליווערט אזוי זיין נשמה. גבריאל'ן פלעגט זיך אזוי ביטער קלערען וועגען דעם געזונדען, שטארקען מענשען, וואס ווי א מורא'דיגע וואנד, איבער וועלכער ער קאן בשום אופן ניט אריבער, שטעהט און טיילט פונאנדער צווישען איהם און צווישען דעם לעבען, מענשען, ערד און הימעל...

אז שטיין פלעגט אוועקגעהן און גבריאל פלעגט בלייבען אליין, פלעגט איהם אזוי פרעסען זיין מוח, זיין הארץ. און גלייך עפּיס אט ווי שטיין מיט זיין משונה'דיגער נשמה פלעגט בעשטימען ביי גבריאל'ן אין הארצען זיינע ביטערע מחשבות וועגען דעם לעבען, און אזוי דריקען פלעגט דאן זיין נשמה זיין אייגענער טרויער און זיינע אייגענע וועהטאגען, און אזוי פערנומען פלעגט ער דאן זיין מיט דער ביטערער, בייזער און קאלטער מחשבה — אוועקצוגעהן אויף אייביג פון דעם לעבען און מענשען; איבערגעבען זיך אליין, מיט דעם אייגענעם ווילען, מיט זיינע אייגענע הענד דעם קאלטען, קאלטען טויט...

II.

לעבענדיג אזוי איינזאם און זענענדיג אזוי פערנומען מיט זיינע טרויעריגע, קאלטע און בייזע מחשבות, האט גבריאל אנגעהויבען צו בעקומען בריעף פון זיינער אנ'אלטער בעקאנטער מינען. די בריעף זענען געווען אומגעריכט פאר איהם, און ניט געריכט זיך האט ער אויף דעם, וואס אין זיי איז געווען געשריבען. די בריעף האבען אנגעהויבען אויפצוּוועקען אין זיין הארצען אלטע איבערלעבונגען, וועגען וועלכע איהם האט זיך געוואלט קלערען, אז זיין נשמה ווייס שוין איצט פון זיי ניט, און וועגען וועלכע איהם איז געווען ביטער צו דערמאהנען זיך איצט.

מינע איז געווען פון דעמזעלבען פארשטעדטעל ה., פון

יואַנען עס איז געווען גבריאל. ווען גבריאל איז אַלט געווען אַ יאָהר צוואַנציג און אין זיין האַרצען האָט שוין דאָס לעבען פֿערזייהט אַ סך טרויער און ביטערניש, און מינע איז אַלט געווען אַ יאָהר אַכטצעהן און האָט אָקאָרשט געענדיגט גימנאַזיע, האָט ער דערפֿיהלט אַזוינס צו איהר, וועלכעס האָט געשאַפֿען ליכטיגעס אין זיין נשמה, וואָס איז פֿול געווען מיט טרויער. זענענדיג פֿון דער נאַטור, ווי אַלע איינזאַמע, פֿערטרויערטע מענשען, אַן איינגעשלאָסענער אין זיך, האָט ער געוואָלט, אַז מינע זאָל פֿון דעם ניט בעמערקען. מינע, גלייך ווי ער האָט איהר וועגען דעם געמאַכט וויסען, האָט ווי מיט אַ קלאָרער, בערעכענטער כונה פֿערהאַלטען זיך צו איהם ניט געוועהנליך קאַלט. און וואָס מעהר אין זיין האַרצען האָט געוואַקסען די דאָזיגע בעציהונג צו איהר, אַלץ קעלטער און פֿרעמדער איז זי געווען צו איהם. און ווען די דאָזיגע איבערלעבונג אין זיין האַרצען האָט אָנגעהויבען צו פֿאָדערן פֿון איהם, אַז ער זאָל זי אויפֿדעקען פֿאַר איהר, האָבען זיך דאַן זיינע אויגען ווי פּלוצלונג ברייטער אויפֿגעעפֿענט, און זיין נשמה האָט דערפֿיהלט, אַז עס ווערט אין איהר בעשאַפֿען עפּיס אַזוינס, וועלכעס ער וויל עס אַזוי ניט, און ער מוז עס, ער מוז עס אַרויסרייסען אינגאַנצען פֿון זיין האַרצען. ער האָט פּלוצלונג דערזעהן זיך צו פֿעסט שטעהענדיג אויף דער ערד, און ער האָט דערפֿיהלט, אַז אויב ער וועט לאָזען פֿריי וואַקסען אין זיין נשמה זיינע בעציהונגען צו מינען, וועט עס צו פֿיעל צושמידען איהם צו דעם לעבען און מענשען, וועלכע האָבען איהם אַזוי געשטויסען פֿון זיך, און וועלכע האָבען אין זיין נשמה געשאַפֿען נור איין מחשבה, אַז זיי דאַרפֿען זיין אַנדערש. אַ שווערע און אַ שטאַרקע מלחמה איז איהם דאַן אויסגעקומען צו האַלטען מיט זיך. און דאַן ווען ער האָט שוין געפֿיהלט זיך פֿריי פֿון מינען און פֿון דער נייער בליהונג אין זיין האַרצען, האָט ער איינמאָל געהענדיג מיט איהר צוזאַמען אויף אַ פֿרייען ברייטען פֿעלד אין איינעם אַ ליעבען זומערפֿאַרנאַכט, ווען עס ראַנגלען זיך אַזוי ווייך און ליעב די שאָטענס פֿון דער באַלד אָנגעקומענער נאַכט מיט דעם ליכט פֿון טאָג, דערצעהלט איהר, אַליין ניט וויסענדיג פֿאַר וואָס, וועגען דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין זיין האַרצען. אַז מינע האָט דאָס דערהערט פֿון איהם, איז זי פּלוצלונג, אַזוי אומגעריכטערהייד פֿאַר איהם, ווי אינגאַנצען אומגעענדערט געוואָרען. איהם האָט דאַן אויסגעוויזען, אַז ער האָט מיט אַמאָל דערזעהן פֿאַר זיך גאָר

אַנ'אַנדערע, ניט אָט די, וועלכע ער קען און וועלכע איז איהם אַזוי טײַער. ער האָט דערזעהן פֿאַר זיך ניט אָט דאָס וואוילע, ליבֿטיגע, כּשר'ע, אַכֿטצעהן-יאָהריגע קינד, נאָר שוין גאָר אינגאַנצען אַנ'אויסגעוואַקסענע פֿרוי. אויף זײַן האַלב שמײַכֿעלדיגען, פֿרײַען, לײַכֿטען ווידוי האָט זי איהם אַזוי ערנסט און בײַז געמאַכֿט וויסען, אַז ער זאָל זיך ניט דערוועגען צו טראַכֿטען עפּיס-וואָס ניט געוועהנליכעס וועגען איהרע בעציהונגען צו איהם. ער האָט זי דאַן ניט פֿערשטאַנען. אויך עפּיס-וואָס לעבערליכעס האָט ער געזעהן אין איהרע שטרײַנגע ווערטער און בײַזען פּנים. זיך האָט ער דאַן געפֿיהלט אַזוי פֿרײַ און גלײַך, ווי אָט דאָס, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען צווישען זיי, האָט נאָך מיט געהאָלפֿען אַרויסרײַסען איצט פֿון זײַן האַרצען דאָס לעצטע קערנדעל פֿון דער דאָזיגער בליהונג, פֿון דאַמאָלסט אָן האָט מינע אָנגעהויבען אַזוי בײַז צו בעגעהן זיך מיט גבריאל'ן, און איהר בײַזקײַט, אַלײַן ניט ווייסענדיג דײַטליך פֿאַר וואָס, האָט געוועבט אויך אין זײַן האַרצען אַזאַ משונה'דיג בעציהונג צו איהר. עפּיס אַ שנאה צו איהר, אַנ'אונערקלערליכע פֿאַר איהם אַלײַן, האָט וואו טיעף, טיעף אין זײַן האַרצען אָנגעהויבען געבאָרען צו ווערען. עפּיס-וואָס אַזוינס אומגעלומפּערטעס האָט זיך גענומען פֿלעכֿטען און האָט געוואַקסען צווישען זיי בײדען.

אין גבריאל'ס שווערען, טרויעריגען לעבען איז צוגעקומען פֿון דאַן אָן מינע מיט זײערע בעציהונגען צווישען זיך. און דער גאָט פֿון לעבען, וועלכער האָט תּמיד ניט געלאָזען אײַנרוהען זיי בײדען אויף אײן אָרט און זיי בײדען געוואָרפֿען פֿון אײן שטאָדט אין די צווײטע, פֿלעגט ווי מיט אַ טײַוועלשען כּיון אָפּט, זעהר אָפּט זיי ברײַנגען צוזאַמען. די בעציהונגען צווישען זיך ווען זיי פֿלעגען זיך טרעפֿען צוזאַמען פֿלעגט זײַן פֿערשידען. דאָס רוב פֿלעגען זיי זיך בעגעגענען ווי צוויי גרויסע שונאים, אַלײַן ניט ווייסענדיג אויף קלאָר, וואָס האָט ווער צום צווײטען. עס פֿלעגט אויך טרעפֿען ווען, אַז אײַנעמם אַ ליכֿטיגער שמײַכֿעל פֿלעגט אַזוי גלעטען און בערוהיגען דעם צווײטענס האַרץ און אַ מאָל פֿלעגט רוהען אַ שטילע, רוהיגע, פֿרײַנדליכע בעציהונג צווישען בײדען פֿון אויסווענינג, און אַ ווילדען צאָרן, אַ ווילדע הנאה פֿון דעם צווײטענס טרויער, פֿון דעם צווײטענס וועהטאָגען פֿלעגט יעדערער טראָגען טיעף, טיעף בעהאַלטען אין זײַן האַרצען. גבריאל'ן איז דאָס אַלעס אַזוי שווער געווען צו לײַדען. ער האָט געפֿיהלט, אַ

אין די דאָזיגע בעציהונגען צווישען איהם און מינען איז פערפלאָכטען אַזוי פיעל ניט ערנסטעס, פאַלשעס און ניט שענעס. און זיין נשמה פלעגט זיך נור בערוהיגען, פערטיעפענדיג זיך אין זיין מחשבה, וועלכע פלעגט ווי אַ היילונג זיין פאַר זיין ביטערע נשמה אין אלע שווערע מינוטען פון זיין לעבען — אַנדערע מענשען דאַרפען זיין און אַנדערש דאַרפען מענשען לעבען.

אָט די אַלע איבערלעבונגען האָבען מינעס בריעף ביי גבריאל'ן אין האַרצען אַזוי לעבענדיג אויפגעוועקט. איצט ווען דאָס לעבען האָט אַזוי אַכזריות'דיג דערצעהלט גבריאל'ן, אַז דאָס וואָס האָט ביז איצט גענעהרט און געשפּייזט זיין ביטערע נשמה; דאָס צוליעב וואָס ער האָט געלעבט זיין שווערעס, איינזאַמעס לעבען ביז איצט און האָט געגרייט זיך לעבען צוליעב דעם אויף ווייטער, איז דאָס נור אַזוינס, וואָס דאָס לעבען און מענשען קאָנען פון דעם נור אַכזריות'דיג שמייכלען און לאַכען; איצט ווען גבריאל האָט פאַר זיך דערזעהן אַזאַ פּוסטען, פּוסטען, קאַלטען האָריזאָנט, איז אַזוי שווער געווען פאַר איהם צו דערמאָהנען זיך דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען איהם מיט מינעס זיין נשמה האָט איצט מעהר געפאָדערט אַנ'ענטפער אויף די דאָזיגע משונה'דיגעס, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען זיי און נאָך מיט מעהר צאָרן ווי פריהער פלעגט ער טראַכטען וועגען די דאָזיגע איבערלעבונגען. נאָר צוזאַמען מיט דעם, ניט ווילענדיג פאַר זיך אַליין, האָבען די דאָזיגע בריעף געוועקט אין זיין האַרצען די ערינערונגען וועגען מינען און זייערע בעציהונגען צווישען זיך. ער פלעגט זעהר אָפט קלערען וועגען דעם, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען זיי, וועגען איהר אַליין, און זעהר אָפט פלעגט ער זי זעהן, חלומ'ענדיג אויפ'ן וואָהר, ווי אָט, אָט שטעהט זי נעבען איהם אָט אַזאַ, אַ וועלכע ער האָט זי געזעהן דאָס לעצטע מאָל מיט אַנדערטהאַלבען יאָהר צוריק. זי האָט געהאַט אַ ליעבע, אַ לייכטע, שענע פיגור. איהר פּנים איז געווען וויים ווי מילך און גערוהט האָט אויף איהם אַ ליעבע, צאַרטע, לייכטע מיעדקייט. עס פלעגט טרעפען, אַז ער פלעגט ווען ווערען בעוועגט מיט אַ חן'עוודיגער, ליעבער, לייכטער ראָזער רויטקייט. און דאַן האָבען איהרע אויגען דערצעהלט פון עפּיס־וואָס ווילדעס אין איהר נשמה. האָר האָט זי געהאַט לאַנגע, שענע און ווייכע, עהנליך מיט זייער פאַרב צו קלאָרע, גוט אויסגעקלאַפּטע ליין, און נאָך ווייסער פאַר זיי, און אַזוי קלאָר, ווייך. ווייך, זיידענס ווייך זענען זיי געוועזן. איהרע

אויגען האָבען געהאַט אַ פאַרב פון די קליינינקע, ליעבענקע בלאָהע קאַראַסקעס אין פריהלינג, און אַזוי רוהיג, טיעף זענען זיי געוועזן. ווען זי פלעגט לאַכען, פלעגען איהרע אויגען אַזוי בלישטשען, און ווען זי פלעגט זיין טרויעריג, פלעגען איהרע נערוועזע, דינע נאָר פולע בלוט־ליפען אַזוי בייז זיין.

און מינעם בריעף צו גבריאל'ן זענען געוועזן דורכגעדרונגען מיט אַ ביטערען קלאָגען־זיך אויף עפּיס־וואָס אַזוינס, וואָס זי האָט פאַרביי־געלאָזען אין איהר לעבען און ווי מחילה האָט זי געבעטען פון איהם, וואָס אומזיסט, אַליין ניט ווילענדיג, האָט זי ווען געמאַכט שווער אויף זיין האַרצען, האָט געזייהט ווען וועהטאָגען אין זיין נשמה. אַ משונה'דיגע זיכערקייט האָט זיך אין איהרע בריעף געהערט, אין דעם, אַז זי איז איהם טייער, נאָר צוזאַמען מיט דעם איז אין זיי געוועזן אַזאַ וויינענדיגעס געבעט, ווי נור פרויען און קינדער זענען פעהיג אויף דעם, אַ געבעט פון איהם אויף אַזוינס, וואָס נור ביי איהם אין האַנד איז עס. אויך געקלאָגט האָט זי זיך פאַר איהם אויף אַ משונה'דיגע עלענדקייט און אויף אַ שרעקליכען בית־הקברות ביי איהר אין האַרצען. מאָדנע פריי האָט זי דערצעהלט איהם וועגען דעם, אַז זי האָט נאָך קיינעם ניט ליעב געהאַט ביז איצט, אַז זי האָט ניט בעגעגענט אין לעבען נאָך וועמען מיט אַזאַ ריינער נשמה ווי ער, מיט אַזאַ שטאָלצען גלויבען אין די אייגענע מחשבות; אַז זי בייינקט אַזוי נאָך איהם, און אַז ער איז דער איינציגער מענש אין איהר לעבען, אין וועמען זי גלויבט, און ווען זי גלויבט אין איהם איז איהר דאַן אַזוי גרינג, אַזוי גוט.

ענטפּערן איהר עפּעס קלאָר און דייטליך פון זיין זייט וועגען דעם, וואָס ער האָט געפיהלט, אַז זי האָט איהם אַזוי קלאָר און דייטליך אַרויסגעזאָגט אין איהרע בריעף, האָט גבריאל ניט געהאַט וואָס. צו פיעל ביטער איז געוועזן זיין נשמה און צו פיעל מיט צאָרן און מיט טרויער האָט זיך איהם געקלערט וועגען דעם, וואָס איז פאַר־געקומען צווישען זייביידען ביז איצט. אויך איהר עלענדקייט, אויף וועלכע זי האָט זיך אַזוי געקלאָגט אין איהרע בריעף, און דער רחמנות, וועלכען זיי האָבען געוועקט ביי איהם אין האַרצען צו איהר, האָט עפּיס ווי אָבגעטריבען איהם פון איהר און האָט איהם אַזוי נעשראָקען אַט אַזוי, ווי זיין אייגענער פּוסטער היםעל־ים, וועלכער האָט זיך איהם געזעהן פאַר זיך, און וואָס קעלטער זיינע בריעף זענען געוועזן צו איהר אַלץ הייסער און מיט

מעהר געבּעט אויף הײמסקײט פֿון איהם זענען געװעזען איהרע בּריעף, בּיז װאַנען זי האָט איהם געשריבּען, אַז זי װעט קומען צו זיך אַהײם. זי מוז זעהן זיך מיט איהם און דאַרף איהם דערצעהלען אַזױנס, װאָס שרײַבּען װעגען דעם קאָן מען ניט.

III.

מינעס קומען האָט געשראָקען גבריאלין. איהם האָט זיך געדוכֿט, אַז צו װײַט איז ער שוין פֿון איהר, און אַז װען ער װעט זיך איצט מיט איהר בּעגעגענען, װעט זי װעקען אין זײַן האַרצען אַזױ פֿיעל ניט גוטעס צו זיך. נאָר דאָך איז ער געװעזען גרײט צו בּעגעגענען זי װאַרים און גוט. און װאָס נעהנטער עס איז געװאָרען דער טאָג פֿון איהר קומען, אַלץ מעהר איז געװאַקסען אין זײַן האַרצען אַ גוטעס, װאַרימעס געפֿיהל צו איהר. װען אַ מענש פֿיהלט זיך אַזױ עלענד, אַט װי זי דערצעהלט װעגען זיך אין איהרע בּריעף, װען אַ מענש רעדט צו דיר מיט אַזאַ שפּראַך, װי זי רעדט צו איהם איצט, דאַן דאַרפֿסט דו פֿערגעסען דײַנע חשבּונות מיט איהם און רײדען צו איהם מיט אַ מענשענשפּראַך און קוקען אויף איהם מיט מענשען-אויגען. אַפֿילו עפּים װי אַ צו פֿרידענקײַט האָט אָנגעהױבּען צו געבּאָרען װערען אין זײַן האַרצען פֿון דעם, װאָס זי קומט; דאָס ערשטע מאָל, זינט זײ קאָנען זיך װעלען זײ בּעגעגענען זיך װי מענשען, װי רײנע, פֿרײַע מענשען. אַלץ צװישען זײ װעט זײַן פֿרײַ, רײן און אָהן אַ שפּור פֿאַלשקײַט. און אַזױ װי זי רעדט און איהרע בּריעף צו איהם פֿרײַ און אָפֿען װעגען זיך און װעגען איהרע בּעציהונגען צו איהם, אַזױ פֿרײַ װעט ער זײַן פֿאַר איהר אין אַלע זײַנע איבּערלעבּונגען, װאָס האָבּען נאָר אַ שײַכות צו איהר, און ער װעט איהר פֿרײַ און אָפֿען ערקלערען, פֿאַר װאָס ער קאָן איצט ניט ענטפֿערן איהר פֿון זײַן זײַט דאָסזעלבּע, מיט װאָס זי װענדט זיך צו איהם.

עס איז געקומען מינע. בּאַלד װי זי איז געקומען, האָבּען זײ געזעהן זיך. און אַזױ אומגעריכֿטערהײד פֿאַר גבריאלין האָט ער שוין פֿון דעם ערשטען מאָל זעהן זיך מיט איהר אָנגעשטױסען זיך אויף אַזױנס, װאָס אַפֿילו ניט דאָס ערשטע מאָל קומט דאָס פֿאַר צװישען זײ, נאָר אויף װאָס ער האָט זיך דאָס מאָל אַזױ ניט געריכֿט. װען מינע האָט איהם דערזעהן, האָבּען איהרע אויגען פֿרעליך אַ שײַן געטאָן, איהר קערפּער האָט אַ װילדע בּעװעגונג גע-

מאכט , און ווי א שטראם פון ווילדקייט האט איהם איינגאנצען דורכגעדרונגען . און גלייך ווי גרייט איז זי געווען אט ווי א קליינעם , נאיוועם קינד צו ווארפען זיך איינגאנצען צו איהם . נאר עפים־וואס , ווי אומגעריכטערהייד פאר איהר אליין , האט זי אבגעהאלטען פון דעם . זי האט משונה א קוק געגעבען אויף איהם . ער האט דערפיהלט , ווי איהר בליק דרינגט אריין אזוי טיעף אין זיין הארצען , אט גלייך ווי ביז'ן תהום פון זיין נשמה , און פלוצלינג האט איהר פנים אנגעהויבען בלייך צו ווערען , און אזוי קאלט האט איהר האנד געענטפערט אויף זיין הייסען און שטארקען דריקען איהר האנד . און פון מינוט צו מינוט , וואס אלץ וויטער זיי זענען געזעסען צוזאמען , אלץ מעהר און מעהר האט איהר קול , איהרע אויגען און איהר גאנצער פנים עפים גלייך ווי מיט א כונה דערצעהלט איהם , אז ער זאל וויסען זיין , אז זי בעגעגענט איצט איהם אזוי ווי אלע מאל , ווי אלע מאל ביז איצט . גבריאל האט זי ניט פערשטאנען און האט זיך עפים געפיהלט משונה פערלארען . ער האט געפיהלט , אז וואס מעהר זיי זיצען אזוי ביידע צוזאמען , קוקען אזוי משונה איינער אויף דעם צווייטען און שמועסען ביידע מיט אזוינע שווערע אומגעלומפערטע נשמות איינער געגען דעם צווייטען , אזוי נאריש אומגעלומפערט יוערט זייער שמועסען און אזוי קלעפט זיך עס ניט א ווארט צו א ווארט , און אזוי שווער איז זיי ביידען , און אלץ מעהר און מעהר הויבט אן אויפוועקען זיך אין זיין הארצען א שארפער כעס אויף איהר , אליין ניט וויסענדיג פאר וואס . ער האט אפילו געפרעגט ביי זיך אליין , וואס וויל ער פון איהר ? איידער ער האט זי דערזעהן , האט ער דאך אזוי פעסט בעשלאסען ביי זיך , אז ער איז שוין ווייט פון איהר . ער האט אויך בעשלאסען ביי זיך צו זאגען דאס איהר אפען און פריי . און איצט , ווען אויך זי דערצעהלט איהם , אז אויך זי איז ווייט פון איהם , ווייט און פרעמד , שאפט זי מיט דעם אזא צארן אין זיין הארצען ... נאר דער דאזיגער חשבון האט איהם גאר ניט בערוהיגט . און אזוי האט עפים־וואס משונה געדריקט זיין הארץ . אויך האט ער זיך עפים פלוצלינג דערפיהלט אזוי נאריש , אזוי קליין און לעכערליך... ער האט דערפיהלט אין זיין הארצען אזוינס , וועלכעס א מענש פיהלט , ווען ער איז גרייט , נאך יענעמס לאנגען און שטארקען געבעט , צו טאן א טובה איהם . דיין הארץ איז שוין פארויס פול מיט דעם געפיהל , וועלכעס בערוהיגט און בערוהיגט און גלעט אזוי דאס מענשליכע הארץ , אז דו טהוסט

וואָס גוטעס... און ווען דו ביסט שוין אַט, אַט גרייט צו טהון די גוטע זאַך פֿאַר דעם צווייטען, זאָגט מען דיר פּלוצלינג, אַז דיין גוטעס איז גאָר ניט נויטיג, מען האָט דאָס גאָר ניט געדאַרפֿט און מען בעט פֿון דיר אַזוינס ניט... און וואָס נאָך? — דו, דו אַליין דאַרפֿסט בעטען וואָס פֿון דעם צווייטען... און עס האָט טאַקי אַט ווי אַקאָרשט אַ ניי געבאָרענעס געפֿיהל ביי איהם אין האַרצען אַזוי אַכזריות'דיג דערצעהלט איהם, אַז ער האָט אויף אַנ'אמת וואָס צו בעטען ביי איהר: אַזוי טיעף זענען געווען איהרע אויגען, איהר פּנים איז געווען אַזוי פֿול מיט אַזוינס, וועלכעס קאָן בערוהיגען אַ צווייטען, און אַזוי, דאַכט זיך איהם, וואָלט איצט איינשטילען זיין אומרוהיגע, ביטערע נשמה, אַ וויי־כער בליק פֿון איהרע טיעפֿע, טיעפֿע אויגען, אַ ליעבער שמייכעל אויף איהר ליכטיגען, ליעב איינגעמאַטערטען פּנים, און אַ הייסער גוטער גלעט פֿון איהרע ווייסע, עטוואָס נערוועזע הענד מיט די לאַנגע, שענע פֿינגער איבער זיין קאָפּ, וועלכער איז אַזוי פֿול מיט ביטערע האַרצרייסענדע מחשבות.

און מינע האָט זיך געהאַלטען צו איהם אַזוי קאַלט און אַזוי וויים פֿון איהם. אויך האָט זי עפּיס ווי אין מיטען די רייד און מיט עטוואָס אַ שרעקענדיגען קול דערצעהלט איהם, אַז ביז דעם לעצטען טאָג פֿאַר איהר אַרויספֿאָהרען אַ היים, האָט זי ניט געוואוסט אויף בעשטימט, אַז זי וועט קומען אַהער. גיכער וואָלט זי בעשטימען ניט צו קומען איצט אַ היים, נאָר זי האָט ערהאַלטען אַ בריעף פֿון איהרע עלטערן, אין וועלכען זיי האָבען זי אַזוי געבעטען צו קומען, און זי האָט ניט געקאָנט אָבזאָגען זיי אין דעם, און אַז עס קאָן זיין, אַז באַלד וועט זי צוריק אַוועקפֿאָהרען.

פֿול מיט ביטערע מחשבות און ווי אַ פֿערשיכּור'טער, אַליין ניט וויסענדיג קלאָר פֿון וואָס, איז גבריאל אַוועק פֿון מינען. ביי זיך אין צימער האָט ער געפֿונען שטיין'ען, זיצענדיג טיעף פֿערטראַכט אין מחשבות. גבריאל האָט זיך דערפֿרעהט, דערזעהענדיג איהם, — אַזאַ ביטערע עלענדקייט האָט געפּרעסט זיין האַרץ, און אַז שטיין האָט איהם באַלד, ווי ער איז געקומען, דערצעהלט מיט אַ טרויריגען קול, אַז ער פֿאָהרט אַריבער אין שטאָדט, האָט דאָס גבריאל'ן אַזוי פֿערדראָסען. גבריאל'ן האָט עפּיס אַזוי גע־שראָקען זיין איינזאַמקייט.

— צוליעב וואָס? — האָט גבריאל ביטער געפֿרעגט.

— איך ווייס אויך ניט, — האט שטיין ערנסט געזאגט — איך קאן שוין אויך דא מעהר ניט איינזיצען . עס דריקט עפּיס אזוינס אין הארצען. עס ווערגט די נשמה...

— אלע, אלע לעבען דאך ... און איך קאן ניט... — האט שטיין ביטער און ערנסט גערעדט נאך א ווײַלע שווײַגען. — איך בין געזונד , שטארק, איך קאן א סך הונגערן , איך בין גרייט צו לײַדען אלץ, איך קאן אריבערטראגען א סך , א סך מיט מײַן געזונדען , שטארקען קערפּער , און איך בין אויף אלץ גרייט, נאר ... עס ווערגט מײַן נשמה צו וויסען אויף בעשטימט , קלאר אט אזוי, ווי בעשטימט און קלאר עס איז פאר מיר, אז איך בין דא אויף דער וועלט , אז איך גייה ארום , אז איך זיץ, אז איך רייד, — צו פארהאן א גאט , צו ניט ?... מענשען, די ערד , די הימלען , דאס לעבען. — צוליעב וואס איז דאס אלץ ?... צוליעב וואס איז אט די מאוים'דיגע בעוועגונג אין דער מאוים'דיגער פּוסטער אייביגקייט ?... צוליעב וואס בעוועגט זיך אלץ , צוליעב וואס געהען ארום אלע, צוליעב וואס ריידען אלע , צוליעב וואס לעב איך , איהר , אט דאס דאזיגע קליינע פארשטעדטעל און די גרויסע קאכעדיגע שטאדט נעבען איהר , אלע, אלע . — צוליעב וואס און וואס איז דאס אזוינס ?... פּוסט , פּוסט ווערט דאס אלץ פאר מיך ... פּוסט , אומבעוועגליך און טויט ... טויט ... צי פארהאן א גאט ?... יא ... יא... צי ניט ?... מיך ווערגט אזוי די גאנצע אייביגקייט מיט אלץ , וואס אין איהר געפינט זיך ... עס ווערגט מיך ... עס ווערגט ...

גבריאל איז ארומגעגאנגען איבער'ן צימער , האט ביטער געקוקט אויף שטיין'ס געזונדען, שטארקען קערפּער , אויף זײַן געזונדען אפּענעם פּנים און משונה-אפענע אויגען און האט געשוויגען. שטיין מיט זײַנע טענות האט נאך קעלטער און ביטערער געמאכט זײַנע קאלטע און ביטערע מחשבות וועגען דעם לעבען און מענשען. אז שטיין איז אוועק , איז גבריאל ארויס אויפ'ן גאס און האט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן בײַנקעל פאר דעם הויז , אין וועלכען ער האט געוואוינט . עס איז געווען שפּעט אין דער נאכט . שטיל און שטום איז געווען ארום . א טיעפע נאכט פון א באלד אנגעקומענעם פריהלינג האט געשוועבט אויף דעם קליינעם פארשטעדטעל מיט זײַנע הײַזער, ווײַט צוואָרפענע איינס פון דעם צווייטען. דער שניי האט שוין אין גאנצען פערלאזען די ערד , וועלכע איז געווען פײַכט און האט ווארים געאטהעמט . די בוימער צוואָרפענע

צווישען די הייזער און אויך צוזאַמענגעקליבענע עטליכע צעהנדליג צוזאַמען, אויף אַ הויכען בערגעל, ניט ווייט פֿון גבריאל'ן, געגענאיבער דעם ביינקעל, אויף וועלכען ער איז געזעסען, זענען פֿערהילט געווען אין דער שטומער, שווארצער נאַכט. זייער משונה הייליקייט האָט עפּיס ווי פֿון אַ ווילדער יוגענד דערצעהלט, און גלייך ווי אינעווייניג אין זייערע פּייכטע הערצער האָבען זיי אַ סוד פֿון גליק פֿאַר זיך געטראָגען. אַ סוד, אַז באַלד, באַלד וועלען זיי זיך אָנטהאָן אין גרינע פרישע שמעקענדיגע בלעטלעך און זיי וועלען זיך באָדען אין דעם ליעבען, גוטען און שענעם פריהלינג. אויף דעם שטילען, שטומען הימעל האָבען לאַנגזאַם און שטום געבלאָנזשעט אָהן אַ ציעל און אָהן אַ וועג גרינגע, לייכטע וואָלקענס. בלאָנזשענדיג איבער דעם גרויסען, גרויסען הימעל. פלעגען זיי אַרויפבלאָנזשען אויף דער שטומער בלאַסער לבנה, פלעגען פערבלייבען אויף איהר אַ ווייַלע און פלעגען ווידער אַריינלאָזען זיך אין דעם גרויסען שוים פֿון דעם גרויסען, גרויסען הימעל. ניט ווייט פֿון גבריאל'ן געגענאיבער אויפ'ן בערגעל נעבען אַ בוים האָט זיך געאַיילט אַ קלייניגקעס, ווייסינקעס קאַראַסקעלע אַרויסצושפּראַצען אויף גאָטס וועלט, און פֿון איין וואָלקען ביז דעם צווייטען פלעגט עס ווערען בעגאָסען מיט דעם ליעבען, ווייסען, קלאָרען לבנה־שיין. פֿון צייט צו צייט פלעגט זיך הערען אַרויסגיסענדיג זיך אין דער טיעפֿער, שטומער נאַכט, דאָרטען וואו עס הויבט זיך אַרויף אַ גרינגער און אַ וואַרימער נעבעל, ווי עפּיס אַ מוטערס אַ קוש — דאָס האָט זיך דער שטילער און קלאָרער טייך געקושט דאָרט אין דער פינסטער מיט זיינע ברעגען; פּפּ—קלאָ, פּפּ — קלאָ פלעגט זיך אַרויסגיסען אין דער נאַכט. עס האָט זיך געטראָגען דורך די נאַכט, צווישען הימעל און ערד, און עס האָט זיך סודות'דיג געשאַרט, ווייך און פּאַמעליך צווישען די הייזער, די בוימער, איבער די דעכער, איבער דער ערד עפּיס אַזוינס פול מיט סוד, וועלכעס האָט ווי וואָס ערנסט געזוכט אין דער דאָזיגער טיעפֿער נאַכט, גלייך ווי צוזאַמענגעקליבען האָט עס צוואָרפענע נאַכט סודות, פערוואַלגערטע שטיקלעך נאַכט מחשבות און האָט זיי אַוועקגעשלעפּט מיט זיך ערגיץ אין אַ טיעפען, טיעפען אָרט צו בעהאַלטען זיי...

גבריאל איז געזעסען און האָט געקוקט אויף גאָטס וועלט, און זיין האַרץ איז געווען אַזוי פערשיכורט פֿון וועהטאָג און יסורים. איהם האָט וועה געטאָן זיין האַרץ פֿאַר שטיין'ען, וועלכער

איז היינט געווען אזוי אויפגערעגט. אויך אזוי ניט געלאזען רוהען האט זיין צוועהטאגדיגע נשמה דאס, וואס עס איז פארגעקומען היינט צווישען איהם מיט מינען. און אזוי ביטער, ביז וועהטאגען ביטער האט איצט איהם וואס דערמאהנט און בעשטימט, אז פון ויינע חלומות און מחשבות ביז אהער האבען דאס לעבען און מענשען נור אכזריות'דיג געלאכט... אין לעבען איז ער ביז איצט געווען אזוי איינזאם, איינזאם און עלענד... איהם האט זיך ביטער געוועקט א מחשבה אין זיין הארצען וועגען דעם, אז ער מיט מינען זענען פון פערשידענע וועלטען, וואס זענען וויים איינע פון דער צווייטער. מינע איז א מענש פון דעם לעבען, וואו איין טאג איז אזוי ניט ענהליך אויף דעם צווייטען, וואו איין מחשבה איז אזוי פערשידען פון דער, וועלכע קומט נאך איהר, און יעדעס געפיהל האלט אזא מלחמה מיט דעם, וועלכעס איז געווען פאר איהם און וועלכעס עס האט אט ערשט מנצח געווען... און ער — א מענש, וואס איז אזוי געלאפען פון אזא לעבען און האט ביי זיך בעשאפען אנ'אנדער לעבען פאר מענשען, א לעבען, אין וועלכען אלע מחשבות זייערע, אלע טעג, אלע געפיהלען, אלץ דארף זיין אויסגעבונדען און דורכגעדרונגען מיט איין הויפט-מחשבה, מיט איין עיקר-געדאנק... מינע איז א מענש פון דעם לעבען, וועלכעס האט אין זיין הארצען נור געשאפען וועהטאגען און יסורים און וועגען וועלכען ער האט געפיהלט ביז איצט, אז אזוי פאלש איז עס און אזוי דורכגעדרונגען איז עס מיט נידריגקייט און פוסטקייט... איהם האבען זיך ווי אט נעבען זיך געהערט מינעס ווערטער, טראגענדיג זיך אין אויר: „ווען ניט די עלטערנס בריעף, וואלט איך געוויס ניט געקומען איצט א היים"... ביי איהם אין הארצען האט וואס ביטער געשריען: ניט אמת, ניט אמת... מינע, אין דיינע בריעף האסטו מיר וועגען אנדערש וואס דערצעהלט... ניט אמת... אויך האט עפיס-וואס ביי איהם אין נשמה אזוי פעסט בעשטימט און דערצעהלט איהם, אז דאס מאל זעהען זיך מיט מינען וועט ניט אריבער ווי אלע מאל, ווי ביז איצט... עפיס-וואס אזוינס וועט פארקומען צווישען זיי. עס מוז פארקומען... און אזוי ביטער, אכזריות'דיג ביטער האט געגאגט זיין נשמה. און די שטומע וואלקענס אין דער הויך, איבער דעם גרויסען, גרויסען הימעל האבען געבלאנזשעט איינזאם, קאלט, אהן א ציעל און אהן א יועץ...

IV.

און פון טאג צו טאג האט מינע מיט זייערע בעציהונגען צווישען זיך אנגעהויבען אלץ מעהר צו פערנעהמען גבריאל'ס מוח, הארץ און נשמה. ער פלעגט זייער אפט זיין ביי איהר, און צווישען זיי איז געוואקסען אזא שטומע, שווערע, דריקענדע ניט פערשטעהעניש איינם דעם צווייטען. ער האט געפיהלט, אז ער איז אינגאנצען איז פערנומען נור מיט מינען, און אזוי ניט געלאזען רוהען האט איהם די דאזיגע שווערע שטומהייט צווישען זיי. ער פלעגט אלץ פעסט בעשליסען ביי זיך, אלע מאל ווען ער פלעגט געהן צו איהר, צו ריידען מיט איהר אפען, דייטליך און קלאר וועגען דעם, וואס עס איז פארגעקומען צווישען זיי ביז איצט. נאר קיינמאל, קיינמאל, ווען ער פלעגט זיין מיט איהר צוזאמען, פלעגט זיך איהם דאס ניט איינגעבען. עפיס-וואס אזוינס שטומעס פלעגט איהם ניט דערלאזען דערצו. ווען זיי פלעגען זיין ביידע צוזאמען פלעגען זיי זיך פיהלען אזוי שווער. תמיד פלעגט צווישען זיי רוהען א שווערע שטומע שטילקייט, אזא שטילקייט, פאר וועלכער מענשען, ביי ועמען עס קומט עפיס פאר צווישען זיך אזוינס, וואס יעדער וויל אזוי ניט, אז דער צווייטער זאל פון דעם וויסען, שרעקען זיך אזוי, ווען זיי בלייבען ביידע צוזאמען... גבריאל'ן האט אבער אלץ אזוי געריסען דאס הארץ צו ריידען מיט איהר אפען, קלאר און פריי, און איינמאל ווען זיי זענען געזעסען צוזאמען, האט גבריאל דערמאהנט איהר איהרע בריעף צו איהם. מינע איז משונה בלייך געווארען און האט מיט א משונה'דיגען קול געזאגט:

— זיי זענען ביי אייך אלע פארהאן?... איך געדיינק שוין ניט, וואס איך האב אין זיי געשריבען...

גבריאל האט געפיהלט, אז ער פערלירט זיך עפיס מארנע, און עפיס אזוינס קאבעדיגעס וועקט זיך אויף אין זיין הארצען.

— אין אלגעמיין ווייזט אוים, — האט מינע ווידער געזאגט מיט מעהר שרעקענדעס אין איהר קול נאך א קליין ווײלע שווייגען, אז מענשען ווי איהר, גבריאל, פערשטעהען ניט קיין בריעף... איהר לייענט אין זיי א סך אייגענעם און א סך אזוינס, וואס אין זיי איז ניט געשריבען...

מינעס פנים, איהר קול און איהרע לעצטע ווערטער האבען ווי פלוצלינג אנגעצונדען וואס ביי גבריאל'ן אין הארצען, און ער

האט דערפיהלט אזא שארפע, הייסע שנאה צו איהר. ער האט דערפיהלט, אז מינע האט איצט געזאגט אזוינס פאלשעס, פאלשעס, און אזוי ניט שען איז דאס פון איהר זייט. איהם האט זיך געוואלט בעהאלטען פון מינען אט דאס, וואס קומט פאר איצט ביי איהם אין הארצען, נאר ער האט געפיהלט, אז דאס גיט זיך איהם נישט איין. זיינע אויגען, האט ער געפיהלט, זענען פול מיט אזא הייסער שנאה צו איהר. און מינע האט דאס בעמערקט. איהר פנים האט אויסגעוויזען גלייך, ווי זי וואלט זיך עפים פלוצלינג אזוי דערשראקען פאר וואס, און אין איהרע אויגען האט אנגעהויבען צו בלישטשען אזא טרויעריג געבעט פאר עפים-וואס, אין וואס זי איז אזוי שולדיג. זי האט ווי פערלארענערהייד צוגעקליבען זיך זאגען איהם וואס. נאר גבריאל איז אויפגעשטאנען און איז אוועק. און אוועקגעהענדיג פון איהר, האט ער פעסט בעשלאסען דערווייטערן זיך פון איהר אויף אלע מאל, ניט געדיינקען זי, ניט טראכטען וועגען איהר און ארויסרייסען מינען אינגאנצען פון זיין הארצען. צווישען זיי ביידען קאן פארקומען נור פאלשעס, ניט ערנסטעס און ניט שענעס.

גבריאל האט אויפגעהערט צו זיין ביי איהר, ער פלעגט זעהן זיך ניט צו בעגעגענען מיט איהר. איהם האט זיך אזוי געוואלט, אז די שנאה אין זיין הארצען צו איהר זאל וואקסען וואס מעהר און מעהר. ווען פאר איהם פלעגט אויפשטעהן ווי לעבעדיג איהר פנים, וועלכער איז געווען אזוי בלייך, ווען ער איז פון איהר אוועק דאס לעצטע מאל, און פול מיט א טרויער געבעט אין איהרע אויגען, דאן פלעגט איהם אזוי ריהרען זיין הארץ... נאר ער פלעגט דערפאר בייז ווערען אויף זיך. און פון טאג צו טאג פלעגט אלץ מעהר זעהן צו פערגעסען זי, פלעגט אלץ מעהר זעהן צו פערטיפען זיך אין דעם קאלטען ביטערען טרויער און אין די קאלטע, בייזע ביטערע מחשבות, מיט וועלכע ער איז געוועזן פערנומען, איידער מינע איז געקומען.

איינמאל, אומגערעכטערהייד פאר גבריאל'ן, איז מינע געקומען צו איהם. פאר די צייט, וואס ער האט זי ניט געזעהן, איז איהר פנים משונה בלייך געווארען, און איהרע רוהיגע טיעפע אויגען האבען פון פיעל ליידען דערצעהלט. קענטיג איז געוועזן פון איהר, אז זי איז געקומען זאגען איהם וואס א בעשטימטע, א בעשלאסענע זאך, נאר איהר גיט זיך דאס שווער ארויסצוריידען. זי איז געזעסען ביי איהם גאר ניט לאנג. זיי האבען געשמו-

עֶסט צווישען זיך מיט האַלבע צוריסענע ווערטער, און נאָכדעם, אז די דאָזיגע האַלבע צוריסענע ווערטער האָבען זיך אויך אויסגענומען, זענען זיי זיך געזעסען א ווײַלע שטיל און שטום. און זי איז אוועק אַ טרויעריגע, אָט ווי זי איז געקומען צו איהם. פֿון דאַן אָן האָט זי אָנגעהויבען אָפּט צו קומען צו איהם. גבריאל פֿלעגט זיך האַלטען מיט איהר קאַלט און ווײַט פֿון איהר, און טרויעריג פֿלעגען איהרע אויגען קוקען אויף גבריאל'ן, ווען זי פֿלעגט אוועקגעהן פֿון איהם. אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט, ווען זי איז געקומען צו גבריאל'ן אַ טרויעריגע, ווי געוועהנליך, האָט זי נאָך א ווײַלע שטומער, שווערער שווײַגעניש טרויעריג געפֿרעגט:

— מיר וועלען אפשר געהן אַ ווײַלע אין גאַס? עס זיצט זיך עפּים ניט איין אין שטוב.

מינעם טרויעריגע שטים האָט עפּים דאָס מאָל אַזוי געריהרט גבריאל'ן בײַם האַרצען. זיי זענען בײדע אַוועק שווײַגענדיג. זיי זענען דורכגעגאַנגען דאָס שטעדטעל און זענען אַרויף אויף אַ פֿרייעם, ברייטעם פֿעלד. עס איז שוין געווען נאַכט. אויף דעם ברייטען, לאַנגען, פֿרײַען פֿעלד, אויף וועלכען עס איז געווען ווי פֿערלאָרענערהייד צוואָרפֿען וואו אַ בערגעל, אַ טהאָל, אַנ'איינזאַמער בוים און וואו יונגינקע, פֿרישינקע בוימעלעך, איז געווען פֿערגאָסען דער קלאָרער, בלאַסער, קאַלטער לבנה=שײַן. שטיל איז געווען גאַנץ וועלט און שטיל און שטום האָט זיך געגאָסען דער קאַלטער קלאָרער שײַן פֿון דער לבנה און די שטערן אויף אַלץ, וואָס די נאַכט האָט אַרומגענומען מיט איהרע שטומע אָרעמס. און אַזוי פֿול מיט אייביגקייט און פֿול מיט שטומע מחשבות, און טיעפֿע טיעפֿע סודות איז געווען גאַנץ וועלט. יעדעס גראָז — אַ סוד, יעדעס בלומעלע—אַ מחשבה, יעדער בוים — אַנ'אוצר פֿון אַזוי פֿיעל שטומע סודות און פֿול מיט מחשבות... און דער קאַלטער קאַלטער שײַן פֿון דער לבנה מיט די שטערן שאַפֿען אין דײַן האַרצען אַזאַ בענקשאַפֿט נאָך עפּים ווארעמעס, נאָך עפּים טרייסטונג פֿאַר די איינזאַמע, עלענדע מענשליכע נשמה אויף דער וועלט, אַזאַ בענקשאַפֿט נאָך אַ צווייטער מענשליכער נשמה, נאָך ליעבע פֿון אַ מענשליכען האַרץ. עס איז געווען איינע פֿון די טיעפֿע, קלאָרע, ווײַסע פֿריהלינגס=נעכט, וועלכע רײַסען אַזוי דאָס האַרץ... די נשמה בײַ די איינזאַמע, עלענדע מענשען אויף דער וועלט, וועלכע האָבען גאָרניט צווישען הימעל און ערד, קיינעם ניט און גאָרניט, ניט קיין איינענעם רוהיג בעטעל, וואו צו צושפּאַרען

דעם עלענדען קאָפּ, ניט אַ הייסעם מענשליכעם האַרץ, צו וועלכעם צו צוטוליען זיך, און ניט קיין אָרט, וואו צו בעהאַלטען זיך פון דער האַרצרייסענדער בענקשאַפט, וועלכע עס וועקען אין זייערע הערצער אַזוינע נעכט... און גבריאל מיט מינען זענען זיך געזעסען שטיל און שטום, איטליכער פערנומען מיט זיינע מחשבות.

— גבריאל... — האָט מינע מיט אַ ציטערדיגער שטים גערופען.

גבריאל האָט געשוויגען. גלייך ווי זיי ביידע האָבען זיך וועגען דעם צוזאַמענגערעדט, זענען זיי צוגעגאַנגען צו אַ בערגעל און האָבען זיך אויף איהם אַוועקגעזעצט.

— גבריאל... — האָט זי ווידער גערופען.

גבריאל האָט זיך אַ קעהר געטאָן צו איהר:

— וואָס? — האָט ער שטיל און טרויעריג געפרעגט.

מינע האָט איהם גענומען פאַר'ן האַנד. דערפיהלענדיג איהר הייסע האַנד, וועלכע האָט לייכט געציטערט אין זיין האַנד האָט גבריאל דערפיהלט, אַז זי וועקט אין זיין האַרצען אַזוי פיעל וואַרעמקייט צו איהר.

— גבריאל... — האָט מינע בענקענדיג און ווי אַ נאַיוועס קינד געזאָגט, — איהר ווילט טאַקי דערווייטערן זיך פון מיר?... פערגעסען, פערגעסען אָן מיר?...

— מינע, — האָט גבריאל טרויעריג געזאָגט, — וואָס ווילט איהר?...

— מיר איז אַזוי גרינג, אַזוי גוט, אַז איך פיהל אייך נעבען מיר...

גבריאל האָט געשוויגען.

גבריאל... — האָט מינע ווידער גערופען.

— מינע, וואָס ווילט איהר?... — האָט גבריאל ביטער געפרעגט.

— איך וויל... איך וויל, אַז צווישען אונז זאָל זיין אַנדערש, אַנדערש ווי דאָס, וואָס קומט איצט פאָר צווישען אונז...

גבריאל האָט געפיהלט, אַז ביי איהם אין האַרצען וועקט זיך אויף אַזוי פיעל גוטעס, וואַרימעס צו איהר. עס האָט אָנגעהויבען צו פערשיכור'ן זיין גאַנצע נשמה אַ גוטע, אַן'אַנגענאַהמע האָפנונג, אַז פון דער נאַכט אָן, אָט נאָך דעם, וואָס עס וועט איצט פאָרקומען צווישען זיי, וועט אויסגעריסען ווערען דאָס אַלץ וואָס עס איז בעשאַפען געוואָרען צווישען זיי ביז איצט און וואָס

איהם איז דאָס אַזוי שווער אריבערצוטראָגען.

— ניט איך בין אין דעם שולדיג, — האָט גבריאל מיט טרויער געזאָגט.

— ווער?... איך?... — האָט מינע ביטער געפרעגט. — מיר איז אַזוי גרינג, ווען איך ווייס, אַז איך בין אייך טייער... אַזוי גוט איז מיר נעבען אייך...

— איהר זענט ריינער, אייער נשמה איז שענער פאַר די אלע, מיט וועלכע איך האָב זיך געקענט אין לעבען, — האָט מינע מיט אַ קול פון אַ טרויריגען וידוי גערעדט צו איהם, — גבריאל, איהר ווייסט ווי איך האָב געלעבט און מיט וועמען איך בין געוועזען ביז איצט? אַלע מאָל, ווען מיר פלעגען זיך טרעפען צוזאַמען, פלעגט איהר געפינען נעבען מיר איינעם אָדער עטליכע, וועלכע פלעגען נאָכגעהן נאָך מיר און מיט וועלכע איך פלעג תמיד זיין צוזאַמען. עס פלעגט טרעפען, אַז איך פלעג זיי פון זיך ניט אָבלאָזען נור דערפאַר, כדי צו שאַפען דורכדעם וועהטאָגען און ניט גוטעס אין אייער הארצען... פאַר וואָס?... וואָס האָב איך געהאָט צו אייך? ווייס איך ניט... איך ווייס ניט...

מינע איז אויף אַ ווייַלע אנטשוויגען געוואָרען. קענטיג איז געוועזען פון איהר, אַז זעהר שווער, זעהר שווער איז איהר צו זאָגען דאָס, וואָס זי וויל איהם איצט זאָגען. איהר האַנד האָט געטרייסעלט זיך אין זיין האַנד, און זי האָט מיט טרויער און ערנסט גערעדט ווידער:

— איך וועל זיך פאַר אייך מתודה זיין... מיין וידוי וועט זיין אַ לאַנגער, אַ לאַנגער... גבריאל... אַ סך. אַ סך האָב איך געקענט אין מיין לעבען. איך בין געוועזען מיט זיי. איך האָב געלעבט מיט זיי צוזאַמען, נאָר שטענדיג, שטענדיג בין איך געוועזען פערנומען מיט אייך... מיין נשמה האָט נור נאָך אייך געבענקט, אַז איך פלעג ווען דערפיהלען, אַז איהר געהט אַוועק פון מיר, פלעגט מיך אָנכאַפּען אַזאַ פחד, אַזאַ פחד... דאָסזעלבע האָב איך דערפיהלט, ווען איך האָב אייך געשריבען די בריעף, איידער איך בין געקומען אַהער... איך האָב דערפיהלט, אַז איהר לאָזט מיך אַוועק, איהר געהט אַוועק פון מיר... איהר פערגעסט מיך און ווערט ווייט פון מיר... און מיך האָט אָנגעכאַפּט אַזאַ פחד... גבריאל, מיט קיינעם, מיט קיינעם איז מיר ניט פאָרגעקומען אַזוינס, ווי מיט אייך... ווען איך האָב געשריבען די בריעף, האָט מיין נשמה אַזוי געבענקט נאָך אייך... אַזוי געבענקט...,

און אַז איך האָב אײַך דערזעהן דאָ דאָס ערשטע מאָל און איך האָב דערפֿיהלט, אַז איהר האָט מיך נאָך ניט פֿערגעסען, אַז איהר זענט גרייט אויף דעם, וואָס איך האָב פֿון אײַך געבעטען אין מײַנע בריעף, איז מיר עפּיס פּלוצלונג אַזוי משונה געוואָרען... אַנ'אַנדער מין פּחד, ניט ווי יענער, ווען איך האָב געפֿיהלט, אַז איהר געהט אַוועק פֿון מיר, אָבער אויך אַ מין פּחד האָט אָנגע־חאַפּט מײַן נשמה... צו פֿיעל, גבריאל, פֿאָדערט איהר פֿון מיר... אַלע, אַלע, מיט וועמען איך האָב מיך געקענט, האָבען בײַ מיר אַ סך, אַ סך גענומען... זיי האָבען געצווּנגען די הייליגקייט, די ריינקייט פֿון מײַן פּנים, נאָר מעהר האָבען זיי פֿון מיר ניט געפֿאָדערט. מײַן נשמה האָבען זיי פֿון מיר ניט געפֿאָדערט... זיי האָבען מעהר נישט געבעטען פֿון מיר, אַז מיר זאָלען זײַן פֿרײַנד... איך האָב צו זיי קיין שום ליעבעסגעפֿיהל ניט געפֿיהלט. זיי צו מיר — איך ווייס ניט... זיי האָבען געזאָגט, אַז יאָ. און זיי האָבען זיך אַלץ געבעטען בײַ מיר, אַז מיר זאָלען זײַן פֿרײַנד... פֿרײַנד... זיי בענוגענען זיך און בערוהיגען זיך, ווען איך זאָל זיי נאָר זײַן אַ פֿרײַנד... אַזוי האָבען זיי געזאָגט... פֿרײַנד... פֿרײַנד... און יעדערער, יעדערער האָט געצווינגען מיט זײַן מויל אַזוי פֿיעל ריינ־קייט פֿון מײַן פּנים... שמוציג פֿלעג איך מיך פֿיהלען נעבען זיי... גבריאל, אַז איך פֿיהל אײַך נעבען זיך, איז מיר אַזוי גוט, ריין גרינג... אַזוי שען און ריין זענט איהר, אײַער נשמה, אײַער קערפּער... אַזוי ווײַט זענט איהר פֿון דעם לעבען...

גבריאל איז געזעסען און האָט געשוויגען, ער האָט געקוקט אין איהרע טיעפֿע, טיעפֿע בלומען־בלאָהע אויגען, אויף איהר ליכטיגען, ליעב אײַנגעמאַטערטען פּנים, וועלכער איז איצט גע־ווען בעלויכטען מיט אַזאַ ערנסטער, קלאָרער ליכטיגקייט, און אויף איהרע ווײַסע זײַדען־ווײַסע און ווייכע האָר, וועלכע די לבנה האָט איצט בעגאָסען מיט איהר בלאַסען, קלאָרען שײַן. ער האָט פֿעסט געדריקט איהר האַנד און האָט געפֿיהלט, אַז מינע שאַפֿט איצט בײַ איהם אין האַרצען אַזוי פֿיעל גוטעס צו איהר, און מינע האָט דערצעהלט און אַזוי ערנסט:

— ווען איך וואָלט אײַך דערצעהלען אַלץ, וואָס עס האָבען בײַ מיר צוגענומען אָט די אַלע, וועלכע האָבען זיך אַזוי געבעטען בײַ מיר, אַז איך זאָל זײַן זייער פֿרײַנד... זיי האָבען זיך אַזוי געבעטען בײַ מיר... זיי האָבען מיר געזאָגט, אַז איך בין בײַ זיי די אײַנציגע זאַך, וואָס האַלט זיי אָב אויף דער וועלט, און אַז

איך בין ביי זיי זייער גאָט, זייער לעבען, — אַלץ, אַלץ... אז אָהן מיין פריינדשאַפט קאָנען זיי ניט לעבען אויף דער וועלט... זייער נשמה פאַדערט דאָס... און אַזוי אַכזריות'דיג האָבען זיי געזויגען די ריינקייט פון מיין פנים... מיינע ליפּען, גבריאל, זענען ביי מיר זעהר הייליג געוועזען... קיינעם האָב איך ניט ערלויבט צוריהרען זיך צו זיי... קיינער האָט זיי ניט געקושט... הייליג און ריין זענען זיי געוועזען... הייליג... ריין... און איינער, גאָר ניט לאַנג, ניט לאַנג, דער לעצטער פון די, וואָס האָבען אַזוי געבעטען מיין פריינדשאַפט, איהם האָט זיך געוואָלט דוקא זיי קושען... איך האָב צו איהם קיין שום ליעבעסגעפיהל ניט געפיהלט, אָט אַזוי ווי צו די איבעריגע... און ער האָט זיי געקושט... געקושט... איך האָב דאַן נעבען זיך אחוץ איהם קיינעם ניט געהאַט, און אָבטרייבען איהם פון זיך האָב איך ניט געוואָלט... ניט געקאָנט... אַליין לעבען אויף דער וועלט, אָהן קיינעם, קאָן איך ניט... לעבען איינזאַם איז מיר שווער... איך קאָן ניט... פרויען האָב איך ניט ליעב... איך דאַרף פון זיי גאָרנישט, זיי דאַרפען גאָרנישט פון מיר... און אפשר וויל צו פיעל קען איך זיי... איך האָב זיי ניט ליעב... און אַליין לעבען קאָן איך ניט... אז איך חאַפּ זיך ווען אז איך בין אַליין, אַז קיינער איז ניטאָ נעבען מיר, אַז מען זאָגט מיר ניט, אַז איך בין שען, אז מען בעט פון מיר גאָרנישט, חאַפּט מיך אָן אַזאַ פחד... איך האָב קיינעם פון די, מיט וועלכע איך בין געוועזען צוזאַמען, מיט וועלכע איך האָב געלעבט אינאיינעם, קיינעם האָב איך ניט ליעב געהאַט, נאָר אַליין לעבען אָהן זיי האָב איך ניט געקאָנט. און זיי האָבען פון מיר מיין נשמה ניט געפאָדערט. זיי האָבען מעהר נישט מיין פנים געפאָדערט, זויגען האָט זיך זיי געוואָלט דעם טוי פון מיינע אויגען, די קלאָרקייט פון מיין פנים, די ווייסקייט פון מיינע האָר און דאָס לעבען פון מיינע ליפּען... דער איינציגער, וועלכער פאָדערט מיין נשמה, זענט איהר... גבריאל. אָהן אייך איז מיר אַזאַ פחד, מיין נשמה בענקט און רייסט זיך אַזוי צו אייך... נאָר אַז איך דערפיהל, אַז איהר געהט צו אַרומצונעהמען זי, פערליר איך מיך דאַן אינגאַנצען... צו פיעל פאָדערט איהר פון מיר... איך פיהל דאַן, אַז איך וועל פוסט... איך פיהל מיך אַזוי אָרים... אַז איך דערזעה אין אייערע אויגען, אין אייער פנים, אין אייערע בעוועגונגען, און אַז איך דערהער אין אייער שטימע, מיט וועלכער איהר רעדט צו מיר, אַז איהר זענט גרייט צו זאָגען

מיר „דו ביסט מיינע”,—דאן וועקט זיך אויף ביי מיר אין הארצען א שנאה צו אייך. איך וויל דאן מיט שנאה מלחמה האלטען מיט אייך. איך דערפיהל דאן, אז איהר נעהמט צו פיעל צו פון מיר — מיין נשמה נעהמט איהר פון מיר — ביי מיר ווערט דאן פוסט אין מיין מוח, אין הארצען... פוסט ווער איך און אזוי ארים... גבריאל, און מיין נשמה בענקט דאך אזוי נאך אייך... אזוי רייסט זי זיך צו אייך... אהן אייך איז מיר אזא פחד... גבריאל, אזוי שען און ריין זענט איהר, אייער נשמה...

גבריאל האט דערפיהלט, אז א קוואל פון עפעס הייסעס און ליעבעס עפענט זיך אויף ביי איהם אין הארצען, און אז זיין נשמה ווערט פערשכור'ט פון א שענעם, שענעם חלום...

— און פאר וואס, גבריאל. האט מיך דאס לעבען אזוי ארומגעווארפען?... — האט מינע ביטער געפרעגט. — וואס האב איך געזוכט די גאנצע צייט, זינט איך האב געענדיגט גימנאזיע ביז איצט?... קיין סך פלעג איך זיך ניט קאנען איינלעבען מיט מענשען... אלץ ניט וואס זיי האבען געלעבט, מיט וואס זיי האבען גענעהרט און געשפייזט זייער נשמה, — אלץ, זייער שמועסען, זייערע מעשים, זייערע האפנונגען און חלומות זענען אזוי פוסט געוועזען פאר מיך... פוסט... אפט, זעהר אפט פלעג איך דערפאר אזוי בייז זיין אויף זיך... און עס פלעגט זיך מיר קלערען וועגען זיך, אז איך בין א קליינער מענש, א פוסטע, אזא נארישע... וואס, וואס האב איך געוואלט פון דעם לעבען און וואס האט דאס לעבען געוואלט פון מיר?... וואס?...

מינע האט זיך געטוליעט, געטוליעט צו גבריאל'ס ברוסט, אט גלייך ווי בעהאלטען האט זי זיך געוואלט פון עפיס-וואס אזוינס, וועלכעס האט זי אזוי געשראקען.

— גבריאל... — האט זי זיך געבעטען ביי איהם — קוקט זיך איין אין מיינע אויגען... זיי זענען נאך ריין?... קלאר?... ריין... גבריאל!

מינע האט אלץ מעהר און מעהר זיך געטוליעט צו איהם. גבריאל האט הייס געדריקט איהר האנד און האט שטארק, שטארק געדריקט צו זיין ברוסט איהר שענעם, קליינעם קאפ. עס האט עפיס פלוצלונג ווי אנגעהויבען צו וועבען זיך ביי גבריאל'ן אין הארצען א טייוועלשער געדאנק אהן א פארם און אהן ווערטער, און דורכגעדרונגען איז ער געוועזען מיט אכזריות צו מינען. עס

האָט זיך ווי אָנגעהויבען צו וועבען בײַ גבריאל'ן אין האַרצען ווי מטושטש'ע ווערטער: און איך דריק דיך אויך צו מײַן ברוסט... אַ סך האָבען דיך צו זײערע ברוסטען געדריקט... אַ סך... מינע האָט עפּיס פּלוצלונג ווי דערשראָקען זיך, האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען און האָט מיט אַזאַ בענקשאַפֿט אַ קוק געגעבען אויף איהם.

— גבריאל!... — האָט זי משונה בענקענדיג אויסגערופען.

די טײַוועלשע מחשבה איז פֿערשוואונדען געוואָרען אין מיטען אָהן אַנ'ענדע, און זײערע בײדענס ליפּען האָבען זיך אַזוי פֿעסט בעהעפֿט. גבריאל האָט געפֿיהלט, ווי זײַנע ליפּען, מיט דער גאַנצער רײנקײַט פֿון זײַן נשמה, מיט דער גאַנצקײַט פֿון זײַן קערפּער קלעפּען זיך אַזוי אײַן אין איהרע נערוועזע, קלעפּעדיגע און פֿול מיט לעבען ליפּען... ער האָט געפֿיהלט דעם ריח פֿון איהרע האָר, די טיעפֿקײַט פֿון איהרע אויגען, די ביטערניש און צופלאָנטערטקײַט פֿון איהר נשמה. זײַן נשמה האָט אָנגעטאַפּט די גאַנצע טיעפֿעניש פֿון איהר מהות און ער האָט דערפֿיהלט — דאָס לעבען.

V.

אויף מאָרגען האָט זיך גבריאל'ן, ווי נור ער איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, געפֿיהלט דער ריח פֿון מינעס האָר, דער טעם פֿון איהרע ליפּען, און פֿערנומען און פֿערטיעפט איז ער געווען מיט דעם, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען נעכטען צווישען איהם און איהר. וואָס מעהר ער האָט געטראַכט וועגען דער נעכטיגער נאַכט, אַלץ מעהר האָט זיך מינע איהם פֿאָרגעשטעלט אַזוי שען, אַזוי פֿערחלומ'ט, אַז זי האָט געצוואונגען זײַן גאַנצע נשמה, ער האָט געפֿיהלט, אַז מינע האָט עפּיס ווי פֿערכשופֿ'ט איהם נעכטען אינגאַנצען. זי האָט ווי אויף אײביג פֿערשכור'ט זײַן נשמה מיט אַזוינס, וואָס ביז נעכטען איז דאָס אַזוי פֿרעמד און ווײַט פֿון איהם געווען. זי ציהט איהם אַזוי צו זיך, און עפּיס אַזוינס ליכטיגעס, רײנעס, וואַרימעס וואַקסט אין זײַן האַרצען צו איהר. און ער האָט אַלײן ניט געוואוסט וואָס, צי מינעס נעכטיגער ערנסטער ווידוי, אָדער אָט דער הײסער, שטאַרקער, שטאַרקער קוש, — אָבער וואָס אַזוינס, וועלכעס איז נעכטען פֿאָרגעקומען, הויבט אָן צו שאַפֿען אין זײַן האַרצען נײַעס. גלײַך ווי נעכטען, ווען ער איז געזעסען צוזאַמען מיט מינען אין דער שטומער נאַכט, אין דעם

פרייען, ברייטען פעלד, פאר דעם קאלטען, קלארען, בלאסען לבנה־שיין און ווען ער האט געפיהלט מינעם אויגען, מינעם נשמה געבען זיך, האט ער זיך דערוואוסט און דערפיהלט נייעם וועגען דעם לעבען, וועגען די מענשען און וועגען זיך, וואס דער האט ביז איצט ניט געוואוסט און וועגען וואס ער האט זיין גאנצעם לעבען קיין מאל ניט געטראכט, און א קלארע, פעסטע, און בעשטימטע מחשבה האט אנגעהויבען צו לייכטען וואו טיעף, טיעף ביי איהם אין הארצען, אז דאס אלץ, וואס עס איז פארגעקומען צווישען איהם מיט מינען, זינט זיי קענען זיך, איז עס אזוי וויים פון דעם, וואס ער האט וועגען דעם ביז אהער געטראכט... דאס איז אזוי וויים פון פאלשעם, פון ניט־ערנסטקייט, ניט־ריינקייט... ער האט דאס ניט פערשטאנען ביז נעכטען... עפיס־וואס אנדערש איז דאס, אנדערש, און אזוי טיעף איז דאס, טיעף און ערנסט... און צוזאמען מיט דער דאזיגער מחשבה האט ער געפיהלט, אז עס הויבען אן צו ריהרען זיך און ווי איינצופאלען אזוי פיעל מחשבות אין זיין הארצען וועגען מענשען, וועגען דעם לעבען און וועגען זיך, וועלכע זענען איהם ביז איצט אזוי טייער געוועז, מיט וועלכע ער האט ביז איצט געלעבט און וועלכע זענען אזוי איינגעווארצעלט אין זיין ביטערער נשמה...

פאר נאכט אז ער איז אוועק צו מינען, האט זי איהם בעגעגנט, גלייך ווי נעכטען איז צווישען זיי גארנישט פארגעקומען. ער האט געקוקט אין איהרע אויגען, אויף איהר פנים, נאר עס איז גארנישט קענטיג געוועז. זיי האבען איהם גארנישט דערצעהלט פון דעם, וואס זי פיהלט איצט צו איהם נאך דער נעכטיגער נאכט. ניט געריכטערהייד פאר זיך אליין און ניט וויסענדיג פאר וואס, האט דאס איהם ווי הנאה געטהאן. קוקענדיג אויף איהר, פיהלענדיג זי נעבען זיך, האט זיך איהם עפיס געפיהלט, אז ווען מינע וואלט זיך איצט מיט איהם האלטען נאהענט, פריי און וואלט איהם זאגען מיט איהרע בעציהונגען צו איהם, אז זי איז זיינע, זיינע, וואלט דאס איהם אבשטויסען פון איהר, און ער וואלט ניט קאנען זאגען אויך איהר: איך בין דיינער, איך בין דיינער... צוזאמען מיט דעם האט ער דערפיהלט, אז אויך דאס, וואס עס איז פארגעקומען צווישען זיי נעכטען ביי נאכט, האט ניט געמאכט ליכטיגער גרינגער זייערע בעציהונגען צווישען זיך... ווער איז אין דעם שולדיג?... ער?... זי?... ער וויים ניט. עפיס וואס אזוינס פול מיט סוד האלט זיי פון דערווייטען איינס פון דעם צווייטען,

און זינט זיי האָבען זיך דערקענט, לאָזט עס זיי ניט אויף אַ צייט, אויף אַ לאַנגע צייט צו בעהעפטען זיך איין נשמה אין דעם צווייטענס. ווען עס בעהעפט זיך איין נשמה צו דער צווייטער, אַזוי שטויסט דעם צווייטענס נשמה ווידער זי אָב פון זיך, מאַכט זיי אַזוי ווייט צווישען זיך. אַזוי בענקט יעדע נשמה נאָך דער צווייטער... און וואָס פאָדערט ער פון איהר? וואָס פאָדערט זי פון איהם? וואָס אַזוינס קומט צווישען זיי פאָר? ער ווייס ניט... און אַזוי פערנומען האָט זיין נשמה אָט דער דאָזיגער סוד...

און ווידער האָט אָנגעהויבען צו רוהען צווישען זיי די שווערע, שטומע שטילקייט; אָט די שטילקייט, וועלכע דריקט אַזוי די מענשען, וועלכע טראָגען ביי זיך אַ סוד אין הארצען טיעף בעהאַלטען פון דעם, מיט וועמען זיי זיצען און שווייגען. און אַזוי זיצענדיג צוזאַמען שטומערהייד, פלעגט איטליכער פיהלען, אַז ער דאַרף וואָס זאָגען דעם צווייטען, ער וויל וואָס זאָגען. ער מוז וואָס זאָגען, נאָר ער קאָן ניט... ניטאָ קיין ווערטער... און עפּיס־וואָס אַזוינס אין דעם צווייטענס נשמה מאַכט איהם שווייגענדיג און שטום... און ווען צווישען זיי פלעגט ווען יאָ פאָרקומען אַ שמועס, פלעגט ער שטענדיג פאָרקומען וועגען אַזוינע זאַכען, וואָס יעדערער פלעגט פיהלען, אַז ער וויל גאָר וועגען דעם ניט רעדען, אַ דאָס פערנעהמט ניט איצט זיין מוח און האַרץ, און די שמועסע פלעגנע זיין איבערגעהאַקטע, אומגעלומפּערטע, נאַרישע, און אַוועקגעהענדיג פון מינען, פלעגט גבריאל פיהלען זיך אַזוי איינגעמאַטערט, אַזוי צובראָכען און ווי פערשכור'ט... גבריאל האָט פון טאָג צו טאָג געפיהלט, אַז ער ווערט עפּיס פערטיעפט אין אַ וועלט, פון וועלכער ער האָט פריהער גאָר ניט געוואוסט. אַז עפּיס־וואָס ריהרט דאָרט און וואַרפט איין דאָס גאַנצע ביז איצט בעשאַפענע אין זיין מוח, האַרץ און נשמה. מיט וועהטאָגען פון זיין נשמה פאַלט דאָרט וואָס איין, ווערט דאָרט וואָס חרוב, און ער ווערט פערטיעפט אין עפּיס נייעס פאַר איהם... נייעס הויבט אָן צו פיהלען זיין האַרץ, נייעס הויבען אָן צו בעמערקען זיינע אויגען ארום זיך... זיינע אויגען ווערען עפּיס ווי ברייטער און אַנדערש הייבען זיי אָן צו קוקען אויף גאָט'ס וועלט, אויף די הימלען, די ערד און אויף מענשען. ער האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז אין די אויגען פון די מענשען האָט ער וואָס פערזעהן ביז איצט און אין זייערע פנים'ער האָט ער וואָס ניט בעמערקט. זייענדיג פערנומען זיין גאַנץ לעבען מיט דער מחשבה, אַז מענשען דאַרפען אַנדערש לעבען

אויף דער ערד און אנדערע דארפען זיי זיין, האט ער ניט בע־מערקט די טיעפע ליידען, וואס שיינען אין זייערע אויגען, די ביטערע קנייטשען אין זייער פנים... נייעס, נייעס וועבט זיך אין זיין נשמה... ער האט אנגעהויבען זיין אפט אין שטאדט, פלעגט ארומגעהן אין די גאסען, אין דעם רעש און טומעל פון לעבען, און א מאל פלעגט איהם פלוצלונג אבשטעלען א מענשליכער פנים און זיין נשמה פלעגט אזש א ציטער טהון פון דעם, וואס ער האט ביז איצט אזוי ניט בעמערקט די טיעפעניש פון די יסורים אין די מענשליכע פנים'ער... און אויך מינע איז אנדערש געווארען. זי פלעגט עפים פון טאג צו טאג אזוי בלייך ווערען, איהרע אויגען האבען דערצעהלט פון נאכט אהן שלאף, פון אומרוהיגע טעג פול מיט ליידען...

— איך פאהר באלד אב פון דאנען, — האט איהם געזאגט מינע, איינמאל, ווען זיי זענען געזעסען ביידע צוזאמען.

גבריאל האט געפיהלט, אז עפים-וואס רייסט זיך אב ביי איהם אין הארצען מיט וועהטאגען.

— וואוהין?... — האט ער מיט שרעק אין זיין קול גע־פרעגט.

— מיינער א בעקאנטער, — האט מינע געזאגט מיט א שרעקענדיגען קול און קוקענדיג אויף גבריאל'ן מיט ווילד בליש־טשענדיגע אויגען, — בעט מיך, אז איך זאל קומען זעהן זיך מיט איהם.

עפים־וואס האט גענומען ווערגען גבריאל'ם האלז. ער האט געפיהלט, אז ער פערלירט זיך אינגאנצען, און פון זיין מויל האט זיך עפים ווי אליין ארויסגעריסען:

— א נאהנטער בעקאנטער?... א פריינד?...

גבריאל האט זיך אליין משונה דערשראקען פאר זיינע ווער־טער, זיי זענען ארויסגעזאגט געווארען מיט א מאדנער גראבער שטים, ניט מיט זיינער... קיינמאל האט זיין שטים אזוי ניט גע־קלונגען... און ער האט אזוי ניט געוואלט, אז אין זיינע ווערטער זאל זיך הערען אזוינס, וואס עס האט זיך אין זיי געהערט. מינע האט זיך א טרייסעל געטהון ווי פון קעלט. זי איז בלייך געווארען.

— יא... פון יענע... מיינער א פריינד... האט זי פעסט גע־זאגט מיט א הייסער שנאה אין איהרע אויגען צו איהם.

גבריאל האט דערפיהלט, אז עס איז איצט פארגעקומען צווישען זיי אזוינס, וואס האט אומזיסט נאך מעהר דערווייטערט

זײ אײנעם פֿון דעם צװײטען. און אַזױ װעה געטהון האָט דאָס איהם. פֿערריבּטען דאָס פֿאַרגעקומענע, פֿערטרײַבען אָט דאָס, װאָס עס האָט זיך אָקאָרשט אַזױ אומגעלומפּערט אַרײַנגעגנב׳עט צװישען זײ אָהן זײַן שולד און אָהן איהר שולד, האָט ער ניט געװאוסט מיט װאָס, און אַזױ װעה געטהון האָט איהם איבּער דעם זײַן האַרץ.

— מינע—האָט גבריאל װײך, װײך און װי אַ בּעשולדיגטער גערופֿען זי, מינע... װאָס זענט איהר די לעצטע צײַט אַזױ אַראָפּ פֿון פּנים?...

ניט דאָס האָט זיך איהם געװאָלט איצט זאָגען איהר. נאָר װעגען אַנדערש, װעגען אַנדערש האָט ער געװאָלט איצט רײדען מיט איהר, נאָר עס האָט זיך ניט גערעדט... שװײַגען האָט ער אױך ניט געקאָנט. מינע איז נאָך מעהר בּלײך געװאָרען, גלײַך װי ער האָט עפּיס-װאָס װידער אָנגעריהרט אַ צװועהטאָגדיגען אָרט אין איהר האַרצען. זי האָט געשװיגען.

— מינע—האָט גבריאל װידער װײך, װײך גערופֿען זי—איך פֿערשטעה אײַך ניט... מינע...

מינעס אױגען זענען פֿול געװאָרען מיט אַ קלאָרער, פֿולער טרעהר,

— גבריאל... — האָט זי בּיטער געזאָגט, מיט אַ קול פֿון פֿערדריקטע, אין זיך אײַנגעהאַלטענע טרעהרען—װאָס װילט איהר פֿון מיר?... גבריאל... לאָזט מיך איצט אַלײן... לאָזט מיך...

אַ פֿערבּיטערטער, מיט אַ צװועהטאָגטער נשמה און װי פֿערשכּור׳ט פֿון אַ גאַנצער חװאַליע פֿון פֿערשידענע, האַרצרײַסענדיגע מחשבות, איז גבריאל אַװעק פֿון מינען. װאָס קומט פֿאָר צװישען זײ? װאָס איז דאָס אַזױנס? װער איז אין דעם שולדיג? ער?... זי?... אַנ׳אַכזריות׳דיגער טײַװועל שפּיעלט זיך בּײז און רײַצט זײערע נשמות?... ער װײס ניט, ער װײס ניט... סײַדען פֿרעגען װעגען דעם בּײַ די שטומע, טיעפֿע שװאַרצע שאָטענס פֿון די נעכּט, בּײַ די טיעפֿע, טיעפֿע יסורים פֿון די מענשליכע פּנים׳ער און אױגען, אָדער בּײַ דער שװערער שטומהײַט, װאָס רוהט צװישען זײ בּײדען, װען זײ זיצען צוזאַמען, אָדער בּײַ דער פֿינסטערער װאַנט, װעלכע שטעהט צװישען זײ און שײדט זײ פֿונאַנדער?... ער װײס ניט. פֿון טאָג צו טאָג האָט אַלץ מעהר און מעהר ניט געלאָזען רוהען איהם אָט דאָס, װאָס קומט פֿאָר צװישען זײ, און זײַן נשמה פֿלעגט זיך אַלץ מעהר פֿערטיעפֿען אין דעם דאָזיגען טײַװועלשען

סוד... אזוי פערשכור'ט האט דאס זיין מוח, הארץ און נשמה, ניט געלאזען רוהען איהם ביי טאג און שלאפען ביי נאכט...

איינמאל ביי נאכט, ווען גבריאל איז געווען אזוי פערנומען מיט זיך, מיט מינען און מיט דעם, וואס צווישען זיי קומט פאר, איז געקומען צו איהם פון שטאדט שטיין, שטיין איז דאס מאל געווען ניט געוועהנליך בלייך. זיינע אויגען, וועלכע האבען עפים אזוי משונה אפען געקוקט. האבען דערצעהלט פון עפים־וואס פעסט בעשטימטעם ביי זיך אין הארצען, און אזוי פערטיעפט איז ער געווען אין עפים א מחשבה, וועלכע האט בעצוואונגען זיין גאנצע נשמה, ער האט ניט אויסגעטהון פון זיך זיין אויבערשטען בגד, ווי ער איז געקומען צו גבריאל'ן אויף א ווייל, פרעגען וואס און אוועקגעהן.

— גבריאל — האט שטיין ערנסט און ביטער געפרעגט, צוזעצענדיג זיך ביי'ם קליינעם טיש, וועלכער איז געשטאנען הארט צום וואנט — וואו טהוט מען זיך אהין?... עס ווערגט מיין נשמה... עס ווערגט...

— שטיינס בלייכער פנים, זיין ערנסטער קול האט אזוי געריהרט גבריאל'ן.

— בערוהיגט אייך... בערוהיגט אייך... — האט גבריאל וויידך און ווארים געבעטען שטיינען.

— איך פיהל, אז איך ווער פערגליווערט אינגאנצען, האט שטיין ביטער געזאגט — איך קאן מיך ניט בעוועגען... איך קאן ניט טראכטען... איך קאן ניט לעבען... אלץ, אלץ וואלט איך אריבערגעטראגען — הונגער, קעלט, יסורים, קרענק... איך בין אויף אלץ גרייט, מיר וואלט גארנישט שווער געווען... גבריאל, — צי פארהאן א גאט, צי ניט? פארהאן א גאט?... מיין גאנצער מהות פאדערט וויסען דאס אויף געווים... איך זעה פאר מיר א גרויסע, מאוים'דיגע, פוסטע, טויטע און פינסטערע אייביגקייט, וועלכע ווערגט אזוי מיין נשמה, ווערגט... פוסטער, פוסט און טויט... צי פארהאן א גאט? א גאט... א גאט א פראסטער, א לעבעדיגער, א גאט, וועלכער האט דאס אלץ בעשאפען... א גאט, וועלכער ווייס, צוליעב וואס האט ער דאס אלץ בעשאפען... א גאט, וועלכער ווייס, צוליעב וואס בין איך בעשאפען אויף דער וועלט, צוליעב וואס איך בעוועג מיך, צוליעב וואס טראכט איך, צוליעב וואס לעב איך... א גאט א לעבעדיגער... א גאט... גאט;... יא צי ניט?...

גבריאל'ן האבען געריסען אין הארצען שטיינס ווערטער. זאגען

איהם וואס, בערוהיגען איהם, האט ער ניט געהאט מיט וואס, ער האט מעהר ניט געקאנט, ווי עפענען פאר איהם אויך זיין צוועהטאגריגעם הארץ און אויך דערצעהלען איהם ביטער און ערנסט, אז ער ווייס אויך פון גארנישט... גארנישט ווייס ער... ניט וועגען דעם, צי איז פארהאן א גאט אויף דער וועלט, און ניט וועגען דעם, וואס איז דאס אזוינס דאס לעבען, ער ווייס ניט, און קיינער, קיינער וועט פון דעם קיינמאל ניט וויסען... עפיס א ווילדע, א נייע מחשבה האט עפיס ווי געמורמעלט זיך אין גבריאל'ס מוח, א מטושטש'ע און אהן א פארם: „אויב דו ווילסט אנטאפען מיט דיין נשמה, וואס איז אזוינס דאס לעבען, מענשען, אויב דו ווילסט, אז דיין נשמה זאל דאס פיהלען—קען פרויען, פיהל זיי, לעב מיט זיי, דאן וועסטו אנטאפען דעם סוד פון לעבען. וועסטו פיהלען זיין צופלאנטערטקייט, די טיעפעניש פון איהם. זיין ערנסטקייט און דאס פאלשעס, וואס אין איהם איז פארהאן... דאס ערדישע און דאס הימלישע... פרויען... פרויען!"... און ער האט געפיהלט, אז אזוי ווילד וועט דאס קלינגען פאר שטיינען...

אז שטיין איז אוועק, האט פלוצלונג גבריאל'ן עפיס אזא משונה בענקשאפט אנגענומען נאך שטיינען, עפיס גלייך ווי אט איצט, ווען שטיין איז שוין אוועק, האט ער קלאר דערפיהלט, אז שטיין איז היינט געוועזען ניט ווי אלע מאל, ער האט עפיס דערפיהלט, אז ער האט אזוי נויטיג געדארפט בערוהיגען איהם, רייי דען מיט איהם, זאגען איהם וואס און איינשטילען, איינשטילען זיין משונה אומרוהיגע נשמה, נאר וואס האט ער איהם געקאנט זאגען אזוינס, וואס זאל מאכען אויפהערען צו ווערגען זיין נשמה, אז זי זאל ווערען שטיל און רוהיג... וואס? וואס האט ער איהם געקאנט זאגען? און וואס האט ער וואס צו זאגען, מיט וואס קאן ער בערוהיגען זיך? מינען? וואס ווייס ער? ער ווייס אויך גארנישט... און ער האט דאך געהאט ביי זיך אנ'אייגענע בעשאפענע וועלט, און ער האט דאך געוואלט ווערען א נביא ביי מענשען, לערנען זיי ווי צו לעבען, דיינקען, חלום'ן... מיט וואס, מיט וואס האט ער געקאנט בערוהיגען אט דעם משונה'דיג געזונדען און אומרוהיגען מענשען?... גבריאל'ן האט געריסען דאס הארץ. ער האט ניט געקאנט פערבלייבען אין זיין צימער, ער איז ארויס אויפ'ן גאס און איז זיך אוועק, אליין ניט וויסענדיג וואוהין און צוליעב וואס, ער איז דורכגעגאנגען דאס פארשטעדטעל און איז ארוים אויפ'ן פעלד די טיעפע, שטומע זומער-נאכט איז גוסס גע-

ווען, ווײַט, ווײַט אויף אַנ'עק הימעל נאָהענט צו דער ערד האָט זיך געוויזען אַ ווײַסער פּאַס מיט עטוואָס רויטליכע ברעגען בײַ'ם סוף. עס האָט אָנגעהויבען צו טאָגען. שטום, פֿערשלאָפֿען שטום איז אַלץ געווען אַרום, דאָס פֿעלד מיט זײַנע גראָזען, דער וואַלד ניט ווײַט אַנטקעגען איהם און דאָס פֿאַרשטעדטעל הינטער איהם. און גלײַך ווי אַלץ, אַלץ איז מיט אַ כּיוון שטיל געוואָרען, האַלט אײַן אין זיך דעם אָטהעם, וואַרטענדיג און ריכטענדיג זיך אויף עפּיס, וואָס עס דאַרף באַלד פֿאָרקומען. ערגיץ וואו אויף אַ בוים, ניט ווײַט, האָט אַ פֿויגעל שלאָפֿענדיג אַ קלאַפּ געגעבען מיט אַ פֿליגעל, אפשר האָט זיך איהם וואָס בײזעס געחלומ'ט, אָדער ער פּרובירט, אָנטאַפּענדיג מיט דעם פֿליגעל דעם אויר, צי עס איז נאָך נאַכט אָדער עס איז שוין טאָג געוואָרען. גבריאל איז געגאַנגען און אין זײַן האַרצען האָט אַזוי וועה געטהון; מיט וואָס, מיט וואָס האָט ער געקאָנט בערוהיגען שטיינען? מיט וואָס, מיט וואָס קאָן ער בערוהיגען זיך, מיינען? און עס האָט זיך געגראָבען אין זײַן נשמה אַ ביטערע מחשבה. אַז ער האָט געהאַט אַ טעות אין לעבען... ער האָט וואָס פֿערזעהן... און אַזוי פֿעסט און בעשטימט האָט די דאָזיגע מחשבה געהאַלטען זײַן נשמה. שטיין... מינע... און דאָס, וואָס זײַן נשמה לעבט איצט איבער, האָט אָנגעהויבען ווי צו בעלײַכטען אַ גאַנצען פּאַס פֿון דעם גרויסען פֿינסטערען תהום וועלכען מען רופֿט מיט דעם נאָמען לעבען... בײַ איהם אין האַרצען האָט אַזוי בעשטימט געוואַקסען די מחשבה, אַז ביז איצט האָט ער ניט פֿערשטאַנען ניט מינען, ניט זיך, ניט דאָס, וואָס עס האָט זיך געשאַפֿען צווישען זיי, און ניט דאָס גאַנצע לעבען. וועלכען ער איז געגאַנגען פֿאַרבײַ... זײַענדיג פֿערנומען מיט דער מחשבה, אַז דאָס לעבען איז ניט אַזאַ, ווי עס בעדאַרף צו זײַן, און אַז מענשען זענען ניט אַזוינע, ווי זיי דאַרפֿען זײַן, איז ער פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם גרויסען, מאוים'דיגען לעבען, די מענשען, מיט זייערע יסורים, זייערע וועהטאָגען און זייערע נשמות... איהם האָט דאָס לעבען בעוויזען צרות און יסורים, און ער איז פֿון זיי אַנטלאָפֿען. די וועהטאָגען און די לײַדען פֿון לעבען האָבען איהם פֿון זיך געטריבען און ער איז אַוועק אָן אַ זײַט פֿון זיי, ניט בעמערקענדיג וואָס איז דאָס אַזוינס, ווי זיי קומען פֿאָר און ווי זיי שאַפֿען זיך... פֿון גלײַכע, קלאָרע מחשבות, וועלכע זענען אָבער געווען אויסגעטראַכט. פּוסט און אָהן לעבען, האָט ער אין זײַן האַרצען אַ נײַע וועלט בעשאַפֿען און האָט געוואָלט, אַז די מענשען זאָלען

אין איהר גלויבען, ניט בעמערקענדיג, ניט פיהלענדיג די טיעפעניש פון דעם ניט קלארען, ניט גלייכען, ניט ממשות'דיגען נאר פול מיט לעבען, וואס קומט פאר צווישען הימעל און ערד ביי מענשען אין הארצען... ער איז אלץ געגאנגען פארביי דעם לעבען, פארביי מענשען, ניט פיהלענדיג זייער ציטערניש, זייער בענקשאפט, זייער לאכען און וויינען, זייערע וועהטאגען און יסורים... ער האט ניט פערשטאנען, דעם געוועהנליכען אמת, אז יעדעס הארץ איז א בעזונדער וועלט, יעדע נשמה—א בעזונדער גאט און יעדערנס אויגען האבען בעזונדערע הימלען און ערד... ער האט פערזעהן... פערזעהן... פערזעהן...

גבריאל'ס הארץ האט אזוי וועה געטהאן. ער האט קיין כח ניט געהאט צו געהן ווייטער. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א בערגעל און האט געקוקט ארום זיך אין גאט'ס וועלט אריין. עס איז שוין געוועזן טאג. די זון א ליכטיגע א קלארע, א פרישע און א נייע האט זיך שוין אויפגעהויבען איבער דער ערד און האט בעגאסען מיט איהרע ליכטיגע, גאלדענע, פרישע, ווי ריין אויסגעוואשענע שטראהלען אלעס, וואס צווישען הימעל און ערד. גלייך ווי די זון האט זיך אט ערשט טובל געווען אין א קלארען וואסערקוואל און איז ארויס דורכגעדרונגען מיט דעם קלארען וואסער צו גיסען איהר ליכט אויף גאט'ס וועלט. דאס ברייטע, פרייע פעלד איז געוועזן בעשאטען מיט טוי-פערלען. און אזוי געבלישטשעט האבען זיי אנטקעגען דעם שיין פון דער זון, די ווי נאך פערשלאפענע בוימער פון דעם וואלד, ניט ווייט פון גבריאל'ן, די ערד, די שטילע רוהיגע הימלען, די גראזען מיט זייערע טוי-פערלען, — אלץ האט עפּיס אזוי ליעב און ווייך געפּעשטשעט זיך, געגעניצט פריש ווי א קליין קינד אין דעם שויס פון זיין געליעבטער מוטער, מיט צוטרוי צו דער זון האט זיך אלץ, צווישען הימעל און ערד, געבאדען אין איהר ליכטיגען, פרישען, קלארען שיין, און עס איז געוועזן, ווי א פערבארגענע האנד, וועלכע דיינע אויגען זעהען ניט און וועלען זי קיינמאל ניט זעהן; א ליעבע פרויען-האנד, א שענע, א קלארע, א צארטע, צושפרייט יום-טוב'דיג איבער דער ערד פרישע, נשמה'דיג ליעבע און צארטע בלומען-און גראזען-ריחות... און אלץ איז פול מיט ליכטיגקייט, אלץ איז פריש, ריין, הייליג, אט גלייך ווי דער גאט פון ליכט איז אליין אראב פון זיינע הימלען צו געבען זיין ערשטען פריהמארגען-קוש זיין בעשעפעניש... ערגיץ-וואו וועקט א פויגעלע זיינע קינדערלעך פון שלאף... אפשר

וועקט עס זיי ברכות צו זאָגען פֿאַר גאָט... גבריאל איז געזעסען און האָט געקוקט אויף גאָט'ס וועלט. און אין זיין האַרצען האָט זיך אַזוי געגראָבען אַ גרויסע מחשבה: ער האָט ביז איצט פֿערזעהן דאָס לעבען... פֿערזעהן... ער האָט פֿערזעהן מענשען, זייער לעבען, זייערע נשמות, ער האָט פֿערזעהן דאָס ליכט פֿון דער זון... די וועהטאָגען פֿון מענשליכע הערצער... ער האָט פֿערזעהן... פֿערזעהן...

אַ גאַנצע טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אַ פֿערשכור'טער איבער די פֿעלדער, אַרום דעם פֿאָרשטעדטעל. ער איז געווען אין שטאָדט און ווידער אַוועק אין די פֿעלדער. ער האָט ניט געקאָנט איינרוהען אויף אַנ'אָרט. אַז ער איז קומען פֿאַרנאַכט אַ פֿערמאַטערטער, מיט אַ צובראָכענעם קערפּער און נשמה צו זיך אין צימער, האָט ער געפֿונען אַ צעטעל, אין וועלכען מען האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז שטיין האָט זיך דאָס לעבען גענומען. ער האָט זיך געשאָסען. אַ צומישטער פֿון דעם אַלץ, וואָס עס טהוט זיך אָב מיט איהם די לעצטע צייט, און אַ דערשלאָגענער פֿון דער אומגעריכטער ידיעה וועגען שטיינען, איז ער אַוועק אין שטאָדט, וואו שטיין האָט געוואוינט. שטיינען האָט ער נאָך געפֿונען ליגענדיג אויפֿ'ן בעטעל ביי זיך אין צימער, אַ פּאָר יונגע מענשען, שטיינ'ס בעקאַנטע, זענען געזעסען שטיל און טרויעריג נעבען דעם בעטעל, אויף וועלכען שטיין איז געלעגען, שטיין איז זיך געלעגען גלייך, רוהיג אין זיינע קליידער, וועלכע זענען געווען אין דער לינקער זייט נעבען ברוסט עטוואָס פֿערגאָסען מיט בלוט. אויף זיין פּנים איז קיין שום טויט ניט קענטיג געווען. עס איז געווען אַ פּנים פֿון אַ לעבעדיגען מענשען, וועלכער איז עפּיס פּלוצלונג פֿערגליווערט געוואָרען, אָבשטעלענדיג מיט אַמאָל די גאַנצע בעוועגונג, דאָס גאַנצע לעבען, מיט וועלכען ער איז דורכגעדרונגען. עס זענען אַזוי בולט געווען אין פּנים פֿערגליווערטע מחשבות, מיט געוואַלד אָבגעהאַקטע אין מיטען, ניט דערטראַכטע אָהן אַ סוף... נעבען די ווינקלען פֿון זיין שטערן איז עפּיס געווען אַזוינס, וואָס האָט שטומערהייד ווי דערצעהלט, אַז אַ גראָבע זאַך איז אָבגעטהון געוואָרען מיט די דאָזיגע בולט'דיגע אויפֿ'ן פּנים, ניט דערטראַכטע מחשבות... גבריאל האָט געקוקט אויף שטיינ'ס פּנים, און גלייך ווי שטיינס פּנים האָט געפֿרעגט פֿערגליווערט רוהיג ווי ער אַליין: פֿאַרהאַן אַ גאָט, צי ניט?... גבריאל האָט אַ קוק געגעבען אויף שטיינס הענד, וועלכע זענען געלעגען טויט נעבען ביידע זייטען

פֿון זײַן געזונדען פֿערגליווערטען קערפּער, און עפּיס אַ משונה'דיגעם געפֿיהל האָט ער דערפֿיהלט אין זײַן האַרצען. אויף די הענד האָט גערוהט עפּיס אַזאַ טעמפּעם, מיאוסעם און גראָבעם — דער טויט אַליין ... גבריאל האָט דערפֿיהלט, ווי ניט עהרליך, ניט שען און גראָב האָט שטיין זיך בעגאַנגען מיט זיך אַליין ... ער האָט ווידער אַ קוק געגעבען אויף שטיינס פּנים, און ווי מיט צאָרן האָבען אויך די ווינקלען פֿון שטיינס שטערן דערצעהלט, ווי גראָב, גראָב, ניט עהרליך און מיאוס האָט מען זיך בעגאַנגען מיט דעם דאָזיגען געזונדען, שטאַרקען קערפּער און פּנים ... עס איז אָבגעטהון געוואָרען איבער זיי אַזאַ גראָבע, מיאוסע זאַך ... מען האָט פֿערגליווערט ווי אין אַ קאַלטען, טרוקענעם, פֿערגליווערטען מראמאָר אַ גאַנצעם מענשליכעם לעבען ... אַ לעבען...

גבריאל'ן האָט וואָס געטריבען פֿון שטיינס צימער. ער האָט דאָרטען ניט געקאָנט אײַנזײַן, ער איז אַוועק צו זיך אין פֿאָרשטעדטעל. ער איז אַרויס פֿון שטאָדט און איז אַוועק אין דאָס פּוסטע פֿעלד, וועלכעס פֿיהרט אין פֿאָרשטעדטעל. אַ טיעפֿע זומער־נאַכט האָט גערוהט אויפֿ'ן פֿעלד. קלאָר און בלאַס האָבען געגאָסען די לבנה און די שטערן זייער שײַן אויף די שטומע סודות'דיגע גראָזען פֿון דעם שטילען שטומען פֿעלד, און ער האָט זיך געפֿלאָכטען מיט די צווייַגען פֿון די אייַנזאַמע דאָ און דאָרט צוואָרפֿענע שטומע בוימער, וועלכע זענען געווען פֿערהילט מיט טיעפֿע, שטום־סודות'דיגע מחשבות. און אַזוי ווייך, ליעב. פֿול מיט צאַרטעס איז געווען אויסגעגאָסען אין דער שטומער טיעפֿער, טיעפֿער נאַכט, אָט גלײַך ווי די בענקשאַפֿט פֿון אַלע מענשליכע הערצער צוזאַמען האָבען זיך אַרויסגעגאָסען אין דער דאָזיגער טיעפֿער נאַכט און האָט געשוועבט צווישען הימעל און ערד... גבריאל'ס האַרץ האָט געגלעט ביז צו טרעהרען אָט דאָס דאָזיגע ליעבע, ווייכע און צאַרטעס פֿון דער נאַכט. און אין זײַן נשמה האָט געריסען, ביז שרײַען אַזש פֿאַר וועהטאָג. אַ קוואַל פֿון מחשבות. איהם האָט ניט געלאָזען רוהען זײַן נײַע, ביטערע מחשבה, אַז ער האָט וואָס פֿערזעהן אין לעבען. איהם האָט געריסען זײַן נשמה פֿאַר דאָס גראָבע, ניט עהרליכע, וואָס שטיין האָט מיט זיך געטהון. ער האָט ביטער געקלערט וועגען דעם, וואָס ער האָט מיט גאָרנישט ניט געקאָנט בערוהיגען שטיינס נשמה, אָבצוהאַלטען איהם פֿון אַזאַ גראָבען בעגעהן זיך מיט זיך אַליין ... און געריסען, געריסען האָט זיי

נשמה פֿון דעם, וואָס ער האָט בּיז איצט ניט פֿערשטאַנען, ניט געפֿיהלט דאָס לעבען ...

פֿאַרבּײַגעהענדיג פֿאַרבּײַ דער שטוב, וואו מינע האָט געוואוינט, האָט ער דערזעהן אויפֿ'ן גאַניק זיצענדיג עמיצען שטום ווי די נאַכט אַליין, איהם האָט אַ ציה געטהון צום גאַניק.

— מינע... האָט גבריאל גערופֿען.

— גבריאל?... האָט מינע געפֿרעגט, ווי דערפֿרעהענדיג זיך, דערהערענדיג גבריאל'ס קול.

גבריאל איז אַרויף אויפֿ'ן גאַניק, האָט זיך געזעצט נעבען מינען. איהם האָט אַזוי געריסען דאָס האַרץ צו ריידען, ריידען איצט מיט מינען און וועגען אַלץ.

— מינע... — האָט גבריאל ערנסט און ביטער גערופֿען זי.

— וואָס ווילט איהר, גבריאל?... — האָט מינע געזאָגט, ווי עפּיס איינהאַלטענדיג זיך ניט צו פֿערלירען זיך איצט—וואָס מאַטערט איהר מיך אַזוי פֿיעל?... איך בּין שוין מיעד... איך פֿאָהר מאָרגען אָב...

אין גבריאל'ס איינגענמאַטערטער, צוועהטאָגדיגער נשמה האָט וואָס געגומען זיך אָבּרייסען מיט ניט געוועהנליכע וועהטאָגען...

— מינע... — האָט גבריאל אָנגעהויבּען מיט אַ בּיטערען קול פֿון אַ ווידוי — איך מאַטער אייך?... איך שאַף וועהטאָגען אין אייער האַרצען?... מינע... זאָלען מיר חאָטש איין מאָל איינער דעם צווייטען פֿערשטעהן... מינע... זאָגט, איך מאַטער אייך?... זאָגט... רעדט איהר... איך וועל שווייגען און וועל אַלץ הערען, וואָס איהר וועט זאָגען. איך וועל שווייגען... איך האָב אויפֿגעהערט צו פֿערשטעהן. צו וויסען דאָס, וואָס איך האָב געמיינט בּיז איצט, אַז אַזוי קלאָר פֿערשטעה איך דאָס... איך פֿערשטעה גאָרניט... איך ווייס ניט... מינע... איידער איהר זענט געקומען אהער, איידער איהר האָט אָנגעהויבּען צו שרייבּען מיר יענע אייערע בּריעף, האָב איך געפֿיהלט איבּער מיין קאָפּ די פֿליגלען פֿון דעם טעמפּען, שוואַרצען, גראָבּען טויט... איך האָב זיך שוין געטראָגען אין זיינע אָרעמס, און איך האָב געוואָלט אין איהם רוה געפֿינען... איצט ווערט אַ וועלט חרוב בּיי מיר אין האַרצען... אַ גאָט... אַנ'אייגענער בּעשאַפֿענער, פֿאַר וועלכען איך האָב זיך געבּוקט און געקניהט בּיז איצט, איז גוסס אין מיין נשמה... איך האָב זיך געחאַפּט, אַז איך האָב בּיז איצט נעהאַט אַ גרויסען, אַ גרויסען טעות... אין אַלץ, אין אַלץ... איצט ווייס איך גאָרניט...

אפשר ווייסט איהר ?... בעלייבט איהר מיין צוועהטאָגדיגע נשמה... מינע...

מינע האָט געשוויגען.

— מינע... האָט ער ביטער גערופען.

— וואָס ווילט איהר ?... איך ווייס ניט, וואָס איהר ווילט פון מיר... איך בין אַזוי מיעד... איך בין מיעד...

— מינע... זאָגט איהר... איך ווייס גאָרנישט... זאָגט איהר, וואָס קומט דאָס פאָר צווישען אונז... וואָס איז דאָס אַזוינס ?...

גבריאל איז געזעסען נעבען מינען מיט זיין גרויסער פיגור, זיינע אויגען האָבען אַזוי נאאיוו געקוקט אויף איהר און ער האָט זיך ביי איהר געבעטען ווי אַ קליין קינד!

— איך ווייס גאָרנישט... איך ווייס ניט... דאָס לעבען בין איצט האָט אַכזריות'דיג געלאַכט פון מיר... אין מיין האַרצען האָט ער נור יסורים און וועהטאָגען געזייהט און ער האָט געוועקט ביי מיר אַ שנאָה צו איהם, אַ האַס... איך בין פון איהם אַנטלאָפען, ניט איינקוקענדיג זיך גוט אין איהם, און איך האָב איהם ניט פערשטאַנען... איך האָב פערזוען דאָס לעבען און די מענשען... איצט ווייס איך גאָרנישט... מינע... אפשר ווייסט איהר... וואָס איז אַזונס דאָס לעבען ?... מענשען ?... זייערע וועהטאָגען און יסורים ?... מינע, וואָס אַזוינס קומט פאָר צווישען אונז ?... ווער בין איך... איהר... אַלע... איך ווייס ניט... איך ווייס ניט... מינע...

— גענוג, גבריאל, גענוג... — האָט מינע מיט אַ שרעקענדיגען קול געזאָגט—איך בין שוין מיעד... איך בין מיעד... איך פאָהר מאָרגען אָב...

ביי מינען האָבען זיך געוויזען טרעהרען אין די אויגען, איהרע נערוועזע ליפען האָבען אָנגעהויבען צו ציטערן, און אַ ביטערע חליפעניש האָט זיך דורך זיי געריסען. זי איז גיך אויפגעשטאַנען און איז אַוועק אין שטוב.

אַ מוראָ'דיגע, אַ גרויסע איינזאַמקייט און אַ טיפע ווי די נאַכט האָט אָנגענומען גבריאל'ס נשמה. ער איז אַוועק פון גאַניק און האָט זיך אוועקגעלאָזען אין דער טיפער, שטומער נאַכט. וואוהין? נאָך וואָס? האָט ער ניט געוואוסט און האָט ניט געפרעגט ביי זיך, ער איז דורך דאָס פאָרשטעדטעל און איז ווידער אַוועק אין דאָס אָפענע פעלד. דער שיין פון דער לבנה און שטערן און דאָס ליבע, ווייכע און צאַרטע, וואָס האָט אַזוי ווייך געשוועבט אין דער שטומער, טיפער ווייס-בלאַסער נאַכט, האָט געשאַפען

אזא בענקשאפט אין זיין הארצען נאך א טרייסטונג פאר זיין צוועהטאנטער איינזאמער נשמה... אזוי געבענקט האט זיך איהם איצט נאך מענשען, נאך זייערע ביטערע, הייסע נשמות... ער האט געפיהלט, אז זיינע כחות לאזען זיך אויס, זיינע פיס קוים וואס זיי געהען, נאר ער איז געגאנגען ווייטער, געגאנגען, ניט וויסענדיג וואוהין און נאך וואס, ביז וואנען ער איז געפאלען מיט זיין גרויסער פיגור אויף דאס גרינע גראז. א קוואל פון טרעהרען האט זיך געעפענט אין זיינע אויגען. ער האט אויסגעשפרייט זיינע הענד איבער דער ערד, אט גלייך ווי ארומנעהמען האט ער זי געוואלט אין זיינע אָרעמס... ער האט געדריקט צו איהר זיין הייסעם, ביטערעם הארץ, ער האט זי געקושט מיט זיינע ליפען, טרעהרען האבען זיך געגאסען פון זיינע אויגען אויף דער ערד און ער האט געוויינט אויפ'ן קול... אלץ ארום — די הימלען. די ערד, דער בלאסער און קאלטער שיין פון די שטערן און דער לבנה, אלץ איז שטיל און שטום געווען, און שטיל און שטום האט אלץ פערנומען דאס מענשליכע געוויין... און גבריאל האט געקושט די ערד און האט ביטער, ביטער געוויינט... ער האט געוויינט דערפאר, וואס ער האט פערזעהן ביז איצט דאס גרויסע לעבען... ער האט געוויינט דערפאר, וואס שטיין האט מיט זיך אזוי גראב זיך בעגאנגען; ער האט געוויינט דערפאר, וואס אזוי פיעל יסורים און וועהטאגען האט דאס לעבען געזייהט אין זיין הארצען, און ער האט זיי ניט פערשטאנען... און ער האט געקושט די ערד דערפאר ווייל ער האט אנגעהויבען צו פיהלען אז אזוי טיעף און פול מיט סוד איז דאס לעבען אויף איהר, אז מיט אזא ליעבען, ליכטיגען, קלארען זונענשיין איז זי בעגאסען ביי טאג און מיט אזוינע טיעפע, טיעפע סודות איז זי פערהילט ביי נאכט... ער האט הייס געקושט די ערד און האט ביטער געוויינט... ער האט געקושט די ערד דערפאר, ווייל טייער איז געווארען זיין הארצען צו פיהלען א סוד פון דער מענשליכער נשמה, ווען אפילו קיין פתרון, קיין בעשיידונג האסטו ניט אויף איהם... ווייל טייער, טייער איז איהם געווארען צו פיהלען מענשליכע הערצער, ווען אפילו בשעת מעשה קארטשעט זיך פון וועהטאגען און יסורים דיין אייגענע נשמה... און ער האט געוויינט דערפאר, וואס איינזאם, איינזאם האט ער געלעבט ביז איצט, און איינזאם, איינזאם שטעהט איהם פאר צו לעבען אויך ווייטער... ער האט געוויינט דערפאר, וואס אזוי פיעל וועהטאגען האט ער געזייהט אין מינעס הארץ און מינע אין זיין הארצען,

ווען עס ציהט אַזוי יעדערענס נשמה צום צווייטען ... ער האָט געקושט די ערד דערפֿאַר, וואָס ער האָט געפֿיהלט, אַז אַ נייער הימעל עפֿענט זיך פֿאַר איהם, און ער דערזעהט פֿאַר זיך אַ נייע וועלט, פֿון וועלכער ער האָט ביז איצט ניט געוואוסט ... ער האָט געקושט די ערד דערפֿאַר, וואָס אויף איהר איז פֿאַרהאַן אַ לעבען פֿול אַפילו מיט יסורים, אָבער דורכגעדרונגען מיט אַזוי פֿיעל סוד, מיט טיעפֿעניש, ניט בעשיידעניש ... אַ וועלט, וואָס דיין נשמה צאַפּעלט זיך אין דיר צו וויסען. וואָס איז דאָס אַזוינס, און דאָך פֿיהלסטו, אַז גרויסע, גרויסע סודות ווי די אייביגקייט אַליין קומען אין איהר פֿאָר און שאַפֿען זיך אין איהר ... אַ לעבען, וואו יעדער מענש איז אַ קוואַל פֿון סוד, און יעדעס האַרץ איז פֿול מיט אייביגקייט, אַ לעבען אַ גרויסעס — ווי אַ גאָט און אַ טיעפֿעס — ווי אַ גאָט .. און געוויינט האָט ער דערפֿאַר, וואָס נאָך אַ סך, אַ סך וועהטאָגען אין יסורים, האָט איהם זיין צוקונפֿט אַזוי פֿעסט צוגעזאָגט איצט טיעף טיעף אין זיין האַרצען ... און געוויינט האָט ער ביטער דערפֿאַר, וואָס אַזוי אַכזריות'דיג, טייוועלש אַכזריות'דיג איז צו איהם דער גאָט פֿון לעבען ...

שטיל איז געווען אַרום. און שטיל און שטום האָבען פֿערנומען די ערד, די הימלען און אַלץ, וואָס צווישען זיי געפֿינט זיך, דאָס הייסע קושען די ערד און די ביטערע חליפֿערייַ פֿון דער מענשליכער נשמה ... ערגיץ-וואו, ניט וויַיט פֿון גבריאלין, אויף אַ בוים האָט אַ פֿערשלאָפֿענער פֿייגעל אַ מאַך געטהון מיט אַ פֿליגעל, אפשר האָט זיך איהם אַ בייזער חלום געחלומ'ט. און אפשר האָט ער געוואָלט אָנטאַפּען מיט די פֿליגלען, צי עס איז נאָך נאַכט, אָדער עס איז שוין טאָג געוואָרען.

מיט דער וואַנד.

I.

פֿאָהרען דורך דעם געדיכטען, הייליגען וואַלד איז געווען אַנ׳אמת׳ער פֿערגעניגען. עס איז געווען אין אָנהויב פֿריהלינג. די ערד איז פֿול מיט פֿריהלינגס-זאַפֿט און וואַרים איז זי. דער געדיכטער וואַלד, וועלכער איז געווען אַ גאַנץ ווינטער פֿערשאָטען מיט קאַלטען שניי און פֿערלאָזען פֿון זונען-שיין, הויבט אָן פֿרעהליך און ליכטיג אָבצולעבען, און ער אָטעמט פֿריי, אין דער וועלט אַריין, מיט פֿרישע פֿריהלינג-ריחות. די זון שיינט ווייך, פֿריש און מילד, און די שאָטענס פֿון די בוימער מיט זייערע צווייגען זענען פֿערשפּרייט איבער דעם ברייטען וועג, פֿון איין זייט וואַלד ביז דעם צווייטען. אויך אויף אַ טעלעגראַפֿישען סטאָלב דראַפּען זיי זיך. איינציגע זענען אַזוי לעבעדיג. די גרעזעלעך נעבען די ברעגען פֿון וואַלד זענען גרין, פֿריש און ליעב. פֿייגעלעך פֿרעהען זיך. אויף די ברעגען פֿון וועג דאָ. דאָרטען זענען פֿערשפּרייט קלאָרע, פֿרישע שפּעגער פֿול מיט זאַפֿט און בוימער-ריחות, און עפּעס אָט ווי זיי לאַכען מיט אַ זומערדיגען געלעכטער. ס׳ווייזט אויס, אַ מענש, וועלכער איז אָט ערשט נעלם געוואָרען, און איין גאָט ווייס וואוהין, האָט מיט זיין האַק געשלאָגען אַ בוים, וועלכער איז געווען פֿול מיט פֿריהלינג, האָט איהם איינגעבראָכען, און זיינע שפּענער זענען זיך צעלאָפּען אויף דער ערד. דער קליינטשיקער, בייזיגער פֿויערשער פֿערדיל לויפֿט זיך, עטוואָס ווי פֿויל, נאָר היימליך, ביז צום לאַכען טאַנצט ער מיט זיינע קרומליכע הינטערשטע פֿיס, און זיין בויך הויבט זיך בורמלענדיג, הויבט זיך און שפּרינגט אונטער. עס בעגעגענט זיך אַ פֿוס-געהער, וועלכער געהט זיך אַ באָרוויסער מיט די שטיוועל אויף די פּלייצעס. ער געהט זיך פּעסט, היימליך, אין דער וועלט אַריין, און ניט דו ווייסט פֿון וואַנען און וואוהין ער געהט, און זיין „גוט מאָרגען" איז פֿרעהליך און הייליג. און איטליכער סקריפּ פֿון וואָגען זינגט אַזוי זומערדיג

אַזוי הילכיג צוגיסט ער זיך איבער דעם גאַנצען וואַלד און ווערט פֿערשוואונדען אין די טיעפֿעניש פֿון איהם. און דנ'יע פֿינקעלשטיין, זיצענדיג אויפ'ן וואָגען און קוקענדיג אין גאָט'ס וועלט אַריין, האָט געהאַט הנאה און איז געווען צופֿריעדען פֿון דער שענער, ליעבער גאָט'ס וועלט, וועלכע ער זעהט פֿאַר זיך, און אויך פֿון דעם, וואָס ער פֿאָהרט אַהיים אין אימעניע, אויף אַ גאַנצען זומער. זיין שענער. עדעלער פנים, מיט עטוואָס מיידעלשע שטריכען, איז ליכטיג און רויטליך געוואָרען, ווי אַ פֿרישער עפּעל, און זיינע ווייכע, סאַמעטענע אויגען האָבען ליעב געבלישטשעט, און ער אַליין ווייס אויך ניט, צי פֿון דער פֿרישער, ליעבער פֿריהלינגס־ווינד, וועלכעס גלעט אַזוי ליעבליך זיין האַרץ, אפֿשר פֿון דעם טיעפֿען, הילכיגען וואַלד, אָדער ער איז, פֿאַר דער צייט וואָס ער פֿאָהרט אין וועג, קליגער געוואָרען, — אָבער אָט דאָס, וואָס האָט שווער געמאַכט זיין האַרץ, ווען ער האָט זיך געקליבען פֿאָה־רען אַהיים, איז איצט כמעט ווי אין גאַנצען פֿערשוואונדען גע־וואָרען, אויסגעוועבט האָט זיך דאָס פֿון איהם. יאָ, עס איז אפֿילו ניט אַנגענעהם צו הערען די אַלע פֿראַזעס פֿון דעם פֿאָטער און מוטער וועגען דעם, וואָס טהוט זיך מיט איהם, צי געהט ער ווייטער צו זיין צוועק, צי וועלען גאָך אַ סך רויערען זיינע אַרום־פֿאָהרענישען, דאַן ווען עס איז ניטאָ וואָס צו ענטפֿערן אויף אַזוינע מיני שאלות, אָבער דאָך איז עס נאַריש... און אָברוהען אַ זומער אין דער היים איז איהם אַזוי נויטיג.

אַ היים איז ער געקומען צו פֿאָהרען פֿאַרנאַכט. פֿאַר דעם יאָהר צייט, וואָס ער איז ניט געווען אין דער היים, האָט ער קיין סך שנוים ניט געפֿונען. מעהר נישט זיין פֿאָטער, אַ יוד אַ יאָהר זעכציג מיט אַ קלוגען פנים, וועלכער איז בעוואַקסען מיט אַ גראָ־הען, שענעם באָרד, איז עטוואָס עלטער געוואָרען. געבענדיג איהם שלום, האָט דער פֿאָטער מיט דעם זעלבען קלוגען שמייכעל ווי פֿאַר צוויי יאָהרען, ווען דנ'יע איז געקומען פֿון אויסלאַנד, אַ פֿרעג געטהון:

— נו רב דנ'יע, וואָס מאַכסטו?

זיין מוטער האָט ער געפֿונען די זעלבע, ווי ער האָט זי גע־לאָזען, ווען ער איז אַוועקגעפֿאָהרען פֿון דער היים. דער זעלבער ליכטיגער, גוטער פנים, אין וועלכען עס איז געווען איבערגעבלי־בענע שטריכען פֿון אַמאָליגע ניט געוועהנליכע שענהייט. און אָט ווי אַלע מאָל, ווען ער פֿלעגט קומען פֿון ערגעץ צו פֿאָהרען,

האט זי איהם זעהר שטארק און הייס געקושט; און נאכדעם, ווי די ערשטע בעגעגעניש איז אריבער, האט זי געקוקט שווייגענדיג אויף איהם, ניט אראבגענומען איהרע אויגען פון זיין פנים. און איהר קוק האט דערצעהלט פון א סך הייסע ליעבע ביי איהר אין הארצען צו איהם, פון א סך דרך ארץ פאר זיין קענטשאפט, — און גלאט א סך, א סך נחת פון דעם, וואס דנ'יען איז שוין פינף און צוואנציג יאהר, וואס ער איז אזא הויכער, א שענער, אנ'עדעלער און א וואוילער, און וואס ער איז איהרער א זוהן. די בוימער, אין וועלכע זייער שטוב איז געווען ווי פערטרונקען, האבען זיך איהם ארויסגעוויזען גרעסער און שענער, ווי זיי זענען אמאל געווען. זיי האבען זיך שוין פונאנדערגעלאזען, ווי אין מיטען זומער. די שענע, לאנגע און אהן א סוף ברייטע אזערע נעבען זייער שטוב האט שוין זומערדיג געשמייכעלט און האט שוין פערבעהאלטען אויף איהרע רוהיגע, קלארע וואסער שטילע זומער סודות, גוטע און שענע. און אזא רייכע אויסמישונג פון אלערליי גראזען און בלומען־ריחות האט זיך געטראגען איבער גאט'ס וועלט און האט, דורך די אפענע פענסטער, אין שטוב אריין געשוועבט.

און ליגענדיג ביי נאכט אויף זיין קלארער, מיט דער מאמעס הענד גוט אויסגעבעטענער, בעט, האט ער ניט געקענט איינשלאפען, און צופיעל חלומות אין הארצען, צופיעל שען איז געווען די טיעפע פריהלינגס־נאכט, וועלכע עס האט זיך ארויסגעזעהן דורך דער אפענער פענסטער פון זיין צימער. צופיעל נאיוו און ריין האבען געקוקט די שטערען פון דעם טיעפען שטומען הימעל. צופיעל סודות זענען פערהילט געווען אין דער שענער, זילבערנער פון דער לבנה שיין, אזערע, אויך האבען זיי זיך בעהאלטען און צוגעטוליעט זיך אט דארטען צו דער איינזאמער קופקע בוימער, וועלכע געפינט זיך אין מיטען דער אזערע. דער געזאנג פון די זשאבעס און די זשוזשעריי פון נאך מיליאנען אלערליי נפשות׳לעך, וועלכע דיינע אויגען וועלען קיינמאל ניט זעהן, זענען געווען צופיעל פריש און סודות'דיג. צופיעל רייך איז געווען גאט'ס וועלט מיט ליעבע, אלערליי ריחות פון גראזען און בלומען, און צופיעל העל, מילד און פערחלומ'ט איז געווען זיין נשמה, אז ער זאל קענען איינשלאפען.

II.

אויף מאָרגען, ווי נאָר ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, איידער ער האָט נאָך אַרומגעזעהן זיך, וואו ער געפֿינט זיך, האָט דנ'יע דערפֿיהלט, אַז אויפֿ'ן הארצען איז איהם היינט פֿריי, און אַזוי גרינג איז זיין נשמה. אַ לאַנגע צייט האָט ער אַזוינס ניט געפֿיהלט, ער ליגט אויף אַ קלאָרער, ריינער בעט און ער געפֿינט זיך אין אַ ליעבען, היימישען צימער, און דאָרטען, אין די איבעריגע צימערען פֿון דעם דאָזיגען הויז, געפֿינט זיך זיין פֿאָטער און זיין מוטער. עס הערט זיך, ווי זיין פֿאָטער, אין עסצימער, לערענט וואָס אויפֿ'ן קול, און זיין שטימע איז פֿול מיט שמחה, מיט יום־טוב. ס'ווייזט אויס, ער פֿרעהט זיך, וואָס זיין זוהן איז געקומען, און ער וואַרט מיט אַ פֿרייד, ווען ער וועט אויפֿשטעהן און וועט זיך מיט איהם דורכשמועסען, דורכרעדען זיך, אָט איז ווער אַריין אין שטוב מיט אַ ברייטען גוט מאָרגען, מען שמועסט אַ ווײַלע און מען חשבונ'ט וואָס הײמליך אויפֿ'ן סטשאָט. עס הערען זיך אָפּט שטילע איינגעהאַלטענע טריט, וואָס געהען פֿאַרביי נעבען דער טיר פֿון זיין צימער אַהין און צוריק. ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס זיין מוטער, וועלכע קען שוין ניט דערוואַרטען זיך און וויל זעהר זעהן זיך מיט איהם. דנ'יע ליגט אויפֿ'ן בעט מיט אָפֿענע אויגען און קוקט אַרום זיין צימער. בעקוועם, ליכטיג און שען איז ער, און עס פֿיהלט זיך איהם, אַז דאָ, אין דעם דאָזיגען הויז, איז מען גרייט צו טהון מיט איהם אַלעס גוטעס. עס ציהען זיך דורך זיין הארצען, ווי אַ ווינטעל, וועלכער ריהרט — ריהרט דאָרט וואָס, מחשבות וועגען דעם ווי גוט אויף אַנ'אמת, פֿריי און גרינג וואָלט ער זיך איצט געפֿיהלט, ווען דאָס לעבען זיינער וואָלט אַנדערש געגעבען זיך איהם; ווען דאָס, וואָס מען האָט פֿון איהם געהאָפֿט און וואָס ער אַליין האָט פֿון זיך געוואַרט, וואָלט עס טאַקי אויסגעלאָזען זיך; ווען צווישען די אַלע שירים און פּראָזע, ביי וועלכע ער איז אַזוי ערנסט געזעסען טעג און נעכט און האָט געשריבען זיי, צוהערענדיג זיך צו דעם, וואָס מען האָט בעשטימט, אַז ביי איהם איז ניט קיין געוועהנליכער טאַלענט, און אַליין פֿעסט גלויבענדיג אין דעם, וואָלט טאַקי באמת וואָס געווען ניט געוועהנליכעס, עפּעס גרויסעס, ווען ער וואָלט כאָטש דאַן ניט אַנטלויפֿען פֿון אויסלאַנד מיט גאָרנישט און וואָלט עפּיס וואָס געענדיגט און ווען זיין קומען איצט אַהיים וואָלט ניט געווען עפּיס

גלייך , ווי ער איז אַנטלאָפֿען פֿון דאָס לעבען , ניט וויסענדיג קלאָר , וואָס איז דאָס אַזוינס און ווי אַזוי זאָל ער לעבען , גלייך ווי ער איז אַרויסגעשטופּט געוואָרען , און אַרויסגעטריבען האָט מען איהם פֿון דעם דאָזיגען לעבען .

עס איז אַריין אין צימער זיין מוטער . זי איז כּלומר׳שט געקומען זוכען וואָס , נאָר עס איז געווען קענטיג פֿון איהר פּנים , וועלכער האָט געלאַכט פֿון שמחה , אַז דאָס איז מעהר נישט ווי אַ תירוץ , געקומען איז זי , ווייל איהר האָט זיך שטאַרק פֿערבענקט נאָך איהר זוהן , און איהר האָט זיך זעהר געוואָלט אָנקוקען איהם . דנ׳יע האָט דאָס בעמערקט . איהם איז פֿרעהליך געוואָרען אויפ׳ן האַרצען , דערזעהענדיג זי , און אויך עפּיס וואָס אַזוינס האָט אַ ריהר געטהון דאָרטען אינעווייניג , אין האַרצען ביי איהם . אי געשעמט האָט ער זיך , וואָס זי , זיין מוטער , נאַרט זיך אין איהם און קלייבט פֿון איהם אומזיסטע נחת . זי האָט זיך איינגעזעצט ביי איהם אויפ׳ן בעט . ס׳האָט אויסגעוויזען פֿון איהר , אַז אַ סך גוטעס און ליעבעס האָט זי אין האַרצען פֿאַר איהם , נאָר זי פֿיהלט , אַז אָרים וועלען זיין די ווערטער , מיט וועלכע זי וועט דאָס קאָנען אַרויסזאָגען . און זי האָט אָנגעהויבען צו שמועסען פֿון פּוסטעס און פֿון נאָר־נישט , מעהר נישט צוליעב דעם , כּדי צו רעדען מיט איהם .

— געווים ביסטו געקומען אויף אַ גאַנץ זומער ? — האָט זי איהם פֿרעהליך אַ פֿרעג געטהון עפּעס ווי אין מיטען די רייד . און קענטיג איז געווען פֿון איהר קוק אויף איהם , אַז זי האָט געוואָלט זאָגען איהם נאָך וואָס עפּעס . אפֿשר וועגען דעם , אַז זיין איצטיגער קומען אַהיים זאָל שוין זיין ניט נאָר אויף איין זומער , נאָר אויך אויף דעם קומענדיגען ווינטער , אויף דעם זומער , וואָס נאָך דעם דאָזיגען ווינטער , און דעם ווינטער , וועלכער וועט קומען נאָך יענעם זומער — אויף אייביג , אויף אייביג זאָל ער זיך שוין ניט שיידען מיט איהר . נאָר פֿון דרך ארץ צו איהר פֿינף און צוואַנציג אָהריגען שעמען און וואויהל קענענדיגען זוהן האָט זי זיך איינגעהאַלטען צו רעדען וועגען דעם מיט איהם .

נאָך דעם אַז ער האָט אָבגעטרונקען טיי , איז ער זיך אַוועקגעגאַנגען , אָנגעטהון אין זיינע געליצבטע גרינגע שטיוועל , אין די אָפּענע , פֿרייע פֿעלדער , וועלכע רינגלען אַרום זייער אימעניע . ער איז אַוועק אָהן אַ היטעל , אין אַ לייכטער , אויבערשטער זומער־העמדעל : און אַ גרינגער , ליעבער ווינד האָט זיך געשפּיעלט מיט דאָס העמדיל און מיט זיינע ווייסע , שוואַרצע לאָקען אויף זיין

ווייסען, עדעלען שטערן. שען איז גאט'ס וועלט אין פריהלינג, ליכטיג, בעגאסען מיט פרישע זונען-שיין, און יונג אטעמט אלץ. די ערד אונטער דיינע פיס איז ווייך, ליעב און ווארים, די גרינע, מיט זאפט פולע גרעזעלעך, וועלכע בעדעקען די שטילע, פרייע, ווילדע פעלדער, זענען פול מיט לעבען. זיי סוד'ען זיך צווישען אנאנד, גיבען וואס איבער איינם דעם צווייטען, ליעבען זיך און ליעבען דעם לייכטען ווינד, וועלכער שוועבט איבער זיי און גלעט זיי... און דיינע פיס באדען זיך אין א ים פון אלערליי ליעבע בלומעלעך און ווייסינקע, קלארינקע קאראסקעלעך. זייערע ריחות פערשכור'ן דיין נשמה. און בוימער, שטאלצע, פרישע זענען דא אויף גאט'ס וועלט, אט זעהט דיין אויג א בוים, אנ'איינציגען אין מיטען די ווילדע פעלדער. ער שטעהט זיך אויף דער וועלט פריי, אליין און איינזאם. דארטען, פון דער זייט ניט ווייט פון דיר, און נאך ווייטער, דארטען, דארטען אקעגען דיר, האבען זיך איניגע בוימער צונויפגעקליבען צוזאמען. זיי שטעהען צוגערוקט נאהענט איינער נעבען דעם אנדערען און נעהמען ארום איינם דעם צווייטען מיט זייערע צווייגען, און גלייך ווי זיי דערמאהנען אהן אנ'אויפהער יעדערער זיך אליין און דעם צווייטען אז תמיד וועלען זיי אזוי שטעהן צוזאמען ארומגענומענערהייד צווישען הימעל און ערד און די ליעבע, זיסע זונען-שיין... און די טיעפע הימלען, דער אהן סוף'יגער האריזאנט איז הפקר און פריי, און זיי גלעטען אזוי דיין הארץ, דיינע אויגען, דיין נשמה. אין מיטען דערינען הערט זיך א פאך פון גרויסע פליגעל און א קלאפ איינע אן דער צווייטער—א בוטשאן, ווייס ווי מילך, מיט שווארצע פאסען ביי די ברעגען פון זיינע פליגעל, ניט ווייט פון דיר, האט זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און האט זיך אוועקגעלאזען אין די ווייטע, טיעפע הימלען... דנ'יען פלעגען אלע מאל אט די דאזיגע פרייע פעלדער שאפען אין זיין הארצען עפעס וואס ווילדעס, און ער פלעגט אזוי הנאה האבען ארומצוגעהן זיך איבער זיי גלאט אזוי אין דער וועלט אריין, און דער גאנצער געגענד איז איהם אזוי בעקאנט. ער טרעפט זיך אן מיט די ערטער, וואו ער איז געזעסען פערדאגה'ט, ווען ער האט דעם עקזאמען אויף אנצוקומען אין אוניווערסיטעט ניט אויסגעהאלטען, וואו ער האט פרעהליך געהלום'ט וועגען אויסלאנד און וואו ער איז געזעסען א טרויעריגער נאכדעם, אז ער איז געקומען פון אויסלאנד. די דאזיגע ערטער וועקען אין איהם אויף מחשבות. עס קלערט זיך איהם וועגען דעם

וואָס ער איז עפּעס צווישען מענשען תמיד אַזוי שעמענדיג און שטיל, זיי דריקען איהם צופיעל, עס דערמאָנט זיך איהם די גאַנצע חברה, צווישען וועלכע ער האָט געלעבט אין אויסלאַנד, די פערפלאָנטערקייט צווישען זייערע בעציהונגען איינער צום צווייטען: זענענדיג, דאַכט זיך, צווישען אַנאַנד גוט און לעבענדיג איין לעבען, טראָגט יעדערער אין האַרצען אויף דעם צווייטען עפּעס וואָס שמוציגעס, קוטיגעס... דער נאָכקוקען יעטווידערער דעם צווייטען און דער ווילען וויסען די סאַמע פערבעהאַלטענע ווינקעלעך פון דעם צווייטענס לעבען... שווער איז איהם געווען איינלעבען זיך מיט זיי. איהם פלעגען זיי אָנרופען דאָס שעמעדיג מיידעל.

די דאָזיגע טרויעריגע מחשבות האָבען, ווי אַרויסגעטריבען פון זיין האַרצען די גרינגקייט, מיט וועלכע ער איז היינט אויפגעשטאַנען פון שלאָף, און האָבען שווערער געמאַכט זיין נשמה. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קליין בערגעלע. און זיין האַרץ איז פערנומען געוואָרען מיט מחשבות וועגען זיינעם אַ חבר וועקסעלמאַן, אין וועלכען עס האָט זיך, דוכט זיך, צוזאַמענגעקליבען אַלץ, וואָס האָט איהם אָבגעשטופּט, אָבגעשטויסען פון די אַרומיגע מענשען, צווישען וועלכע ער האָט געלעבט. וועקסעלמאַן איז געווען אַ בחור אַ יאָהר זעקס און צוואַנציג, מיט פלינקע, נאָר אויסגערעכענטע בעוועגונגען, און זיין פנים האָט דערצעהלט, אַז זעהר און זעהר געהיט איז ער. ער איז זעהר ערנסט געוואַשען, גוט און ריין געגאָלט. אויך די בליקען, די בעוועגונגען פון זיינע אויגען זענען געווען בעטראַכטע, אויסגערעכענטע. דנ"יע האָט געטראַכט וועגען איהם אַז דאָס איז איינער פון די מענשען אויף דער וועלט, וואָס צופיעל זאָט און צופרידען פון זיך זענען זיי, אַז זיי זאָלען בעמערקען גאָט'ס הימעל און ערד, צופיעל פוסט איז זייער נשמה צופיהלען אויף אַנ'אמת דעם לעבען און טראַכטען וועגען איהם טיעף און ערנסט. געבליבען איז זיי אויף דער וועלט נאָר די שטענדיגע איבערגעגעבענהייט דעם קנעכטישען רצון, אַז מען זאָל טראַכטען וועגען זיי אַנדערש, ווי פון אַלעמען. און דער קנעכטישער „אַהאַ"... זיי דערצעהלען דיר פון זיך וואָס עס איז ניט געשטויגען און ניט געפלויגען, און קוקען אויף דיר מיט אויגען פון אַהאַ!... זיי וועלען דיר אָבטהון ווען אַזוינס פון וואָס דיין האַרץ וועט זיך קאָרטשען פון וועהטאָג, און זיי וועלען מיט דיר רעדען מיט „אַהאַ" לשון... און קלעפּעדיג זענען זיי און ביז קוטיגעס קנעכטיש, ווען דו טרייבסט זיי אָב פון זיך, און ביז פערדיש

מעשה האָר. ווען דו גיסט זיך זיי איבער. און אַ געמאַכטע בייזקייט גיט זיך זיי איין, און אַנדערש ווייזען זיי זיך ניט פֿאַר דעם צווייטען. אַלע האָבען געהאַלטען פֿון וועקסעלמאַנען. מען פֿלעגט עפּעס ווי מקנא זיין זיין געלענקיגקייט און עפּעס אַ פּחד פֿלעגט מען האָבען פֿאַר איהם. ווענען זיך פֿלעגט ער דערצעהלען, אַז ער שרייבט אַ דיסערטאַציע אויף וועלכער איינינע פּראָפֿעסאָרען, וואָס האָבען זי געזעהן, זאָגען, אַז זי איז גאוניש. מען האָט געוואוסט, אַז דאָס איז ניט געשטויגען און ניט געפֿלויגען, נאָר דאָך עפּעס ביי אַלעמען פֿלעגט ער ווערען גרויס אין די אויגען פֿון דער דאָזיגער דיסערטאַציע... דנ'יען פֿלעגט ווען אָנחאַפּען אַ פּחד, הערענדיג וועקסעלמאַנס שמועסען ווענען זיך. אַ מענש רעדט, רעדט, און דו ווייסט ניט, דו קענסט ניט וויסען דעם גבול, דעם אָרט, ביז וואַנען איז אמת און וואו הייבט זיך אָן ליגען... איהם פֿלעגט אַזוי שווער זיין איהם צו ליידען, און וועקסעלמאַן האָט זיך מאָדנע געקלעפּט צו איהם, אָט ווי אַ פּיאַווקע צו אַ מענשען. אָבשטופּען איהם מיט אַ מאָל פֿון זיך האָט זיך דנ'יען ניט געוואָלט. עפּעס משונה קויטיגעס וועט דאַן אַרויסקומען. ווען ער האָט זיך געטראָפֿען מיט איהם איצטער אין ק., האָט ער איהם געפֿונען דעם זעלבען, ווי ער האָט איהם געוואוסט אין אויסלאַנד. פֿאַר דער צייט וואָס ער האָט איהם ניט געזעהן האָט־ער נאָך ווי געשטיגען אין זיך און נאָך שווערער איז ער איהם געווען ווי פֿריהער. און ניט אָבקלעפּענדיג זיך פֿון דנ'יען און זענענדיג מיט איהם אַזוי וואַרים, גוט, פֿלעגט ער אַלץ סטאַרען זיך אַריינקריכען תמיד אין די סאַמע טרויעריגע זייטען פֿון זיין לעבען און גריבלען זיך אין זיין נשמה, גריבלען זיך און ניט לאָזען איהם צורוה... און ווען ער איז אַוועקגעפֿאָהרען פֿון אויסלאַנד, אויך איצט אַוועקפֿאָהרענדיג פֿון ק., איז איינע פֿון די הויפּט מאָטיווען, וועלכע האָבען איהם אַוועקגעטריבען פֿון די ביידע ערטער, געווען וועקסעלמאַנס זיין דאָרטען...

קלערענדיג אַזוי ווענען וועקסעלמאַנען, האָט דנ'יע דערפֿיהלט, אַז זיין נשמה פֿערהילט זיך אין טרויעריגעס, וועלכעס האָט זי געפּרעסט די לעצטע צייט זענענדיג אין ק', ער האָט זיך אויפֿגעהויבען און איז אַוועק אַהיים.

ביי וואַרעמס האָט איהם די מוטער בעמערקט, אַז ער איז בלייך אין פּנים און ער איז זעהר נערוועז, בייז. איטליכער קלייניגער קלאַפּ מיט אַ טעלער, אַ מעסער דערשרעקט איהם אַזוי. זיין פֿאָטער האָט געשמייכעלט:

— אויף פרעמדע קעסט געהאָדעוועט זיך דאָרטען.

נאָכ'ן עסען איז ער ווידער אוועק אין די פרייע פעלדער, און בייַנאַכט איז איהם ווידער שווער געווען איינצושלאָפען. ווידער צופיעל שען איז געווען די טיעפע, טיעפע פריהלינגס־נאַכט, צופיעל רייַך איז געווען גאָט'ס וועלט, און אַזוי מילד האָט די נאַכט געגלעט דעם מוח, דאָס האַרץ, די נשמה, אָט חאָטש נעהם אַרום אלץ, וואָס דו זעהסט און פיהלסט און געה אוים, קושענדיג און בעהעפטענדיג זיך מיט גאָט'ס רייַכע, שענע, טיעפע און שטומע, שטומע אייביגקייַט...

III.

אין אַ קליינער צייַט אַרום נאָך דנ'יעס קומען אַהיים איז ער אַרומגעגאַנגען אין די פעלדער בייַ טאָג און האָט זיך פערטיעפט אין די ליעבע פריהלינגס־נעכט — ניט אַליין, נאָר צוזאַמען מיט טאַניען, זייַנע אַ שוועסטערקינד, וועלכע איז געקומען צוגאַסט צו זיי. טאַניע איז געווען אַ יונגע מיידעל אַ יאָהר צוואַנציג, מיט אַ שלאַנקער, לייַכטער פיגור, מיט שוואַרצע אויגען, וועלכע זענען תמיד געווען ווי פערשכור'ט פון פרעהליכקייַט, פון שטיפעריי, און אַ גרינגער חלום, אַ לייַכטער נעבעל האָט אין זיי תמיד געשוועבט. דאָס זענען געווען אויגען, אין וועלכע אויף אַ סך צייַט בלייַבען ניט קיין מחשבות, זיי לויפען זיי נאָר דורך האַסטיג און פלינק, און עס פערבלייַבען אין זיי נאָר די ענדע, די ברעגעס פון די מחשבות און פערשכור'ן און פערחלום'ן זיי. איהר פנים איז געווען ווייַס, פול מיט אַ לייַכטען חן, יונג און שפּיעלענדיג. ווייַכע, שוואַרץ־סאַמעטענע האָר האָט זי געהאַט. און איהר קערפּער איז געווען פריש, מילד און לייַכט. דנ'יען איז זי געפעלען געווען פאַר איהר לייַכטקייַט, פרישקייַט און פרעהליכקייַט. ער האָט געקלערט וועגען איהר, אַז אין אַזאַ שענעם, געזונטען, לייַכטען און פרעהליכען קערפּער מוז זיך לייַכטען אַ שענע, אַ קלאָרע, אַ ריינע און אויך אפילו אַ טיעפע נשמה... און דנ'יע איהר איז געווען געפעלען דערפאַר, וואָס ער איז אַ שענער, דערפאַר, וואָס ער איז אַנ'אוים־לענדישער סטודענט און אויך פאַר זייַנע מרה־שחורה'דיגע, פילאָזאָפישע שמועסען איבער דער וועלט און מענשען. און זיי פלעגען

זיך ארומגעהן בײדע אין די פעלדער שטיפענדיג, שפּילענדיג און הנאה האבענדיג פון גאָט'ס װעלט.

אויך האָט דנ'יע אָנגעהויבען צו פיהלען, אז עפּעס װאָס אזוינס גלעט זײן הארץ, מאַכט, ער זאָל פערגעסען פון דעם, װאָס ער װײס װעגען מענשען און לעבען. עפּעס װאָס אזוינס פערדעקט, פערבעהאלט און פערהײלט װען אַנ'אומעדיגע מחשבה אין זײן הארצען, א ביטערען קנײטשעל אין זײן מח און א װעהטאָגדיגען אָרט פון זײן נשמה. און די הנאה פון גאָט'ס װעלט האָט גע־װאַקסען בײ איהם אין הארצען און טאַניעס אויגען פלעגען פון טאָג צו טאָג װערען מעהר פרעהליך, מעהר פערשכור'ט, און בײ זײ בײדען אין הארצען האָט אָנגעהויבען צו װאַקסען א רצון געפּעלען צו װערען אײנער דעם צװײטען. אויך א נײע הנאה האָט אָנגעהױ־בען דנ'יע צו פיהלען אין זײן הארצען פון ארומצוגעהן שען און לײבט אנגעטהון; אין א גרינגער, באַטיסטענער, קלאָרער, אונ־טערהעמד פלעגט ער זיך פיהלען אזױ לײכט, און זײן נשמה פלעגט דאַן זײן אזױ פעסט און פרעהליך. טאַניע פלעגט אויך פון טאָג צו טאָג אלץ שענער און שענער אָנטהון זיך, און אזױ שען, האָט איהר געדאַכט, װעט פּאסען א שװאַרצע זײדענע העמד צו איהר לײב־טען, געזונטען און קלאָרען קערפּער.

און אין דערפריה, װען די זון האָט שוין געהאט בעלײכט גאָט'ס װעלט, און פריש און נײ זענען געװען די הימלען, די ערד און אלץ, װאָס צװישען זײ געפינט זיך, פלעגט דנ'יע קומען צו דער אָזערע און פלעגט זיך אױעקזעצען נעבען איהר. טאַניע פלעגט אויך קומען אַהין. טאַניע פלעגט זײן אָנגעטהון אין לײכטע, דער־פריהענדיגע בגדים, פון װעלכע עס האָבען אזױ מילד און לע־בעדיג ארױסגעשפּראָצט די שטריכען פון איהר יונגען קערפּער. און דנ'יע זיצענדיג נעבען איהר, פלעגט פיהלען נעבען זיך איהר יונגען, לײכטען שענעם קערפּער, דעם ריח פון איהרע האָר, די היץ פון איהר יונגער נשמה און איהרע פערשכור'טע, פערחלום'טע אויגען, און גאָט'ס װעלט איז געװען אזױ יונג און נײ, אזױ פריש און ליכטיג... די שמועסען צװישען אנאנד אין אזױנע פריהמאָרגענס פלעגען זײן קורצע און שעמעדיגע:

— נו, טאַניע — פלעגט דנ'יע פרעגען — נאָך ניט דערעסען דיר צו זײן בײ אונז?...

— נײן...

אָדער טאַניע פלעגט פרעגען דנ'יען:

— נו. דנ'יע, נאָך ניט אומעדיג געוואָרען צו זײַן דאָ אַליין? ... דיך ציהט ניט נאָך אויסלאַנד, נאָך ק.? ...

— ניין ...

און ווען די זון פֿלעגט פֿערגעהן, פֿלעגען זיי זיצען צוזאַמען, האַלטענדיג איינער זיין האַנד אין דעם צווייטענס, אויף זייער אַ געליעבטען בערגעלע נעבען דער אָזערע. די לעצטע גאָלדענע שטראַהלען פֿון דער זון בעגילטען די שטילע, קלאָרע אָזערע און אַלעם אַרום. און זיי פֿאַלען, ווי פֿערשעמטערהייד, ניט ווייט פֿון דנ'יען מיט טאַניען אויף אַ קופּקע געל־רויטע סאָסנעבוימער און פֿלעכטען זיך מיט זייערע צווייגען, מיט זייערע שפּיצען און זיי גיסען זיך, גיסען זיך אויף אַלעם אין גאָט'ס וועלט. שטיל איז דאַן אַרום, און אַלץ פֿערנעהמט און קוקט זיך צו, ווי די ליכט פֿון טאָג, וועלכע האָט פֿערשטופּט די טיעפֿע זומערנאַכטיגע סודות און האָט אַלץ ענטפּלעקט און העל געמאַכט אויף גאָט'ס וועלט, זעגענט זיך מיט דער וועלט און לאָזט ווידער די נאַכט מיט איהרע סודות פֿרייַ געוועלטיגען צווישען הימעל און ערד. און די נאַכט מיט איהרע שטומע סודות ציהען זיך איבער בערג און טאָלען, איבער די וועלדער פֿון יענער זייט אָזערע און נעהמען אַרום אין זייערע אָרעמס די גאַנצע וועלט. און זיי נעהמען אַרום אַלץ מעהר און מעהר אַלעם צווישען הימעל און ערד און אויך דנ'יען מיט טאַניען. וועלכע זיצען שטום איינער נעבען דעם אַנדערען, און מאַכען אויך זיי ביידען אַ חלק פֿון דאָס אַלץ וואָס געפֿינט זיך אַרום זיי, און פֿערהילען זיי אין אַ טיעפֿען אומבעוואוסטעס אין צוויי סודות, וועלכע פֿערשטעהען איינער דעם אַנדערען, פֿערנעהמען די סודות פֿון דער נאַכט, פֿערשטעהען. אַז אין זיי ביידען און אין אַלץ וואָס אַרום זיי, קומט פֿאָר אַ גרויסער סוד ... אַ גרויסער און אַ טיעפֿער, וועלכער פֿערטיעפֿט די הימלען, די ערד, אַלץ, וואָס צווישען הימעל און ערד, און אויך זייערע ביידענס נשמות ...

— טאַניע ... — פֿלעגט ווען דנ'יע אַרויף טהון זי.

— וואָס?

— אַ שענע, אַ טיעפֿע נאַכט ...

אָדער אַמאָל פֿלעגען טאַניעס ליפּען ווי פֿון זיך אַליין אַרויס־רופֿען:

— דנ'יע ...

— וואָס? ...

— גאָרניִשט — פֿלעגען זי זיך פֿערשעמען — איך געדענק

שוין אַליין אויך ניט, וואָס זיך האָב געוואָלט זאָגען ...

אוּן געפיהלט האָבען זיי דאַן ביידע, אַז עפּעס וואָס אַזוינעס פוּל מיט ליבּט און מיט סוד האָט ווער פערוואָרפען אין זייערע הערצער... צי די ליעבּע, לייכטע זומערווינדען האָבען אַזוינס אַראָבגעלאָזען ביי די בּעכערס פון די ווייסע, קלאָרע, פרישע און ליעבּע בלומען און האָבען דאָס אין זייערע הערצער פערטראָגען, אָדער אַ צניעות'דיגער שטראַהל פון אַליכטיגען שטערן, אפשר אַ זיסער, אין דערפריהענדיגער זונען-שטראַהל האָט דאָס זייערע הערצער געגעבען ... און דאָס וועבּט ביי זיי אין האַרצען אַזוינעס, וואָס נאָר זיי ביידע ווייסען פון דעם ...

און ליעבּען און זיין געליעבּט אין פריהלינג. ווען אַרום דיר איז נאָר אַ פריהלינגס-הימעל און ערד, פריהלינגס-בּוימער, גראָזען און בלומען און אַ פריהלינגס-אָזערע; ווען די שטיפערייִ צווישען אַנאַנד, די נאַאיווע, צניעות'דיגע קושען, די פערשעמטע בליקען נאָך זיי, די פרייע קינדערשע שמועסען און די געגנב'טע שעמע-דיגע אָנריהרונג פון איין הייסען, לעבּעדיגען קערפער מיט דעם צווייטען זעהען און זענען עדות נאָר אַ שטאָלצער איינזאַמער בּוים אין פרייע, ווילדע פעלדער, אַ פערוואָרפענער קוסט, בּעדעקט מיט סוד אין אַ פריהלינגס-נאַכט. שטילע, תמימות'דיגע בליקען פון די פריהלינגס שטערען, אַ בּעגאָסענע מיט לבנה-שיין. ווייסינקע בּלי-מעלע, אַ רייִנע זילבּערנע שטומע אָזערע... ליעבּען און זיין גע-ליעבּט אין פריהלינג — פון קיין גרעסערע גליקען חלום'ען מענ-שען ניט ...

.I V

עס איז אַוועק דער זומער. אין פערלויף פון דעם זומער האָבּען זיך אויסגעוועבּט אין האַרצען בּיי דנ'יען און טאַניען שענע חלומות וועגען זייער קומענדיגען לעבּען. געחלומ'ט האָבען זיי וועגען לעבּען צוזאַמען אין אויסלאַנד, וועגען לערנען זיך דאָרטען צו-זאַמען אַ סך, און פלייסיג און וועגען נאָך אַ סך שענעס און גוטעס, איבּער וועלכע מענשען האָבען ליעבּ צו חלומ'ען ניט נאָר קלאָר און דייטליך פאַר זיך אַליין, בּיז וואַנען זיי וועלען זיך אַרויסקלייבּען אין אויסלאַנד, איז געבּליבּען בּיי זיי צו פאָהרען דערווייל אין ק. לעבּען דאָרטען צוזאַמען דעם קומענדיגען ווינטער. און אין סוף

זומער זענען זיי ביידע געפאָהרען אין ק., די גאנצע וועג איז טאניע געוועזען פרעהליך און לעבעדיג. פרעהליך האָט זיך איהר געחלום'ט וועגען דעם לעבען, וועלכער עס שטעהט זיי פאָר אין ק. גוט איז איהר געוועזען פון דעם, וואָס איהר טאטע און מאמע, ביי וועלכע זי האָט געלעבט ביז איצט, וועלען זיך שוין מעהר ניט מישען אין איהר לעבען, און פון דעם, וואָס דנ'יע זיצט נעבען איהר. און פון צופיעל פרעהליכקייט אין הארצען האָט זי ניט ערנסט געקלאָגט זיך אויף איהר פאָטער און מוטער, וועלכע האָבען „פון צופיעל ליעבע צו זיך" ניט געוואָלט לאָזען איהר אוועקפאָהרען פון דער היים. און געטענה'ט האָט זי, אז זיי זענען זעהר ניט גוטע, שלעכטע מענשען. דנ'יע איז עפעס די לעצטע צייט פאר זייער אבפאָהרען פון דערהיים און אויך די גאנצע וועג, פאָהרענדיג אין ק., געוועזען ערנסט און מרה-שחורה'דיג.

— טאניע, מיט וועמען דו זאָלסט נאָר האָבען אנ'עסק אין לעבען, א צוזאמענשטוים, וועלכע מענשען דו זאָלסט נאָר דערקענען אין לעבען נאָהענט, זעהסטו דאן און דו דערוויסט זיך, ווער מענשען זענען...

טאניע האָט זיך אפילו גוט ניט איינגעהערט צו דנ'יעס רייד, און וואָס מעהר מען האָט זיך דערנעהענטערט צו ק., אלץ מעהר איז ביי איהר געוואקסען אין הארצען איהר פרעהליכקייט. און נאָכגעפרעגט האָט זי זיך זעהר ביי דנ'יען וועגען זיינע בעקאנטע אין דער דאָזיגער שטאָדט, צווישען וועלכע זיי וועט אויסקומען צו לעבען. דנ'יען איז עפעס, ניט וויסענדיג אליין דייטליך פאר וואָס און פאר ווען, ניט אנגענעהם געוועזען צו הערען איהרע נאָכפרעגען זיך אזוי נאָך זיינע בעקאנטע. אויך האָט ער געסטארעט זיך ניט צו רעדען וועגען זיי קלאָר און דייטליך. גוטעס זאָגען וועגען זיי האָט ער ניט געהאט וואָס, שלעכטעס—האָט זיך איהם ניט געוואָלט. ניט שוין צו רעדען ניט גוטעס אויף מענשען, מיט וועלכע דו האָסט געלעבט און וועסט נאָך לעבען צוזאמען. און וואָס מעהר טאניע האָט גערעדט וועגען זייער קומענדיגען לעבען אין ק. און וועגען זיינע בעקאנטע דאָרטען, אלץ מעהר איז דנ'יע געוואָרען ערנסטער און עפעס וואָס אזוינעס פול מיט מרה שחורה האָט געוואקסען אין זיין הארצען. דערמאָנט האָט איהם וואָס איצט וועגען דעם, וואָס ער האלט זיך צווישען מענשען שטיל, שעמעדיג, און זיי דריקען איהם. און געפיהלט האָט ער עפעס וואָס, אליין ניט וויסענדיג וואָס דאָס איז—צו טאניעס נאָכפרעגען זיך נאָך זיינע בע-

קאַנטע, צי איהר פֿרעהליכֿער ווארטען אויף די נײַע, פֿרישע מענ-
שען, מיט וועלכֿע זי ווערט זיך בעגעגענען אין ק... אפֿשר גלאַט אַט
דאָס בעוואוסטזײַן אַלײַן, אַז טאַניע, די גוטע און שענע און קלאָרע
נשמה, איז זײַנע׳. אָבער עפּעס וואָס האָט ערצעהלט איהם איצט
אַז נאָך שווערער וועט איהם זײַן דאָס מאָל אַריבערטראָגען דעם
גראָבען, צופֿלאַנטעטען לעבען, אין יועלכֿען אַלע זינקען און זינ-
קען, און קײנער קען פֿון איהם ניט אַרויסקריכֿען. איהם האָט זיך
זעהר געוואָלט רעדען איצט מיט טאַניען איבער דעם, וואָס זײַן
האַרץ און מוח פֿיהלען איצט. נאָר עפּעס וואָס אַזוינעס האָט איהם
אָבגעהאַלטען פֿון דעם... און ער האָט געסטאַרעט זיך צו פֿערדע-
קען, צו בעהאַלטען, מיט אַ געמאַכֿטען פֿרעהליכֿען פּנים, דאָס
טרויעריגע, וואָס גריבעלט זײַן האַרץ. און געטראַכֿט האָט זיך
איהם דערבײַ וועגען דעם, וואָס עס איז פֿאַרהאַן אַזוינע איבערלע-
בונגען בײַ מענשען אין האַרצען, אויף וועלכֿע עס זענען ניטאָ קײן
ווערטער אויף איבערצוגעבען זיי אַ צווייטען, אַפֿילו דעם סאַמע
נאָהענטסטען מענשען פֿון דײַן נשמה... וועגען אַנדערעס וועלען
דײַנע ווערטער דערצעהלען, און אַנדערע מחשבות. ניט ווי דײַנע,
וועלען ערוועקען דײַנע רייד בײַ דעם צווייטען... אויך רעדען האָט
זיך איהם אַזוי געוואָלט מיט טאַניע׳ן וועגען דעם, אַז זיי זאָלען
זעהן סטאַרען זיך לעבען אין ק. אַלײַן... אַלײַן און אײַנזאַם... דער-
צעהלען האָט ער איהר געוואָלט פֿון דעם, אַז לעבענדיג ניט אײַנ-
זאַם, ניט אַלײַן, נעהמט דאָן בײַ דיר צו דאָס לעבען און די מענ-
שען, צווישען וועלכֿע דו לעבסט, אַזוי פֿיעל דײַנעס אײַגענעס פֿון
דײַן נשמה. עס קומען פֿאָר דאָן אַזוינע צוזאַמענשטויסען מיט די
מענשען, צווישען וועלכֿע דו לעבסט, אַז אָדער דו מוזט זיך
אײַנבויגען, לאָזען זיך גזלנ׳ן, אָדער אַזוי פֿיעל קויטיגעס וועט זיך
אָנקלעפּען אָן דײַן נשמה, ווען דו לאָזט זיך ניט... און אויך וועֿ-
גען דעם, אַז עס קומט פֿאָר ווען אין אַזאַ לעבען אַזוינעס ניט
שענעס און פֿערפֿלאָנטעטעס, וואָס, דאַכֿט זיך, קײנער, איז אין
דעם ניט שולדיג, און דו זינקסט און זינקסט מיט דײַן גאַנצער
נשמה אין אַזאַ שמוציגען תהום, וואָס אַרויסקריכֿען פֿון איהם
קענסטו ניט... און מאַכֿען וויסען האָט זיך איהם געוואָלט טאַניען
אויך וועגען דעם, אַז מען דאַרף ווינציג וואָס גלויבען מענשען,
ניט עפּענען די אײַגענע נשמה פֿאַר קײנעם ניט. מען דאַרף לע-
בען אַלײַן... אַלײַן און אײַנזאַם... מענשען — ניט דעם צווייטענס
אומגליק קענען זיי פֿיהלען, ניט דעם צווייטענס גליק קענען זיי

גלייכגילטיג אריבערטראגען... און אזוי נויטיג —, האט זיך איהם געפיהלט, און עפעס וואס האט איהם וועגען דעם בעשטימט, — איז איצט דערצעהלען וועגען דעם אלץ טאנ'ען. איצט, איצט ווען זיי פאהרען, ער און זיין טאניע, לעבען ביידע צוזאמען צווישען א סך מענשען. אזוי נויטיג...

— הערסטו דאך, דנ'יע — האט טאניע שטיפעריש געווענדעט זיך צו איהם, שוין ניט וויט פון ק. — מיט אלע דיינע בעקאנטע זאלסטו מיך בעקאנט מאכען. אבגערעדט?

— גוט — האט דנ'יע מיט א בעהאלטענעם טרויעריגען שמייכעל געזאגט.

V.

אין ק. האבען זיי בעזעצט זיך אין איין הויז, אין צוויי בעזונדערע צימערען. זיי האבען גוט איינגעפיהרט זייער ביידענס לעבען. טאניען איז זעהר געפעלען געווארען דאס שטאדטישע לעבען, ער האט זי געמאכט נאך מעהר פרעהליכער און פרישער. און שטיפענדיג און שפילענדיג, האט טאניע געקליבען נחת פון אלץ, וואס פאר איהר איז ניי געוועזען. דנ'יע האט זיך אויך געסטארעט צופריעדען זיין, חאטש פון דער ערשטער וואך אן, זינט זיי זענען געקומען אין ק., האט זיין נשמה אנגעהויבען צו פערהילען זיך אין עפעס ניט פרעהליכעס. פערדראסען האט איהם און ניט אנגענעהם איז איהם געוועזען דאס, וואס טאניע געהט צו אזוי גלויבענדיג צו די אלע מענשען, צווישען וועלכע זיי לעבען, אויך צו וועקסעלמאנען. זי פלעגט אפילו אפט פרעגען זיינע מיינונגען וועגען די דאזיגע מענשען, נאר איהם האט זיך געדוכט, אז ניט דיכטיג און אפשר אויך מיט ניט שענעם פון זיין זייט ווערט זי קענען ערקלערען די דאזיגע מיינונגען, וועלכע ער קאן זאגען איהר וועגען זיי. און ער פלעגט זיך אוועקמאכען פון צו רעדען איבער זיי קלאר און בעשטימט. און קלערען דערביי טרויעריג פלעגט זיך איהם וועגען טאניען, אז אליין, אליין אהן זיין הילף, וועט זי זיי ניט פערשטעהן, אזוי פיעל לעבען איז ביי איהר אין הארצען. און לעבענדיג אויף דער וועלט, שטיפענדיג און שפילענדיג, קען זי ניט אבשטעלען זיך צו בעטראכטען, מיט וועמען זי האט אנ'עסק אין לעבען. און אויך אזוי ריין איז איהר נשמה, אז קיין שלעכטעס קען

זי ניט בעמערקען. טייערער פלעגט זי איהם ווערען דערפאר, און צוזאמען מיט דעם האט געוואקסען ביי איהם אין הארצען עפעס אזוינס שווערעס געגען די, צווישען וועלכע ער לעבט, און איבערהויפט געגען וועקסעלמאנען. ארויסצוווייזען זיין אונצופרידענקייט צו זיי פלעגט ער זיך היטען. מענשען קלערען תמיד וועגען דעם צווייטען ניט ריכטיג. קיינמאל טרעפען זיי ניט אויף אנ'אמת דאס, וואס עס טהוט זיך ביי דעם צווייטען אין הארצען, און שטענדיג בעשיידען זיי דעם צווייטענס איבערלעבונגען מיט ניט-שענעס, מיט קוטיגעס... און ווען זיינע בעקאנטע וואלטען ניט געוואוסט, אז טאניע איז זיינע, וואלט ער דאן אפשר ניט אזוי גערעכענט זיך מיט זיי, ווי איצט... און ער פלעגט זיך אזוי סטארען צו בעהאלטען, טיעף, טיעף ביי זיך אין הארצען, פון אלעמען, אויך פון טאניען דאס אלץ, וואס האט אנגעהויבען, זינט ער איז געקומען מיט טאניען אין ק., אזוי צו פרעסען זיין הארץ.

און עס פלעגט טרעפען, אז ווען די גאנצע חברה זייערע בעקאנטע פלעגען אוועקגעהן פון זיין צימער שפעט ביי נאכט, צווישען זיי אויך וועקסעלמאן, וועלכער פלעגט, ווי זיין שטייגער איז, א גאנצע נאכט רעדען פון זיך, און טאניע פלעגט זיך צו זיינע רייד צוהערען מיט אזוי גלויבען; נאכדעם אז דניע פלעגט בלייבען אליין מיט טאניען, פלעגט זי צופרידענערהייד זאגען איהם:

— גוט, וואס מיר האבען דא אזוי פיעל בעקאנטע. עס איז פרעהליך. און וועקסעלמאן, ווייזט אויס, איז ניט קיין געוועהנליכער מענש. אמת?

אינווייניג אין הארצען פלעגט וואס אויפשטעהן ביי דניען מיט ניט א געוועהנליכען וועהטאג.

— דו זעהסט דאך... — פלעגט ער ענטפערען מיט א געמאכטען שמייכעל.

און ער האט אליין ניט געוואוסט, ווען דאס האט זיך אנגעפאנגען. נאר ער האט עפעס בעמערקט, אז וועקסעלמאן גלייך ווי ער פיהרט עפעס מיט איהם א מלחמה, ער ראנגעלט זיך מיט איהם פאר עפעס וואס. שטענדיג, ווען זיי טרעפען זיך צוזאמען, פיהלט ער אין וועקסעלמאנען אזוינעס, אט גלייך ווי ער גרייט זיך אנצופאלען אויף איהם. עפעס זעהר גראב בעהאנדעלט ער איהם. ער רופט איהם אן תמיד נארישע מיידעל, תמים און סטארעט זיך אלץ מבטל צו זיין איהם און אוועקמאכען איהם אונטערן האנד. בשעת אזוינע שטיק פון וועקסעלמאנען פלעגט ער זיך תמיד פער-

לירען. ער פלעגט פיהלען , אז ער ווערט בלייך און רויט , און פלעגט קיין ארט ניט געפינען פאר זיך. ער פלעגט דאן ווארפען פערשעמטערהייד א בליק אויף טאניען, נאר זי פלעגט זיין שטענדיג אזוי צוטראגען אין איהרע שטיפעריי און פרעהליכקייט, אז זי פלעגט, דאכט זיך , גאר ניט בעמערקען ניט וועקסעלמאנ'ס גראבקייט קעגען איהם און ניט זיין פערלירען זיך. אויך פלעגט עפעס וועקסעלמאן סטארען זיך, אז טאניע זאל ניט זעהן אט דאס וואס קומט פאר צווישען זיי. פאר איהר פלעגט ער זיך האלטען אנדערש , איידעלער, שענער. און איהם פלעגט אזוי פערדריסען , וואס טאניע בעמערקט ניט וועקסעלמאנס אונגעלומפערטע גראבקייט. און וועקסעלמאן האט אנגעהויבען אזוי צו דריקען זיין נשמה . און ער האט אנגעהויבען צו טראכטען וועגען איהם אזוינע מחשבות , פאר וועלכע ער פלעגט זיך אליין שעמען , נאר דאך האבען זיי געוואקסען ביי איהם אין הארצען , אין מוח. עפעס ער האט אנגעהויבען צו פיהלען אין וועקסעלמאנען זיינעם אנ'אונגעלומפערטען שונא, זיינעם א בייזען שטן , וועלכער לאזט איהם ניט רוהען און דריקט זיין נשמה, זינט ער האט אנגעהויבען צו לעבען אויף דער וועלט. עפעס וואס סודות'דיג שרעקענדיגעס האט ער אנגעהויבען צו פיהלען אין דעם, וואס אט דער דאזיגער וועקסעלמאן האט זיך אזוי צוגעקלעפט צו איהם , ווי נאר ער האט איהם דערזעהן דעם ערשטען מאל אין אויסלאנד , — אזוי משונה צוגעקלעפט זיך צו איהם , ניט אבגעטראטען פון איהם. דערנאכדעם, ביי זיין ערשטען מאל זיין אין ק. האט ער ווידער מיט איהם געטראפען זיך... איצט ווייטער . און עפעס וואס פול מיט סוד האט בעשטימט ביי דנ'יען אין הארצען , אז דער דאזיגער בייזער שטן וועט נאכגעהן נאך איהם זיין גאנצען לעבען , אייביג , אייביג , און וועט אייביג דריקען זיין נשמה. דערצו האט דניע אויך אנגעהויבען צו בעמערקען , אז אלע, אלע זייגע בעקאנטע , וועלכע קומען צו איהם, אלע גלייך עפעס ווי זיי האלטען ביי זיך פערבעהאלטען פון איהם אזוינעם, וועלכעס איז אזוי נוגע צו איהם ... און גלייך ווי זיי שפירען , אז עפעס וואס , עפעס וואס וועט באלד פארקומען מיט איהם , און זיי ווארטען אויף דעם . און וואס מעהר ער פלעגט פיהלען , אז זיין נשמה זינקט אין עפעס שרעקליכעם , שרעקליכעם . וואס ער ווייס נאך אליין אויך ניט , וואס דאס איז אזוינעס, אלץ מעהר פלעגט ער סטארען זיך , אז קיינער זאל גאר נישט בעמערקען פון דעם , וואס קומט פאר ביי איהם אין הארצען . אויך פלעגט ער

סטאַרען זיך וואָס חינציגער נאָכגעהן נאָך טאַניען, לאָזען זי זײַן צוזאַמען מיט אַנדערע מעהר, ווי מיט איהם, און צו פערבלײַבען וואָס מעהר אַלײן.

און פערבלײַבענדיג אַלײן אין זײַן צימער, פלעגט זיך איהם אַזוי ביטער קלערען וועגען מענשען. און איהם וואָלט זיך אַזוי וועלען וויסען, וואָס פאַר אַ מײנונגען זאָגען אַרוים זײַנע בעקאַנטע, און איבערהויפּט וועקסעלמאַן, פאַר טאַניען וועגען איהם... און קלערען פלעגט זיך איהם דאַן וועגען דעם, אַז מענשען זענען קאַרגע... קאַרגע... קײן גוטעס אײנער אויף דעם צווײטען קענען זײ ניט טראַכטען און קענען ניט זאָגען וועגען דעם אַ דריטען... אַלע, אַלע מענשען זענען קאַרג פון דער נאַטור... אַזאַ גרויסע וועלט איז דאָ אונטער די פרײַע, ברײטע, ברײטע הימלען, אַזוי גרוים און פערשידען איז דאָס לעבען, און דאָך ריהרט וואָס דאָרט אין האַרצען, ווען דו הערסט וועגען וועמען עס איז אַ ניט געוועהנליכען מענשען... קאַרגע זענען מענשען פון דער נאַטור... קאַרגע... און דערבײ פלעגט איהם אַזוי ריהרען זײַן האַרץ די מחשבה, אַז אויף טאַניעס קלאָרער און רײנער נשמה קען מען נאָך אַזוי לײַכט ווירקען און יעדער ניט גוטער וואָרט וועגען איהם, יעדע מײנונג, וועלכע וועט זײַן ניט אַזוי, ווי זי טראַכט וועגען איהם, קען מאַכען אַזאַ איבערקעהרעניש אין איהר מוח, אין האַרצען... און אויך פערטיעפען פלעגט ער זיך ביטער, ווען ער פלעגט בלײַבען אַלײן, וועגען דעם, וואָס זינט ער איז געקומען מיט טאַניען אין ק., האָבען אָנגעהויבען צו וואַקסען אין זײַן נשמה אַזוינע נײַע איבערלעבונגען. מענשען זענען פאַר איהם געוואָרען נאָך מעהר ניט פערשטאַנדיג, ווי פריהער, זײַערע נשמות זענען פאַר איהם געוואָרען ווי מעהר צופלאָנטעטע, און סודות'דיגער זענען זײ פאַר איהם געוואָרען, און עפּעס אַזאַ משונה פחד פאַר מענשען וואַקסט אין זײַן האַרץ. עפּעס ווי אַלע, אַלע זענען אַקעגען איהם. אַלע, אַלע, ווילען בײַ איהם וואָס רויבען. צונעהמען... עס איז אַזאַ פחד. ער פלעגט פיהלען דאַן, בלײַבענדיג אַלײן, ווי זײַן נשמה זינקט, זינקט אין אַזאַ שרעקליכעם, שרעקליכעם און אַזוי טײלען זיך מיט וועמען פון דאָס אַלץ, וואָס טהוט זיך אָב בײַ איהם אין האַרצען, האָט געריסען זײַן נשמה, נאָר מיט וועמען? און מיט טאַניען האָט ער אַזוי פחד געהאַט צו שמועסען וועגען דאָס, וואָס קומט פאָר אין זײַן האַרצען. אַזוי פחד געהאַט...

אײנמאָל האָט ער געפרובט אַ זאָג טהון אײנעם פון זײַנע

בעקאַנטע וועגען דעם, אַז מענשען זענען קאַרגע... קאַרג זענען זיי צו דעם צווייטען, און שווער איז צו לעבען מיט זיי... נאָר דער בעקאַנטער האָט אויף איהם אַ קוק געגעבען מיט אַזאַ פּיקחות'דיגען קוק. אין זיינע אויגען האָט ער וואָס בעמערקט אַט אַזוינעס, וואָס איהם שרעקט אַזוי ביי וועקסעלמאַנען, און זיין בליק גלייך ווי האָט געזאָגט איהם. „אַהאַ... איך פערשטעה, פון וואַנען די דאָזיגע מחשבות נעהמען זיך"... און דנ'יען האָט אַזוי פערדראָסען, וואָס ער האָט מיט איהם אַזוינעם געשמועסט...

VI.

און עס איז זיך געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך. טאַניע האָט זיך געלעבט פרעהליך, שטיפענדיג און ניט בעמערקענדיג, וואָס עס טהוט זיך מיט דנ'יען. און דנ'יע האָט געפיהלט, ווי עס וואַקסט און וואַקסט אין זיין האַרצען אַזאַ ביטערניש און אַזאַ גרויסער פחד, אַליין ניט ווימענדיג פאַר וועמען בעזונדערס. אויך געפיהלט האָט ער, אַז עפּעס וואָס אַזוינעס דערווייטערט איהם פון אַלעמען, צווישען וועמען ער לעבט, פון אַלעמען — אויך אַפילו פון טאַניען. און זיין פּנים פלעגט פון טאָג צו טאָג מעהר פערהילט ווערען אין אַ מרה־שחורה, און חושך איז ער געוואָרען. און איינמאָל ביי טאָג איז געקומען צו איהם וועקסעלמאַן. אַ חוץ זיי ביידען איז קיינער ביי איהם אין צימער ניט געוועזען. וועקסעלמאַן האָט עפּעס הנאה געהאַט, וואָס ער האָט געפונען דנ'יען אַליין. קענטיג איז געוועזען פון איהם, אַז ער וויל מיט איהם עפּעס שמועסען, און אַזוי מוטיג און פרעהליך איז ער געוועזען.

— איהר זענט גאָר משונה אַראָב פון פּנים — האָט וועקסעלמאַן פריי געווענדעט זיך צו דנ'יען. אין זיין קול האָט זיך געהערט אַ הנאה. צי פון דעם, וואָס איהם איז אַזוי גוט און פרעהליך אויפ'ן האַרצען, אָדער פון דעם, וואָס דנ'יע איז טאַקי אַזוי משונה אַראָב פון פּנים.

דנ'יען האָט שטאַרק אָנגעריהרט וועקסעלמאַנס רייד. איהם האָט זיך געפיהלט, אַז עפּעס וואָס ליגט פערבעהאַלטען אין די דאָזיגע ווערטער. ער האָט געשוויגען.

— וואָס איז דאָס מיט אייך אַזוינעס?... — האָט וועקסעלמאַן געפרעגט. דנ'יען האָט זיך אַזוי געוואָלט אַז ער זאָל אויפהע-

רען צו רעדען מיט איהם. דנ׳יע האט ווידער געשוויגען.

— איך וויים... — האט וועקסעלמאן געזאגט געלאסען מיט אנ׳איינגעהאלטענער פרעהליכקייט, א קוק געבענדיג פיקחות׳דיג אויף דנ׳יען — איך וויים וואס איז... איהר קענט נישט קיין פרויען... איך וואלט זיך אנדערש מיט זיי געפיהרט...

עפעס וואס מיט אמשונר׳ם וועהטאג האט זיך אבגעריסען ביי דנ׳יען אין הארצען. ענטפערען איהם וואס אויף זיינע רייד האט דנ׳יע ניט געקענט. ער איז אזוי צוטומעלט געווארען, אז ער האט אפילו גוט ניט פערשטאנען, וואס האט אזוינעס וועקסעלמאן געוואלט זאגען איהם. אין דערינען איז נאך ווער אריין צו איהם. וועקסעלמאן איז אנשוויגען געווארען. און ביי נאכט בלייבענדיג אליין אין זיין צימער, האט זיין הארץ אזוי געדריקט, און זיין מוח, גלייך ווי געברענט האט ער פון היץ. א צייט איז ער ארומגעגאנגען אין זיין צימער הין און צוריק, ווי טראגענדיג זיך אויף מחשבות, וועלכע שאפען אזא שווערען נעבעל אין זיין מוח, אין זיין נשמה, ביז וואנען ער איז געווארען זעהר מיעד. ער האט זיך אוועקגעזעצט נעבען טיש. וועלכער איז געשטאנען הארט צום וואנד. און איהם האט זיך געדוכט, אז איצט וואלט ער אנגעשריבען וואס ניט געוועהנליכעס. ער האט שוין אפילו לאנג—לאנג ניט געשריבען, כמעט זינט ער איז געקומען פון אויסלאנד, נאר איצט, האט זיך איהם געפיהלט, וואלט ער אנגעשריבען אזוינעס ניט געוועהנליכעס, ביטערעס און טיעפעס... ער האט אלץ צוגעגרייט אויף צום שרייבען; אוועקגעלעגט פאר זיך ריינע, גוטע פאפיר, האט גענומען די פען אין האנד און האט זיך אין גאנצען פערטיעפט אין דעם, וועגען וואס איהם שלעפט איצט צום שרייבען. ווי פיעל איז ער אזוי געזעסען פערטיפטערהייד מיט דער פען אין האנד נעבען טיש, וויים ער ניט. נאר פלוצלונג האט ער זיך געחאפט אז ער זיצט און ער רעדט. מיט וועמען? עפעס א רחמנות אויף זיך אליין האט איהם אנגעחאפט. און אויך עפעס לעכערליך איז איהם פון וואס געווארען. ער זיצט אליין אין צימער און רעדט... מיט וועמען?... מיט דער וואנד, וועלכע ער זעהט פאר זיך?... מיט דער וואנד?... אזוי משונה און אזוי לעכערליך... נאר עפעס אזוי האט זיך איהם געוואלט טראכטען אויפ׳ן קול, אזא הנאה איז אין דעם געוועזען, און אזוי גרינג האט דאס איהם געמאכט זיין הארץ, און פריי ווערט דארטען וואס... ער איז צו צו דער טיר פון זיין צימער, האט זי פערשלאסען, האט גוט ארום-

געקוקט זיך, ציִ זי איז גוט פערשלאָסען, און ער האָט געגעבען פריי אָט דאָס, וואָס רייסט זיך אַזוי ביי איהם פון הארצען און וואָס מאַכט אַזוי גרינג זיין נשמה. און אַז טאַניע איז געקומען צו איהם, האָט זי איהם געפונען אַזאַ צוהיצטען, אַזאַ מוטיגען.

— ניט געוועהנליך לעבעדיג ביסטו היינט — האָט טאַניע איהם דערצעהלט — און דיין פנים איז אַזוי צוהיצט.

און פון דער דאָזיגער נאַכט אָן פלעגט דניע אַ פּאָר מאָל אין וואָך האָבען עטליכע שעה גרינגע און פלעגט זיך פיהלען פריי אין יי פון דעם, וואָס פרעסט אַזוי זיין הארץ און דריקט אַזוי זיין נשמה. ער פלעגט מיט אומגעדולד וואַרטען, אַז מען זאָל איהם לאָזען ביי נאַכט אַליין אין זיין צימער. און ווען ער פלעגט בלייבען אַליין, פלעגט ער גוט פערשליסען די טיר פון זיין צימער, פלעגט אָנגרייטען אויפ'ן טיש נעבען זיך פּאַפּיר און פלעגט זיך אַוועקזעצען ביים טיש אַקעגען דער וואַנד מיט דער פּענע אין האַנד. שטיל, אַ טויטע שטילקייט פלעגט רוהען אין זיין צימער. ליכטיג פלעגט ברענען דער לאָמפּ אויפ'ן טיש. און אַלץ אין זיין צימער: די וואַנד, זיין בעטעל, דער טישעל מיט די פּאָר שטולען, אַלץ וואָס געפינט זיך אין זיין צימער, אויך דער אַויר, וועלכער איז אין זיין צימער, און אויך אפילו דאָס פייער, די ליכטיגקייט פון לאָמפּ, וועלכע בעלייכט דאָס גאַנצע צימער, אַלעס, אַלעס איז געוועזען ווי פערגליווערט אין אַ טויטע שטומקייט. מעהר נישט ווען ניט ווען פלעגט זיך הערען פון גאַס ווי פון ווייט, ווייט, אַ קלאַפּ פון פערדישע קאָפּיטעס אויף דעם פערשנייטען און פערפראָרענעם ברוק פון גאַס. און ער פלעגט זיצען נעבען טיש, קוקענדיג אויפ'ן וואַנד. אויפ'ן הארצען פלעגט איהם אַלץ ווערען גרינגער און גרינגער, ער פלעגט זיך מעהר, אַלץ מעהר פערטיפען אין זיינע מחשבות און ער פלעגט שמועסען.

און טראַכטען אויפ'ן קול פלעגט ער וועגען דעם, וואָס אַלץ אויף דער וועלט, אַלץ, וואָס געפינט זיך צווישען הימעל און ערד אויך די הימלען און די ערד, אַלץ, אַלץ איז שטום... אַ שטומע וועלט און אַ שטומעס לעבען... און אַזוי דערטראַכטען פלעגט זיך איהם ווילען די דאָזיגע מחשבה ביז'ן ענדע, ביז'ן סוף.. אַפילו די מענשעשע שמועסען זענען אויך שטומע... שטומע... און אַז ער רעדט ווען מיט וועמען, בלייבט דען ניט עפּעס וואָס אַזוינעס ביי איהם אין הארצען, אַזוינעס, וועלכעס וועט אייביג שטום זיין?...
און אין אַלע, אין אַלע מענשעשע שמועסען צווישען זיך הערט

זיך דען ניט תמיד און דערצעהלען דען ניט דערביי זייערע אייגען עפּעס וועגען אזא זאך, וואס יעדערער, יעדערער בעהאלט דאס ביי זיך, וועגען אזא זאך, וועגען וועלכעס מען קען ניט רעדען... די מענשעשע ווערטער, דער מענשעשער קול עפּעס ווי פערדעקט מעהר נישט, פערבעהאלט נאך מעהר אט די שטומע זאך, וועלכע ליגט בעהאלטען טיעף, טיעף אין זייערע הערצער, אין זייערע נשמות... און ווען ער רעדט מיט טאניען, מיט זיין טאניען, איז ער דען דאן ניט שטום מיט איהר, אט ווי די דאזיגע וואנד, וועלכע ער זעהט פאר זיך?... אט יענע זאך, וועלכע וואלט איהם געמאכט ניט שטום פאר איהר... אט וועגען דעם וועט ער מיט איהר קיינמאל ניט רעדען... קיינמאל. און די גאנצע צייט, וואס זי איז זיינע, אויך אפילו דאן, ווען זיי זענען געוועזען אין זייער אימעניע, די גאנצע צייט האט ער א סך דערצעהלט איהר פון דעם, וואס ער וואלט וועלען אויף אנ'אמת דערצעהלען איהר?... א שטומע וועלט... אלץ, אלץ אויף דער וועלט איז שטום... שטום ווי די וואנד, וועלכע ער זעהט פאר זיך... און אז עס הערט זיך א קלאפּ פון א פערדישע קאפּיטע איבער דער ערד, און אז עס טראגט זיך צווישען הימעל און ערד דער רעש פון מענשען, — ניט שטום איז דאס אלץ?... א שטומער רעש, און שטום וועט ער זיין פאר דעם מענשען אויף עביג... א שטומע וועלט און א שטומעס, א שטומעס לעבען...

אויך פלעגט זיך איהם, זיצענדיג אזוי נעבען טיש אקעגען דער וואנד, טראכטען אויפ'ן קול לאנג-לאנג וועגען דעם, אז עפּעס וואס איז פארהאן אזוינעס אין דער מענשעשער נשמה אזוינעס, פאר וועלכעס עס איז אזא פחד... אזא פחד... עפּעס אזוינעס איז בעהאלטען ביי יעדען מענשען, אזוינעס, וואס לאזט דיך ניט צוגעהן צו איהם נעהנטער, דריקט דיך און וועלכעס שרעקט אזוי דעם צווייטען... א וועלט מיט אזוי פיעל מענשען, וועלכע זענען איינער דעם אנדערען אזוי פרעמד... פרעמד... און יעדערער, יעדערער קען דיר אבטהון אויף אזוי פיעל, וויפיעל נאר זיין כח און דיין שלאפקייט דערלאזט איהם... אזוי פיעל מענשען פרעמדע... פרעמדע דיר, און דו ביסט זיי פרעמד... פרעמדע... עס איז אזא פחד!.. און וואס מעהר ער פלעגט אלץ שמועסען, אלץ גרינגער פלעגט איהם ווערען אויפ'ן הארצען. — נאר צוזאמען מיט דעם פלעגט דאס איהם איינמאטערען, און עפּעס א רחמנות אויף זיך אליין פלעגט דאס ארויסרופען ביי איהם אין הארצען.

און אָפּט, אָפּט פלעגט ער שמועסען, זיצענדיג אַזוי אַ קעגען דער וואַנד, אויך וועגען דעם, פאַר וואָס ליעבט איהם טאַניע?... און אַזאַ ביטערניש פלעגט זיך הערען דאַן אין זיין קול. ווען טאַניע וואָלט איהם פלוצלונג אַ פרעג געטהון: דניע, מיט וואָס ביסטו אַנ'אויסנאַהם פון אַלע מענשען פון דער וועלט, וואָס איך זאָל ליעבען דוקא דיך און זיין דוקא דיינע?... וואָס וואָלט ער דאַן געהאַט צו ענטפערען איהר אויף דעם?... און מיט וואָס האָט ער זיך טאַקע אויסגעצייכענט אין זיין לעבען?... געלערענט זיך, ווי נאָך הונדערטער, טויזענדער געוועהנליכע מענשען, געוועזען אין אויסלאַנד, געמיינט, אַז ער איז אַ טאַלענט, — און וואָס נאָך?... האָט ער חאָטש אין זיין לעבען איין טאָג געלעבט ניט געוועהנליך, אַנדערש ווי אַלע געוועהנליכע מענשען?... האָט ער חאָטש איין גרויסע זאַך, איין ניט געוועהנליכען טראָט געטהון אויף דער וועלט ביז איצט?... אָדער עס שטעהט איהם פאָר אַזוינעס אין צוקונפט?...

און ווען ער פלעגט שמועסען וועגען דעם, צי זאָל ער דערצעהלען פון די אַלע מחשבות טאַניען, פלעגט איהם דאַן אָנחאַפּען אַזאַ שרעק, אַזאַ פחד. ער האָט מורא צודערצעהלען עס פאַר טאַניען... ווען טאַניע זאָל טאַקע וויסען אַט די אַלע זיינע מחשבות, איז עס אַזאַ שרעק... אַזאַ שרעק...

איינמאָל, בלייבענדיג ביינאַכט אַליין אין זיין צימער און טראַכטענדיג, ווי זיין שטייגער איז, אויפ'ן קול, האָט ער פערגעסען צו פערשליסען די טיר פון זיין צימער. און ניט געריכטערהייד פאַר איהם איז טאַניע אַריין אין צימער. ער איז געווען אַזוי פערנומען מיט זיינע מחשבות, אַז ער האָט ניט בעמערקט, ווי זי איז אַריין, — און ער איז געזעסען און האָט גערעדט. טאַניע, דערזעהענדיג דנ'יען זיצען און רעדען, ווי פון היץ, און בעמערקענדיג זיין משונ'ה פנים און זיינע ניט נאָרמאַלע אויגען, האָט זיך משונה דערשראָקען, און עפּעס וואָס האָט ווי אָבגעריסען זיך ביי איהר אין האַרצען. דערמאָנט האָט זי זיך מיט אַמאָל, אַז שוין לאַנג, לאַנג, זעענדיג די לעצטע צייט פערטראָגען, פערדרעהט, אַליין ניט וויסענדיג אין וואָס, האָט זי ניט בעמערקט גוט, ווי זעהט דניע אויס; און בעמערקענדיג איהם איצט אַזוינעס, האָט זי זיך אין גאַנצען פערלאָרען. דניע איז געזעסען און האָט גערעדט.

— דניע!... — האָט טאַניע אַרויף געטהון איהם מיט אַ קול פול מיט שרעק.

דנ'יע האָט זיך ווי אויפגעחאפּט פון אַ שווערען שלאָף. ער האָט געלאָסען אומגעקעהרט זיין פּנים צו איהר און האָט געקוקט אויף טאַניען מיט משונה אויגען, ווי פון אַ פערלאָרענעם מענשען, וועלכער בעט הילף.

— וואָס איז מיט דיר? ... האָט טאַניע געפרעגט, און אין איהר קול האָט געוואַקסען דער שרעק.

— טאַניע .. — האָט דנ'יע גערופען ווי אַ קראַנקעס קינד.

— מיט וועמען האָסטו גערעדט? ...

— ווער? ...

— אָט ערשט ... דו ... מיט וועמען? ... און דו זעהסט אויס אַזוי משונה ...

— ווער? ... איך? ... האָב גערעדט ... — האָט ער, ווי אַ בעשולדיגטער, ווי נאָך געזאָגט וועמען — מיט דער וואַנד ... — האָט ער מיט אַ ביטערען שמייכעל מוסיף געווען, און זיין פּנים איז בלייך געוואָרען, ווי קאַלך.

טאַניע האָט צוטומעלט אָנגעקוקט איהם.

— זעץ זיך, טאַניע, גיב דיין האַנד ... — האָט ער זי געבעטען — וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען? הער ... טאַניע ... דו האָסט מורא פאַר מענשען? ...

— דנ'יע ... — האָט זיך טאַניעס גאַנצער קערפּער געטרייסעלט ווי פון קעלט — וואָס איז מיט דיר? ...

— מיט מיר? ... איך ווייס אויך ניט ... הער, טאַניע, אין יעדען, אין יעדען מענש איז דאָ אַזוינס, וואָס שרעקט דיך פאַר איהם ... אמת? ... קאַרגע זענען מענשען פון דער נאַטור ... אויך גרייט זענען זיי אָנצופאַלען אויף דיר יעדע מינוט ... תמיד, תמיד זוכען זיי, זוכען זיי, ווי גוטע יאַגד-הינד, און וואָס איז דעם צווייטענס שלאַפקייט און פון וואָסער זייט אָנצופאַלען אויף איהם כּדי בייצוקומען איהם ... ריכטיג? ... איך האָב פּחד פאַר זיי ... אין איטליכען, אין איטליכען מענשען איז דאָ אַזוינעס, וועלכעס שרעקט מיך אַזוי ... אויף בעשטימט קלאָר און דייטליך וואָס דאָס איז אַזוינעס, ווייס איך ניט ... נאָר אַזוי שרעקט דאָס מיך ... און אפשר דערפאַר, וואָס יעדער מענש, יעדער מענש האָט אין זיך טויט ... אַלע, אַלע שטאַרבען דאָך ... און יעדע נשמה, יעדער קערפּער איז געוועבט געוואָרען פון לעבען און פון טויט ... אין יעדערען, אין יעדערען איז דאָ טויט ... טויט ... און דער טויט

שרעקט און דריקט דעם צוויטען ... דו האסט ווען געקלערט וועגען איהם? ...

טאניע האט געקוקט אומגעלומפערט און מיט שרעק אויף זיינע בלייבען פנים און האט ניט פערשטאנען, וואס רעדט ער און וואס איז מיט איהם, און דניע האט גערעדט. זיין קול איז געוועזן אזוי פול מיט טרויעריגעס און ביטערניש, זיין פנים איז געוועזן בלייך ווי לייוועגד, און גלייך ווי ער האט געפיהלט זיך זייער שולדיג אין עפּעס וואס:

— דו פערשטעהסט, טאניע? ... איך האב פחד פאר מענשען ... זיי דריקען מיך, און אזוי שרעקט מיך וואס אין זיי ... איך האב פחד מיט זיי צו רעדען, איך האב פחד צו דערצעהלען זיי פון איהם, וואס עס טהוט זיך ביי מיר אין הארצען ... איך האב פחד פאר זיי ... אויך פאר דיר, טאניע ... פערשטעהסט? דו ביסט דאך דער איינציגער נאהענטער מענש מיר אויף דער וועלט, די איינציגע נאהענטע נשמה צווישען הימעל און ערד, און איך האב פחד מיט דיר צו רעדען וועגען זיך, וועגען דעם, וואס איך קלער און טראכט און וועגען וואס עס דריקט אזוי מיין נשמה ... און פארוואס? ... פארוואס, טאניע, האב איך אזוי מורא פאר דיר? ... טאמער וועסטו אויפהערען צו ליעבען מיך? ... טאמער דאן, ווען דו וועסט וויסען אלץ, וואס איך טראכט, ווען דו וועסט מיך גוט דערקענען, וועסטו מיך אוועקלאזען? ... נו, יא ... אמת ... דאס אויך ... אבער ... ניין ... ניין! ... נאך עפּעס איז דא אזוינעס פאר וואס איך האב פחד פאר דיר ... נאך עפּעס אזוינעס ...

טאניע האט אויסגעשריען מיט א געוויין:

— דניע, וואס איז מיט דיר ... דניע ...

— וואס שרעקסטו זיך אזוי — האט זיך דניע געבעטען — וואס האסטו אזוי מורא צו טראכטען? ...

— דו ביסט קראנק ...

— איך בין קראנק, טאניע, איך בין קראנק? ... אפשר יא ...

— בערוהיג זיך ... — האט זיך טאניע מיט געוויין געבעטען ביי איהם — בערוהיג זיך, זיי רוהיג ...

דניע האט זיך אוועקגעלעגט אויפ'ן בעטעל, און טאניע האט זיך אויעקגעזעצט נעבען איהם. זי האט געגלעט זיינע האר, זיין קאלטען שטערען. און אזוי צוטומעלט איז זי געוועזן פון דעם, וואס האט פאסירט היינטיגע נאכט אזוי פלוצלונג און ניט געריכ־טעטהייד ... און אזוי פערלארען האט זי זיך פון דעם, וואס זי האט

ביז איצט גארנישט בעמערקט אין איהם. זי האט געקוקט אויף זיין בלייבען קראנקען פנים, אויף זיינע משונה אויגען, און אזוי שרעקליך איז איהר געוועזען. און דנ׳יע איז געלעגען און האט געקוקט אויף טאניען, און אזוי געוואלט האט זיך איהם רעדען איצט מיט איהר פון א סך, וואס דריקט אזוי זיין הארץ, נאר איהם האט אויך אזוי משונה אויסגעוויזען אט דאס, וואס מיט איהם פהוט זיך איצט.

VII.

עס איז אוועק דער ווינטער, און עס איז ווידער געקומען אויף גאט׳ס וועלט א זומער. פאר דעם ווינטער איז דנ׳יע זעהר חושך געווארען אין פנים, זיינע שמועסען מיט דער וואנד האט ער שוין אויפגעהערט, נאר פון דער דאזיגער נאכט אן, ווען טאניע האט איהם געפונען רעדענדיג ווי מיט דער וואנד ביי זיך אין צימער, האט עפעס אנגעהויבען צו וואקסען צווישען איהם מיט איהר אזוינע בעציהונגען, וועלכע האבען שטומערהייד דערוויטערט איינעם פון דעם צווייטען. און עפעס ווי א וואנד, וועלכע שיידט זיי פונאנדער און דערווייטערט, דערווייטערט זיי איינעם פון דעם אנדערען, האט אויסגעוואקסען צווישען זיי ביידען. וועגען דעם קומענדיגען פאהרען צוזאמען אין אויסלאנד האט מען שוין לאנג ניט גערעדט. זיי האבען שוין ניט געוואוינט ביידע אין איין הויז, און פון טאג צו טאג פלעגט אלץ טאניע ווערען קעלטער צו איהם און ווייטער פון איהם. צו איהם פלעגט זי זעלטען ווען קומען, ער צו איהר פלעגט אריין זעהר אפט, נאר ער פלעגט עפעס ניט האבען וואס צו ריידען מיט איהר און פלעגט זיך פיהלען ביי איהר זעהר פערשעמט. אלע מאל, אוועקגעהענדיג פון טאניען, פלעגט זיך איהם אלץ וועלען טראכטען וועגען איהר קאלט, רוהיג. איהם פלעגט זיך וועלען קלערען וועגען איהר, אז צופיעל איינזייטיג איז זי, גרינג איז איהר נשמה, און אז זיי זענען אין דער אמת׳ען צוויי בעזונדערע מענשען. אפט, ווען ער פלעגט געפינען ביי איהר אין צימער נאך וועמען א חוץ איהר פלעגט איהם דוכטען זיך, אז, דערזעהענדיג איהם, פערלירט זי זיך עפעס משונה. און אוועקגעהענדיג פון איהר, פלעגט זיך איהם דאן וועלען לאכען פון זיך.

מונטער פון דעם, וואס אמאל, ווען זיי זענען צווישען זיך געווען אנדערש, ניט ווי איצט, איז ער געווען אזוי פערנומען מיט דעם געדאנק: פאר וואס זאל טאניע ליעבען דוקא איהם און ניט אנ'אנדערען. לעבערליך... און פאר וואס האט זיך איהם ניט געקלערט וועגען דעם, פאר וואס עפעס זאל ער ליעבען דוקא זי און ניט אנ'אנדערע. וואס איז אין איהר אזוינעס ניט געוועהנליכעס, וואס זיין נשמה זאל זיין פערנומען נאר מיט איהר?.. ער פלעגט סטארען זיך זיין פרעהליך, מונטער אוועקגעהענדיג פון איהר, און פלעגט וועלען בעשליסען ביי זיך געהן צו איהר וואס ווינציגער. די בעקאנטע זיינע האבען זיך פון טאג צו טאג ווי פערגעסען אויף איהם און האבען זיך פון איהם דערווייטערט. נאר מעהר נישט איין וועקסעלמאן האט זיך נאך אלץ געקלעבט צו איהם און האט איהם אזוי געדריקט זיין נשמה. פון דערהיים האט מען איהם זעהר געבעטען קומען אויף זומער, נאר ער האט זיך פון דעם אבגעזאגט. פאר וואס, האט ער אליין אויך ניט געוואוסט אויף גענוי. נאר איהם האט זיך געוואלט טראכטען, אז דאס איז דערפאר, ווייל איהם שרעקען עפעס די נאך פרישע ערטער, וואו ער האט פערבראכט אזא זומער, ווי פאריגען.

אויף דעם קומענדיגען ווינטער איז ער אויך געבליבען אין ק. און פון טאג צו טאג האט ער עפעס אזוי געוועלקט. און אין דעם קומענדיגען פריהלינג איז ער געפאהרען א היים. גאט'ס וועלט איז געווען די זעלבע שענע, די זעלבע ליכטיגע, ווי פאר צוויי יאהרען, בשעת ער איז געפאהרען א היים. אזוי ווי דאמאלסט, האט איצט אויך פריש און ליעב געשיינט די פריהלינגס זון, און דער זעלבער פערגניגען איז געווען צו פאהרען דורך דעם געדיכטען, הילכיגען, שענעם וואלד. נאר ביי דנ'יען אין הארצען איז איצט געווען אזוי פיעל ביטערניש, און אזוי געפרעסט האט זי. און פאהרענדיג דורך דעם ליעבען פריהלינגס-וואלד, האט זיך איהם אזוי ביטער געטראכט וועגען דעם, וואס עס איז פארגעקומען מיט איהם די לעצטע פאר יאהר. און געקלערט האט זיך איהם ביטער וועגען דעם, אז עס איז דאך פארהאן אזוינעס אין דער מענשעשער נשמה, וועלכעס איז אזוי פול מיט סוד, און עס איז אזא שרעק פאר דעם...

א היים איז ער געקומען ביי נאכט. ער האט דאס מאל ווידער אלץ געפונען ווי ער האט געלאזען פריהער. נאר זיין פאטער איז פאר דער צייט, וואס ער איז ניט געווען אין דער היים

היבש עלטער געווארען און איז געווארען זעהר שוואך. דערזע־הענדיג דנ׳יען, האט ער זיך אזוי דערפרעהט.

— גוט, דנ׳יע, וואס דו ביזט געקומען... — האט ער גע־פרעהט זיך. דריקענדיג שטארק דנ׳יעס האנד — גוט... איך בין שוין אזוי שוואך... און די געשעפטען מאטערען מיך אזוי איין... גוט, וואס דו ביסט געקומען...

די מוטער האט עפעס דאס מאל אזוי טרויעריג געקוקט אויף דנ׳יען. אויף מארגען אין דער פריה, בשעת טיי טרינקען האט זיין פאטער א סך גערעדט מיט איהם וועגען דעם, וואס ער איז שלאף, און וועגען זיינע געשעפטען. און עס האט זיך געהערט אין זיינע רייד, אז ער האפט, אז דנ׳יע וועט איהם איצט זעהר צוניצקומען. די מוטער, ווי נאר זיי זענען געבליבען ביינאנד, האט גענומען קלאגען זיך, וואס ער זעהט אוים אזוי שלעכט:

— א האלבער מענש ביסטו גאר געווארען. וואס איז מיט דיר?...

אויך האט זי, מיט גרוים היטען זיך פאר עפעס וואס און ווי מיט א בעהאלטענעם סוד ביי זיך אין הארצען פון עפעס א זאך, שטארק נאכגעפרעגט זיך ביי איהם וועגען טאניען. און אז דנ׳יע האט זיך אוועקגעמאכט פון צו רעדען וועגען טאניען און האט געענטפערט אויף איהרע פראגעס וועגען טאניען מיט האלבע ווערטער, האט עפעס פון מינוט צו מינוט געוואקסען א שנאה ביי זיין מוטער אין הארצען צו איהר, און זי האט וועגען איהר בייז גערעדט:

— איך האב געוואוסט, אז קיין גוטעס וועט פון איהר ניט ארויסקומען. פונקט ווי איהר מאמע. א פוסטער און א גראבער מענש.

און ווי אין מיטען די רייד, גלייך עפעס ווי וואס האט גע־דריקט, געדריקט איהר הארץ, און ניט קענענדיג זיך מעהר איינ־האלטען, האט זי ביטער א זאג געטהון.

— טאניע איז שולדיג אין אלץ...

ביי דנ׳יען אין הארצען האט וואס אזוי שרעקליך וועה גע־טהון. אי פון דעם, וואס זיין פאטער האפט אומזיסט פון איהם, אז ער וועט איהם העלפען אין זיינע געשעפטען, אי פון דעם, וואס ער איז טאקע אויף אנ׳אמת קראנק, און אויך פון דעם, וואס זיין מוטער בינדט זיך אומזיסט צו טאניען.

— איך וועל געזונד ווערען... קיינער איז אין דעם ניט שולדיג... איך וועל געזונד ווערען... ס'וועט אריבער...

— דו האסט געפרעגט ביי א דאקטאר וועגען דעם? — האט זיין מוטער אליין ניט געקענט בערוהיגען זיך.

— זיי רוהיג... — האט זיך דנ'יע געבעטען — איך בין געזונד... ס'וועט אריבער...

אין עטליכע טעג ארום נאך זיין קומען אהיים, אין א פארנאכט, האט ער בעקומען צוויי בריעף, איינעם פון טאניען און דעם צווייטען פון וועקסעלמאנען. ער האט ביידע בריעף א סך, א סך מאל געלייענט און האט זיי ביידען ניט פערשטאנען. טאניעס בריעף איז געווען א גרויסער, און זי האט געבעטען איהם, אז ער זאל איהר שרייבען. און ער איז געווען אזוי אנגעשריבען, אז ער האט בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן פון דעם בריעף איהרע בעציהונגען צו איהם, און וואס וויל זי איהם זאגען אין דעם דאזיגען לאנגען בריעף. צי א גרויסען רחמנות פיהלט זי צו איהם, צי פון א בענקעניש אין הארצען נאך איהם דערצעהלט זי איהם, אדער זי פיהלט נאך צו איהם ליעבע... און אפשר איז דאס א קאלטער, א קאלטער זעגענען זיך מיט איהם אויף אייביג, אויף אייביג... אויך האט ער ניט געקענט פערשטעהן, צוליעב וואס האט זי איהם גלאט דעם בריעף געשריבען?... צוליעב וואס?... און עפעס געמורמעלט האט דערביי אין זיין מח וועקסעלמאנס ווערטער צו איהם א מאל: איהר קענט ניט קיין פרויען... איהר קענט ניט קיין פרויען... וועקסעלמאנס בריעף איז אויך עפעס געווען, דאכט זיך, א ווארעמער, נאר דאך איז אין איהם געווען עפעס נאך וואס, עפעס ווי א גראבער, נארישער געלעכטער...

און ביינאכט, זעגענדיג אליין אין זיין צימער, איז ער זיך געזעסען ביי דעם אפענעם פענסטער און, קוקענדיג אויף גאטס רייכער און שטומער וועלט, איז ער געווען פערביטערט און פערטיעפט, אליין ניט וויסענדיג אין וואס פאר א מחשבות, נאר וועלכע עס האבען אזוי געדריקט זיין נשמה. אין דערינען האט ער דערזעהן פאר זיך זיין מוטער.

— דנ'יע — האט זי זיך געבעטען ביי איהם — עס איז שוין שפעט, לעג זיך שלאפען, זעה אויסרוהען זיך.

ער האט איהר צוגעזאגט, אז ער וועט שוין געהן שלאפען. זי איז אוועק פון זיין צימער. דנ'יע האט זיך אויסגעטהון און האט זיך אוועקגעלעגט אין בעט, נאר איהם האט זיך ניט געשלאפען.

א צייט איז ער אזוי געלעגען. נאכדעם האט ער זיך אנגעטהון און האט זיך ווידער אוועקגעזעצט נעבען דעם אפענעם פענסטער. שטום איז אלץ געווען ארום; די טיעפע הימלען, די ערד, די אזערע, די שטערען און די סודות פון דער טיעפער נאכט. און זיין הארץ האט אזוי געריסען, אזוי געזאגט... ביטער האט ער געטראכט וועגען דעם, וואס זיין פאטער האפט איבערצוגעבען איהם זיינע געשעפטען, צו וועלכע ער טויג ניט און וועלכע וועלען אזוי פערביטערען זיין לעבען... מיט גרויס וועהטאג אין הארצען האט ער געקלערט וועגען דעם, וואס מיט טאניען וועט ער שוין קיינמאל, קיינמאל ניט צונויפגעהן זיך... און זיי וועלען שוין תמיד זיין פרעמד איינער דעם צווייטען... א וואנד, א קאלטע, א שטומע און א הארטע שטעהט צווישען זיי און שיידט זיי פונאנדער... און שרעקליך איז איהם געווען פאר וועקסעלמאנען, וועלכער, עס האט זיך איהם געפיהלט, וועט תמיד, תמיד נאכגעהן נאך איהם, וועט נאכקוקען איהם און, ווי זיינער א בייזער שטן, וועט ער איהם ניט לאזען צורוה זיין גאנצען לעבען... שרעקליך צו לעבען אויף דער וועלט... ווען ער וואלט ניט געוואוסט, אז טראכטען אויפ'ן קול איז א קראנקהייט, וואלט ער איצט אזוי פריי פונאנדערגערעדט זיך מיט דער שטומער גאט'ס וועלט, מיט דער וואנד פון זיין צימער וועגען א סך מחשבות, וועלכע דריקען איצט זיין הארץ. וועגען דעם ווי טיעף און שען איז גאט'ס וועלט. פול מיט אייביגקייט, מיט שענהייט, און אזוי רייך און טיעף איז גאט'ס וועלט ביי נאכט, און אזוי ליכטיג, שען, גרויס און פריי איז זי ביי טאג. און אין דעם מענשענס הארצען איז אזוי ענג... ענג... און אזא נאריש אומגעלומפערטען ביטערען, ענגען לעבען האבען די מענשען בעשאפען... און נאך וועגען א סך, א סך וואלט ער איצט פונאנדערגערעדט זיך אזוי פריי... נאר עס וועט זיין אזא רחמנות אויף זיין מוטער, וועלכע האט איהם אזוי ליעב, און אויף זיין שוואכען פאטער, אויב זיי וועלען חאפען איהם דערביי... און אזא עלענדקייט האט געפרעסט זיין נשמה... און עפעס ווי ווער איז געשטאנען הינטער איהם און האט געחוזר'ט איהם און ניט געלאזען איהם פערגעסען וועגען דעם, אז קיינער, קיינער וועט איהם שוין ניט זיין נאהענט אויף דער וועלט. ניט ער וועמען. ניט ווער איהם. מענשען זענען פרעמד איינער דעם צווייטען... פרעמד... קיינער, קיינער וועט איהם שוין ניט זיין נאהענט אויף דער וועלט... און ער איז געזעסען און האט געפיהלט די אייביגקייט, וועלכע פער-

הילט די נאכט און אלץ, וואס אין איהרע אָרעמס געפינט זיך.
ער האָט געפיהלט דעם פחד, וואָס טרייבט אָן אין זיין הארצען
דער שרעקליכער סוד פון לעבען... ווי ניטפערשטאנדיגע שרעק,
וועלכע ער פיהלט פאר מענשען... ער האָט געפיהלט די ביטערע
אייביגע, אייביגע איינזאמקייט פון יעדען מענשען... און די אייבי-
גע, אייביגע גלייכגילטיקייט צו אלעם. וואָס קומט פאָר ביי מענ-
שען אין הארצען, פון די הימלען און ערד... — די שטומע,
שטומע אייביגקייט...

שטיל און שטום איז אלץ געווען ארום; די הימלען, די
ערד, די אָזערע, די שטערען און די סודות פון דער טיעפער,
טיעפער נאכט.